STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04207

NATURFILOZOFISHER MATERYALIZM

Chaim Zhitlowsky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דר. ח. זשיטלאָווסקי

געזאמלטע שריפטן

צווייטער באַנד

נאַטורפילאָזאָפישער מאַטעריאַליזם

פארלאג ה. בזשאָזא
ווארשע 1932

Copyright 1917
by
Dr. Ch. Zhitlowsky, N. Y.

All rights reserved

Printed in Poland

Dr. Ch. Żytłowski
PISMA t. II.
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa. 1932.

Druk. „R e k o r d"
Warszawa
ul Zamenhofa 18, tel. 11-37-36

אינהאלט:

צוויי פארלעזונגען וועגען דעם נאטור־פילאסאפישען מאטעריאליזם.
ערשטע פארלעזונג: די מאטעריאליסטישע נאטור־פילאסאפיע און ערקענטניס־טעאריע.

צווייטע פארלעזונג: די קריטיק פון דעם נאטור־פילאסאפישען מאטעריאליזם.

צוויי פארלעזונגען וועגען איד און מענש.

צוויי פארלעזונגען וועגען דער צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקא.
ערשטע פארלעזונג: דער „מעלטינג פאט".
צווייטע פארלעזונג: די פעראייניגטע פעלקער פון די פעראייניגטע שטאטען

צוויי פאַרלעזונגען וועגען דעם נאַטור-
פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם

צוויי פאַרלעזונגען וועגען דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם

ערשטע פאַרלעזונג:

די מאַטעריאַליסטישע נאַטור־פילאָסאָפיע און ערקענטניס־טעאָריע.

חברים און פריינד!

מיר אַלע, איך מיין די געבילדעטע און די פּראָגרעסיווע פון אונזער דור, זענען גייסטיג אויפגעצויגען געוואָרען אויף דעם גרויסען געדאַנק פון דער וועלט־ענטוויקעלונג און דעם וועלט־פּראָגרעס. ער האָט אונז געלערנט, אַז אַלץ, וואָס עקזיסטירט אויף דער וועלט, איז אַרויסגעוואַקסען על פּי נויטווענדיגקייט פון געוויסע אומשטענדען און האַלט זיך אויף אין זיין נאָר אַזוי לאַנג, ווי דאָס דערלויבען די בעדינגונגען, וואָס רינגלען עס אַרום. די בעדינגונגען אָבער בייטען זיך, טרעטען אָב זייער פּלאַץ צו אַנדערע בעדינגונגען און ממילא מוז אויך אַלץ, וואָס איז אַרויסגערופען געוואָרען פון זיי, פערשווינדען פון דער וועלט און אָבלעדיגען דעם פּלאַץ פאַר ערשיינונגען, וואָס שטימען בעסער צונויף מיט דעם נייעם סדר פון דעם זיין.

דאָס רוב פון אונז גלויבט, אַז עס איז ניטאָ קיין זאַך אין דער וועלט, וואָס מען זאָל ניט קאָנען מיט אותות ומופתים בעווייזען וועגען איהר, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען זי איז נאָך ניט געווען, אָדער ווען זי איז געווען אַ סך אַנדערש, איידער זי איז איצטער, און אַז עס מוז קומען אַ צייט, ווען זי וועט דורכאויס איבערבייטען איהר געשטאַלט, אָדער אפשר אין גאַנצען פערשווינדען פון דער וועלט. אייביג איז נאָר די וועלט אַליין און דער געזעץ, אַז אַלץ

מוז זיך פערענדערן אין איהר, און קיין זאַך אין דער װעלט קאָן ניט אראָבטרייסלען פון זיך די שליטה פון דעם דאָזיגען געזעץ.

איינינע פון אייך װעלען געװיס מיינען, אַז אָט דער גלױבען אין דעם שטענדיגען איבערבייט איז דאָ אַ ביסעל צו שטאַרק אַנגעצױגען, אַ ביסעל צו שאַרף פאָרמולירט. עס מוז עפּעס אין דער װעלט זיין אַזױנס, װאָס פערליערט ניט זיין תוך אין דעם לויף פון די צייטען. אין דעם רייסענדען װעלט־שטראָם פון אַלע נייע געשטאַלטונגען בלייבט אייביג אונפערענדערט די װעלט־ס ו ב ס ט אַ נ ץ, יענער „עפּעס", װאָס בייט אַלע װיילע זיין אויסזעהן, װאָס ליידט דורך די אַלע פּאַסירונגען, װעלכע קומען מיט איהם פאָר, װאָס ברענגט זיי אפשר אַלעמען ארויס פון זיך, אָבער װאָס איז פאָרט דער זעלביגער אין אַלעמען אין זיי; עס בלייבען אונפערענדערט יענע גרונד־געזעצען, לויט װעלכע די איבערבייטען געהען איינע נאָך די אַנדערע אין דעם סדר פון דער צייט. זיי זיינען, װי די ברעגען און דאָס בעט פון דעם שטראָם, װאָס בעשטימען זיין לויף און זיין ריכטונג.

ליידער זענען מיר געצװאונגען אָװעקצונעהמען אויך דעם טרייסט פון דעם גייסט, װאָס זוכט ערגעץ װאו אַ רוה־פּונקט אין דער נאַטור. שוין מאַרקס און ענגעלס, אמת, ניט גאָר אין איינקלאַנג מיט זייער מאַטעריאַליזם, האָבען קלאָר אויסגעשפּראָכען דעם געדאַנק, אַז אויך די װעלט־מאַטעריע, דער איינציגער „בעל־דבר" פון דעם װעלטליכען געשעהען, ענטװיקעלט זיך אין דער צייט, פערליערט געװיסע אייגענשאַפטען און בעקומט אַנדערע אַנשטאָט זיי, ד. ה. ער בייט איבער זיין תוך. דער געדאַנק װערט איצטער אַלץ מעהר און מעהר פּאָפּולער אין דער נאַטור־פילאָסאָפיע אַ דאַנק לע־באָן'ס פערטיעפען־זיך אין דעם פּראָבלעם פון דער מאַטעריע און אַ דאַנק יענע נייע אייגענשאַפטען, װאָס מען האָט ענטדעקט אין איהר, זינט מען איז בעקאַנט געװאָרען מיט די ערשיינונגען פון דער ראַדיאָ־אַקטיװיטעט.

און אויב די מאַטעריע בכבודה ובעצמה איז ניט געזיכערט פון אַן איבערבייט, אויב אפילו איהרע גרונד־אייגענשאַפטען קאָנען מיט דער צייט װערען אַנדערע, הײנט װער קאָן שוין קאַװירען די אייביגקייט פון די אַזױ אָנגערופענע „אייביגע" נאַטור־געזעצען!

זיינען דען די געזעצען עפּעס אַנדערס, איידער מענשליכע פאָרמולען פאַר יענע נויטווענדיגע שייכות'ען, וועלכע מיר געפינען אויס צווישען די ערשיינונגען און זייערע אייגענשאַפטען. און אויב די וועלט־מאַטעריע און איהרע אייגענשאַפטען מוז מען אריינוואַרפען אין דעם קאָכעדיגען קעסעל־גרוב פון דעם קאָסמישען פּראָצעס, וועלען זיי שוין מיטשלעפּען מיט זיך אויך די אַזוי אַנגערופענע „אייביגע“ נאַטור־געזעצען.

די איינציגע האָפנונג אויף „מנוחה ושלוה“ אין דער נאַטור וועלטען אונז געקאָנט געבען דער בכבוד'ער, אייביג רוהיגער, אייביג אונפערענדערליכער וועלטען־רוים און די צניעות'דיגע, שטיל און גלייכמעסיג רינענדע צייט, — דער רוים און די צייט, וואָס אין זיי שפּיעלט זיך אָב דער אייביגער איבערבייט פון אַליז, וואָס געשעהט. זיינען מיר אין דער לעצטער צייט אויך מיט זיי געוואָרען ניט גאַנץ זיכער. זינט קאַנט האָט אין זיין „קריטיק פון דעם ריינעם שכל“ אַ ריהר געטהאָן פון אָרט דעם אונבעוועגליכען וועלטען־רוים, האָט ער, דער וועלטען־רוים, נעבעך, קיין מקום מנוחה ניט אין דעם פילאָסאָפישען געדאַנק. אָט וויקעלט מען איהם צונויף און פרעסט איהם צונויף און נעהמט איהם אין גאַנצען אַוועק פון דער וועלט, און בלאָזט איהם אריין אין דעם מענשען'ס נשמה; אָט וויקעלט מען איהם ווידער פונאַנדער און העגנט איהם אויף אין דער וועלט אין זיין גאַנצער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיעף. און בעת די נייע געאָמעטער, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט איהם, גיעבען איהם צו, זינט לאָבאַטשעווסקי און ריעמאַן, גאַנץ נייע זייטען און אויסמעסטונגען, פון וועלכע קיין מענשליך שכל'דיג אויג קאָן ניט האָבען קיין ברעקעל השגה, — אַ פערטע דימענזיאָן, אַ פינפטע, אַן אונענדליכע צאָהל פון דימענזיאָנען, — קומט צו געהן אַ קויפמאַן מיט זיין „אימאַנענטער פילאָסאָפיע“ און איז ניט נאָר מבטל די אַלע נייע בערייכערונגען פון דעם רוים: ער רייסט איהם נאָך אָב אַ „זייט“ פון יענע דריי אָרעמע „זייטלעך“, וואָס ער האָט געהאַט ביז אַהער. קויפמאַן לייקענט, אַז אין דעם רוים זאָל זיך קאָנען ווירקליך געפינען יענע אויסמעסטונג זיינע, וועלכע מיר רופען די „דריטע“, די הויך אָדער די טיעף. דער וועלטען־רוים האָט, לויט קויפמאַן, נאָר צוויי דימענזיאָנען, — די

לענג און די ברייט. ער איז אזוי פלאַטשיג, ווי די גלאָז פון אַ שפּיגעל, און די דריטע אויסמעסטונג, די טיעף, איז ניט מעהר ווי אַ דמיון, ווי יענע טיעף, וועלכע מיר זעהען אין דעם שפּיגעל.

און איז די מערכה פון דער צייט אַ גליקליכערע? די געלאַטענע בריאה, וואָס האָט פרום געקייט אַלץ, וואָס די וועלט האָט איהר געשטופּט אין די צייהן, זיך ניט אַריינגעמישט אין דעם פּראָצעס פון בעשאַפען, זיך בענוגענט מיט דער ראָלע פון דעם שטומען קבר, אין וועלכען אַלץ זינקט אַראָב, — די דאָזיגע שטיל און צניעות'דיג רינענדע צייט איז אין בערגסאָן'ס פילאָסאָפיע פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ צולאָזענע, אייביג שוואַנגערע זונה, פול אָנגעפּראָפּט מיט זאָמען פון ז י י ן, פון עקזיסטענץ, פון בעשאַפונג, פון אַלץ נייע און נייע געשטאַלטען, פון אַן אייביגען אָנגעצויגענעם שטרעבען צו ווירקליכקייט, צו אַ פאַנאַנדערוויקלען פון אַלץ, וואָס אין איהר קוואַלט שעפּעריש אָן אין יעדעם הרף־עין.

עס קאָן זיין, אַז ביז די פילאָסאָפען האָבען זיך אַריינגעמישט אין דעם ענין, זיינען זיך רוים און צייט געווען אין דער וועלט דאָס, וואָס זיי זיינען געווען. אָבער זינט די נעאָ־געאָמעטערס האָבען זיך גענומען פאַר די זייטען פון דעם רוים און זינט בערגסאָן האָט זיך אָנגעזעצט אויף די יאָהרען און טעג פון דער צייט, קאָן מען גאַנץ זיכער וועטען, אַז זיי וועלען שוין ניט אַרויסגעהן גאָר גאַנצע פון זייערע הענט...

שפּאַס אָן אַ זייט! כל זמן אונזער שכל האָט זיך ניט געקאָנט מישען זיין אָן אַנדער אַרט רוים אָדער צייט, איידער די, וואָס מיר האָבען אין אונזער טאָג־טעגליכער ווירקליכקייט, האָט אויך ניט געקאָנט אַרויסגעהן אויפ'ן זין, אַז זיי זאָלען ווען עס איז אָדער ערגעץ־וואו פערענדערען זייער טבע. אָבער איצטער, ווען די פילאָסאָפישע פאָרשונג פון אונזער צייט האָט, גראָד אין די פונדאַמענטאַלסטע ענינים, ווי רוים, צייט, אורזאַך און ווירקונג, אזוי ווייט פאַנאַנדערגערוקט דעם האָריזאָנט פון וועלטליכע מעגליכקייטען, — איצטער, זאָג איך, איז זעהר שווער זיך צו פער'עקשנ'ען אויף דעם געדאַנק, אַז רוים און צייט מוזען בלייבען אייביג אין דער פאָרם, אין וועלכער זיי בעווייזען זיך פאַר אונז.

און דערביי איז גאָר אַ קליינע נפקא מיניה, ווי איהר ווילט קוקען אויף דעם מקור, אָדער אַזוי צו זאָגען, אויף דעם מעטאַפיזישען אָרט, וואו רוים און צייט געפינען זיך אין דער ווירקליכקייט.

נעהמט איהר אָן, אין איינעם מיט קאַנט'ן, אַז דער רוים עקזיסטירט ניט דרויסען אין דער ווירקליכער וועלט, נאָר איז ניט מעהר ווי אַ געוויסער פורעם, וואָס ווערט אַלע ווילע געבאָרען פון דעם מענשליכען געמיטה און אַז אין דעם פורעם גיעסען מיר אריין אַלע איינדרוקען פון דער דרויסענדיגער וועלט און אויף אַזאַ'ן אופן בעקומען זיי אַלע דעם פנים פון רוימליכקייט, — אויב איהר וועט אָננעהמען דעם געדאַנק, איז יעמאָלט אודאי ניט שווער זיך פאָרצושטעלען אַ צייט, ווען דעם מענשענ'ס געמיטה וועט זיך אַזוי פערענדערן, אַז דער רוים, וועלכען ער וועט אַלע ווילע ארויסברענגען פון זיך, וועט האָבען גאַנץ אַנדערע אייגענשאַפטען, איידער דער איצטיגער; אַז אין איהם וועלען מקוים ווערען פאַר אונזער אויג און אונזער שכל יענע מעגליכקייטען זיינע, וואָס אונזער שכל'דיג אויג מוז איצטער לגמרי אָבלייקענען, וואָס ווערען אָבער ארויסגעבראַכט פון דער נייער „פאַן־געאָמעטריע". עס קאָן זיין, אַז מיר וועלען ווען עס איז ניט נאָר אויסרעכענען אויפ'ן פאַפיער, נאָר איינזעהן בהוש, אַז צוויי פאַראַלעלע ליניען קאָנען זיך בעגעגנען אין איין פונקט; אַז דער קירצעסטער וועג צווישען צוויי פונקטען איז ניט די אויסגעשטרעקטע ליניע און אַז די סומע פון ווינקלען אין אַ דריי־עק קאָן זיין גרעסער אָדער קלענער, איידער צוויי רעכטע.

מיר נעהמען דאָך שוין איצטער אָן ווי זעהר אַ וואַהרשיינליכע זאַך, אַז די פליגען, צ. ב., קאָנען, לויט דער אַנאַטאָמישער סטרוקטור פון זייערע אויגען, ניט משיג זיין די דריטע דימענזיאָן, די אויסשפּרייטונג פון דעם רוים אין דער טיעף און אין דער הויך. זיי, די פליעגען, זיינען געבאָרענע תלמידים פון קויפמאַן'ס איכאַנענטער פילאָסאָפיע. פאַר וואָס זאָל אונזער אויג ניט קאָנען, אין דעם לויף פון דער וויטערער ענטוויקלונג, זיך פערענדערן אַזוי, אַז מיר זאָלען זיך קאָנען פ אָ ר ש ט ע ל ע ן, ניט נאָר מ ש ע ר זיין, אַ פערטע אויסמעסטונג אָדער אויך אַ פינפטע?

ווילען מיר אָבער בלייבען ביי דער אַלטער סברה, אַז רוים איז

ניט נאָר אַ פורעם אין אונזער געמיטה, נאָר אַן אמת'ע, רעאַלע ווירקליכקייט אין דער דרויסענדיגער וועלט, איז יעמאָלט אויך ניט להיפך דעם שכל צו זאָגען, אַז ווי אַלץ אין דער וועלט קאָן אויך דער רוים מיטגעשלעפּט ווערען אין אַ פּראָצעס פון פערענדערונג און אַז די דריי־דימענזיאָנאַלע אויסשפּרייטונג, וואָס מיר זעהען אין אונזער וועלט מיט יענע אייגענשאַפטען איהרע, וואָס מיר שטודירען אין דער פשוט'ער געאָמעטריע, איז ניט מעהר, ווי אַ פאַזע אין איהר וועלטליכער ענטוויקעלונג, און אַז לעבען איהר און דרויסען פון איהר קאָנען זיך געפינען אַנדערע ענטוויקלונגס־פאַזען, סאַי ניעדעריגערע, סאַי העכערע.

פון דעם שטאַנדפּונקט געזעהן, קאָן אפשר די איצטיגע פאַן־געאָמעטריע, וואָס לאָזט צו אַ סך ווימליגע אויסמעסטונגען, זיין ווי אַ מין נבואה, אַן אָנזאָג אויף אַ נייער ענטוויקעלונגס־פאַזע פון דעם רוים, וואָס האָט זיך פריהער בעוויעזען פאַר'ן שכל, איידער זי האָט זיך געקאָנט בעווייזען פאַר דעם חוש.

און וואָס עס איז אמת פאַר דעם רוים קאָן, אויף אַביסעל אַן אַנדער אופן, זיין מעגליך פאַר דער צייט. זי איז איצטער זאָגעם, די צייט. מעהר אַז איין דימענזיאָן האָט זי ניט: דאָס וואָס מיר רופען אָן, זעהר ניט ריכטיג, איהר לענג. ווער ווייס, וואָס איהר איצטיגע אָרעמקייט בעטייט? איז דאָס דער אָנהויב פון אַן ענטוויקעלונג, וואָס קאָן זיך נאָך פאַנאַנדערוואַקסען צו אַ סך נייע אויסמעסטונגען, וועגען וועלכע מיר קאָנען אפילו ניט פאַנטאַזירען? אָדער איז איהר איצטיגע אָרעמקייט — דער לעצטער שטאַדיום פון אַ שווינדזוכט, וואָס איז בעפאַלען די צייט?

אויב איהר וועט ניט שטאַרק פאַראיבעל האָבען אויף מיר, וועל איך מיר ערלויבען אַ פאַנטאַזיר צו טהאָן וועגען דעם ענין, אַ שטייגער, אַזוי:

אין אָנהויב האָט די צייט געהאַט פיער אויסמעסטונגען און דער רוים ניט מעהר ווי איינעם, אָבער, הפּנים, אַז זייער זיין געהט להיפך איינער צו דעם אַנדערען: וואָס רייכער עס איז געוואָרען דער רוים, אַלץ אָרעמער די צייט. איצטער האַלטען מיר ביי דעם מאָמענט, ווען עס ווערט געבאָרען די פערטע דימענזיאָן פון רוים, און ווי נאָר זי וועט געבאָרען ווערען, וועט פערשווינדען

די צייט לגמרי. יעמאָלט וועלען די מענשען ניט איינטיילען די צייט אין פערגאַנגענהייט, געגענוואַרט און צוקונפט. דער גאַנצער וועלט־געשעהן אין זיין אינווענייגסטען צוזאַמענבונד, וואו עבר, הווה און עתיד זיינען איין־און־דיזעלביגע זאַך, וועט שטעהן קלאָר פאַר דעם מענשליכען אויג...

געוויס, דאָס איז ניט מעהר ווי אַ פאַנטאַזיע, אָבער פון איהר קאָן מען לערנען, אַז דער שכל קאָן אָבשאַפען יעדע גרענעץ, פאַר וועלכען דער גרויסער געזעץ פון ענטוויקעלונג זאָל זיך מוזען אָבשטעלען.

און פון דעסטוועגען גלויב איך אויך, אַז דער געזעץ פון דעם גרענעצלאָזען איבערבייט אין דער וועלט איז דאָ אַביסעל צו שטאַרק אַנגעצויגען. ווי האָט יענער קלוגער דייטש געזאָגט? „ביי דעם ליעבען הערר גאָט איזט אַלעס מעגליך; מעגליך זאָגאַר, דאַסס ער עקסיסטיערע“. האָט מען אין זינען די אונבעגרעניצטע מעגליכקייטען פון דעם וועלט־געשעהן: פאַר וואָס זאָלען מיר לייקענען די מעגליכקייט, אַז עס איז דאָ אַ וועלכער עס איז אייביגער אונפערענדערליכער זיין, דער מקור, פון וועלכען עס שלאָגט דאָס „ווערען“, דער קוואַל פון שטענדיגער פערענדערונג?

קיין מענש קאָן דאָס ניט אָבלייקענען אַבסאָלוט. און ווייל דאָס איז אַזוי, וועט דעם מענשען׳ס שכל קיין מאָל ניט אויפהערען צו טראַכטען וועגען יענעם אייביג אונפערענדערליכען זיין, וואָס בלייבט אַליין אַלע מאָל אונפערענדערט און פון וועלכען עס שטאַמען אַלע איבערבייטען אין דער וועלט.

געוויס איז עס אַ גרויסע שאלה, צי דער מענשליכער שכל וועט ווען עס איז קאָנען אַרויסברענגען דעם אַבסאָלוטען אמת וועגען דער וועלט־סובסטאַנץ. אָבער — פאַר מיר, ווייניגסטענס — איז דאָס גאָר קיין שאלה ניט, אַז דער פילאָסאָפישער געדאַנק וועט קיינמאָל ניט אַרויסלאָזען אין גאַנצען פון אויג די סובסטאַנץ־פראַגע. על כל פנים איז דאָס אַ פאַקט, וואָס קיינער וועט ניט אָבפרעגען, אַז זי האָט ביז אַהער געשפיעלט די גרעסטע ראָלע אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע.

די ענטפערס, וואָס זיינען ביז אַהער געגעבען געוואָרען אויף דער דאָזיגער שאלה, דרעהען זיך דאָס רוב אַרום צוויי עקסטרעמע

פונקטען: דעם מאַטעריאַליסטישען, גשמיות'דיגען און דעם אי־דעאַליסטישען, רוחניות'דיגען. כמעט אַלע פילאָסאָפישע טהעאָריען וואָס האָבען צו טהאָן מיט דער וועלט־סובסטאַנץ, זיינען אָדער מאַ־טעריאַליסטיש אָדער נעהמען אָן אַן אידעאַליזם פון אַ וועלכער עס איז אַרט. זעהר זעלטען זענען אין דער פילאָסאָפיע ד ו אַ ל י ס־ ט י ש ע סיסטעמען, וואָס ווילען האָבען, אַז אין דער נאַטור זיינען פאַרהאַנען צוויי אָדער מעהר סובסטאַנצען: סיי גשמיות'דיגע, סיי רוחניות'דיגע. אַ ביסעל עפּטער קומען פאָר, — דער עיקר, פון ספּי־נאָזאַ'ן אָן, — „מאָניסטישע" וועלט־אַנשויאונגען, וואָס נעהמען אָן, אַז די איין־איינציגע וועלט־סובסטאַנץ איז אין דערזעלביגער צייט אי גשמיות'דיג אי רוחניות'דיג, אי „מאַטעריע", אי „גייסט", און אַקוראַט ווי עס קאָן ניט געמאָלט זיין אַ וועלכע עס איז גייסטי־גע ערשיינונג, וואָס זאָל ניט זיין צונויפגעבונדען מיט דער „מאַטע־ריע", אַזוי קאָן ניט זיין קיין איין פּיצעלע מאַטעריע אין דער וועלט, וואָס זאָל ניט האָבען אין זיך, לאָז זיין נאָר אַ שמץ פון „גייסט". זעהר זעלטען וואַרפט זיך דורך אין דער געשיכטע פון דער פילאָ־סאָפיע ביז צו אונזער צייט דאָס בעשטרעבען — אויסצוגעפינען אַ נייעם שטאַנדפּונקט, וואָס זאָל אויפהויבען דעם פילאָסאָפישען גע־דאַנק איבער גייסט און מאַטעריע און אַוועקטראָגען איהם פון דעם אויביגען סכסוך צווישען מאַטעריאַליזם און אידעאַליזם. אָבער גראָד אין דער לעצטער צייט בעווייזען זיך אַלץ מעהר און מעהר גייסטיגע פּרובען אין אַזאַ ריכטונג.

עס פערשטעהט זיך, אַז די אַלע פילאָסאָפישע ענטפערס וועגען דעם מהות פון דער אויביגער אונפערענדערליכער וועלט־סובסטאַנץ, ווערען געגעבען נאָר פון יענע דענקער, וואָס גלויבען, אַז די פילאָ־סאָפיע קאָן און זאָל זיך בעשעפטיגען מיט דער סובסטאַנץ־פראַגע. מען דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אַז אַ חוץ זיי זענען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע דענקער, וואָס ווילען בכלל אָבווענדען דעם מענשליכען גע־דאַנק פון יענער פערוויקעלטער און פער'עקשן'טער שאלה.

די ס ק ע פּ ט י ק ע ר, וואָס שטעלען אַוועק אין ספק אַלע רעזולטאַטען פון דעם מענשליכען דענקען; די אַ ג נ אָ ס ט י־ ק ע ר, וואָס נעהמען אָן, אַז וועגען ג ע ו ו י ס ע פילאָסאָפישע פראַגען וועט דער מענש אויביג מוזען בלייבען ביי זיין אונוויסענ־

הײַנט; די **פּ אָ ז י ט י װ י ס ט ע ן,** װעלכע רעכענען, אַז דער מענש דאַרף זיך איבערהויפּט ניט אינטערעסירען מיט פֿראַגען, װאָס טרעטען אַריבער די גרעניצען פֿון דעם װיסענשאַפֿטליכען פֿאָרשען, און פֿילאָסאָפֿירען נאָר אויף אַזוי פֿיעל, אויף װיפֿיעל דאָס איז נויטיג פֿאַר דער װיסענשאַפֿט; די ריינע **ע מ פּ י ר י ק ע ר,** װאָס װילען אַפֿילו פֿון דער װיסענשאַפֿט אַרויסװאַרפֿען אַלץ, װאָס קומט ניט דירעקט פֿון דער ערפֿאַהרונג; די אָנהענגער פֿון דעם **ק ר י ט י צ י ז ם,** װעלכע זעהען אין אַלע פֿילאָסאָפֿישע גרונד־געדאַנקען פֿון דער מענשהייט ניט מעהר װי נויטװענדיגע פּראָדוקטען פֿון דעם מענשליכען שכל, — אָדער זיין דערקענטניס־קראַפֿט בכלל, — װעלכע קאָנען דעריבער זיין אמת נאָר פֿאַר דעם מענשען און ממילא בשום אופֿן ניט אָנגעװענדט װערען אויף דער װעלט, מחוץ פֿון דער מענשליכער דערקענטניס, — אָט די אַלע גייסטיגע ריכטונגען, װאָס זיינען ביי זייער שאַרפֿער פֿערשיידענקייט, פֿאַרט אַזוי אויסגעבונדען איינע מיט דער אַנדערער, — מוזען זיך בכלל אָבזאָגען פֿון דער אויפֿגאַבע אויסצוגעפֿינען דעם מהות פֿון דער װעלט־סובסטאַנץ. און איניגע פֿון זיי קאָנען אַפֿילו ניט אָננעהמען, אַז אַזאַ װעלט־סובסטאַנץ איז דאָ בפֿועל.

עס קאָן ניט ליעגען אין מיין אויפֿגאַבע אַריינצולאָזען זיך אין די טיעפֿעניסען פֿון דער סובסטאַנץ־פֿראַגע בכלל. דאָס טהעמא און די גרעניצען פֿון מיינע פֿאָרלעזונגען פֿערװעהרען מיר דאָס. מיר װעלען זיך אינטערעסירען דער עיקר מיט דעם מאַטעריאַליסטישען ענטפֿער אויף איהר. דעם אידעאַליזם, װי אפֿשר אויך אַנדערע פֿילאָסאָפֿישע ריכטונגען װעלען מיר אַריינציהען אין אונזער בעטראַכטונג נאָר אויף אַזוי פֿיעל, אויף װיפֿיעל דאָס איז נויטיג צו בעלייכטען דעם מאַטעריאַליזם, זיין מהות און זיין װערט פֿאַר דעם פֿילאָסאָפֿישען געדאַנק.

בכדי צו פֿערשטעהן דעם מאַטעריאַליזם, װי אויך זיין הויפּט־געגנער, דעם אידעאַליזם, מוז מען פֿריהער פֿאַר אַלץ האָבען קלאָר פֿאַר דעם שכל׳דיגען אויג די פֿאָרשטעלונג פֿון דעם **ר ו י ם,** אָנשטעלען אונזער גייסטיגען בליק אויף יענער אונענדליכער אויסגעשפּרייטקייט, װאָס מיר. ד. ה. פּשוט׳ע בשר ודם׳ס, זיינען זיכער

אז זי איז דער ארט, וואו עס שפיעלט זיך אב דער גאנצער וועלט־פראצעס.

ביידע געגנער, סאי דער מאטעריאליסט, סאי דער אידעאליסט, האבען אין עצם איין־און־דיזעלביגע פארשטעלונג וועגען דעם. וואס אזוינס איז א „מאטעריע" און וואס איז אזוינס א „גייסט", — אויב עס איז דא מאטעריע און עס איז דא גייסט. ביידע בענוצען זיך דערביי מיט דער פארשטעלונג פון דעם רוים. מאטעריע איז עפעס אזוינס, וואס פילט אן דעם רוים, וואס פארנעהמט א וועלכען עס איז ארט אין דער אונענדליכער אויסגעשפרייטקייט. „גייסט" איז עפעס אזוינס, וואס עקזיסטירט, ניט פערנעהמענדיג קיין ברעקעל פלאץ אין דעם וועלטען־רוים.

דער גאנצער ספסוך צווישען מאטעריאליזם און אידעאליזם בעשטעהט אין דעם: דער מאטעריאליסט פערזיכערט מיט אן אבסאלוטער געוויסקייט, אז דער רוים עקזיסטירט אין דער דרויסענדיגער וועלט פון זיך אליין, און אז עס קאן קיין זאך ניט עקזיסטירען אין דער וועלט, וואס זאל ניט פערנעהמען א וועלכען עס איז ארט אין דעם רוים; מיט אנדערע ווערטער: אלץ אין דער וועלט איז מאטעריע.

דער אידעאליסט איז אקוראט אזוי אבסאליוט פעסט אין זיין גלויבען, אז דער רוים קאן ניט עקזיסטירען פאר זיך אליין, אז ער איז ניט מעהר ווי א דמיון פון א וועלכען עס איז „גייסט", אקוראט ווי די טיעף, וואס מיר זעהען אין שפיעגעל איז ניט מעהר ווי א דמיון פון אונזער אויג. און וויבאלד דער רוים איז ניט מעהר ווי א דמיון, הייסט עס ערשטענס, אז דער „גייסט", וואס ברענגט אין דמיון ארוים דעם רוים, פערנעהמט אליין קיין ברעקעל פלאץ ניט אין איהם און צווייטענס, אז אלץ, וואס עס עקזיסטירט כלומרשט אין דעם רוים עקזיסטירט בעצם אויף א ריין גייסטיגען אופן. קיין מאטעריע איז לגמרי ניטא.

מען קאן זאגען, אז דער קאמפף צווישען דעם אידעאליזם און דעם מאטעריאליזם איז קודם כל א קאמפף וועגען דעם וועלטען־רוים. אט פאר וואס עס איז אזוי נויטיג קודם כל האבען א קלארע פארשטעלונג וועגען דעם מהות פון דעם וועלטליכען רוים.

מיר וועלען דא בעהאנדלען דעם רוים, ניט ווי מיר האבען עס

געטהאַן פריהער, נאָר ווי ער גיט זיך אַליין אונזער שכל׳דיגען אויג אַהן אַ וועלכען עס איז פילאָסאָפישען הינטער־גערדאַנק.

די ערשטע איינענשאַפט זיינע, וועלכע מען מוז געדענקען, איז דאָס, וואָס ער איז אבסאָלוט לעדיג.

אמת, אין דער ווירקליכקייט זעהען מיר קיינמאָל ניט קיין גאַ ר־לעדיגען רוים, אָבער מיר זעהען אָפט מיט אונזערע אָפענע אויגען קליינע שטיקלעך און שטיקער פון לעדיגען רוים, פון דעם חלל אין אַ בויגעל ביז צו דער גרויסער אויסגעשפּרייטקייט פון אַ גלייכען פלעין, וואָס ווערט בעגרעניצט פון דער ערד אונטען און דעם הימעל פון אויבען און ביי די זייטען. די וואָלקענס טראָגען זיך אום אין דעם לעדיגען רוים. די לבנה שווימט אין דעם לעדיגען רוים.

געוויס וויים יעדער מעהר אָדער וועניגער געבילדעטער מענש, אַז קיין גאָר לעדיגער רוים איז ניטאָ. דער חלל פון דעם בויגעל און די אויסגעשפּרייטקייט פון דעם ווייטען פלעין איז אָנגע־פילט מיט לופט, וואָס רינגעלט אַרום די גאַנצע ערד און דרינגט אַריין אומעטום אין איהר, וואו עס איז נאָר דאָ אַ לעדיגער אָרט. די וואָלקענס שווימען ניט אין אַ לעדיגען רוים, נאָר אין דער לופט. און אפילו דאָרטען, וואו די לופט ענדיגט זיך, ביי די גרענעצען פון אונזער פּלאַנעט אין דעם הימעל־רוים, איז אויך ניטאָ קיין לעדיגע אויסגעשפּרייטקייט. מען נעהמט איצטער אָן, אַז די גאַנצע וועלט, אין איהר גאַנצער אונענדליכער גרויס, איז אומעטום אָנגעפילט מיט אַזאַ שיטערער ממשות, וועלכע די פיזיקער רופען וועלט־עפיר. דער דאָזיגער עפיר איז אַ מין זעהר־זעהר דינער גאַז, — אויב מען קאָן איהם נאָך אָנרופען „גאַז“, — וואָס דרינגט אַריין אומעטום.

אָבער אויב מיר גלויבען איצטער כמעט אַלע, אַז קיין לעדיגער רוים איז אין דער ווירקליכקייט ניטאָ, קאָנען מיר גאַנץ גוט מיט דעם כח הדמיון זיך פאָרשטעלען די עקזיסטענץ פון אַ לעדיגען חלל. די לופט פון אַ גלעזערנעם גלאָק קאָנען מיר אין דער ווירקליכקייט אויספּומפּען מיט אַ פּומפּ־מאַשין. אויף דעם זעלביגען שטייגער קאָנען מיר זיך לייכט פאָרשטעלען, אַז אַ וועלכע עס איז פּומפּ־מאַשין זאָל ביז צום לעצטען טראָפּען אויסזויגען פון דעם גלאָז אויך דעם וועלט־עפיר, וואָס איז אין איהם. בלייבען וועט אין איהם

יעמאָלט אַן אבסאָלוט לעדיגער חלל, וואָס קאָן אויסגעמאָסטען ווערען אין דער לענג און אין דער ברייט און אין דער טיעף.

אַז אַזאַ אבסאָלוט לעדיגער חלל קאָן געמאָלט זיין; אַז די טהיילען פון דעם עפיר זיינען ניט צוגעקלעפּט, ניט צו־געוואַקסען צו דעם אָרט, וועלכען זיי פערנעהמען אין דעם גלעזערנעם גלאָק, קאָן מען איינזעהן פון דעם פאַקט, וואָס דער גלעזערנער גלאָק לאָזט דורך שטראַהלען פון ליכט און איהר קאָנט אין איהם אויך מאַכען שפּיעלען שטראַהלען פון עלעקטריציטעט. ליכט שטראַהלען און עלעקטרי־שטראַהלען זיינען אָבער, ווי מען נעהמט אָן, ניט קיין אַנדער זאַך, ווי ב ע ו ו ע ג ו נ ג ע ן פון דעם עפיר, אַ זיך־טרייסלען זיך און שאָקלען זיך פון זיינע טהיילכעלעך, אַ וואַלען־גאַנג, ווי די וואַלען פון אַ וואַסער. אָבער אויב די טהיילען טרייס־לען זיך, הייסט עס, אַז זיי בייטען אַלע ווייַלע זייער אָרט, און אַקוראַט, ווי זיי קאָנען פערלאָזען זייער אָרט אין דעם גלאָק, קאָן מען זיי — ווייניגסטענס אין געדאַנק — אין גאַנצען משלח־זיין פון דאָרטען.

און דאָס וואָס מיר קאָנען טהאָן אין געדאַנק מיט אַ בעגרע־נעצטען טהייל פון דעם רוים, קאָנען מיר זיך אויך גאַנץ גוט פאָר־שטעלען וועגען דעם חלל, אין וועלכען עס געפינט זיך די גאַנצע וועלט. אַנשטאָט אויסצופּומפּען פון איהם דעם וועלט־עפיר וועלען מיר אָננעהמען, אַז ער האָט זיך צונויפגעצויגען, צונויפגעפּרעסט, ווי מען פּרעסט איצטער צונויף דעם וואַסער־שטאָף־גאַז, אָדער דעם זויערשטאָף־גאַז אַזוי, אַז ער וועט פערנעהמען אפשר אַ הונדערטעל חלק רוים פון דעם, וואָס ער האָט פערנומען פריהער. דער פערנעהם פון די איבעריגע נייען־און־נייענציג חלקים רוים וועט בלייבען אַן אבסאָלוט לעדיגער.

און נאָך אַ זאַך מוז מען דורכאויס ניט אַרויסלאָזען פון אויג, ווען מען טראַכט וועגען דעם רוים: אַז די פאָרשטעלונג פון אויס־געשפּרייטקייט איז אַן אבסאָלוט נויטווענדיגע.

טראַכט איך וועגען דער וועלט דרויסען פון מיר, קאָן איך אין מיין פאָרשטעלונג מאַכען פערשווינדען אַלץ, וואָס פילט אָן דעם רוים, איך קאָן אָבער ניט מאַכען פערשווינדען דעם רוים גופא. איך קאָן מיר בילדען דעם געדאַנק, אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין רוים אין

דער וועלט, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ חלום אין אַ וועמעס עס איז נשמה. אָבער קוים טראַכט איך וועגען אַ „אינוועניג“ און אַ „דרויסען“, קוים וויל איך אין מיין דמיון ז ע ה ן מיט דעם שכל׳דיגען אויג דעם „דרויסען“ אָדער דעם „אינוועניג“, אַזוי בין איך געצוואונגען דעם רוים „אַנ־צו־שויען“, ווי קאַנט רופט דאָס אָן. און ווי איך זאָל איהם ניט פערטרייבען אין געדאַנק, ווי נאָר איך וויל „זעהן“, — אין דער פאַנטאַזיע אָדער אין דער ווירקליכקייט, — אַזוי מוז איך זעהן רוים. קאַנט, האָט, ווי איהר ווייסט אפשר, ארויסגעבראַכט דערפון דעם געדאַנק, אַז דער רוים אין אונזער זעהן קאָן ניט שטאַמען פון דער ערפאַהרונג. ווייל אַלץ, וואָס שטאַמט פון דער ערפאַהרונג קאָן אַוועקגעטראַכט ווערען פון דעם כח הדמיון און פערביטען ווערען אויף אַן אַנדער זאַך. דער רוים אָבער איז אַן אַבסאָלוט נויטווענדיגע פאָרשטעלונג, — אַזאַ, וואָס קאָן בשום אופן ניט פערטיליגט ווערען פון אונזער שכל׳דיגען זעהן. און ווייבאַלד ער שטאַמט ניט פון דער ערפאַהרונג איז ער ממילא אַ פּראָדוקט, וואָס ווערט ארויסגעוואַקסען על פּי נויטווענדיגקייט פון אונזער אייגענעם געמיטה.

עס איז איצטער ניט אונזער אויפגאַבע צו בעשעפטיגען זיך מיט קאַנט׳ס ערקענטניס־טהעאָריע, איבערהויפּט מיט דער פראַגע: פון וואַנען האָבען מיר די פער׳עקשנ׳טע פאָרשטעלונג פון׳ם וועלטען־רוים, וואָס מיר קאָנען זיך לגמרי ניט בעפרייען פון איהר. פאַר אונז איז איצטער וויכטיג צו האָבען אין זינען דעם פאַקט, אַז דער רוים איז אַזאַ האַרטנעקיגע, פער׳עקשנ׳טע, אַבסאָלוט ניט אויסצומיידענדע פאָרשטעלונג, וואָס קאָן בשום אופן ניט פערטיליגט ווערען, און אַזוי ווי מיר רעדען דאָ וועגען דעם לעדיגען וועלטען־רוים, מוזען מיר אַריבערטראָגען אויף דעם רוים גופא יענעם כאַראַקטער פון אַבסאָלוטער נויטווענדיגקייט, וואָס געפינט זיך אין אונזער פאָרשטעלונג וועגען איהם. אַלץ קאָן פערשווינדען פון רוים, נאָר ער קאָן ניט פערטיליגט ווערען, ניט גאַנץ און ניט טהיילווייז.

דערפון איז ממילא געדרונגען, אַז ער קאָן ערגעץ ניט ד ו ר כ־ג ע ל ע כ ע ר ט ווערען, ווייל אַ חלל אין דעם רוים, וואָלט געהייסען, אַז דאָרטען, אין דעם חלל, ווערט ער פערטיליגט. דערפון איז אָבער אויך געדרונגען, אַז ער איז אַבסאָלוט אונבעוועגליך, ווייל די

קלענסטע בעוועגונג פון דעם רוים, וואָלט איבערגעלאָזען אַ חלל אין איהם, אַ פערטילינונג. און אויך דאָס ווערט ממילא קלאָר, אַז איין טהייל רוים קאָן ניט אַריינדרינגען אין אַן אַנדער טהייל, שוין דערפאַר אַליין, ווייל ער קאָן זיך ניט בעוועגען. זיינע טהיילען מוזען ליעגען איינער הארט לעבען דעם אַנדערען אָהן אַ שום שטח צווישען זיי, ווי קליין דער שטח זאָל ניט זיין. ד. ה., דער רוים איז אונאיבעררייסבאַר.

מיר האָבען נאָר־וואָס געזאָגט, אַז דער רוים איז *אונדורכדרינגליך*, אַז איין פיצעל לאָזט ניט אַריין אין זיך אַן אַנדער פיצעל. אין דעם פונקט איז רוים אַ תקיף ביי זיך, אָבער נאָר בנוגע זיינס גלייכען. צו אַלע אַנדערע ערשיינונגען אין דער וועלט איז ער אַ סך פריינדליכער: ער איז דורך־און־דורך *פּאַסיוו*, אַבסאָלוט גלייכגילטיג צו דעם, וואָס עס זאָל ניט אַריינדרינגען אין איהם, וואָס עס זאָל ניט פערנעהמען אַ פּלאַץ אין איהם, — אַבי ניט רוים. די פריינדליכקייט שטאַמט ניט פון דעם גוטען ווילען זיינעם, נאָר פשוט פון זיין אַבסאָלוטער לעדיגקייט, וואָס קאָן ניט האָבען אין זיך קיין איין ברעקעל קראַפט, קיין איין ברעקעל ווידערשטאַנד.

פון דערזעלביגער לעדיגקייט שטאַמט, וואָס דער רוים מוז אין אַלע זיינע טהיילען זיין גלייך צו זיך אַליין; וואו מען זאָל איהם ניט אַנטרעפען, מוז ער האָבען דיזעלבע אייגענשאַפטען. צוויי גלייך־אויסגעשפּרייטע טהיילען קאָנען זיך אונטערשיידען איינער פון דעם אַנדערען, נאָר דורך דער לאַגע, אין וועלכער זיי געפינען זיך אין גאַנצען. קיין אַנדער אונטערשייד קאָן צווישען זיי ניט זיין. אין איין טהייל קאָן ניט זיין אַן אַנדער *אַרט* רוים, איידער אין אַן אַנדערען, ווייל די אַבסאָלוטע לעדיגקייט קאָן ניט האָבען קיין פערשיידענע אַרטען. ענג פערבונדען מיט דעם איז אויך יענע אייגענשאַפט פון דעם רוים, וואָס בעשטעהט אין זיין *אונפערענדערליכקייט*. קיין טהייל פון איהם קאָן ניט ווערען אַנדערש, איידער ער איז. ווייל אַקוראַט, ווי עס קאָנען ניט זיין קיין פערשיידענע אַרטען לעדיגקייט איינע לעבען דער אַנדערער, אַזוי

קאָנען איך ניט זיין קיין פערשיידענע ארטען לעדיגקייט איינע נאָך דער אַנדערער.

פון אַלע אָט די מאָמענטען קומט אַרויס, אַז דער רוים איז א מין גלייכאַרטיגע, גלייכמעסיגע, פּאַסיווע אויסגעצויגענקייט, אָהן אַ ברעקעל איבעררייס, אָהן אַ ברעקעל שנוי, און אַז ער איז אבסאָלוט ניט טהיילבאַר, ווייל זיינע טהיילען קאָנען בשום אופן ניט פאַנאַנדערגערוקט ווערען, איינער פון דעם אַנדערען.

אמת, מיר „טהיילען" דעם רוים, אָבער נאָר אין געדאַנק. מיר ציהען איבער דעם רוים ריין אויסגעטראַכטע ליניען, וואָס מאַרקירען אַ גרענעץ צווישען איין טהייל רוים און דעם אַנדערען. אויף אַזאַ'ן אופן קאָנען מיר אין געדאַנקען בעהאַנדלען דעם רוים, ווי א מין ממשות'דיגע זאַך: אויסשערען אַ שטיק אויסגעשפּרייטקייט, ווי א לייוועגט, פאַנאַנדערשערען דעם לייוועגט אויף העלפט, די העלפט ווידער אויף העלפט און אַזוי ווייטער כסדר.

ביז וואַנען קאָנען מיר אַזוי טהיילען דעם רוים אויף אַלץ קלענערע און קלענערע חלקים? קאָן דער טהיילונגס־פּראָצעס אַזוי אַנגעהן ביז אין די אונענדליכקייט? און פון דער אַנדער זייט: ווי ווייט געהט די לענג און די ברייט און די טיעף פון דעם וועלטען־רוים? האָבען זיי ערגעץ־וואו אַ גרענעץ, אָדער זיי זיינען אונענדליך? מיר וועלען דאָ אין די פראַגען זיך ניט אַראָבלאָזען צו יענער פילאָסאָפישער טיעף, אין וועלכער קאַנט האָט זי בעהאַנדעלט, ווייל קאַנט האָט געהאַט צו טהאָן מיט דעם מענשליכען שכל, וואָס טראַכט וועגען דעם רוים. מיר אָבער האָבען דאָ צו טהאָן מיט דעם רוים, אַקוראַט ווי ער וואָלט באמת געווען דרויסען פון דעם מענשליכען שכל. עבּסטראַהירט מען איהם פון דעם שטאַנדפּונקט, זעהט מען אויפ'ן שטעל איין, אַז מען קאָן די צוויי אונענדליכקייטען זיינע, — די אונענדליכע אויסגעשפּרייטקייט און די אונענדליכע טיילבאַרקייט, — ניט בעהאַנדלען אויף איין און דעם זעלביגען שטייגער. די אונענדליכע אויסגעשפּרייטקייט איז א פאַקט פון דעם רוים'ס זיין אויף דער וועלט, ווייל ווי נאָר איך גיב צו, אַז עס איז דאָ ערגעץ וואו אַ גרענעץ פאַר איהם, מוז איך יעמאָלט צוגעבען, אַז פון יענער זייט גרענעץ איז ער ניטאָ, אַז דאָרטען איז ער אַ פערטיליגטער; דער רוים איז אָבער אונפערטיליגבאַר. צוריק איז זיין טיילבאַרקייט גאָר ניט קיין פאַקט פון

זיין זיין. אדרבה, בעצם איז ער לגמרי ניט טיילבאַר. ער איז נאָר כמו־טיילבאַר, אין אַ קינסטליכען פּראָצעס פון דער פאַנ־טאַזיע, ניט אין דעם נאַטירליכען פּראָצעס פון „אַנ־שויאונג“. אין דעם קינסטליכען פּראָצעס קאָנען מיר אָבער אויף אַ קינסטליכען אופן אפשר אויסקלייבען אַ וועג, וואָס זאָל אונז פיהרען צו דעם ענד סוף פון דער טיילבאַרקייט, צו דעם רוים'ס קלענסטען טייל.

און אין דער אמתן! ביז אַהער פלעגט מען „נעהמען“ אַ ליניע רוים, זי אין דער מיטען צו שפּאַלטען אויף העלפט, די העלפ־טען — ווידער אויף העלפט און אַזוי כסדר. אויף אַזאַ אופן איז ווירקליך ניטאָ קיין צוואַנג פאַר דעם דענקענדען מוח, ער זאָל זיך ערגעץ וואו אָבשטעלען, סיידען ער מאַטערט זיך איין. ווי קליין אַ רוים־חלק זאָל ניט זיין, קאָן מען אַלע מאָל על פי אַריפמעטיק צוטיילען איהם אויף צווייען און צו דעם „נול“ קאָן מען בשום אופן ניט קומען.

ווי איז אָבער, אַז מיר וועלען אָנווענדען אַנאַנדער טיילונגס־מיטעל? שטעלט אייך פאָר, אַז אויף דער ליניע „א־בע“ בעוועגען זיך איינער אַנטקעגען דעם אַנדערען צוויי שאַרפע דינע שאָטענס, איינער פון „אַ“ צו „בע“, דער אַנדערער פון „בע“ צו „אַ“. וואָס נעהנטער די שאָטענס קומען זיך צונויף, אַלץ קלענער ווערט דער מהלך צווישען זיי. מוז אָבער זייער בעוועגונג מאַכען דעם מהלך אַלץ קלענער און קלענער ביז אין דער אונענדליכקייט? לאָמיר זעהן. אין זייער בעוועגונג מוזען זיך געפינען מאָמענטען, וואו דער מהלך ווערט ניט נאָר קלענער, נאָר אדרבה גרעסער. דאָס הויבט אָן צו געשעהן פון דעם מאָמענט אָן, ווען די שאָטענס בעג־עגענען זיך, דרינגען דורך איינער דעם אַנדערן (זיי זענען דאָך ניט רוים און ניט ממשות'ען, דעריבער קאָנען זיי עס טהאָן) און געהען זיך ווידער פאַנאַנדער. בשעת זיי האָבען זיך בעגעגענט, איז דער מהלך צווישען זיי געווען גלייך נול, אָבער אין דעם צוויי־טען הירף־עין איז שוין ווידער געוואָרען אַ „משהו“ רוים צווישען זיי. עס איז קלאָר, אַז אַ מהלך, וואָס ווערט אַלץ קלענער, און הויבט פון אַ געוויסען מאָמענט אָן צו ווערען גרעסער, קאָן ניט פערקלענערט ווערען אונענדליך, ווייל אויב יע, וואָלט ער

ניט קומען צו דעם נול און וואלט איהם ניט געקאנט אריבערשפרינגען. ממילא מוז ערגעץ וואו אין איהם ליגען די קלענסטע מאס פון דעם רוים. על כל פנים, איז דא א גרענעץ צו זיין טיילבארקייט. דער גרענעץ איז יענער פונקט, וואו די שאטענס האבען זיך בעגעגענט און וואו דער מהלך צווישען זיי איז גלייך געווארען נול.

און דאס, וואס מען קאן מאכען מיט דער ליניע פון דער לענג, קאן מען מאכען מיט דער ליניע פון דער ברייט און פון דער טיעף. פון אלע זעקס זייטען קאנען מיר דורך שאטענס צונויפדריקען דעם „מהלך" אזוי, אז ער זאל זיך אין גאנצען פערליערען. אט יענעם גרעניץ־פונקט, וועלכען מיר קאנען זיך איצטער גאנץ גוט פארשטעלען, רופט מען, ווי איהר ווייסט דעם מ א ט ע מ א ט י ש ע ן פ ו נ ק ט. דער לעצטער פונקט, וואו דער „משהו" מהלך פערליערט זיך, כדי ווידער אנהויבען צו וואקסען.

איך ווייס גאנץ גוט, אז די המצאה, וואס איך שלאג דא פאר, ווי ארויסצודרעהען זיך פון דער אונענדליכער טיילבארקייט, איז ניט מעהר ווי א ש פ י צ ע ל, ווייל זי טראגט אריבער דעם פראבלעם פון אונענדליכקייט פון איין ארט אויף אן אנדער ארט. כדי צו געפינען די שאטענס, וואס האבען קיין ברעקעל דימענזיאן ניט, האבען מיר דאך שוין פריהער געדארפט עפעס־וואס צושפאלטען אונענדליך אין שאטענס. וואס האבען מיר דארטען געטהאן? און דערצו: די לענג פון דעם קלענסטען טייל רוים, וואס ליעגט פאר און נאך דעם מאטעמאטישען פונקט הענגט אב פון דער לענג פון דער צייט. וואס גרעסער די בעוועגונגס־צייט פון די שאטענס פאר דעם בעגעגענען זיך, אלץ קלענער דער מהלך צווישען זיי. אויב די צייט קאן האבען א בעשטימט קלענסטע דויער, קאן יעמאלט דער מהלך האבען א בעשטימט קלענסטע לענג. וואס טהוט זיך אבער מיט דעם פונקט אין דער צייט? קאן מען דארטען אויך מאכען דעם קונץ מיט די שאטענס? ליידער מוזען מיר די פראגע לאזען א זייט, ווייל דאס פראבלעם פון דער צייט שפיעלט ניט קיין גרויסע ראליע אין דעם אויפבוי פון דער מאטעריאליסטישער פילאסאפיע, פאר וועמען דער רוים איז די הויפט־זאך. דאס איינציגע, וואס מיר קאנען נאך נעהמען פון דער צייט פאר דער ריכ־

טיגער פאָרשטעלונג פון דעם רוים, איז זיין — א י י ב י ג ק י י ט. דער רוים איז אייביג מחמת דעם זעלביגען טעם פאר וואס ער איז אונענדליך. ביידע, די אונענדליכקייט און די אייביגקייט, שטאַמען פון דעם, וואָס דער רוים איז נויטווענדיג און אונפערטיליגבאַר. אויף וואָס פאר א פונקט אין דער צייט איך זאָל ניט אָנשטעלען מיין אויג, מוז איך אַלע מאָל זעהן אין איהם רוים, און ממילא איז ער אייביג; מיט אַנדערע ווערטער, ער איז פון קיינעם ניט גע־שאַפען געוואָרען.

מיר האָבען דאָ געוויס ניט אויסגעשעפּט אַלץ, וואָס מען קאָן זאָגען וועגען דעם רוים, ווי א ווירקליכער וועלט־עקזיסטענץ דרוי־סען פון א וועלכען עס איז גייסט. פערגעסען מיר ניט, אַז אין דעם דאָזיגען לעדיגען רוים האָט די מאַטעמאַטישע וויסענשאַפט אויס־געפונען אַזוי פיעל שכל'דיגע געזעצען, וואָס פילען אונז אָן מיט בעוואונדערונג יעדעס מאָל, ווען מיר דענקען זיך אין זיי אריין. אָבער שוין דאָס, וואָס מיר האָבען דאָ געזאָגט וועגען דעם רוים איז דורכאויס גענוג, מיר זאָלען געווינען א קלאָרען בעגריף וועגען איהם.

בקיצור קאָן מען זאָגען: דער רוים איז א נויטווענדיגע פאָר־שטעלונג וועגען א לעדיגער דריי דימענזיאָנעלער אויסגעשפּרייט־קייט. ער איז אונגעשאַפען, אונפערטיליגבאַר, אונענדליך און אייביג. ער איז אונדורכדרינגליך; פּאַסיוו, גלייך־אַרטיג און אונפערענדערליך. א דאַנק דער אונדורכרייס־באַרקייט איז ער איין איינציגער, ניט ג ע ט י י ל ט ע ר רוים אין דער גאַנצער וועלט. זיין טיילבאַרקייט איז ניט מעהר ווי א קינסטליכער צוטראַכט צו איהם, וואָס קאָן זיך ענדיגען מיט דער פאָרשטעלונג פון א וועלכען עס איז אונטיילבאַרען לעצט־קליינעם רוימליכען טייל.

מיר קומען איצטער צו דער מאַטעריע. לאָמיר זעהן, אין וועלכע פונקטען שטימט די מאַטעריע צונויף מיט דעם רוים און אין וועלכע געהט זי זיך מיט איהם פאַנאַנדער.

די ערשטע פראַגע, וואָס מיר שטעלען אַוועק, איז: וואָס טהוט זיך מיט דער נ ו י ט ו ו ע נ ד י ג ק י י ט פון דער מאַטעריע? איז די פאָרשטעלונג פון דער מאַטעריע אַקוראַט אַזוי אונפערטי־

ליגבאַר און איינגעַ'עקשן'ט אין אונזער בעוואוסטזיין, ווי די פאָר־שטעלונג פון דעם רוים? אויף דערויף מוזען מיר ענטפערן, אַז דער געדאַנק פון אַ מאַטעריע איז ניט אויף אַזאַ'ן אַרט נויטוועגדיג, ווי דער געדאַנק פון אַ רוים, אָבער פאָרט נויטווענדיג, ווען אפילו אַ ביסעל אויף אַן אַנדער אופן. מיר האָבען געזעהן, אַז דער רוים וויל ניט פערשווינדען, אַפילו ווען מיר פערמאַכען די אויגען און בעטראַכטען די וועלט נאָר דורך דעם „גייסטיגען זעהן“. אַזוי איינגעַ'עקשן'ט איז די מאַטעריע ניט. ווילט איהר בעטראַכטען די ווירקליכע וועלט פערמאַכטערהייד די אויגען, לאָזט זיך די מאַטעריע אין גאַנצען פערשווינדען. איהר קאָנט זי לחלוטין אוועקטראַכטען. קוים עפענט איהר אָבער ווידער אויף די אויגען, אַזוי בעגעגענט איהר אין דער ווירקליכער וועלט אַ גרויסע צאָהל פון קערפּער, וואָס בעוועגען זיך און ווירקען איינע אויף די אַנדערע און דרינגען איינער אין דעם אַנדערען אַריין. איהר מוזט זיך פרעגען: וואָס איז אַזוינס אַ קערפּער און פון וואַנען נעהמט זיך אין איהם די בעוועגונג? אַזוי ווי דער רוים איז אַבסאָלוט לעדיג, פּאַסיוו און אונבעוועגליך, קאָן דער קערפּער ניט זיין קיין לעדיגער רוים. אָבער ער איז דאָך אויסגעשפּרייט אין אַלע דריי דימענזיאָנען. ממילא מוז איך אָננעהמען אַז עס איז דאָ אין דער רוים עפּעס אַן אָ נ ג ע פ י ל ט ק י י ט, עפּעס אַ ממשות, וואָס פערנעהמט אַ פּלאַץ אין איהם און וואָס קאָן אַלע ווייַלע בייטען זיין אָרט, ד. ה. זיך בעוועגען.

וואָס אַזוינס די אָנגעפילטקייט איז, האָט קיין זין ניט צו פרעגען. מאַטעריע איז אָנגעפילטקייט, ווי רוים איז אויסגע־שפּרייטקייט. אויב מיר ווילען וויסען, וואָס זי איז אַזוינס, דאַר־פען מיר שטודירען איהר טבע אין די נאַטור־וויסענשאַפטען, ווי דער מאַטעמאַטיקער שטודירט די אייגענשאַפטען פון דער אויס־געשפּרייטקייט אין דער מאַטעמאַטיק. אָבער אויב אַזאַ אָנגע־פילטקייט איז דאָ, — און דאָס זעהען מיר בחוש, — קאָן שוין יעמאָלט אויך פערענטפערט ווערען די פראַגע וועגען איהר נויט־ווענדיגקייט. קאָן די מאַטעריע באמת פערשווינדען, אַקוראַט ווי מיר קאָנען זי אַוועקפאַנטאַזירען מיט פערמאַכטע אויגען? ניין! ענטפערט אונז דער שכל. מיר האָבען, זאָגט ער, אַ כלל, אַז

וועלכען מיר קאָנען אבסאָלוט ניט זיין אין ספק, אז יעדע זאך מוז האָבען אַן אורזאך, אז פון גאָרנישט קאָן גאָר נישט ארויסקומען. דער לעדיגער רוים קאָן פון זיך אליין ניט ארויסברענגען קיין מאַטעריע, ווייל ער איז דורך־און־דורך פּאַסיוו. ממילא שטעהען מיר פאַר דער איין־איינציגער ברירה: אָדער עס קאָן גאָר ניט זיין קיין מאַטעריע, אָדער זי מוז זיין אין דעם רוים פון אייביג אָן. מיר זעהען זי אָבער איצטער בחוש. ממילא מוזען מיר אָננעהמען, אז זי איז פון אייביג אָן על פי נויטווענדיגקייט אין דעם רוים. מיט אנדערע ווערטער, אז די מאַטעריע איז, ווי דער רוים אליין, אומגעשאַפען. אָבער דער זעלביגער כלל פון „עקס ניהילאָ ניהיל", — „פון גאָר נישט קאָן גאָר נישט ארויסקומען" און „אלץ מוז האָבען זיין אורזאך" פיהרט אונז צו דעם צווייטען טייל פון דעם אייביגקייטס־געדאַנק, דער ניט־צושטערבאַרקייט פון דער מאַטעריע: אין דעם אונענדליכען, לעדיגען רוים איז ניטאָ קיין איין איינציגע אורזאך, וואָס זאָל זי מאַכען פערשווינדען, און אקוראַט, ווי זי איז אייביג בעשטאַנען ביז אַהער, אזוי וועט זי על פּי נויטווענדיגקייט אייביג בעשטעהן עד סוף כל הדורות.

מיר האָבען געזעהן, אז דער רוים איז אונדורכדרינגליך. דאָס אייגענע איז אויך מיט דער מאַטעריע. איין פּיצעל מאַטעריע קאָן ניט אריינדרינגען אין אַן אנדער פּיצעל, ווי איין טייל רוים קאָן ניט אריינלאָזען אין זיך אַן אנדער טייל. די אונדורכדרינגליכקייט איז דער בולט'סטער סמן, דער נויטווענדיגסטער אטריבוט פון דער מאַטעריע. א שמץ גשמיות, וואָס זאָל זיין דורכדרינגליך צו אַן אנדער שמץ, איז שוין אוים גשמיות. א ניט־אונדורכדרינגליכע מאַטעריע איז א ווידערשפּרוך אין זיך גופא.

און אין דער אמת'ען! מאַטעריע איז עפּעס אזוינס, וואָס פילט אָן דורך־און־דורך, אָהן א שום רעסט, יענעם שטיק לעדיגען חלל, וועלכען זי פערנעהמט. לאָזט איהר אריינדרינגען אין איהר אַן אַנדער ברעקעל מאַטעריע, איז אָדער דאָס ערשטע ברעקעל בלייבט אויף זיין אָרט, אָדער עס געהט פון איהם אוועק און פערנעהמט אַן אנדער אָרט. געהט עס אוועק פון דעם פריהערדיגען אָרט, ווי צ. ב. די טיילען פון דער הילצערנער וואַנד, ווען מיר שלאָגען אריין אין איהר אַן אייזערנעם טשוואָק, איז יעמאָלט די־

נייע מאַטעריע אַריינגעדרונגען ניט אין איהם, נאָר אין דעם לעדיגען חלל, וואָס לעבען איהם. בלייבט אָבער די ערשטע מאַטעריע אויף איהר פריהערדיגען פּלאַץ, יעמאָלט האָט די נייע מאַטעריע קיין אָרט ניט, וואוהין אַריינצודרינגען, ווייל די ערשטע קאָן בשום אופן ניט פערשווינדען.

פון דער אונדורכדרינגליכקייט פיהרט אַ גלייכער וועג צו יענעם געדאַנק, אַז די מאַטעריע איז בעצם נ י ט ־ ט י י ל ב אַ ר, אַקוראַט אַזוי ווי דער רוים. ווייל כדי צו פאַנאַנדערטיילען מאַטעריע, דאַרף מען קאָנען אַריינדרינגען אין איהר, און דאָס איז אונמעגליך. מען קאָן אויך ניט קלענער מאַכער איהר פערנעהם דורך צונויפּפּרעסונג, מען קאָן זי ניט מאַכען סאָלידער און פעסטער ווי זי איז. דערפון איז ממילא געדרונגען, אַז זי מוז האָבען אַ וועלכע עס איז בעשטימטע מאָס אין דער לענג, אין דער ברייט און אין דער טיעף, ווי קליין די מאָס זאָל ניט זיין.

די ניט־טיילבאַרקייט פון דער מאַטעריע, פון וועלכער מיר רעדען דאָ, געהט אויפ'ן ערשטען בליק להיפּך אי צו דער ערפאַהרונג, אי צו דעם דענקען, קורץ, צו יענעם אַלטען איינגעפונדעוועטען זאַמיץ אין דער פיזיק, וואָס לערנט גראָד בפירוש ומפורש, אַז איינע פון די וויכטיגסטע אייגענשאַפטען פון דער מאַטעריע בעשטעהט אין דעם, וואָס זי איז ט י י ל ב אַ ר. אָבער דאָס איז נאָר אויף דעם ערשטען בליק. די טיילבאַרקייט, וואָס מיר זעהען אין דער ערפאַהרונג, איז ניט מעהר ווי אַ דמיון, אַקוראַט ווי דאָס אַריינדרינגען פון דעם אייזערנעם טשוואַק אין די הילצערנע וואַנד. אַז מיר צוברעכען אויף צווייען אַ שטיקעל צוקער, צוברעכען מיר דאָ ניט די מאַטעריע פון דעם צוקער אויף דער העלפט. מיר מאַכען מעהר נישט ווי גרעסער דעם חלל, וואָס איז געוועזען צווישען זיינע איינצעלנע ברעקלעך מאַטעריע. און אַז מיר זאָלען צונויפּפּרעסען דעם וואַסער־שטאָף־גאַז, ביז ער וועט פערנעהמען דעם קלענסטען טייל רוים, וואָס ער קאָן פערנעהמען, — דריקען מיר דאָ ניט צונויף די מאַטעריע וואָס איז אין דעם וואַסער־שטאָף־גאַז, — מיר טרייבען נאָר אַרויס דעם לעדיגען חלל, וואָס איז געווען צווישען איהרע אונטיילבאַרע חלקים. יעדער אַזאַ אבסאָלוט אונטיילבאַרער חלק פון דער וועלט־מאַטעריע ווערט — ווי איהר

זוויסט — אָנגערופען אין דער וויסענשאַפט און אין דער פילאָ־סאָפיע „דאָס אונטיילבאַרע", דער אַ ט אָ ם.

דאָס, וואָס פילט אָן דעם רוים, קאָן ניט געטיילט ווערען אויף העלפט. און יענע טיילבאַרקייט, וואָס מיר פיהרען דורך אין געדאַנק, בעת מיר זאָגען, צ. ב., אַז די מאַטעריע קאָן געטיילט ווערען אונענדליך, דאַרף מען אויך פערשטעהן ניט גאַר אין דעם פּשוט'ען זין פון דעם וואָרט. מיר מיינען דערמיט איינענטליך ניט, אַז די מאַטעריע גופא לאָזט זיך טיילען ביז אונענדליך, נאָר אַז דער פערנעהם איהרער, דער מהלך רוים, וואָס צווישען איין ברעג מאַטעריע און דעם אַנדערן, קאָן געמאַכט ווערען אַלץ קלענער און קלענער. די „אונענדליכע" טיילונג קומט פאָר, ווי ביי דעם רוים, אין דער געקינסטעלטער פאַנטאַזיע און ניט אין דעם נאַ־טירליכען, ווען אַפילו גייסטיגען זעהן. ביי דעם רוים האָבען מיר מיט אַ „שפּיצעל" געצוואונגען די פאַנטאַזיע, זי זאָל צוגעבען אַ גרענעץ צו זיין טיילבאַרקייט. דאָ, ביי דער מאַטעריע, דאַרפען מיר ניט אָנקומען צו קיין שום „שפּיצלעך". דאָ איז יענע מע־טאָדע אַן עהרליכער, כשר'ער בעוויז. איך וויל אייך דערמאָהנען אָן יענע עקספּערימענטען, וועלכע מענדעלעיעוו האָט אָנגעווענדעט, כדי מאַטעמאַטיש אויסצורעכענען דעם פ ע ר נ ע ה ם פון אַן אַטאָם. דער תוך פון די עקספּערימענטען איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט דעם קלענסטען טייל מאַטעריע, וואָס מען קאָן מיט אונזערע מענשליכע מיטלען אַרויסברענגען אין דער ווירקליכקייט, צונויפגעקוועטשט צווישען צוויי אויסגעקיילעכטע גלעזלעך. ווי איהר זעהט, איז דאָ אָנגעווענדעט געוואָרען דער זעלביגער פּרינציפּ, וועלכען מיר האָבען אויסגענוצט מיט די שאָטענס, וואָס בעווענען זיך איינער אַנטקעגען דעם אַנדערן אויף אַ מאַטעמאַטישער ליניע. די אויסגעקיילעכטע גלעזלעך וואָס וואָלטען זיך געקאָנט צונויפ־קומען אין איין איינציגען פּונקט, קאָנען זיך דאָ ניט בעריהרען, ווייל צווישען זיי ליעגט אַן אַ ט אָ ם, אַן אונדורכדרינגליכער „משהו" מאַטעריע, וואָס דערלאָזט ניט זייגע וויטערדיגע בעוועגונג.

די פראַגע וועגען דער טיילבאַרקייט אָדער ניט טיילבאַרקייט פון דער מאַטעריע איז איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען אין דער

פילאסאפיע פון דעם מאטעריאליזם. זי ווערט גראד איצטער נאך א מאל מיט התמדה דורכגעלופטערט אין דער וויסענשאפט, א דאנק דער טעאריע, וואס נעהמט אן, אז דער לעצטער עלעמענט פון יענע אטאמען, וועלכע מיר שטודירען אין דער כעמיע, איז אן עלעקטראן, ד. ה. דער קלענסטער טייל פון יענער ערשיינונג, וועלכע מיר רופען עלעקטריציטעט. די קאפ־ברעכעניש ווערט נאך פערשטארקט דורך די ענטדעקונג פון דער ראדיא־אקטיוויטעט, פון דער פעהיגקייט, וועלכע געוויסע קערפער בעזיצען, ארויסצושיקען פון זיך אהן אן אויפהער געוויסע ארטען פון שטראהלען. די דאזיגע נייע ערשיינונגען זענען נאך דערווייל ניט גרינדליך אויסגעשטודירט און די טעאריען זענען א היבש ביסעל צונויפגעוויקעלט און פערפלאנטערט. אבער זייער בעדייטונג פאר דער מאטעריאליסטישער אויסטייטשונג פון דער קערפער־וועלט איז ניט אזוי פערפלאנטערט, ווי עס קאן זיך דוכטען אויף דעם ערשטען בליק. עס איז א פשוט'ער מכח נפשך: איז די עלעקטריציטעט א ריינע קראפט, א מין ארט פון בעוועגונג, וואס האט אין זיך קיין ברעקעל מאטעריעלע ממשות ניט, יעמאלט איז אויך דער עלעקטראן ניט קיין מאטעריעלע ממשות און יעמאלט איז איבערהויפט „א סוף — אן עק" צו דער מאטעריע. איז אבער דער עלעקטראן א וועלכע עס איז גשמיות, א זאך, וואס פילט אן דעם רוים, יעמאלט איז ער דער אטאם, וואס מוז האבען אין זיך אלע אייגענשאפטען פון דער מאטעריע. און זאל זיך ארויסשטעלען, אז כדי צו פערשטעהן די ערשיינונגען פון דער קערפערליכער וועלט, מוז דער עלעקטראן גופא אין געדאנקען פאנאנדערגענומען ווערען אין א מחנה פון נייע לעצטע איינהייטען, וועט יעמאלט פאר יענע איינהייטען אויסוואקסען דערזעלביגער ממה־נפשך.

און דאס אייגענע איז אויך מיט דער ראדיא־אקטיוויטעט. אויב עס זאל זיך ארויסווייזען, ווי איינעגע רעכענען, אז מיט די ראדיאלע שטראהלען פערשווינדט א טייל פון דעם שטראהלענדען קערפער, יעמאלט מוז דער ממה נפשך אנגעווענדט ווערען אויף דעם שטראהל. איז ער ניט מעהר, ווי ריינע ענערגיע, איז יעמאלט אויס מיט דער מאטעריאליסטישער סברה. האט ער אבער אין זיך א מאטעריעלע ממשות, איז יעמאלט בעשטעהט ער פון אונ־

דורכדרינגליכע אטאָמען, וואָס פילען אָן יעדער איינער זיין פּיצעל רוים און קאָנען בשום אופן ניט געטיילט ווערען.

אגב, האָבען מיר היינט צו טהאָן ניט מיט דעם מאַטעריאַליסטישען אַטאָם, וואָס גוסס'ט אין דער מאָדערנער וויסענשאַפט, נאָר מיט יענעם יוגענד־פרישען אַטאָם פון דער ריינער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, בעת ער איז נאָך געוועזען פול מיט עקזיסטענץ, האָט מיט זיין גאַנצען עצם אָנגעפילט דעם רוים און האָט זיך ניט געלאָזט אין גאַנצען אוועק'חשבונ'ען פון דער וועלט. יענער יוגענד־פרישער אַטאָם האָט געהאַט אויסצושטעהן אַן אַנדער „קאַמפּף אום'ם דאַזיין" אין דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע גופא. די פראַגע איז געווען: איז די מאַטעריע, וואָס פילט אָן דעם רוים, אַזאַ איינהייטליכע, אין זיך אָבגעשלאָסענע גאַנצקייט, ווי דער רוים גופא, אַן איין־איינציגע זאַך, וואָס ציהט זיך אָהן אָן איבערדיים פון איין ענד וועלט צו דעם אַנדערן, וואו מען קאָן איבערגעהן פון איין טייל צו דעם אַנדערן אָהן אַ ברעקעל שפּרונג איבער דעם לעדיגען רוים? אַזאַ פאָרשטעלונג האָט געהאַט דעקאַרט, פאַר וועמען מאַטעריע און אויסגעשפּרייטקייט זענען געווען דיזעלביגע זאַך. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט, אַז די מאַטעריע פילט אוים דעם רוים אין אַלע זיינע פונקטען, אַז ערגעץ איז ניטאָ קיין איין משהו לעדיגער רוים. די בעוועגונג אין דער וועלט קומט פאָר לויט דעם זעלביגען פּרינציפּ, ווי דאָס דרעהען זיך פון אַ קיילעכדיגער ברעט אין דער לופטען ארום איהר אייגענעם צענטער. ווי שנעל איהר בעוועגונג זאָל ניט זיין, און וואָס פאַר אַ ריכטונג זי זאָל זיך ניט דרעהען, — רעכטס אָדער לינקס, — זי פילט תמיד אוים דעם גאַנצען אָרט אין דעם רוים, וועלכען זי פערנעהמט. איין איינציגע וועלט־מאַטעריע בעוועגט זיך ווי אַ שטראָם אין טויזענדער ווענדונגען, אָבער סוף כל סוף אין אַ קרייז, ווי דאָס דרעהען זיך פון וואַסער אין אַ ווירבלענדען קעסעל־גרוב. יעדעס פּיצעל מאַטעריע בייט איהר אָרט נאָר דערפאַר, ווייל די גאַנצע וועלט־מאַטעריע בעוועגט זיך און ווירבעלט זיך אין אַ מעכטיגען שטראָם. עס זענען נאָך עד היום דאָ גרויסע געלערענטע, וואָס מיינען, אַז נאָר דורך דער פאָרשטעלונג פון דער איין־איינציגער וועלט־מאַטעריע קאָן מען אויף דעם קלאָרסטען אופן אויסטייטשען

די מאַטעריעלע פּראָצעסען פון דער וועלט. אויב דאָס זאָל זיין דער אמת פאַר דער מאַטעריע, איז יעמאָלט, פערשטעהט זיך, ניטאָ וואָס צו רעדען וועגען א ט אָ מ ע ן, וועגען איינצעלנע, ניט טיילבארע, איינער פון דעם אנדערן אָבגעריסענע טיילען פון דער וועלט־ממשות. אָבער עס זענען דאָ גענוג מאָטיווען, וואָס צווינגען אונז צו פערלאָזען יענע פאָרשטעלונג פון דעקארט און צוריקצוקעהרען זיך צו דער טיעפער סברה פון דעם אַלטען דעמאָקריט, וואָס איז דער אמת'ער פאָטער פון דער אטאָמען־לעהרע און דעם מאַטעריאַליזם בכלל. שוין די ערשיינונג פון שיטערער ווערען און געדיכטער ווערען פיהרט אונז צו דער אטאָמען־טעאָריע.

מיט דער אטאָמען־טעאָריע קאָנען מיר אויך בעסער דורכפיהרען נאָך א פונקט, וואָס איז אזוי וויכטיג פאַר דעם מאַטעריאַליסטישען געדאַנק. דער לעדיגער רוים איז אן איין־איינציגקייט: ס'איז דאָ נאָר איין וועלטען־רוים. די מאַטעריע איז א פיעלהייט, ווייל זי בעשטעהט פון א סך איינצעלנע, אָבגעריסענע אטאָמען. און פון דעסטוועגען איז די מאַטעריע א ן א י י נ ה י י ט, אויב ניט קיין איין־איינציגקייט. איהר איינהייט בעשטעהט אין דעם, וואָס זי איז אומעטום גלייך־אַרטיג, ווי דער רוים. זי האָט אומעטום, וואו מיר זאָלען זי נישט אָנטרעפען, אַלע די זעלביגע אייגענשאַפטען. געוויס, די אטאָמען וואָס מיר שטודירען אין דער כ ע מ י ע זענען פערשיידען איינע פון די אַנדערע. דער אטאָם פון בליי איז שווערער, איידער דער אטאָם פון גאָלד. בליי האָט אויך גאַנץ אנדערע אייגענשאַפטען, איידער גאָלד. אָבער דער אטאָם פון דעם כעמישען עלעמענט איז ניט דער ריינער וועלט־אטאָם. דער כעמישער אטאָם איז שוין צונויפגעזעצט פון א געוויסער גרופּע מאַטעריעלע אטאָמען. דאָס גיט אונז די מעגליכקייט מאַטעריאַליסטיש צו דערקלעהרען, פאַר וואָס די כעמישע עלעמענטען האָבען פערשיידענע אייגענשאַפטען. דאָס שטאַמט דערפון, וואָס אין יעדעם עלעמענט איז צונויפגעבונדען אן אנדער צ אָ ה ל אומעטום גלייכע פיזישע אטאָמען. די פערשיידענע אייגענשאַפטען קומען ארויס ניט פון זייער אינווענייגסטער טבע, נאָר פון זייער צאָהל און אפשר אויך פון א בעשטימטער אָרט

בעוועגונג, וועלכע די בעשטימטע קאָמבינאַציע פון אַטאָמען פיהרט אויס אין דעם לעדיגען רוים.

אין דער נאַטור זענען ניטאָ קיין פערשיידענע קוואַליטעטען. אַלע קוואַליטעטען זענען אין תוך אריין ניט מעהר, ווי פערשיידענע קוואַנטיטעטען.

מיר קומען איצטער צו דער וויכטיגסטער אייגענשאַפט פון דעם מאַטעריעלען אַטאָם, זיין פעהיגקייט צו ווירקען, זיין אַקטיוויטעט. די אַקטיוויטעט פון דער מאַטעריע שטאַמט פשוט דערפון, וואָס זי איז ניט פאַסיוו און אַבסאָלוט רוהענד, ווי דער רוים, נאָר איז אייביג בעוועגליך. די בעוועגונג איז דער בולט'סטער און וויכטיגסטער סמן, וואָס שיידט אָב די מאַטעריע פון דעם לעדיגען רוים.

אויף די בעוועגונג קוקט דער ריינער מאַטעריאַליסט ניט ווי אויף אַ בעזונדער עצם, אויף אַ בעזונדער פאַקטאָר פון דעם וועלט'ס געשעהן. ס'איז ניט אַ קראַפט, וואָס קאָן ארויסגעהן פון דעם אַטאָם אָדער אריינגעגאָסען ווערען אין איהם. בעוועגונג איז די זיין'ס־אַרט פון דעם אַטאָם גופא. אַ מאַטעריעלער אַטאָם איז ניט נאָר דאָס, וואָס פילט אָן דעם רוים, נאָר, דער עיקר, דאָס, וואָס בעוועגט זיך אין איהם. יעדער אַטאָם געפינט זיך אין אַ וועלכער עס איז אַרט בעוועגונג, ד. ה. ער טראָגט זיך אום איבער דעם רוים מיט אַ געוויסער גיכקייט און אין אַ געוויסער ריכטונג. קיין רוה איז אין דער נאַטור ניטאָ. רוהען רוהט נאָר דער רוים. אין זייערע פערשיידענע בעוועגונגען שטויסען זיך די אַטאָמען צונויף און די צונויפשטויסונגען ברענגען אַרויס דאָס גאַנצע שפּיעל פון דעם וועלט־געשעהען. די אַזוי אָנגערופענע נאַטור־קרעפטען, ווי מעכאַנישער דרוק און שטויס, די צוציהונגס־קראַפט און די אָב־שטויסונגס־קראַפט, וואַרעמקייט, מאַגנעטיזם, עלעקטריע און ליכט־שיין זענען ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ געוויסע בעוועגונגס־אַרט, וואָס קומט פאָר צווישען פערשיידענע שטאָפען. די לעבענס־ערשיינונגען זיינען ניט מעהר, ווי געוויסע זעהר פערפלאָנטערטע בעוועגונגס־אַרטען, וועלכע די אַטאָמען פיהרען אויס אין יענעם שטאָף, וואָס רופט זיך איי־ווייסעל. און די עמפּפינדונג אָדער דאָס בעוואוסטזיין, יענער גאַנצער סכום פון פּראָצעסען, וואָס מיר

רופען אַן „נשמה" אָדער פּסיכישע ערשיינונגען, זענען אין זייער לעצטען תוך אויך ניט מעהר ווי געוויסע בעוועגונגס־ארטען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין אַ בעשטימטער אַרט איי־ווייסעל, וואָס איז ליט זיין שטאָף זעהר נאָהענט צו דעם שטאָף פון די נערווען און דעם מאַרך. פאַלט פאַנאַנדער דער „עמפּפינדונג־שטאָף", — אַזוי לאָמיר אָנרופען יענע בעשטימטע ארט איי־ווייסעל, וואָס גיט עמ־פּפינדונגען, — הערען אויף אַלע גייסטיגע פּראָצעסען; פאַלט פאַנאַנדער דער איי־ווייסעל, פערשווינדט אין גאַנצען דאָס לעבען.

אגב אורחא, זעהען מיר דערפון, ווי ניט ריכטיג עס איז, ווען ביוכנער האָט די לעצטע מאַטעריאַליסטישע פּרינציפּען אַ נאָמען געגעבען „קראַפט און שטאָף". „קראַפט", — ווי עלעקטריע און וואַרעמקייט, — איז שוין אַ געוויסע בעשטימטע ארט פון בעוועגונג, אַקוראַט ווי „שטאָף", — גאָלד, זילבער, איי־ווייסעל, נערווען־סובסטאַנץ, — איז שוין אַ געוויסע קאָמפּליצירטע אַרט פון מאַטעריע.

„מאַטעריע און בעוועגונג!" דאָס איז דער פריידיגער אויס־געשריי פון דעם מאַטעריאַליזם, וואָס גלויבט, אַז ער האָט געפונען דעם שליסעל צו אַלע וועלטליכע סודות. און בעוועגונג איז ניט עפּעס, וואָס קאָן אָבגעטיילט ווערען פון דער מאַטעריע. זיי זענען איין און די זעלביגע זאַך. זיי זענען ביידע אייביג אומבעשאַפען און אונפערטיליגבאַר. מחמת דעם קאָן דער סכום פון דער מאַ־טעריע ניט גרעסער ווערען און ניט קלענער ווערען אין דער וועלט און מחמת דעמזעלביגען טעם קאָן אויך ניט גרעסער ווערען און ניט קלענער ווערען דער סכום פון בעוועגונג. דער לאָגישער פועל יוצא דערפון פאַר דער פיזיק איז דאָס געזעץ פון די „קרעפטען־דערהאַלטונג", וואָס איז איינגעפונדעוועט געוואָרען אין דער צוויי־טער העלפט פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט (און וואָס ווערט, אגב, וויעדער שטאַרק פאַנאַנדערגעשאָקעלט אין דער איצטיגער וויסענ־שאַפט). אויך די טעאָריע פון די „קרעפטען־איינהייט", וואָס לערנט אונז, אַז מעכאַנישע רייבונג, וואַרעמקייט, עלעקטריע, מאַג־נעטיזם א. אז. וו. זענען אין תוך אריין איין־און־דיזעלביגע זאַך און קאָנען איבערגעהן איינע אין די אַנדערע, איז אויך ניט מעהר ווי אַ לאָגישער קאָרעלאַט צו דער איינהייט פון דער מאַטעריע.

אַלע אַרטען פון בעוועגונגען קאָנען צוריקגעפיהרט ווערען צו דער איינפאַכסטער אַרט, דעם מעכאַנישען דרוק און שטויס, ווי אַלע אַרטען פון דעם וועלט־שטאָף קאָנען צוריקגעפיהרט ווערען צו דער איינציגער אַרט, דער איינפאַכער אָנגעפילטקייט.

וויל מען דעריבער דערקלעהרען אַ וועלט־ערשיינונג ביז צו איהר לעצטען גרונד, דאַרף מען אַזוי ווייט פאָרשען און אַריינדרינגען אין איהר, ביז מיר זאָלען זעהן קלאָר פאַר אונזער גייסטיג אויג, אויב נים דורכ'ן מיקראָסקאָפּ, ווי אַזוי די פערשיידענע אַטאָמען פון דער מאַטעריע פיהרען אויס זייערע פערשיידענע מעכאַנישע בעוועגונגען אין דעם לעדיגען רוים. דער גרויסער פיזיקער פון דעם 19טען יאָהרהונדערט, וויליאם טהאָמסאָן, איז דעריבער געווען זעהר קאָנסעקווענט, ווען ער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך ביי דעם שטודיום פון אַ פיזיקאַלישער ערשיינונג ניט בעפריעדיגען ביז צו דעם מאָמענט, ווען מען איז ביכולת אויפצובויען אַ מעכאַנישען מאָדעל, וואָס שטעלט זי ריכטיג פאָר.

איך וויל נאָך דאָ אַ ביסעל קלאָרער מאַכען איין איינציגען פונקט פון דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע, וואָס איז אין עצם נים אַזוי וויכטיג פאַר אונז, אָבער וואָס וועט אונז נאָך פולער אויסמאָלען איהר בילד. מיר האָבען געזעהן, אַז דער לעדיגער וועלטען־רוים איז אונענדליך. איז אויך אונענדליך די מאַטעריע? די מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפען זענען צווישען זיך נים איינס אין דעם דאָזיגען ענין. פאַרהאַן אַזוינע, וואָס שטעהען, ווי צ. ב. ד י ו ה ר י נ ג, פאַר דער ענדליכקייט, בעת דאָס רוב לייקענט זי אָב. מיר דוכט, אַז די ענדליכקייט פון דער מאַטעריע אין דעם רוים איז אַ געדאַנק, וואָס פאַסט בעסער צו דעם סיסטעם פון דעם מאַטעריאַליזם. זי שטימט האַרמאָנישער צונויף מיט זיין גרונד־געדאַנק, אַז דער סכום פון דער מאַטעריע אין דער וועלט איז איין מאָל פאַר אַלע מאָל „געגעבען“, אַ פאַרטיגער, אַן „אָבגעצעהלטער“. אויך די טעאָריע פון די „קרעפטען־דערהאַלטונג“ לאָזט זיך מאַטעמאַטיש בעסער דורכפיהרען, ווען מיר נעהמען אָן, אַז די צאָהל פון די אַטאָמען איז אַן „אָבגעצעהלטע“, ווען אפילו אַ מאיום'דיג גרויסע, וואָס שטייגט אריבער יעדע מענשליכע צעהל־קונסט. און איינינע געלערנטע ווילען האָבען, אַז דער געדאַנק פון דער „קרעפ־

טען־דערהאַלטונג" קאָן דורכגעפיהרט ווערען נאָר יעמאָלט, ווען מען ניט צו, אַז דער סכום פון דער מאַטעריע אין דעם וועלט־אַל, איז אַ בעגרעניצטער, און אַז דער גאַנצער סיסטעם פון בעוועגונגען, וואָס ווערען אויסגעפיהרט פון איהר, איז אַן ארומגעצירקעלטער און אַן אָבגעשלאָסענער אויף אייביג.

איך לאָז דאָ אין גאַנצען ארוים דעם פּראָבלעם פון דער וועלט־ענטוויקעלונג און איהר שייכות צו דעם מאַטעריאַליזם. איך טהו דאָס דערפאַר, ווייל די ענטוויקעלונגס־טעאָריע איז ניט ארויסגעוואקסען פון דעם מאַטעריאַליזם און איז ניט ענג לאָגיש פערבונדען מיט איהם. פאַר דעם מאַטעריאַליזם זענען די ערשיינונגען פון דער ענטוויקעלונג — אַ ספּעציעלער פאַל אין דעם שפּיעל פון די וועלט־אַטאָמען. זיי טראָגען ניט אריין קיין איינציגע נייע זאַך אין דעם מהות פון דער מאַטעריע און איהר בעוועגונג. אדרבא! דורך דעם פּשוט'ען שפּיעל פון דער מאַטעריע און פון דער בעוועגונג ווייל דער מאַטעריאַליסט (אָדער דער האַלבער מאַטעריאַליסט, ווי ספּענסער), דערקלעהרען די ערשיינונגען פון דער ענטוויקעלונג. אויך איז די קולטור און די מענשליכע געשיכטע און די פּאָעזיע און די קונסט, ניט עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל ניט קאָנען הויזען מיט די איינפאַכע מעכאַנישע געזעצען פון דער מאַטעריע. זיי אַלע זענען אין תוך אריין ספּעציאַל־פעלען פון דעם מאַטעריעלען אַטאָמען־שפּיעל. — על כל פּנים, גלויבט אַזוי דער מאַטעריאַליסט.

וואָלט אַ גרויסער מאַטעמאַטישער קאָפּ מיט אַן איבערמענשליכער פאָלקאָמענער רעכענונגס־קראַפט אין די צייטען פון משה רבינו געקאָנט זעהן דעם גאַנצען סכום מאַטעריע און אַלע ארטען בעוועגונג, וואָס קומט אין איהר פאָר, וואָלט ער יעמאָלט גאַנץ לייכט געקאָנט אויסרעכענען, צ. ב., ווען עס דאַרף אויסברעכען די רעוואָלוציאָן אין פראַנקרייך, אָדער ווען און ווי אַזוי ראַפאַעל וועט מאָלען זיין סיקסטינישע מאַדאָננע.

דער איצטיגער צושטאַנד פון דער וועלט איז אַ נויטווענדיגער פועל־יוצא פון זיין פריהערדיגען און אין איהם ליעגט שוין איינגעוויקעלט די גאַנצע צוקונפט.

אָט דאָס זענען אין די וויכטיגסטע שטריכען די גרונד־פּרינציפּען פון דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם.

וואָס איז זיין ווערט פאַר דער מענשליכער ערקענטניס?

דער מאַטעריאַליזם פערזיכערט אונז, אַז ער איז דער אבסאָ־לוטער אמת און די פּשוטע קלאָרע קאָפּיע פון דעם, וואָס מיר געפינען אין דער ערפאַהרונג. איז דאָס ווירקליך אַזוי?

כדי צו געבען אַ קלאָרען ענטפער אויף דער שאלה, מוזען מיר אַ ביסעל מעהר בעקאַנט ווערען מיט דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע פון אונזער ערקענטניס, וואָס וועט אונז בכלל העלפען פאַנאַנדערקלייבען זיך אין דעם פילאָסאָפישען ווערט פון דעם גאַנצען סיסטעם.

ווי אַזוי ערקענען מיר די דרויסענדיגע וועלט?

איך שטעה אין מיין צימער און זעה דורך די גלאָז פון מיין פענסטער אַ קאַרשען־בוים מיט רויטע קאַרשען, וואָס וואַקסט אויף אַ הויכען גרינעם באַרג. לאָמיר אָננעהמען, אַז אַלץ, וואָס איך זעה, איז אַבסאָלוט ריכטיג. עס איז אַ קלאַפּטער פופציג פון מיין אויג באמת דאָ אַזאַ הויכער גרינער באַרג מיט אַ קאַרשען־בוים, אויף וועלכען עס זיינען רויטע קאַרשען. ווי אַזוי זעה איך דאָס?

„מיט מיינע אויגען!“ — ענטפערט דערויף דער פּשוט'ער שכל, וועלכער וויל זיך ניט אַריינטראַכטען אין דעם גרויסען וואונ־דער, וואָס ליעגט אין דעם פּראָבלעם פון זעהן. אָבער מיינע אויגען זיינען דאָך אַ שטיקעל מ אַ ט ע ר י ע, אַקוראַט אַזאַ חומר ווי די הויט פון מיין שטערען איבער זיי. אויב עס איז אַזוי פּשוט, וואָס מאַטעריע קאָן זעהן, פאַר וואָס זעהט ניט די שטערען־הויט דעם זעלבינגען בוים? אמת, אַז מיר קוקען אויף אַ לעבעדיג אויג, דוכט זיך אונז, אַז דאָס איז גאָר אַן אַנדער מין מאַטעריע, איידער די שטערען־הויט, אַ מאַטעריע, וואָס איז פול מיט „רוחניות“. דאָס זעהט, און דאָס טראַכט, און דאָס פרעהט זיך, און דאָס צאָרנט. אָבער אין אמת'ען דוכט זיך עס נאָר אַזוי. די מאַטעריע פון דעם אויג איז אַקוראַט אַזאַ פּשוט'ער, גשמיות'דיגער חומר, אָהן אַ ברעקעל „רוחניות“, ווי דאָס האָלץ פון'ם טיש, ווי די הויט פון מיין שטערען, ווי די זאַמד אויפ'ן גאַס. מיר קאָנען מיט פּשוט'ע „ערדען“, וואָס מען רופט „מאָל־פאַרבען“, אויסמאָלען אויף אַ פּשוט'ען לייוועַנד אַקוראַט אַזאַ פאַר מענשליכע אויגען און אונז

זועט זיך אויך דוכטען, אז זיי זעהען אָדער טראַכטען, אָדער שיסען צאָרענדיגע פיילען. נאָך א מאָל! דאָס אויג איז ניט מעהר מיוחס, איידער די שטערען־הויט. ווי אַזוי קאָן עס דען זעהן דעם בוים און דעם באַרג, וואָס איז אַ קלאַפטער פופציג ווייט פון איהם? זוי אַזוי קאָנען דער בוים און דער באַרג אַריינשפּאַצירען אין אונזער אויג, ניט פערלאָזענדיג זייער אָרט.

דעם ענטפער אויף דערויף גיט אונז די מאָדערנע פיזיק און די פיזיאָלאָגישע פסיכאָלאָגיע, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרען אונטער דעם איינפלוס פון דעם מאַטעריאַליזם און מיט וועלכע דער מאַטעריאַליזם שטימט אין גאַנצען איין. דער בוים און דער באַרג, לערנען אונז די אָפּטיק און די נערוועז־פיזיאָלאָגיע, בלייבען דרויסען וואו זיי שטעהען. אָבער ס'איז דאָ אַזאַ מאַטעריעלע ממשות צווישען אונזער אויג און דעם בוים וואָס רופט זיך וועלט־עפיר, און וואָס בעוועגט זיך שטענדיג, ווי די וואַלען פון ים. ווען די שטראַהלען פון דער זון, וואָס זענען אויך ניט קיין אַנדער זאַך ווי וואַלען־בעוועגונגען פון דעם עפיר־ים, פאַלען אַרויף אויף דעם באַרג און דעם בוים, ווערט א טייל פון די בעוועגונגען איינגע־שלונגען פון זיי. א טייל אָבער בלייבט זיך טרייסלען אַרום דעם באַרג און דעם בוים. דערפון שטאַמט זייער פאַרב. אָט די טרייס־לונגען פון דעם עפיר, — ניט דער בוים, און ניט דער באַרג און ניט זייערע פאַרבען, — דערגרייכען צו אונזער אויג. זיי שלאָגען זיך אָן אָן דאָס אויג, ווי די וואַלען פון אַ ים אָן אַ פעלזענעם ברעג, יעדער וואַל אויף אַ בעזונדער שטייגער, וואָס שטימט איבעראיין מיט יעדען פיצעלע „בעפאַרבטען" רוים, וועלכען דער באַרג און דער בוים נעהמען איין. פון די רויטע קאַרשען געהט דער וואַל אין איין מין בעוועגונג, פון די גרויע צווייגען אין אַן אַנדערער, פון די גרינע גראָז און די בלעטער ווידער אין אַנדערע. טאָמער זענען אויבען אויפ'ן שפּיץ פונ'ם בוים עטליכע בלעטלעך געוואָרען ברוין, שיקען זיי אַנדערע עפיר־וואַלען, און זיי בעריהרען אונזער אויג אין איינעם מיט די אַנדערע אין דעם זעלביגען סדר, אין וועלכען די ברוין־בלעטלעך זענען צושפּרייט איבער דעם שפּיץ פון דעם בוים.

לאָמיר זיך דאָ אַ ווײַלע אָבשטעלען, כדי קלאָר צו מאַכען

איינינע פונקטען, וואָס זענען זעהר וויכטיג פאַר דער גאַנצער טעאָריע. קודם כל, מוז מען פערשטעהן און געדענקען, אַז דער באַרג און דער בוים בלייבען אויפ׳ן אָרט און שווימען ניט מיט דעם שטראָם פון די עפיר־וואַלען. זיי וואָלטען סיי ווי סיי ניט געקאָנט דורכקריכען דורך דעם האַרטען גלאָז און דעם ענגען רוים פון דעם פענסטער. הייסט דאָס, אַז אונזער אויג שפּירט דירעקט ניט זיי, נאָר דעם שטראָם פון די עפיר־וואַלען. ווייטער! די פאַרבען: גרין, ברוין און רויט שווימען אויך ניט מיט דעם שטראָם פון די וואַלען. אויב זיי זענען דאָ אויף דעם באַרג, בלייבען זיי וואו זיי זענען געווען. און אַפילו ווען זיי וואָלטען געשוואומען, וואָלט מען אויך זיי ניט געקאָנט שפּירען דערפאַר, ווייל ניט דער גאַנצער שטראָם שלאָגט זיך אָן דעם אויג, נאָר דער ע נ ד פון דעם שטראָם. דער שטראָם פון רויט קלאַפּט אָן מיט זיין ענד אָן דעם אויג, לאָמיר זאָגען, אַזוי פיעל מיליאָנען מאָל אין אַ רגע, דער שטראָם פון גרין אָן אַנדער צאָהל מיליאָנען אָדער ביליאָנען און פון ברוין שוין ווידער אַ דריטע. די צאָהל טרייסלונגען אין דער סעקונדע, מיט וועלכע דער ענד פון דעם שטראָם ווירקט אויף דאָס אויג, איז ווי אַ מין טעלעגראַפישער צייכען פאַר יעדער בעשטימטער פאַרב. און נאָך אַ זאַך מוז מען גוט און פעסט ארייננעהמען אין זין: דער עפיר־שטראָם, וואָס טראָגט די דעפּעש, דרינגט ניט דורך דורך דאָס אויג; ער בלייבט דרויסען און טהוט נאָר איין זאַך: ער קלאַפּט אוים אָהן אַן אויפהער זיין דעפּעש אָן דאָס הייטעל פון דעם אויג. אָט די דעפּעש ווערט ערגעץ־וואו געלייענט און אויסגעטייטשט: „אַזוי פיעל מיליאָנען עפיר־טרייסלונגען אין אַזאַ סדר? אַהאַ! אַ ברוינע בלאַט אויבען, רעכטס!“

ווער לייענט דאָס און טייטשט דאָס אוים אַזוי קונציג און ריכטיג? ניט דאָס אויג. דאָס אויג איז ניט מעהר ווי אַ פערמיטלונגס־סטאַנציע. דאָרטען ווערט די דעפּעש איבערגעזעצט אין אַ גאַנץ אַנדער שפּראַך און אוועקגעשיקט ווייטער. די טרייסלונגען פון די עפיר־וועלען ווירקען אויף אַ כ ע מ י ש ע סובסטאַנץ (אָדער עטליכע כעמישע סובסטאַנצען) וואָס געפינען זיך אין דעם אויג־אַפּאַראַט. אין דער סובסטאַנץ קומען פאָר כ ע מ י ש ע ע נ ד ע ר ו נ ג ע ן, וואָס מוזען מאַטעריאַליסטיש אויסגעטייטשט

ווערען, ווי געוויסע בעוועגונגען, וואָס קומען פאָר צווישען אַטאָמען. וואָס פאַר אַן אַרט בעוועגונג דאָס איז, ווייסען מיר נאָך עד היום נים. אָבער דאָס מאַכט נים אויס. וויכטיג איז נאָר דאָ צו גע־דענקען, אַז די כעמישע בעוועגונגען, וואָס ווערען אַרויסגערופען פון די ליכט־וואַלען, זענען שוין גאַנץ אַנדערע, איידער די עפיר־וואַלען, וואָס קלאַפען זיך פון יענער זייט אויג. די בעוועגונגען אין דער זעה־סובסטאַנץ זענען די נייע שפּראַך, אין וועלכער די עפיר־וואַלען ווערען, בוכשטאַב פאַר בוכשטאַב, איבערגעזעצט און ווייטער געשיקט צו אַ געוויסער שטעל אין מאַרך. דאָס געשעהט אויף אַזאַ'ן אופן. צווישען די כעמישע זעה־סובסטאַנצען און דעם דאָזיגען פּלאַץ אין מאַרך ציהען זיך ווי פעדימער די זעה־נערוועז. די זעה־נערווען נעהמען אויף מיט איין ענד זייערען די כעמישע בעוועגונגען פון דעם זעה־סובסטאַנץ און מיט דעם אַנדערען ענד גיבען זיי דאָס איבער דעם מאַרך. וואָס דערביי שפּיעלט זיך אָב אין דעם זעה־נערוו, איז דערווייל נאָך ווידער אַ גרויסער סוד. אַ מאָל האָט מען געגלויבט, אַז די בעוועגונג אין דער נערוו־סובסטאַנץ איז אַ מין עלעקטרישער שטראָם. שפּעטער האָט דאָס רוב גע־לערנטע אויסגעפונען, אַז זי האָט גאָר נישט צו טהאָן מיט עלעק־טריע, און אַז עס איז ריכטיגער צו בעטראַכטען זי, ווי אַ כעמישען פּראָצעס. על כל פּנים איז דאָס ניט די כעמישע בעוועגונג, מיט וועלכער מיר האָבען געהאַט צו טהאָן אין דער זעה־סובסטאַנץ, ווייל דער כעמישער שטאָף איז דאָ אין די נערוועז אַ גאַנץ אַנ־דערער. צוליעב קורצקייט לאָמיר זיי אַ נאָמען געבען די נעירישע — שוין אַ גאַנץ נייע „שפּראַך“, אין וועלכער מיר האָבען גאָר קיין שפּור ניט פון די כעמישע בעוועגונגען, וואָס זענען פאָרגע־קומען אין דער זעה־סובסטאַנץ. גאַנץ נייע צייכענס פיהרט זי מיט זיך און ברענגט צו דער לעצטער סטאַנציע, צו אַ צענטראַל־פּונקט אין מאַרך, וואו די דעפּעש ווערט פאַנאַנדערגעשיפרירט, איבערגעלייענט און אויסגעטייטשט. אַלס אַ רעזולטאַט פון דעם פּראָצעס ווערט אין מאַרך אויפגעפלאַמט אַ ב ע וו ו אַ ו ס ט ז י י ן, וואָס זעהט פאַר זיך קלאָר דעם גרינעם באַרג מיט דעם גרינעם בוים, מיט די רויטע קאַרשען, מיט די ברוין־געוואָרענע בלעטלעך אויפ'ן שפּיץ. מיר וועלען אָט די אַרט העלקייט, וואָס בלאָמט

אויף אין מאַרך, אַ נאָמען געבען דער זינליכער בעוואוסטזיין; דער בעוואוסטזיין פון די חושים. אויסטײַטשען איהם נעהנטער קאָן מען ניט, ווייל מיט זיין מהות זענען מיר בעקאַנט נאָר פון דער אינווענינסטער ערפאַהרונג.

זעהן דעם באַרג און דעם בוים און די פאַרבען הייסט דעריבער: „עס פלאַמט אויף אין מאַרך אַ בעוואוסטזיין, אַ „געוואַהרווערונג“ פון אַ באַרג, אַ בוים אין געוויסע פאַרבען“. אין די אַלע זאַכען, וואָס מיר „זעהען“, איז ניטאָ קיין איין ברעקעל „גשמיות“ פון יענער מאַטעריע, וואָס פון איהר בעשטעהען די זאַכען אין דער דרויסענדיגער וועלט. דאָס „געזעהענע“ איז, לויט זייער אינווענינגסטען תוך, ניט מעהר ווי בעוואוסטזיין, דורך און דורך בעוואוסטזיין.

דאָס ווערט אונז נאָך קלאָרער, ווען מיר טראַכטען זיך ווייטער אריין אין דעם מאַטעריאַליסטישען ערקענטניס־פּראָצעס.

וואָס קומט פאָר אין מאַרך, בעת עס פלאַמט אויף דער זינליכער בעוואוסטזיין? דאָס איז דערווייל אַ סוד, אין וועלכען קיין מענשליך אויג איז ניט אריינגעדרונגען. אָבער מיר האָבען דאָך דעם מאַטעריאַליסטישען שליסעל אין די הענד. מיר ווייסען שוין איצטער אין פּרינציפּ, וואָס די פאָרשונג מוז ווען עס איז ארויסברענגען על פּי דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע: אין דעם מאַרך מוז דערביי פאָרקומען אַ געוויסע אַרט בעוועגונג פון אַטאָמען. אויב מען וואָלט געקאָנט אַנשטעלען אַ שפּאַקטיווע אויפ׳ן מאַרך, בעת אין איהם פלאַמט אויף דאָס זינליכע בעוואוסטזיין פון דעם באַרג, — אַ שפּאַקטיווע, וואָס זאָל פערגרעסערען דעם פּראָצעס ביז צו דער נויטווענדיגער מדרגה פון קלאָרקייט, — וואָלטען מיר יעמאָלט אפשר דערזעהן, ווי די גאַנץ קיילעכדיגע וועלט־אַטאָמען בעוועגען און דרעהען זיך איינער ארום דעם אנדערן און ארום דעם אייגענעם צענטר. מיר קאָנען לכתחילה זיין זיכער, אַז דאָרטען קאָן ניט פאָרקומען קיין איין בעוועגונגס־אַרט, וועלכע מיר זאָלען ניט קאָנען צוריקפיהרען צו די אונז בעקאַנטע מעכאַנישע בעוועגונגען. אַ שוואַכען בילד פון זיי קאָן אונז געבען דאָס שפּיעל פון די שטויבעלעך אין אַ זונען־שטראַהל, אָדער פון די קליינע זומער־פליגעלעך אין דער לופט. ווייל מען נאָך קלאָרער

אויסמאָלען דאָס בילד פאַר די אויגען, קאָן מען דאָס אין דעם דמיון פערגרעסערן אזוי, אַז יעדער אַטאָם זאָל אויסזעהן, ווי אַ ביליאַרד־קוגעל. אין דעם תוך פון דעם פּראָצעס וועט דאָס אַ ברעקעל ניט ענדערן, נאָר די אַרט בעוועגונג, וואָס די אַטאָמען קאָנען דערביי אויספיהרען, וואָלט אַרויסגעטראָטען שאַרפער, און נאָך בולט'ער וואָלט זיך געזעהן דער לעדיגער חלל פון דעם וועלטען־רוים צווישען די אַטאָמען. — על כל פנים איז דאָס אַ גאַנץ אַנדער בעוועגונג, איידער די, וואָס איז געווען אין די נערווען־פעדימער. דאָס איז ווידער אַ נייע שפּראַך, און לאָמיר זי אַ נאָמען געבען : די מאָרך־בעוועגונג.

דאָס העל ווערען פון דעם באַרג אין דעם זינליכען בעוואוסט־זיין איז דער לעצטער עטאַפּ אין דעם פּראָצעס פון זעהן, וואָס אינטערעסירט אונז. אויף דעם זעלביגען אופן קאָנען מיר אויך דורכנעהמען דעם פּראָצעס פון הערען, טאַפּען, פיהלען אַ טעם און שמעקען, — קורץ, פון אַלע חושים, וואָס ברענגען דעם מאַטעריאַל פון דער דרויסען־וועלט פאַר דעם זינליכען בעוואוסטזיין.

דאָס הערען אַ קלאַנג אָדער אַ גערויש איז אויפגעבויט אויף אַ מעכאַנישער בעוועגונג אין דער דרויסען־וועלט. דאָס מאָל זענען דאָס ניט עטיר־וואַלען, וואָס קלאַפּען אוים די דעפּעש אין אונזער אויער, נאָר די וואַלען פון דער אַטמאָספערישער לופט. די איבער דרייסיג טויזענד נערווען־פעדימער פון די געהער־נערווען כאַפּען אויף דאָס קלאַפּען פון די לופט־וואַלען, אין וועלכע עס איז ניטאָ קיין ברעקעל קלאַנג אָדער גערויש, זעצען עס איבער אין די נעירישע בעוועגונג, ברענגען עס צו דעם געהער־בערגעלע פונ'ם מאָרך, דאָרטען ווערט עס פערוואַנדעלט אין אַ מאָרך־בעוועגונג און בעת זי קומט פאָר, ווערט אויפגעפלאַמט אַ בעוואוסטע עמפּפינ־דונג, אַ הערען.

מיט דעם טאַפּען איז די אייגענע זאַך. אַז איך ריהר אָן אַ גלאַטען, האַרטען, קאַלטען געגענשטאַנד, ווערען אין מיינע טאַפּ־נערווען אַרויסגערופען נעירישע בעוועגונגען, וואָס זענען אין זיך ניט האַרט און ניט ווייך, ניט גלאַט און ניט רויה, ניט קאַלט און ניט וואַרעם. אין די טאַפּ־צענטרען פון מאָרך דערוועקען זיך מאָרך־בעוועגונגען, פאַר „האַרט“ אין איין פאָרם, פאַר „קאַלט“ אין אַ

צווייטער, פאר גלאַט אין אַ דריטער און באותו רגע צינדען זיך אָן אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין די טאַפּ־עמפּפינדונגען.

נעהם איך אַ שטיקעל צוקער אויפ׳ן שפּיץ צונג, ווערט דער זיסער טעם אויף דעם זעלביגען אופן טראַנספּאָרטירט צו דעם זינליכען בעוואוסטזיין. דאָס „זיס" פערשווינדט לגמרי אין די נערישע בעוועגונגען פון די געשמאַק־נערוועז, עס ווערט איבער־געזעצט אין אַן אַנדער שפּראַך. די מאַרך־בעוועגונג פערוואַנדעלט די ווירקונגען פון די נערוועז־פעדימער אין איהר לשון און עס פלאַמט אויף די בעוואוסטע עמפּפינדונג: איך פיהל דעם טעם פון זיס. — גאַנץ אויף דעם איינענעם שטייגער שפּיעלט זיך אָפּ דער פּראָצעס פון שמעקען אַ וועלכען עס איז ריח.

אַט די אַלע עמפּפינדונגען זענען, לויט זייער תוך, פון דער זעלביגער אַרט. שפּירען אָדער עמפּפינדען עפּעס איז דעריבער ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „עס פלאַמט אויף אין בעוואוסטזיין אַ געוואָהר־ווערונג פון אַ בעשטימטער אייגענשאַפט" און די אייגענ־שאַפט נופא איז דורך־און־דורך בעוואוסטזיין. דער פּראָצעס פון שפּירען און דער רעזולטאַט פון שפּירען — די בעשטימטע עמפּפינ־דונג פון „גרין", „זיס", „קאַלט" און אַזוי ווייטער — ווערען בע־שאַפען און שפּיעלען זיך אָב ניט אין דער דרויסענדיגער וועלט, נאָר ביי מיר אין קאָפּ, ביי מיר אין מאַרך.

צו דעם בילד פון דעם ערקענטניס־פּראָצעס, וואָס מיר האָבען איצטער פאר אונז, מוזען מיר נאָך צוגעבען אַ פּאָר שטריכען, און די גאַנצע סכעמע וועט זיין פאַרטיג. בעת אין מאַרך פלאַמט אויף דאָס זינליכע בעוואוסטזיין, ווערט דאָרטען דאָס רוב און אפשר אַלע מאָל געבאָרען אויך דאָס בעוואוסטזיין פון אַן „איך". „איך" זעה דעם באַרג, הער דעם קלאַנג, פיהל דעם טעם, שמעק דעם ריח. און איך שפּיר די דאָזיגע עמפּפינדונגען, אַקוראַט ווי זיי וואָלטען זיין ניט אין דעם מאַרך, ניט אין מיין קאָפּ, נאָר דרויסען, דאָרטען, וואו עס ליעגט, אָדער וואו דער מאַרך רעכענט, אַז עס ליעגט, די מאַטעריעלע אורזאַך, וואָס האָט זיי אַרויסגערופען.

דעם באַרג זעה איך פופציג קלאַפטער ווייט פון מיין קאָפּ. אַ שטערען אין הימעל, וואָס איז ווייט פון אונז אַזוי, אַז זיינע ליכט־שטראַהלען קאָנען צו אונז דערגרייכען אין אַ צוויי מיליאָן

יאָהר, — די אַסטראָנאָמיע פערזיכערט אונז, אַז עס זענען דאָ אַזעלכע שטערען, — ווערט פון אונז געזעהן דאָרטען אויבען אין הימעל, פון וואַנען ער האָט אונז געשיקט זיינע שטראַהלען, ווען אפילו ער איז שוין אפשר לאַנג אויסגעלאָשען געוואָרען, אָדער ער האָט פערלאָזען זיין פּלאַץ אין דעם וועלטען־רוים. אויב ער איז צופּלאַצט און פונאַנדערגעפאַלען געוואָרען, וועלען מיר דאָס ערשט זעהן אין צוויי מיליאָן יאָהר אַרום, אָבער זעהן וועלען מיר עס דרויסען פון אונזער קאָפּ, אין דעם וויַיטען וועלטען־רוים, גראָד אויפ׳ן אָרט, וואו דאָס האָט פּאַסירט — מיט צוויי מיליאָן יאָהר צוריק.

דאָס אייגענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע עמפּפינדונגען.

אָט די לעצטע אייגענשאַפט רופט מען אָן די **לאָקאַליזאַציע** פון דער עמפּפינדונג, איהר אַריינזעצען אין דעם וועלטען־רוים. און ניט ביי אַלע עמפּפינדונגען קומט די לאָקאַליזאַציע אַרויס גענוי און פּינקטליך. דאָס איז איבערהויפּט זעהר אַ שווערער און פערוויקעלטער ענין אין דער פיזיאָלאָגישער פּסיכאָלאָגיע; פערשיידענע טעאָריען דערקלעהרען זי אויף אַ פערשיידענעם אופן. אָבער דער פאַקט אַליין קאָן פון דער מאַטעריאַליסטישער פּסיכאָלאָגיע ניט אָבגעלייקענט ווערען. וואָלט ניט געווען אָט דער פּראָצעס פון לאָקאַליזאַציע, פון אַרויסוואַרפען „אונזערע" אינווענינגסטע עמפּפינדונגען אין דרויסען, וואָלטען מיר איבערהויפּט ניט געהאַט קיין השגה פון אַ דרויסענדיגער וועלט, ווייל אַלע עמפּפינדונגען וואָלטען מיר יעמאָלט געשפּירט נאָר אין אונזער אייגענעם קאָפּ.

איצטער האָבען מיר אונז אָבגעגעבען אַ קלאָרען דין וחשבון וועגען די רעזולטאַטען, וואָס מיר האָבען געפונען אויף דעם וועג.

אין קורצען זאָגט אונז אונזער ערקענטניס־טעאָרעטישע סכעמע אַזוי: איידער עס קאָן ווערען בעוואוסטע ערקענטניס, מוז די דרויסענדיגע וועלט מיט אַלע איהרע ליכטער און שאָטענס, מיט אַלע איהרע פאַרבען, קלאַנגען, וואַרעמקייטען און גערוכען זיך אַריינוואַרפען און דערטרינקען אין אַ ים פון פערשיידענאַרטיגע בעוועגונגען: עפיר־און לופט־בעוועגונגען דרויסען פון דעם ערקענענדען קערפּער, כעמישע, נערווישע און מאַרך־בעוועגונגען אינווענינג, אין דעם מענשענ׳ס קאָפּ. אין דעם דאָזיגען ים צוגעהט

זי, די וועלט, און פערשווינדט אין גאַנצען, אָהן א זכר. ערשט צו דעם סוף פּראָצעס, בעת די אַטאָמען אין מאַרך טאַנצען אויס דעם לעצטען טאַנץ, שווימט זי ווידער אַרויף אין בעוואוסט־זיין, אין איהר גאַנצער פרישקייט, מיט אַלע איהרע פאַרבען און קלאַנגען און גערוכען.

בכן קאָנען מיר נאָך פּינקטליכער פאָרמולירען דעם גרונד־זאַץ פון דער אונז אינטערעסירענדער ערקענטניס־טעאָריע. „זאַכען פון דער וועלט ווערען דערקענט" איז דער טייטש: „עס ווערען אין בעוואוסטזיין בעשאַפען „בילדער" פון זאַכען און די דאָזיגע בילדער ווערען אַריינגעזעצט אין דעם רוים דאָרטען, וואו די דערקענטניס רעכענט, אַז די זאַכען דאַרפען זיך געפינען".

אויף אַזאַ'ן אופן איז די איין־איינציגע וועלט דאָ פאַנאַנדער־געשפּאָלטען געוואָרען אין צוויי „וועלטען", צווישען וועלכע עס ליעגט דער ים פון די בעוועגונגען. די ערשטע פון „יענער" זייט ים, די אַנדערע פון „דער" זייט. אויב מיר ווילען די ערשטע אָנרופען די ווירקליכע וועלט, קאָן מען די צווייטע אָנרופען — די „אָבגעשפּיגעלטע" אין מאַרך. זענען די צוויי וועלטען אין אַלע פונקטען גלייך? אין וואָס געהען זיי זיך צונויף און אין וואָס געהען זיי זיך אפשר פאַנאַנדער?

אין די „אָבגעשפּיגעלטע" וועלט, ד. ה. די געזעהענע, גע־הערטע, געפיהלטע, — די „בילדער"־וועלט, — אין אַלע איהרע טיילען גלייך צו דער אמת'ער וועלט, דער „ווירקליכער", צו דער, וואָס איז „פון יענער זייט ים"? פילאָסאָפיש אויסגעדריקט: איז דער „אָביעקט", — די „זאַך" אין דער ווירקליכער וועלט, — גלייך צו דעם „בילד" פון איהר, וואָס ווערט בעשאַפען אין דעם דערקע־נענדען „סוביעקט"?

קודם כל מוז מען אַרויסטרייבען דעם לעצטען ספק, אַז די מאַטעריאַליסטישע ערקענטניס־טעאָריע גיט אונז צוויי וועל־טען, און ניט איינע.

פון א געוויסען פּראַקטישען שטאַנדפּונקט קאָן מען גאַנץ גוט זאָגען, אַז דער באַרג, וואָס דרויסען, און דער באַרג, וואָס אין קאָפּ, איז איין־און־דערזעלביגער באַרג; ווי מען קאָן אויך זאָגען, אַז דער שטוהל, וועלכען איך זעה פאַר מיינע אויגען אין שפּיגעל, און

דער ווירקליכער שטוהל אין צימער, וואָס שטעהט הינטער מיר, איז איין און דערזעלביגער שטוהל. דאָס וויל בעטייטען, אז נאָר דער שטוהל, וואָס איז אין צימער, איז אַ ווירקליכער שטוהל, דער צבגעשפיגעלטער אָבער איז ניט מעהר ווי אַ דמיון און איז בעצם גאָר ניטאָ. מיט אַ געוויסען רעכט קאָן איך אויך זאָגען, אז מיין פריינד און דאָס פאָטאָגראַפישע בילד פון מיין פריינד זענען „איין־און־דיזעלביגע זאַך". ווען איך האַלט דאָס פאָטאָגראַפישע בילד אין די הענד, וועט גאָר ניט זיין קיין אונזין פון מיר, אויב איך וועל זאָגען, אז „דאָס" איז מיין פריינד, ווייל איך מיין מיט דעם וואָרט : „דאָס" — „עפּעס, וואָס איז זעהר עהנליך צו יענער זאַך, וועלכע איך האָב אין זין", און יענע זאַך איז איין־איינציגע : מיין ווירקליכער פריינד, און ניט דער שטיקעל קאַרטאָן.

אָבער אין דעם פּראָצעס פון דער ערקענטניס טאָרען מיר אזא פעהלער ניט מאַכען. דאָ מוזען מיר מיט אַלע כחות האַלטען אין געדאַנק, אז דער קאַרטאָנענער פּאָרטרעט איז ניט דער ווירקליכער פריינד, דער אָבגעשפּיגעלטער שטוהל ניט דער שטוהל, וואָס אין צימער, און דער באַרג אין „בעוואוסטזיין" ניט דער באַרג, וואָס דרויסען, ווייל צווישען די צוויי בערג ליעגט אַ מהלך פון פופציג קלאַפטער און אַ גאַנצער ים פון בעוועגונגען. נאָך קלאָרער ווערט דאָס, ווען מיר דערמאָהנען זיך אָן דעם ווייטען־ווייטען שטערען, וועמעס ליכט מיר זעהען נאָך, בעת ער איז אין דער ווירקליכקייט אפשר שוין לאַנג פערשוואונדען. דער ווירקליכער שטערען, וואָס אין דער וועלט, און דער „אָבגעשפּיגעלטער" וואָס אין אונזער מוֹח, זענען אָבגעשיידט איינע פון די אַנדערע ניט נאָר מיט אַ מהלך פון בילי־ביליאָנען מיילען, נאָר אויך מיט אַ צווישענשייד פון אַ פּאָר מיליאָן יאָהרען. בעת ער האָט צום ערשטען מאָל אַרויסגעשיקט זיינע ליכט־שטראַהלען, האָט ער אין מיין בעוואוסטזיין בשום אופן ניט געקאָנט עקזיסטירען. דאָ איז ער געבאָרען געוואָרען ערשט מיט אַ פּאָר מיליאָנען יאָהרען שפּעטער. און ווען איך זאָג, אז איך זעה איצטער יענעם שטערען פון אַ מאָל־אַ מאָל, בעטייט דאָס אייגענטליך, אז איך שטעה איצטער אונטער דער ווירקונג פון יענע עפיר־בעוועגונגען, וועלכע דער שטערן האָט אַרויסגעשיקט, — ווירקונגען, וואָס רופען אַרויס אין מיין מוֹח

זיין „אָבשפּיעגלונג“, אָדער זיין בילד. און זיין בילד איז ניט ער.

אָבער ניט נאָר מיט דעם איז דערווירקליכער באַרג פערשיידען פון דעם אָבגעשפּיגעלטען, וואָס צווישען די צוויי ליעגט אַ מהלך אין דעם רוים און אין דער צייט. ס'איז דאָ נאָך אַ וויכטיגערע נפקא מיניה צווישען זיי. דער ווירקליכער באַרג פערנעהמט, לאָמיר זאָגען, אַ האַלבען מייל, אויך דער אָבגעשפּיגעלטער האָט אַ פערנעהם פון אַ האַלבען מייל. אָבער בעת דער ווירקליכער באַרג פערנעהמט אַ פּלאַץ פון אַ האַלבען מייל אין דעם לעדיגען וועלט־רוים, פערנעהמט דער אָבגעשפּיגעלטער רוים אַ פּלאַץ פון אַ האַלבען מייל אין דעם בעוואוסטזיין. אַזוי אָבער ווי מיין בעוואוסטזיין געפינט זיך אין דעם קאָפּ, און דער קאָפּ פערנעהמט העכסטענס עטליכע קובישע דעצימעטער, מוז לכל הפחות דער איבעריגער חלק פון דעם געזעהענעם האַלבען מייל זיין אַ צוגעטראַכטער, אַ דמיון פון מיילען, ווי די טיעף, וואָס מיר זעהען אין שפּיגעל. מיט אַנדערע ווערטער: דער פערנעהם פון דעם „אָבגעשפּיגעלטען“ באַרג, פון זיין בילד אין בעוואוסטזיין, ווי גרויס ער זאָל ניט זיין, פערנעהמט ניט קיין איין ברעקעל פּלאַץ אין דעם ווירקליכען וועלטען־רוים. ער איז ריין פּסיכיש, „רוחניות'דיג“, ווי יענער רוים, וועלכען מיר זעהען אין חלום. און זואָס עס איז אמת מיט זיין פערנעהם, איז אמת אויך מיט זיין צדינער פאָרם און מיט אַלע אייגענשאַפטען, וואָס מיר געפינען אין איהם. זיי אַלע זענען אין בעוואוסטזיין פּסיכיש. און וואָס עס איז אמת וועגען דעם באַרג, איז אמת וועגען דער גאַנצער וועלט. די גאַנצע וועלט, מיט איהר רוים און מיט איהרע פאַרבען און מיט איהרע קלאַנגען איז געבליעבען פון יענער זייט ים. די וועלט און דער רוים און די פאַרבען, וואָס מיר זעהען, בעזיצען קיין ברעקעל פּלאַץ ניט אין דעם ווירקליכען וועלטען־רוים, ווען מען זאָל דערווייל ניט רעכענען יענעם שטיקעלע וועלטען־רוים, וואָס ווערט פערנומען פון אונזער קאָפּ, וואו די מאַרך־אַטאָמען טאַנצען זייער פרעהליכען ערקענטניס־טאַנץ. ממילא איז די גרויסע, אונענדליך אויסגעשפּרייטע וועלט, וואָס מיר זעהען בחוש, אַקוראַט אַזוי פּסיכיש, „רוחניות'דיג“, ווי די וועלט אין אַ חלום; עס איז נאָר דאָ איין אונטערשייד צווישען חלום און וואָהר.

דער „וואָהר" איז אַ גייסטיגער בילד פון אמת׳ע, ווירקליכע אָבער „טראַנס־אָקזעגישע" פּראָצעסען, בעת דער חלום כאַפּט אויף ביל־דער פון בילדלעך און פערבינדט זיי אויף אַ פאַנטאַסטישען אופן.

דער רעזולטאַט, צו וועלכען מיר זענען נאָר וואָס געקומען, קלינגט — און איז — זעהר אידעאַליסטיש : די גאַנצע געזעהענע וועלט איז גיט מעהר ווי „אידעען", בילדער, פאָרשטעלונגען אין אונז. אָבער מיינט ניט, אַז דער מאַטעריאַליזם שטימט מיט דעם ניט איין, אָדער אַז ער ווערט פון דעם נתפּעל. אַ ברעקעל ניט!

אַז די גאַנצע וועלט, וואָס מיר זעהען בחוש, איז ניט מעהר ווי אַ פּסיכישע וועלט, דאָס לייקענט בשום אופן ניט דער מאַ־טעריאַליזם. אדרבה! ער פאָדערט, מען זאָל דאָס האָבען שטענ־דיג אין אויג, ווייל גראַד דאָ אויף דעם באָדען פון דער צווייטער, אָבגעשפּיגעלטער פּ ס י כ י ש ע ר וועלט, וויל ער בעווייזען זיין גבורה. ערשטענס בינדט ער צונויף אָט די גאַנצע גרויסע, גע־זעהענע און געפיהלטע וועלט מיט אַ קליין פּיצעלע מארך־סוב־סטאַנץ, און זאָגט, אַז דאָס ביסעלע מארך־סובסטאַנץ איז דער אמת׳ער תמצית פון יענער געזעהענער, ד. ה. אָבגעשפּיגעלטער וועלט, און צווייטענס ברענגט ער דערפון אַרוים די ראיה, אַז זי, די וועלט, וואָס מיר זעהען בחוש, קאָן ניט זיין די ווירקליכע וועלט, אַז אויב מיר ווילען וויסען דעם אבסאָלוטען אמת וועגען איהר, מוזען מיר מיט׳ן שכל אַרויסדעסטילירען פון דער בילדער־וועלט איהר ריכטיגען תוך.

וועגען דער ערשטער גבורה זיינער וועלען מיר נאָך רעדען שפּעטער. דאָ האָבען מיר צו טהאָן דערווייל מיט דער קאָררעק־טור, וואָס דער מאַטעריאַליזם טראָגט אריין אין אונזער ערקענטניס פון ד׳ער וועלט. מיר קענען זי שוין, די קאָררעקטור. די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבען דאָ פערבראַכט אויף דאָס שטודיום פון דעם ערקענטניס־פּראָצעס, האָבען מיר אַלץ אָנגענומען, אַז עס איז דאָ אַ ליכטיגע וועלט פון פאַרבען און קלאַנגען, אַז זי איז געבליבען פון יענער זייט אויג און אויער און אַז אין דעם זינליכען בעוואוסט־זיין איז אויפגעשטאַנען אַ ריכטיגער בילד פון איהר. אָט די ריכ־טגקייט פון דעם בילד בעשטרייט דער מאַטעריאַליזם. אין דער וועלט „מעבר לים" זענען ניטאָ קיין פאַרבען, ניט קיין טענער.

זי בעשטעהט נאָר פון לעדיגען רוים און זיך בעוועגענדע אַטאָמען. קאָן עס זיין ליכטיג אין יענער וועלט? ניין, ליכט איז נאָר אַ פּסיכישע געגענווירקונג פון דעם זעה־צענטער אויף די עפיר־וועלען. וואָס האָבען קיין ברעקעל ליכט ניט אין זיך. איז יענע וועלט קאַלט אָדער וואַרעם? האַרט אָדער ווייך? ניין, ניין און ניין! זי האָט אין זיך קיין ברעקעל קוואַליטעט ניט פון דעם, וואָס ווערט געבוירען אין אונזערע נערוועז און אין אונזער מאַרך.

פּערגעסען מיר ניט דעם גרונד־געדאַנק פון דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם: אין דער ווירקליכער וועלט זענען ניטאָ קיין קוואַליטעטען (איכות'ען). עס זענען דאָ נאָר קוואַנטיטעטען (כמות'ען): אַ בעשטימטע צאָהל פון מאַטעריעלע אַטאָמען, וואָס פיהרען אויס בעשטימטע אַרטען פון בעוועגונגען אין דעם אַבסאָלוט־לעדיגען רוים. פאַרבען, טענער, גערוכען, געשמאַקען און אַלע אַנדער קוואַליטאַטיווע אייגענשאַפטען, וואָס מיר מיינען, אַז מיר זעהען זיי, אָדער שפּירען זיי אין דער מאַטעריע, זענען בעצם אין איהר ניטאָ: זיי ווערען געבוירען און עקזיסטירען נאָר אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין.

אָט די קאַראַקטער ציהט מיט זיך נאָך איינע. אויב דער בארג, וואָס געפינט זיך אין דער ווירקליכקייט, איז גאָר ניט קיין גרינער באַרג, נאָר אַ הויפען פון זיך בעוועגענדע אַטאָמען, וואָס שטעהען אין אַ דירעקטען צוזאַמענבונד מיט די אַטאָמען פון די עפיר־בעוועגונגען, האָט יעמאָלט קיין זין ניט צו רעדען וועגען אַ וועלט „מעבר לים“ און אַ ים פון בעוועגונגען, וואָס זאָלען ליעגען צווישען דעם ווירקליכען באַרג און זיין אָבשפּיעגלונג. ער און אַלע מאַטעריעלע בעוועגונגען, אויך די פון אונזער מאַרך און אונזערע נערוועז, זענען איין איינציגער ים, — איין גרויסע, פינסטערע, שטומע מאַטעריעלע מאַסע, וואָס בעוועגט זיך אין אַלע איהרע טיילען, לויט אייביגע נויטווענדיגע מעכאַנישע געזעצען. אָט די שטומע פינסטערע מאַסע איז די אמת'ע וועלט, ווי דער שכל רעקאָנסטרוירט זי אַרויס פון דעם ליכטיגען בעוואוסטזיין. נאָר וואו ניט וואו, אין דער פינסטערער מאַסע, דאָרטען, וואו די אַטאָמען גרופּירען זיך צונויף אין נערוועז און מאַרך־שטאָף, — ריכטיגער נאָר אין דעם מאַרך־שטאָף, — קומט פאָר עפּעס אַזוינס,

וואָס רופט זיך אָן בעוואוסטזיין, וואָס שטעלט זיך פאָר ליכטיגע וועלטען, וועלכע האָבען אָבער באמת קיין ברעקעל ממשות ניט. ווירקליך איז די פינסטערע, שטומע, זיך שטענדיג טרייסלענדע, זיך שטענדיג בעוועגענדע מאַטעריעלע מאַסע. דאָס איז דער אַבסאָלוטער אמת פון דער וועלט.

לאָמיר איצטער אַ פרעג טהאָן: איז דער מאַטעריאַליסטישער אבסאָלוטער אמת וועגען דער וועלט און די וועלט גופא, — איז די פאָרשטעלונג וועגען דער פינסטערער שטומער מאַסע און די דאָזיגע פינסטערע שטומע מאַטעריעלע מאַסע גופא איין־און־דיזעלביגע זאַך? עס פערשטעהט זיך, אַז יעדער דענקענדער מאַטעריאַליסט וועט אייך ענטפערען, אַז ניין. דער אַבסאָלוטער אמת איז אַ געדאַנק. אַ געדאַנק איז אָבער אַ טייל פון דעם בעוואוסטזיין, אַ טייל פון דעם פסיכישען געשעהען אין דעם מארך. און אַז מיר וועלען ווייטער פרעגען: איז דער מארך, ווי ער איז אין קאָפּ, און די פאָרשטעלונג וועגען דעם מארך, ווי זי איז אין דעם מארך גופא, איין־און־דיזעלביגע זאַך? וועט אייך ווידער דער עהרליכער און קלאָר דענקענדער מאַטעריאַליסט ענטפערן, אַז ניין. דער ווירקליכער מארך איז אַ טייל פון דער פינסטערער, שטומער וועלט־מאַסע. דער מארך וואָס מיר זעהען און שטודירען אין דער אַנאַטאָמיע, דער, וועגען וועלכען מיר דענקען, איז אַ טייל פון דעם ליכטיגען פסיכישען בעוואוסטזיין.

הייסט עס, וועט איהר ווייטער פרעגען, אַז דער מאַטעריאַליסטישער אמת איז אויך ניט מעהר ווי אַ געדאַנקען־וועלט? און די וועלט־מאַטעריע איז ניט מעהר, ווי אַ פסיכישער אקט, וואָס פערנעהמט ניט קיין איין ברעקעל פלאַץ אין דעם וועלטען־רוים? און דער לעדיגער וועלטען־רוים אַליין איז אויך ניט מעהר, ווי אַ פסיכישער אקט פון דעם בעוואוסטזיין? היינט וואו איז די נפקא מיניה צווישען דעם מאַטעריאַליזם און זיין געגנער, דעם אידעאַליזם? ניט דאָ דער מאַטעריאַליזם ניט אַלץ אוועק דעם געגנער מיט די אייגענע הענד? וואָס לאָזט ער זיך?

די נפקא מיניה צווישען אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם הענגט פסיכאָלאָגיש אויף איין האָר, אָבער ערקענטניס־טעאָרעטיש און פילאָסאָפיש איז די האָר — אַ גאַנצער תהום, און דער

מאַטעריאַליזם לאָזט די האָר ניט אַרויס פון דער האַנד. געוויס מוז דער מאַטעריאַליזם צוגעבען, אַז דער אַבסאָלוטער מאַטעריאַליסטישער אמת, די וועלט־מאַטעריע און דער וועלטען־רוים, זענען אין בעוואוסטזיין ניט מעהר, ווי געדאַנקען, ווי פּסיכישע אַקטען. אָבער ער איז איבערצייגט, ווייל ד אָ ס פּ אָ ד ע ר ט ד ע ר ש כ ל, אַז אַ חוץ דעם איז דרויסען פון „מיין“ בעוואוסטזיין דאָ אַ וועלט, אַז זי איז אַן אויסגעשפּרייטע און אַ מאַטעריעלע, — אַ פינסטערע און שטומע מאַסע פון אַטאָמען, וואָס בעוועגען זיך און רופען אין מיין מאַרך אַרויס אַ פּסיכישע פאָרשטעלונג פון דעם וועלט־געשעהען. דאָס עמפּפינדען די וועלט און די געדאַנקען וועגען איהר, — אַפילו די אַבסאָלוט־דיכטיגע, — זענען ריין פּסיכיש, אָבער די אורזאַכען, וואָס רופען אַרויס אָט די עמפּפינדונגען און געדאַנקען זענען מאַטעריעל.

די גאַנצע וועלט, וואָס איך זעה, געפינט זיך אין מיין קאָפּ און פון דעסטוועגען געפינט זיך מיין קאָפּ אין דער וועלט. ער איז אַ טייל פון דעם גרויסען וועלטליכען אַטאָמען־פּראָצעס, אָבער אין דעם טייל שפּיעלט זיך אָב דער פּסיכישער פּראָצעס פון זעהן און דענקען אַ וועלט.

אין אונזער בעוואוסטזיין איז דאָס „זעהן אַ וועלט“ איין איינציגער אַקט. אין דער אמת'ען אָבער בעשטעהט ער פון אַ מאַסע פּראָצעסען.

דער איין־איינציגער בוים, וואָס איך זעה אין איין מאָל, ווידערהאָלט זיך אין דער ערקענטניס לכל הפחות ז ע ק ס מאָל.

ער איז, ע ר ש ט ע נ ס, אַ גרופּע פון ווירקליכע אַטאָמען אין דער ווירקליכער וועלט, אַ פופציג קלאַפטער ווייט פון מיין אויג.

ער איז, צ ו ו י י ט ע נ ס, אַ גרופּע פון עפיר־כוועלען, וואָס בעוועגען זיך און שטויסען זיך אָן אָן מיין אויג.

ער איז, ד ר י ט ע נ ס, אַ גרופּע פון אַנדערע אַטאָמען, וואָס פיהרען אויס דעם נעירישען פּראָצעס.

ער איז, פ ע ר ט ע נ ס, די גרופּע אַטאָמען אין דעם מאַרך־פּראָצעס.

ער איז, פ י נ פ ט ע נ ס. דער „אָבגעשפּיגעלטער“ געזעהענער בוים אין מיין קאָפּ.

און ער איז, זעקסטענס, די ריכטיגע פאָרשטעלונג, אַז ער איז ניט מעהר ווי אַ גרופּע פון אַטאָמען, פּופּציג קלאַפטער ווייט פון מיין אויג. אַט דאָס בעטייט די האָר, וועלבע דער מאַטעריאַליסט לאָזט ניט ארויס פון האַנד.

אין דער צווייטער פאָרלעזונג וועלען מיר זעהן, אויף וואָס די האָר" האַלט זיך און ווי שטאַרק איז איהר קראַפט.

צוויי פאַרלעזונגען וועגען דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם

צווייטע פאַרלעזונג

די קריטיק פון דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם.

חברים און פריינד!

מיין ערשטע פאַרלעזונג האָט זיך בעשעפטיגט מיט דעם נאַטור־פילאָסאָפישען און ערקענטניס־טעאָרעטישען מאַטעריאַליזם.

איך וויים גאַנץ גוט, אַז דער מאַטעריאַליזם בעגרעניצט זיך ניט מיט יענע צוויי פעלדער פון דעם מענשליכען פאָרשען. מיר האָבען נאָך דערצו אַ פסיכאָלאָגישען מאַטעריאַליזם, וואָס לערנט, אַז די אַזוי אָנגערופענע נשמה איז ניט מעהר, ווי אַ פונקציע פון דעם גוף, — אַן עטישען און אַ געשיכטס־פילאָסאָפישען, און פיעלע גלויבען, אַז די אַלע אַרטען מאַטעריאַליסטישע פילאָסאָפיע זענען אַזוי ענג צונויפגעבונדען אין איינעם אין איין סיסטעם, אַז קוים שלעפּט איהר אַרויס פון דעם סיסטעם איין טהייל זיינעם, אַזוי מוז דער גאַנצער בנין לאָגיש פאַנאַנדערפאַלען.

דערהויפּט האַלטען זיך פאַר דעם דאָזיגען געדאַנק די פילאָסאָפישע מאַרקסיסטען, וועלכע זענען זעהר אונצופריעדען, ווען זיי בעגעגענען זיך מיט דענקער, וואָס האַלטען פון דעם געשיכטס־פילאָסאָפישען, אָדער דעם אַזוי אָנגערופענעם „עקאָנאָמישען“ מאַטעריאַליזם, און ווילען גאָר נישט ניט וויסען פון דעם נאַטור־פילאָסאָפישען, ערקענטניס־טעאָרעטישען אָדער דעם עטישען מאַטעריאַליזם. פון דעם לעצטערען, לאָזט מיך, אגב אורחא, אייך זאָגען, האָט אויך קאַרל מאַרקס גאָר נישט ניט געהאַלטען.

ווי אַ גענגער פון דעם מאַטעריאַליזם בכלל, אין אַלע זיינע צווייגען, וואָלט פאַר מיר זעהר געפּאַסט, אז דער דאָזיגער געדאַנק פון די פילאָסאָפישע מאַרקסיסטען וועגען דער ענגער אויסגע־בונדענקייט פון אַלע זיינע טהיילען וואָלט געוועזען דער ריינסטער אמת. ווי לייכט וואָלט מען יעמאָלט געקאָנט פאַרטיג ווערען מיט דעם גאַנצען סיסטעם, — אויך מיט דער גאַנצער מאַרקסיסטישער געשיכטס־פילאָסאָפיע! מען דאַרף נאָר צושטערען דעם נאַטור־פילאָסאָפישען פונדאַמענט — און דער שטאָלצער טעמפּעל צו־פאַלט אין שטויב.

דער אמת מוז אָבער אַרויסגעזאָגט ווערען, אז אַזאַ גאַנצקייט, אַזאַ אָרגאַנישע צונויפגעוואַקסענקייט פון זיינע טיילען איז אין דעם מאַטעריאַליסטישען סיסטעם ניטאָ. די כלומרשט'דיגע צו־נויפגעגאָסענקייט פון אַלע מאַטעריאַליסטישע געדאַנקען אין איין־איינציגע וועלט־און־לעבענס־אַנשויאונג, איז, אגב, — ווי יעדער פילאָסאָפישער סיסטעם, — ניט מעהר ווי אַ היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג אין די איינצעלנע קעפּ פון די איינצעלנע דענקער. מען קאָן גאַנץ גוט לאָגיש פאַנאַנדערנעהמען די איינצעלנע טיילען פון דעם מאַטעריאַליסטישען געביי, און יעדער טייל לאָזט זיך פון זיין זייט גאַנץ גוט לאָגיש צונויפבינדען מיט אַנדערע, ניט מאַ־טעריאַליסטישע טיילען צו איין־איינציגען וועלטען־בילד.

דער בעריהמטער מאַטעריאַליסט ביוכנער, צ. ב., האָט אויף דעם גרונד פון אַ נאַטור־פילאָסאָפישען, ערקענטניס־טעאָרעטישען און פּסיכאָלאָגישען מאַטעריאַליזם אויפגעבויט אַן עטישען און געשיכטס־פילאָסאָפישען אידעאַליזם. און אויב איהר וועט ניט וועלען זיך לאָזען ברענגען אַ ראיה פון ביוכנער'ן, ווייל איהר האַלט איהם אפשר פאַר אַ צו שוואַכען פילאָסאָף, — אַ פּונקט, אין וועל־כען איך שטים מיט אייך אין גאַנצען איין, — וועל איך דער־מאָהנען אָן אַן אַנדער דענקער, וועמעס קראַפט עס איז נאָך קיין מאָל ניט אָנגעשטעלט געוואָרען אין אַן אָבפרעג: איך מיין דאָ שאָפּענהויער'ן.

שאָפּענהויער האָט אויף דעם פונדאַמענט פון אַן אידעאַליס־טישער נאַטור־פילאָסאָפיע און ערקענטניס־טעאָריע אויפגעבויט אַ מאַטעריאַליסטישע פּסיכאָלאָגיע, וואָס שטעהט שטאָל און אייזען

פאַר דעם געדאַנק, אַז אַלע אונזערע בעוואוסטע פסיכישע פּראָ־צעסען, דער גאַנצער אינטעלעקט, איז ניט מעהר, ווי אַ פונקציע פון דעם מאַרך. דער מאַרך איז אַ פּראָדוקט פון דעם אומבע־וואוסטען וועלט־ווילען, אָבער דער מענשליכער פערשטאַנד, מיט אַלע זיינע טעאָריען, איז ניט מעהר, ווי אַן אויסשיידונג פון דעם מענשליכען מאַרך. שאָפּענהויער האָט דאָס דער ערשטער אַרויס־געזאָגט יענעם „שרעקליך" מאַטעריאַליסטישען זאַץ, וואָס האָט שפּעטער אין דעם מויל פון די ביוכנער'ס און די קאַרל פאָגט'ס אָנגעוואָרפען אַזאַ אימה אויף דעם פרומען עולם : אַז אַקוראַט ווי די ניערען שיידען אָב אורין און די געניטאַליען — זרע, אַזוי ווערט „געדאַנק" אַרויסגעשיידט פון דעם מאַרך.

אַ קריטיק פון דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם — און מיט דער קריטיק דאַרפען מיר זיך בעשעפטיגען היינט — איז דעריבער נאָך בשום אופן ניט קיין קריטיק פון דעם פסיכאָלאָ־גישען, עטישען אָדער דעם געשיכטס־פילאָסאָפישען. דאָס איז באמת אַן ענגמת נפש, אָבער איך קאָן מיר ניט העלפען : עס איז אַזוי. עס בלייבט מיר ניט מעהר, ווי איין טרייסט, אַז דער שכל, איינמאַל זיך בעפרייט פון דעם מאַטעריאַליסטישען כשוף אין דער נאַטור־פילאָסאָפיע, וועט זיך לייכטער קאָנען איינהערען אין יענע ספּעציעלע אַרגומענטען, וואָס ווילען מאַכען אַ תל פון דער מאַ־טעריאַליסטישער פילאָסאָפיע אויך אין די איבעריגע פעלדער פון דעם מענשליכען דענקען און פאָרשען.

אָבער דערווייל האָבען מיר צו טהאָן נאָר מיט דעם נאַטור־פילאָסאָפישען מאַטעריאַליזם אין זיין ענגען צונויפבונד מיט יע־נער ערקענטניס־טעאָריע, וואָס איז אויסגעוואַקסען דירעקט פון מאַטעריאַליסטישע דענקער און פאָרשער אָדער אונטער דער שטאַרקער שליטה פון דעם מאַטעריאַליסטישען גרונד־פּרינציפּ. אָט דער נאַטור־פילאָסאָפישער מאַטעריאַליזם זיצט נאָך פעסט אין די מוחות פון אַ סך ראַדיקאַל דענקענדע מענשען, ווי דער איינ־ציגער לאָגישער און וויסענשאַפטליכער פונדאַמענט פון אַן אַב־סאָלוט ריכטיגער וועלט־אַנשויאונג, — אַלץ איינס, וואָס פאַר איבער־שטיבלעך עס זאָלען ניט אויפגעבויט ווערען אויף יענעם פונדאַמענט. אַז אין דער נאַטור איז קיין זאַך ניטאָ און קאָן ניט

זיין א חוץ מאַטעריעלע אַטאָמען און בעוועגונג, איז פאַר דאָס רוב פון אונזערע ראַדיקאַלען דער לעצטער אמת, צו וועלכען דער פרייער מענשליכער שכל איז געקומען, און דעם אמת קאָן ער שוין קיינמאָל ניט איבערשפּרייזען.

אויף דער גרויסער שאלה, מיט וועלכער מיר האָבען אָנגע־הויבען אונזער פאָריגע פאָרלעזונג, דער שאלה פון „זיין" און „ווערען", פון „אייביגקייט" און „פערענדערליכקייט", פון ענט־שטעהן" און „פערגעהן" אין דער וועלט, — דעם גרויסען פּראָ־בלעם, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרען אין דער פילאָסאָפיע פון די עלעאַטען און פון העראַקליט און וואָס הערט ניט אויף צו בעשעפטיגען דעם מענשליכען שכל עד היום, גיט דער מאַטעריאַליסט אַזאַ'ן ענטפער: אייביג אין דער וועלט פון דעם „זיין" זיינען די אַטאָמען און זייער בעוועגונג, אַלע פערענדערונגען זענען ניט מעהר ווי פערשיידענע קאָמבינאַציעס פון די אייביגע אַטאָמען. און אַקוראַט ווי די מאַטעריע איז אייביג אין דער וועלט. אַזוי איז דער מאַטעריאַליזם אייביג אין דעם מענשליכען גערדאַנק. איינמאָל „ענטשטאַנען", קאָן ער שוין ניט „פערגעהן".

איז דאָס אמת?

מיר וועלען היינטיגען אָוועגט בעקאַנט ווערען מיט איינינגע פאַקטען און אַרגומענטען, וואָס מאַכען, אַז דער מאַטעריאַליזם זאָל „פערגעהן" פון דעם פילאָסאָפישען גערדאַנק, ווען אַפילו אַלע מאַטעריאַליסטען גלויבען, אַז זייער סיסטעם איז דער לעצטער אייביגער אַבסאָלוטער אמת, וואָס קאָן שוין אויף קיין אַנדער גע־דאַנק ניט פערביטען ווערען. די גאַנצע בעטראַכטונג וועגען דעם אייביגען פערענדערונגס־געזעץ, וואָס איך האָב אייך פאָרגעבראַכט אין דער ערשטער לעקציע, האָט געהאַט אין זינען דעם ציעל, ניט נאָר צו דערמאָהנען אייך אָן יענעם געזעץ, פון וועלכען עס איז אַרויסגעגאַנגען דער מאַטעריאַליזם, נאָר אויך אַ ביסעל נעהנטער צו ברענגען איהם צו דעם גייסטיגען אויג, ווייל שוין פון איהם אַליין קאָן קלאָר ווערען אַ שטיק אמת ניט נאָר בנוגע צו דעם „מאַטעריאַ־ליזם", נאָר אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע „איזמען" פון דער מענש־ליכער פילאָסאָפיע. עס קאָן קלאָר ווערען, — וואָס פאַר אַ הוצפּה'־דיגע העזה דאָס איז פון דעם שכל צו גלויבען, אַז אַ וועלכער עס

איז מענשליכער געדאַנקען־סיסטעם קאָן זיין אַ לעצטער, אייביגער, אַבסאָלוטער, ניט פערענדערליכער אמת.

אויב אין דער נאַטור, וואָס גיט אונז טעגליך דעם בילד פון אַפטע ווידערהאָלונגען, פון „אייביגע" אייגענשאַפטען, און־פערענדערליכע פאָרמען, האָט פון דעסטוועגען דער שכל דערקענט די אונגעהויערע שליטה פון דעם „ענטשטעהן" און „פערגעהן", היינט אַ פשיטא שוין אין דער וועלט פון דעם מענשליכען דענקען, וואו זיינע געשטאַלטונגען בייטען זיך פון דור צו דור און במעט ווי פון מענש צו מענש, — דאַ האָט שוין, כלעבען, דער שכל געמאָגט איין מאָל פאַר אַלע מאָל זיך אויסאיינען מיט דעם געדאַנק, אז קיין אַבסאָלוטע לעצטע, אייביגע אמת'ען האָט מען פאַר איהם ניט אָנגעגרייט און אַז עס קאָן ניט ליעגען אין זיין מאַכט — אָבצושטע־לען דעם שטראָם פון דער אייביגער גייסטיגער ענטוויקעלונג. ביי קיין פונקט אין דער ענטוויקעלונג טאָר מען ניט מיינען, אַז עס איז שוין דערגרייכט געוואָרען דער לעצטער ציעל פון דעם גייסט'ס שטרעבען.

אַ חדוש נפלא! גראָד דער ראַדיקאַלער געדאַנק פון אונזערע טעג, וואָס איז אַזאַ הייסער חסיד פון דעם ענטוויקעלונגס־געדאַנק סיי אין דער נאַטור־פילאָסאָפיע, סיי אין די מאָראַלישע פּראָב־לעמען, סיי בנוגע צו די פאָרמען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, — גראָד ער איז נאָך עד היום איינגעגלויבט אין יענעם קינדערשען דמיון פון אַן אַבסאָלוטען אמת, וועלכען ער געפינט אין דעם מאַטעריאַליזם!

דערקלעהרען — דערקלעהרט זיך דאָס פּסיכאָלאָגיש גאַנץ פשוט. דער ראַדיקאַליזם האָט זיך היסטאָריש פערבונדען מיט דעם מאַטעריאַליזם אין אַ קאַמפּף אַנטקעגען אַ בשותפות'שען פיינד : אַנטקעגען דער הערשענדער קירך און דעם מיטעלאַלטער־ליכען גלויבען. דער אַלטער פיהר פון לעבען, מיט די אַלטע אנשוי־אונגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסען פון איהם און אַרום איהם, איינגעזעסען אין די וואַרעמע ערטער, וואָס ער האָט זיך בעשאַפען, האָט זיך ניט געוואָלט ריהרען פון אָרט, האָט, פער'עקשנ'ט, ניט געוואָלט נאָכגעבען די פאָדערונגען פון דעם ראַדיקאַלען געדאַנק. אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגען איהם שטיצט זיך די אַלטע וועלט

אויף דעם רעליגיעזען גלויבען, וואָס האָט הייליג געמאַכט אַלע איהרע יסודות. און האָט זיי פעסט צונויפגעוועבט אין געדאַנק מיט דעם שטרעבען פון דעם מענשענ׳ס נשמה נאָך אייביגקייט און אונענדליכקייט.

דער ראַדיקאַליזם האָט גאַנץ לייכט זיך געקאָנט אַריינלאָזען אין אַ ויכוח מיט דער אַלטער וועלט וועגען דעם מהות פון אייביג־קייט, הייליגקייט און אונענדליכקייט און בעווייזען איהר, אַז דער „רוח הקודש" האָט זיך שוין לאַנג אָבגעטהאָן פון איהרע הייליגע יסודות; אַז, אפילו ווען מען זאָל אַריינגעהמען אין די טיעפעניסען פון געמיטה דעם גאַנצען תמצית פון אַן איבער־נאַטירליכער רעלי־גיאָן, — דעם גלויבען אין אַ גאָט און אין אַ פרייע, אונשטערבליכע נשמה, — אַז אפילו יעמאָלט קאָן מען נאָך בשום אופן ניט איינ־זעהן די „הייליגקייט" פונ׳ם פריוואַט־אייגענטום, פון דעם שטאַאַט און געזעץ, פון דער אָנגענומענער געזעלשאַפטליכער מאָראַל און פון דעם גאַנצען פיהר פון דעם איצטיגען לעבען. דער ראַדיקאַלער געדאַנק האָט דאָס אָבער ניט געטהאָן. אָנשטאָט אָנצופאַלען אויף די פּאָזיציעס פון דעם געגנער מיט יענע כלי־זין, וועלכע ער אַליין געברויכט, האָט זיך דעם ראַדיקאַליזם בעסער געלוינט אין גאַנצען מבטל צו זיין די קראַפט פון יענע כלי־זין, און פאַר דעם ציעל איז שווער געווען צו געפינען אַ בעסערען מיטעל, איידער די מאַטע־ריאַליסטישע פילאָסאָפיע, וואָס לייקענט לגמרי אָב דאָס זיין פון אַ וועלכען עס איז גייסטיגען, ניט מאַטעריעלען פּרינציפּ אין דער וועלט.

ניט קיין קליינע ראָלע האָט דערביי געשפּיעלט אויך יענער פּאַקט. וואָס דער מאַטעריאַליזם איז נאָר־וואָס אַרויסגעטרעטען אין דעם גאַנצען גלאַנץ פון זיין יוגענד, אין דער גאַנצער מאַכט פון זיין שפּרודעלנדער ענערגיע, וואָס האָט איהם געבראַכט אַ נצחון נאָך אַ נצחון אויף דעם פעלד פון דער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג. עס האָט זיך יעמאָלט אַזוי לייכט געגלויבט, אַז די מענשהייט האָט סוף־כל־סוף אויסגעפונען דעם אַזוי לאַנג געזוכטען אמת! אַ דאַנק דעם איז די היסטאָרישע אידעען־פערבינדונג פון מאַטעריאַליזם און ראַדיקאַליזם געוואָרען נאָך טיעפער און פעסטער.

אָבער די גייסטיגע לאַגע האָט זיך אין דער איצטיגער צייט

אין גאַנצען איבערגעביטען. אויך דער מאַטעריאַליזם, ווי אַלע סיסטעמען וואָס האָבען געהערשט ביז צו איהם, האָט שוין לאַנג גענומען גוסס׳ען און האַלט שוין ביים לעצטען עטהעמען. עס איז דעריבער צייט זיך אַ פרעג צו טהאָן: זאָלען מיר זיך נאָך האַלטען פאַר יענער היסטאָרישער אידעען־פערבינדונג? קאָנען מיר זיך נאָך אַרומשלעפּען אין אונזער וועלט־אַנשויאונג מיט אַ בר־מינן? לוינט זיך נאָך צו פערבינדען אין דער וועלט־אַנשויאונג דעם גורל פון אונזערע אידעאַלען מיט דעם גורל פון אַ פעראַלטעטען וועלט־בילד, וואָס האָט שוין ניט קיין קראַפט אין זיך צו בעהערשען דעם מענשליכען גייסט?

מיר דוכט, איינס איז לכל הדעות זיכער: מיר מוזען בעקאַנט ווערען מיט זיין לאַגע. מיט דער סכנות נפשות, אין וועלכער ער שטעהט. איז זיין צושטאַנד אין דער פילאָסאָפיע אַזא, אַז קיין „מאַשכעס" קאָן איהם שוין ניט רעטען? העלפען איך פערענטפערען אַט די פראַגע איז די אויפגאַבע פון מיין היינטיגער פאַרלעזונג.

איך וועל אייך אין גאַנצען פערשפּאָרען די געשיכטע פון זיינע מאָדערנע ליידען. ווי אַזוי איין דענקער נאָך דעם אַנדערען האָבען איהם פערלאָזען, — די איינע מיט פרייד, די אַנדערע מיט אמת׳ן צער: ווי אַזוי איין נאַטור־פאָרשער נאָך דעם אַנדערען האָבען פריהער געשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ אויף זיינע רעזולטאַטען, דערנאָך העפליך דערקלעהרט, אַז מען קאָן גאַנץ גוט אויסקומען אָהן זיין הילף, דערנאָך געגעבען איהם, דעם אַלטען, אויסגעדיענטען זקן, — די „קאַפּולער אַנצוהערענים", אַז מען ווייס ניט, וואו אַהינצוטהאָן איהם אין דער וויסענשאַפט, ביז מען האָט איהם אָפען און עהרליך פענסיאָנירט אין דער געשיכטע פון דער פילאָסאָפיע. איך וועל אייך אויך ניט שילדערען, ווי דער אַלטער זקן וויל זיך נאָך אַלץ ניט אונטערגעבען, ווי ער ציהט ארויס זיינע אַמאָל געזונטע און שאַרפע, איצטער אַבער צופוילטע און אַלטע צייהן און שטעלט אַריין אַנשטאָט זיי פאַלשע, ניט ז י י נ ע, ווי ער טהוט אָן פרעמדע פאַרוקען אויף זיין שוין גאַר גלאַטען קאָפּ, ווי ער פאַרבט זיך און פוצט זיך, כדי אויסצוזעהן ווי זיינע יונגע קאָנקורענטען און ווי עס קאָן איהם קיין זאַך ניט העלפען.... די געשיכטע איז

זעהר אינטערעסאַנט און פיעל קאָנען לערנען פון איהר די, וואָס בעטראַכטען מיט די אויגען פון א פילאָסאָף די שיקזאַלען פון דעם מענשליכען דענקען. אבער זי איז צו לאַנג, צו ענג פערבונדען מיט די פּראָבלעמען פון דער ספּעציעלער וויסענשאַפטליכער פאָרשונג, מען זאָל קאָנען פאַרטיג ווערען מיט איהר אין די גרענעצען פון א פאָרלעזונג.

מיר ווילען זיך אויך ניט פערנעהמען מיט דעם פערגלייך צווישען דעם מאַטעריאַליזם און זיינע אינגערע קאָנקורענטען, וואָס האָבען איהם ארויסגעשטופּט פון זיין פריהערדיגער שטעל, און מיר ווילען ניט פּרואווען מעסטען זיין אָהנמאַכט און זייער שטאַרקייט. מיר ווילען האָבען צו טהאָן נאָר מיט איהם אליין. עס מוזען קלאָר געמאַכט ווערען יענע איינוועניגסטע חלאת'ן זיינע, וואָס פיהרען איהם אין קבר אריין. דאָס קאָנען מיר איצטער טהאָן נאָכדעם, ווי מיר האָבען געוואונען א קלאָרע, ריכטיגע פאָרשטעלונג פון זיין מהות: פון זיינע גרונד־פּרינציפּען און דער עיקר פון דעם צענטראַלען פונקט אין זיין סיסטעם: דער מאַטעריאַליסטישער ערקענטניס־לעהרע.

מיר האָבען דאָס פאָריגע מאָל געזעהן, אז די נפקא מיניה צווישען דעם מאַטעריאַליזם און דעם אידעאַליזם הענגט ערקענטניס־טעאָרעטיש אויף א האָר. אויך דער מאַטעריאַליזם גיט צו, אז אלץ, וואָס מיר קאָנען געוואָהר־ווערען פון דער וועלט אָדער וויסען פון איהר, איז ניט מעהר ווי א פּסיכישער, „אידעעלער" פּראָצעס אין אונז; אז אפילו דער מאַרך וואָס מיר זעהען איז ניט מעהר ווי אונזערער א „בילד" פון דעם אמת'ען מאַרך. אין דעם פונקט געהט זיך דער מאַטעריאַליזם לגמרי פאַנאַנדער מיט דעם נאאיווען דענקען פון דעם פּשוט'ען בשר ודם, וואָס מיינט, אז ער זעהט אָדער טאַפּט די מאַטעריע בחוש. אויך די טאַפּ־עמפּפינדונג איז ניט מעהר, ווי א פּסיכישער פּראָצעס אין דעם בעוואוסטזיין. מיר שפּירען די טאַפּ־עמפּפינדונג ניט אין דער מאַטעריע, נאָר אין אונז. און אויב אונז דוכט זיך, אז דער טיש איז „האַרט", אז די „האַרטקייט" ליעגט אין דעם טיש, איז דאָס אַקוראַט אזא דמיון, ווי ווען א מאַן מיט אן אָבגעשניטענעם פוס שפּירט דעם שמאַרץ אין דעם שפּיץ פון דעם פינגער.

און פון דעסטוועגן איז פאַר דעם מאַטעריאַליסט קיין ברעך־קעל ספק ניט, אַז די גאַנצע „בילדער־וועלט" פון אונזער בעוואוסט־זיין, די איינציגע, וועלכע מיר ווערען געוואָהר „בחוש", ווערט אַרויסגעבראַכט פון אַ מאַטעריעלער וועלט, אַ פינסטערער אויסגע־שפּרייטער מאַסע, וואָס קאָן קיין מאָל ניט אַריינדרינגען אין מיין בעוואוסטזיין, און, — וואָס נאָך וויכטיגער, — אַז דער מאַטעריאַ־ליסטישער געדאַנק וועגען איהר איז די ריכטיגע קאָפּיע פון דעם וועלט־געשעהען.

אָט דאָס איז „די האָר", וואָס טיילט אָב דעם מאַטעריאַליזם פון דעם אידעאַליזם.

פאַר וואָס האַלט זיך דער מאַטעריאַליזם פאַר איהר? ניט ווייל איהר אמת איז איהם אַנטפּלעקט געוואָרען פון אַ וועלכען עס איז איבערנאַטירליכען גאָט. אויך ניט דערפאַר, ווייל דער שכל איז דוקא מחייב די מאַטעריאַליסטישע סברה.

ער האַלט זיך פאַר איהר, אַ דאַנק דער גלענצענדער ראָלע, וועלכע דער מאַטעריאַליזם האָט בעדאַרפט שפּיעלען אין דער מענשליכער דערקענטניס, און אַז מען טראַכט זיך אַריין אין דער ראָליע, וואָס ער האָט געדאַרפט שפּיעלען און באמת אָנגעהויבען שפּיעלען אין דער פילאָסאָפיע און אין דער וויסענשאַפט, איז גאָר קיין חדוש ניט, וואָס ער האָט אַזוי אַלעמען פאַר'שכור'ט.

דער מאַטעריאַליזם האָט געהאָלפען פאַרטרייבען פון דעם מענשליכען געדאַנק און פון דער וויסענשאַפט די אַלע שדים און רוחות, מלאכים און לענטעבער, „סימפּאַטישע" און „אַנטיפּאַטישע" כחות, גליקליכע און אונגליקליכע צאָהלען, מזל'דיגע אָדער ניט־מזל'דיגע טעג, צייטען און צייכענס, „עין הרע'ס" און דבוקים און די גאַנצע מחנה ציטערניסען און פּחדים, וואָס האָבען געלעבט און לעבען נאָך אין דעם מענשען'ס נשמה, ווי אַ ירושה פון די אַלטע צייטען. זיי זענען, אמת, נאָך ניט אין גאַנצען פאַרטריעבען געוואָרען פון אונזער „אונבעוואוסטען" שכל. אָבער פון דעם שכל און פון דעם קלאָרען געדאַנק זענען זיי שוין אַרויסגעיאָגט געוואָרען און קיין סיסטעם אין דער וועלט האָט ניט אַזוי גרינדליך אויס־געריינט זיי פון אונז, ווי דאָס האָט געטהאָן דער מאַטעריאַליזם.

וואָס האָט אין גאַנצען מבטל געווען די זעלבסטשטענדיגע עקזיסטענץ פון אַ וועלכען עס איז „רוחניות'דיגען" פּרינציפּ.

אָבער ניט נאָר נעגאַטיוו, ניט נאָר ווי אַ שאַרפע דעזינפעקציע פאַר דעם מענשליכען נעדאַנק, האָט דער מאַטעריאַליזם געווירקט. ער האָט איהם בּעגעבען די ריינע שטאַרקענדע פריייד פון דעם אַבסאָלוטען אמת. עס האָט זיך גערוכט, אַז דער מאַטעריאַליזם האָט ענדליך געפונען דאָס פערפאַלענע „בוך מיט זיעבען זיעגלען", — דאָס בוך פון די לעצטע סודות. מיט אַ זיבערער האַנד האָט ער אַראָבגעריסען די חתימות, אויפגעעפענט די טאָוולען און הויך פאַר דער גאַנצער וועלט איבערגעלייענט זיין שער־בלאַט: „מאַטעריע און בעוועגונג!"

די פריייד פון דעם אבסאָלוטען אמת האָט די דענקענדע מענשהייט איבערגעלעבט ניט איין מאָל, אָבער קיין מאָל איז דאָס דאָזיגע געפיהל ניט געווען אזוי לעבעדיג, ניט אזוי טיעף, ווי ווען דער מאַטעריאַליזם האָט אָבגעעפענט די גאַנצע וויטע אונענדליכע וועלט פאַר דעם מענשענס שכל. ער האָט זיך ניט געבריהמט, אַז ער האָט אַלץ אין דער וועלט שוין דערקלעהרט, אַז עס איז שוין מעהר ניטאָ וואָס צו זוכען און צו פאָרשען. ער האָט נאָר געוויזען, אַז ער האָט אַנטפּלעקט דעם שווערען, אָבער דערפאַר אבסאָלוט זיכערן ו ע ג צו דעם ריכטיגען פערשטעהן פון דער וועלט. דער וועג איז אונענדליך, ווייל דעם מענשען'ס שכל וועט אפשר קיין מאָל ניט ארומנעהמען דעם גאַנצען סכום פון די אמאָמען און די גאַנצע רייכקייט פון די פּראָצעסען, וואָס זענען ארויסגעוואַקסען און וועלען נאָך ארויסוואַקסען פון זייערע בעוועגונגען. אָבער ער האָט אונז געגעבען די ג ע צ י י ג, מיט וועלכע מיר זאָלען אין יעדער איינצעל־וויסענשאַפט זיך קאָנען דערגראָבען ביז צו דער לעצטער טיעף.

און ווען אפילו אונזערע מענשליכע כחות מוזען זיך אויף אַ ווײַלע אָבשטעלען אויפ'ן האַלבען וועג, איז זיך אויך ניטאָ, וואָס מיאש צו זיין: אין'ם פרינציפּ האָט מען שוין דעם געזוכטען ענטפער סיי ווי סיי. מיר וועלען אפשר קיין מאָל ניט וויסען, וויפיעל אטאָמען עס שפּיעלען אַ ראָליע און וועלכע ארטען בעוועגונגען זיי פיהרען אויס, בעת אין דעם מאַרך ווערט געבוירען אַ געדאַנק.

אָבער, אַז דער געדאַנק איז, לויט זיין בעהאַלטענעם עצם נאָך, ניט מעהר ווי אַ סכום אַטאָמען, וואָס געפינען זיך אין אַ געוויסער אַרט בעוועגונג, — אין דעם האָט שוין גאָר קיין ברעקעל ספק ניט געקאָנט זיין, ווייל קיין אַנדער זאַך, אַ חוץ אַטאָמען און בעוועגונגען, קאָן יט געמאָלט זיין אין דער וועלט. ביי אַזאַ לאַגע ווערט דעם מענשענס שכל ווי מיט אַ כשוף־מאַכט אַנגעטריעבען — ניט צו דוהען אין דער איינצעלנער פאָרשונג, ביז מען דערגרייכט דעם לעצטען ציעל, וואָס שטעהט אַזוי קלאָר פאַר די אויגען, ביז מען איז ניט אין דער לאַגע, ווי טהאָמסאָן זאָגט, „אויפצובויען אַ מעכאַנישען מאָדעל פון דער ערשיינונג".

אין דער קלאָרקייט פון דעם ציעל, וואָס דער מאַטעריאַליזם שטעלט אוועק פאַר דער פאָרשונג, אין דער אַבסאָלוטער בעפריע־דיגונג, וואָס דער שכל מ ו ז דורכלעבען, ווען דער ציעל ווערט דערגרייכט, ליעגט דער הויפּט־צויבער פון דעם מאַטעריאַליזם. דער מענש יאָגט זיך אין זיין דענקען קודם כל נאָך ק ל אָ ר ק י י ט: ער וויל דאָס, וואָס ער זוכט, זעהן ווי אַ לעבעדיגע ווירקליכקייט פאַר זיינע אויגען. גאַנץ קלאָר ווערט איהם אָבער אַ ענין ערשט יעמאָלט, ווען ער זעהט איין זיין א י נ ו ו ע נ י ג ס ט ע נ ו י ט ־ ו ו ע נ ד י ג ק י י ט, ווען ער זעהט בחוש, פאַרוואָס די זאַך קאָן בשום אופן ניט זיין אַנדערש, איידער זי איז. און אָט די נויט־ווענדיגקייט קומט אַרויס אַם קלאָרסטען, ווען די זאַך ווערט צוריק־געפיהרט צו די געזעצען, וואָס הערשען אין דער מאַטעמאַטיק; ווען די גאַנצע פערפלאָנטערטקייט פון דעם פּראָצעס וויקעלט זיך פאַנאַנדער, און איך ז ע ה, ווי איין רינגעלע איז אַריינגעטהאָן אין דעם אַנדערן און ווי זיי אַלע לויפען אַרויס פון אַזאַ אַבסאָלוט זיכערען און קלאָרען זאַטץ, אַז צוויי מאָל צוויי איז פיער, אָדער אַז איין און דיזעלביגע ליניע קאָן אין דעם רוים ניט געהן אין דערזעלביגער צייט אין צוויי פערשיידענע ריכטונגען.

די נאָהענטקייט פון דעם מאַטעריאַליזם צו דער מאַטע־מאַטיק, — אָט דאָס האָט איהם פערשאַפט אַזוי פיעל פריינד און אַנהענגער צווישען די ערנסטע פאָרשער. איינינע האָבען גע־גלויבט, אַז דער אַטאָם, מיט וועלכען זיי אַרבייטען אין זייער וויסענשאַפט, איז אַ רעאַלער פאַקט, וועמעס עקזיסטענץ איז

אַקוראַט אַזוי זיכער, ווי עס איז אַבסאָלוט אונצווייפעלהאַפט דער געדאַנק, אַז פון גאָר נישט קאָן גאָר נישט אַרויסקומען. אַנדערע ווידער האָבען קלאָר געזעהן, אַז דער מאַטעריאַליזם איז ניט די ריינע וויסענשאַפט, אַבער ער האָט זיך אויסגעוויזען אין זייערע אויגען עפּעס ווי אַ מין דינע, דורכזיכטיגע פילאָסאָפישע הייטעל, וואָס לעגט זיך אַרום אַרום אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט אַזוי נאָהענט און ענג, אַז זי פערשווינדט אין גאַנצען פון די אויגען. עס בלייבט נאָר דער צונויפבונד פון די פאַקטען גופא, וואָס ווערען צונויפגעהאַלטען אין איין איינציגען סיסטעם, אַ דאַנק יענער דינער, דורכזיכטיגער פילאָסאָפישער הייטעל, וואָס נעהמט זיי אַלעמען אַרום.

פערגעסען מיר אויך ניט יענע פילאָסאָפישע מעלה, וואָס מען האָט געזעהן אין איהם, — יענעם צענטראַלען בריליאַנט פון אַ פילאָסאָפישער קרוין, — דעם מ אָ נ י ז ם. אַלע ערשיינונגען פון דער וועלט, אַלע „קרעפטען“, וואָס ווירקען אין זיי, אַלע פּראָצעסען וואָס שפּיעלען זיך אָב אין דער וועלט, ווי פערשיידען זיי זאָלען ניט זיין, ווי עס זאָל זיך ניט אויסדרוקען, אַז זיי שליעסען איינע די אַנדערע אויס, ווי לעבען און טויט, ווי מאַטעריע און גייסט, — זיי אַלע זענען אין תוך אַריין איין איינציגער „מאָנאָן“: די בעוועגליכע וועלט־מאַטעריע.

היינט דער ש ט אָ ל ץ, וועלכען דער מענשליכער שכל האָט דערשפּירט, ווען איהם איז קלאָר געוואָרען זיין מאַכט אַראָבצורייסען דעם אייביגען צודעק, וואָס האָט פערשטעלט פון איהם דעם אמת ביז אהער!

דער מאַטעריאַליזם, ווען ער וואָלט געקאָנט אויספיהרען אַלץ, וואָס ער נעהמט זיך אונטער, וואָלט געווען אַן א י ד ע אַ ל פון אַ פילאָסאָפישער וועלט־דערקלעהרונג. און עס איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס ער איז בעגעגענט געוואָרען מיט אַזאַ התפעלות אין דעם פּראָגרעסיווען געדאַנק פון דעם ניינצעהנטען יאָהרהונדערט.

און נאָך אַ זאַך איז געלעגען אין דעם מאַטעריאַליזם, וואָס האָט איהם געמאַכט אַזוי טהייער פאַר יעדען פרייען דענקער: דער טריאומף פון פּראָגרעס! ער איז געגאַנגען געגען אַלע אַלטע הער־

שענדע מיינונגען, און קיין איין הערשענדע פּאַרטיי האָט איהם ניט געוואָלט אויפשרייבען אויף איהר פאָהן. מען האָט אין איהם געזעהן די גייסטיגע קווינט־עסענץ פון אַלע צושטערענדע מעכטען, און דעריבער האָבען זיינע אָנהענגער געמוזט קוקען אויף איהם, ווי אויף די גייסטיגע קווינט־עסענץ פון דער געזעלשאַפטליכער רעוואָלוציאָן. א פרייע וועלט, אָן אָפענע וועלט האָט ער אנט־פּלעקט פאַר דער מענשליכער ערקענטניס, און א פרייע וועלט, אָן אָפענע וועלט איז געשטאַנען פאַר דעם מענשליכען שאַ־פען און דער פערווירקליכונג פון זיינע שטרעבונגען. און סיי אין דעם וועלט־געשעהן, סיי אין דעם מענשליכען שאַפען האָט גע־הערשט ניט דער קאַפּריז פון א וועלכען עס איז „פרייען ווילען", נאָר דער נויטווענדיגער „מוז", דער אָביעקטיווער, אבסאָלוטער אמת פון דעם אייביגען וועלט־פּראָצעס.

נאָך קיין פילאָסאָפישער סיסטעם אין דער וועלט האָט ניט פאַנאַנדערגעעפענט אזוינע ליכטיגע האָריזאָנטען פאַר דעם פאָר־שענדען גייסט און דעם קעמפּפענדען רעוואָלוציאָנער, ווי דאָס האָט געטהאָן דער מאַטעריאַליזם, — אזא גייסטיגען גן־עדן פאַר דעם דענקען און שאַפען.

און אָט פון דעם גן־עדן ווערט די דענקענדע מענשהייט איצ־טער פערטריעבען. פאַר וואָסערע „זינד"? פון וועלכען עץ־הדעת האָט זי ווידער פערזוכט, וואָס זי מוז איבער א נייעס פערלאָזען איהר רוה און פרייד?

א שלל פון ארגומענטען צווינגען זי דאָס צו טהאָן; אנדערע שטאַנדפּונקטען, וואָס האָבען אפשר ניט געהאַט אין זיך דעם חן פון מאָניזם, נויטווענדיגקייט און קלאָרקייט, האָבען דאָך געצווינגען צו זיך דעם געדאַנק דורך דער שאַרפקייט פון זייער אנאַליז און דערהויפּט דורך דעם טיעפערען אריינדרינגען אין יענעם פּראָצעס, וואָס מען רופט אָן די מענשליכע ערפאַהרונג. סוף־כל־סוף ליעגט דאָך דער אמת פאַר דעם מענשען אין דער מענשליכער ערפאַהרונג, און אויף וויפיעל די ערפאַהרונג און דאָס דענקען, וואָס וויל איהר בלייבען טריי, האָבען זיך גענומען ארויסרייסען פון דעם מאַטער־יאַליזם, אויף אזוי פיעל האָט גענומען פערשווינדען זיין מאַכט און זיין וואָג איז דער פילאָסאָפיע.

מיר וועלען זיך אָבער דאָ ניט אָבגעבען מיט די נייע טעאָריען פון דעם ערפאַהרונגס־פּראָצעס, ווי אויך ניט מיט יענע וועלטבילדער, וואָס זענען ארויסגעבראַכט געוואָרען פון אַנדערע, ניט־מאַטעריאַליסטישע סיסטעמען. דאָס וואָלט געהייסען קריטיקירען דעם מאַטעריאַליזם פון דרויסען. מיר ווילען אָבער דערוויזען זיין אינוועניגסטע שוואַכקייט. דעריבער מוזען מיר האָבען צו טהאָן מיט איהם אַליין, מיט די אויפגאַבען, וועלכע ער האָט זיך געשטעלט, און מיט די פערזיכערונגען, וועלכע ער מאַכט.

זיין צענטראַלע פערזיכערונג, — די ערקענטניס־טעאָרעטישע, — בעשטעהט אין זיין פעסטער געוויסהייט, אז דער מאָניזם, די נויטווענדיגקייט און די מאַטעמאַטישע איינפאַכקייט און קלאָרקייט זענען ניט נאָר אידעאַלען פון דעם מענשליכען שכל, — אידעאַלען, וועלכע איהם ווילט זיך אַריינטראָגען אין די נאַטור, — נאָר אויך אָביעקטיווע, ווירקליכע יסודות פון דעם גאַנצען וועלט־געשעהען.

אָבער — אָבער פון וואַנען ווייס דאָס דער שכל אויף געוויס? אויף וואָס בויט ער זיין זיכערקייט?

אָט דאָס איז די הויפּט־פראַגע, וועלכע מיר מוזען איצטער אוועקשטעלען. א קלאָרען און בעפריעדיגענדען ענטפער אויף דער שאלה געפינען מיר ערגעץ ניט אין דער מאַטעריאַליסטישער ליטעראַטור. דער טיעפסטער מאַטעריאַליסטישער דענקער פון דעם נייצעהנטען יאָהרהונדערט איז געוויס געוועזען קאַרל מאַרקס. זיין תלמיד ענגעלס האָט אונז אין דער פּאָלעמיק אַנטקעגען דיוהרינג'ען און אין דער אַרבייט וועגען פייערבאַך'ען איבערגעגעבען דעם תמצית פון זייער ביידענ'ס מאַטעריאַליסטישער אַרגומענטאַציע.

מחמת דריי טעמים בויען זיי אויף דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל. לאָמיר זיך צוהערען צו זיי:

די פילאָסאָפיע, דערקלעהרט אונז ענגעלס, איז א געשיכטליכער פּראָצעס, ניט קיין אייביגער, נאָר א צייטווייליגער. דער אַבסאָלוטער פילאָסאָפישער אמת איז די לעצטע ענטוויקעלונגס־

פאזע פון דער פילאסאפיע, ווען זי הערט אויף צו זיין א בעזונדערע צווייג פון דער מענשליכער קולטור און גיסט זיך צונויף מיט דער וויסענשאפט. אין דער ווירקליכער געשיכטע פון דעם מענשליכען געדאנק איז די לעצטע פאזע פון דער פילאסאפיע געוועזן דער מאטעריאליזם פון דעם 19טען יאהרהונדערט און די גאנצע נאטור־וויסענשאפט שטעהט אונטער זיין שליטה. ממילא איז דער מא־טעריאליזם דער אבסאלוטער פילאסאפישער אמת.

דער בעוויז, ווי מען זעהט, איז זעהר טיעף און **אריגינעל.** דער אמת ווערט דא ניט בעטראכט ווי עפעס, וואס שטימט איבער־איין מיט דער ווירקליכער וועלט. ער איז דאס, וואס מיר מענשען מוזען דענקען, ווי אן אבסאלוטען אמת, לויט די געזעצען פון דער געדאנקליכער ענטוויקעלונג. די צרה מיט דעם בעוויז איז אבער, וואס ער האט פערגעסען פריהער צו בעווייזען, אז די פילאסאפיע איז ניט קיין איבינער צווייג אין דער גייסטיגער קולטור און אז דער מאטעריאליזם מוז זיין די לעצטע פאזע אין איהר ענטוויקע־לונג. די צייט האט דוקא בעוויזען דעם היפך פון דעם, וואס ענגעלס האט געזעהן אין דער גייסטיגער וועלט פון זיין דור. נאך א קליינעם שטילשטאנד אין זיין שאפען, האט זיך איצטער אומע־דום וויעדער אויפגעוועקט דער פילאסאפישער גייסט און האט אריבערגעשפרייזט דעם מאטעריאליזם. פון דער אנדערער זייט בעפרייט זיך די וויסענשאפט אלץ מעהר און מעהר פון איהם. אויב מיר זאלען זיך האלטען פאר דעם היסטארישען בעוויז, קאן מען איצטער גאנץ זיכער זאגען, אז דער מאטעריאליזם האט שוין אויפגעהערט צו זיין דער אבסאלוטער אמת אין דער פילאסאפיע.

אבער לאמיר לאזען די היסטארישע ארגומענטען אן א זייט! לאמיר בעסער זעהן, וועלכע ל א ג י ש ע ארגומענטען ענגעלס קאן אונז געבען פאר דעם מאטעריאליזם אדער פאר דער אבסא־לוטער מאכט פון דעם מענשליכען שכל.

דער צווייטער בעוויז איז אזא. היות ווי די גאנצע וועלט איז מאטעריע און דער מענשליכער מארך איז דאך אויך מאטעריע, איז דעריבער קיין חדוש ניט, נאר אדרבה נאטירליך, וואס די פראדוקטען פון מארך שטימען איין מיט די פראצעסען פון דער וועלט. אויך דער ארגומענט האלט זיך אויף הינערשע פיסלעך.

מיט דעם זעלביגען רעכט קאָן זיך אויך דער אידעאַליזם בערופען אויף איהם, און אין דער אמת'ען האָט איהם צום ערשטען מאָל אַרויסגעבראַכט הענגעל, וואָס האָט איהם אויפגעבויט צוליעב זיין אידעאַליסטישען סיסטעם. היות, אַרגומענטירט העגעל, ווי די גאַנצע וועלט איז שכל און דער מענשליכער שכל איז ניט מעהר ווי אַ טייל פון דעם וועלט־שכל איז יעמאָלט קיין חדוש ניט, נאָר אדרבה נאַטירליך, ווען אונזער מענשליכער שכל דערקענט דעם שכל אין דער וועלט. די ערקענטניס־טעאָרעטישע שוואַכקייט פון ענגעלס'עס בעוויז האָב איך שוין אַ מאָל פאַנאַנדערגעקליבען אין מיין דייטשער אַרבייט: „די ווידערשפּרוכס־לאָגיק ביי העגעל און מאַרקס". *) אין קורצען קאָן איך דאָ נאָר זאָגען, אַז מען קאָן אַבסאָלוט ניט איינזעהן, פאַרוואָס איין שטיקעל פינסטערע מאַטעריע זאָל איבערהויפּט קאָנען אַבשפּיעגלען אין זיך עפּעס, וואָס ליעגט דרויסען פון איהר, און נאָך וועניגער לעגט זיך אויפ'ן שכל, אַז אַ שטיקעל פינסטערע מאַטעריע, גערופען מאַרך, וואָס האַלט אין איין פאַנטאַזירען וועגען פאַרבען און קלאַנגען, אין איין חלום'ען אויפ'ן וואָזור, אַז גראָד זי זאָל אין דעם שכל אַרויסברענגען דעם לעצטען קלאָרסטען אמת וועגען דער וועלט. אפשר שפּיגעלט זיך אָב די וועלט אין דעם שכל נאָך אַ סך „פערהויקערטער", איידער אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין?

אויב דער „אמת" איז ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון דעם מענשליכען מאַרך, יעמאָלט קאָן ניט זיין קיין אַבסאָלוטער אמת, ווייל ער מוז זיך ענדערן, לויט דער צונויפשטעלונג פון דעם „דענ־קענדען" שטאָף. אַ ביסעלע מעהר פאַנאַנדערגערוקט אָדער צו־נויפגערוקט די אַטאָמען פון מאַרך, אַ ביסעל אַן אַנדער בעוועגונג אין זיי — און דער שכל וועט אונז „מחייב־זיין" זאַכען, וואָס זענען אַ פּשוט'ער אונזין אין אונזערע איצטיגע אויגען.

זאָגט ניט: עס איז דאָ אַ נאָרמאַלער מאַרך און ניט קיין נאָרמאַלער, און דער אַבסאָלוטער אמת ווערט אַרויסגעבראַכט פון אַזאַ שטאָף, וועמעס צונויפזעצונג און ווירקונג איז אַבסאָלוט נאָר־

*) אין רוסיש אין אַ בעזונדער ביכעל: „מאַטעריאַליזם אי דיאַלעקטיטשעסקאַיאַ לאָגיקאַ". מאָסקוואַ, 1906.

מאל: פאר דער טויטער, שטומער, ניט עמפפינדענדער און ניט טראכטענדער וועלט איז יעדער שכל ניט „נארמאל“, ווייל דער מארך איז איבערהויפט א זעלטענע אויסנאהם אין דער נאטור. און פאר דעם מארך אליין, וואו וועט איהר געפינען א מאס כדי אויסצומעסטען דעם גראד פון זיין נארמאלקייט, אויב ניט אין איהם גופא? קאן ער דען זיין דער שופט איבער זיין אייגענער נאטור? אויב מען וואלט געפרעגט ביי א גלייכען שפיגעל און א צילינדרישען, ווי איז נארמאל אבצושפיגלען די וועלט, — אין גלייכע ליניעס אדער אין קרומע, וואלט יעדער שפיגעל געפונען זיין ארט אבשפיגלען פאר דאס אבסאלוט אמת'ע און נארמאלע. ווער קאווירט אונז, אז דער מארך איז ניט אזא מין צילינדרישער שפיגעל, אין וועלכען אלץ, וואס קוקט אריין, מוז ווערען פערהויקערט?

א טייל מאטעריאליסטישע דענקער, וואס ווילען מיט אלע מיטלען רעטען די מאטעריאליסטישע ערקענטניס־טעאריע און דעם נאטור־פילאסאפישען מאטעריאליזם, כאפען זיך אן, — ווי צ. ב. דער רוסישער מארקסיסט געארג פליעכאנאוו, — פאר ספענסער'ס אגנאסטישע ערקענטניס־טעאריע און גיבען אויף אונזער שאלה אזא מין ענטפער:

„לאז זיין, אז אונזער מארך איז טאקע ווי א קרומער, צילינדרישער שפיעגעל. אבער אויך א צילינדרישער שפיעגעל „פערהויקערט“ דאך די גלייכע ליניען נאך בעשטימטע געזעצען. פאר וואס זאלען מיר ניט קאנען אויסשטודירען די געזעצען פון דער פערהויקערונג און אויף אזא'ן אופן ווידער אויסגלייכען די קרומע ליניעס אין געדאנק? די רויטע פארב, ווי יעדע פארב און יעדע קוואליטאטיווע אייגענשאפט איבערהויפט, איז געוויס א פערהויקערונג, ניט מעהר ווי א פארשטעלונג אין אונז. זוכט דאך טאקע דער מאטעריאליזם אויסצוגלייכען זי אין זיין סיסטעם און פערוואנדלען זי אין מעכאנישע בעוועגונגען.

דער ביישפיעל, וועלכען פליעכאנאוו נעהמט אריבער פון ספענסער'ן, בדי נאך בעסער מסביר צו זיין דעם געדאנק, איז אזא:

„לאמיר זיך פארשטעלען א צילינדער און א קוב. דער צילינדער איז דאך סוביעקט“ — דער וואס דערקענט, — „דער

קוב איז דער אָביעקט", — דאָס, וואָס דאַרף דערקענט ווערען, — „און דער שאָטען־בילד, וואָס ווערט געוואָרפען פון דעם קוב אויף דעם צילינדער רעפּרעזענטירט די פאָרשטעלונג. דער שאָטען־בילד, געוואָרפען פון דעם קוב, איז אין קיין זאַך ניט גלייך צו דעם קוב: די גלייכע ליניען פון דעם קוב קומען אַרויס אין דעם שאָטען־בילד אויסגעקרימט, פלאַטשיגע פלעכען ווערען רעפּרעזענטירט דורך געבויגענע. פון דעסטוועגען וועט יעדע פערענדערונג אין דעם קוב אַרויסרופען איהר אייגענע פערענדערונג אין דעם שאָטען. קיין זאַך שטערט אונז ניט אָנצונעהמען, אַז בנוגע צו דעם פּאַר־גאַנג אין דער פאָרשטעלונג קומט אויף פּאַר אַן ענליכעס: די „ווירקונגען", וואָס ווערען אין דעם סוביעקט אַרויסגערופען דורך די טהעטיגקייט פון דעם אָביעקט, זענען דורכאויס פערשיידען סיי פון דעם אָביעקט, סיי פון דעם סוביעקט, אָבער פון דעסטוועגען מוז מיט יעדער פערענדערונג אין דעם אָביעקט פערענדערט ווערען זיין ווירקונג אויף דעם סוביעקט", און ממילא קאָן מען פון די דאָזיגע פערענדערטע ווירקונגען אויף אונזער ערקענטניס אַרויס־ברענגען דורך ערפאַהרונג און דענקען די טבע פון דעם אָביעקט. *)

איך וויל מיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דעם פאַקט, וואָס מאַרקס און ענגעלס וואָלטען בשום אופן ניט מסכים געווען מיט דעם נייעם ערקענטניס־טעאָרעטישען פּאַרוק, וועלכען פּליעכאַנאָוו וויל אָנטהאָן אויף דעם מאַטעריאַליסטישען, גלאַט געוואָרענעם קאָפּ. לאָמיר בעסער זעהן, אויף וויפיעל דער פּאַרוק קאָן איינגער־מאַכען די כחות פון דעם מאַטעריאַליזם אַרויסצוברענגען דעם אַב־סאָלוטען אמת וועגען דעם תוך פון דער וועלט.

אין פּליעכאַנאָוו־ספּענסער'ס ביישפּיעל שפּיעלט זיך די זאַך אָב זעהר גלאַט, ווייל מיר זענען לכתחילה בעקאַנט מיט דער טבע פון'ם „אָביעקט". מיר ווייסען: דאָס איז אַ קוב, מיט גלייכע ליניעס; און אַזוי ווי מיר קענען אויך דעם „סוביעקט", איז שוין יעמאָלט קיין קונץ ניט, אַרויסצוגעפינען זייער שיכות איינער צו דעם אַנדערן. וואו עס איז אין דעם „סוביעקט" אַ קרומע ליניע,

---

*) זעה זיין אַרטיקעל: מאַטעריאַליזם אָדער קאַנטיאַניזם ? „די נייע צייט, 1908—1909, ז. 629—630.

איז ממילא אין דעם אָביעקט אַ גלייכע. אָבער אין דעם פּראָצעס פון דער דערקענטניס זענען די אומשטענדען גאַנץ אַנדערע. „געגעבען" איז אונז נאָר איין זאַך: די פּ ס י כ י ש ע פ אָ ר־ ש ט ע ל ו נ ג. דער מאַטעריאַליזם פ ע ר ז י כ ע ר ט אונז בלויז, אַז די פאָרשטעלונגען שטאַמען פון געוויסע אָביעקטען אין דער דרויסענדיגער וועלט. בענעגמען זיי דירעקט קאָנען מיר בשום אופן ניט. מוז מען אָנקומען צו אַ מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג, איז — קוקט זיך צו, ווי די מאַטעמאַטישע אויסרעכענונג קאָן אַן ערך אויסזעהן:

1). די גרינע פאַרב בעציהט זיך צו אַן אונבעקאַנטער זאַך, גלייך ווי די רויטע פאַרב צו אַן אַנדער אומבעקאַנטער זאַך; ממילא

2). בעציהט זיך די גרינע פאַרב צו דער רויטער פאַרב, גלייך ווי איין אומבעקאַנטע זאַך צו אַן אַנדער אומבעקאַנטער זאַך.

און אַפילו, אַז איהר זאָלט אָנשטאָט פאַרבען נעהמען די היפּאָטעטישע עפיר־וואָלען, וועט איהר אויך מאַטעמאַטיש און ערקענטניס־טעאָרעטיש ניט כאַפּען קיין מציאה, ווייל די עפיר־טרייסלונגען זענען דאָך אויך פאָרשטעלונגען אין דעם סוביעקט. איהר וועט יעמאָלט האָבען:

1) איין צאָהל עפיר־טרייסלונגען בעציהט זיך צו איין אונבעקאַנטער זאַך, גלייך ווי אַן אַנדער צאָהל טרייסלונגען צו אַן אַנדער אומבעקאַנטער זאַך, אָדער

2) איין צאָהל טרייסלונגען בעציהט זיך צו אַן אַנדער צאָהל טרייסלונגען, גלייך ווי איין אומבעקאַנטע זאַך צו אַן אַנדער אומבעקאַנטער זאַך.

וויפיעל נייע גלייכונגען איהר זאָלט דאָ ניט אויפשטעלען, וועט איהר אַלץ מוזען אריינגעהמען אין זיי ווידער און ווידער נייע אומבעקאַנטע זאַכען. איהר וועט זיך דעריבער ארומדרעהען נאָר אין די פאָרשטעלונגען (דעם „סוביעקט") און צו די זאַכען (דעם „אָביעקט") וועט איהר קיין מאָל ניט קאָנען קומען.

און פון וואַנען קאָן מען נעהמען די זיכערקייט, אַז די „בילדער" בעציהען זיך, איינס צום אַנדערן, „גלייך ווי" די זאַכען. אפשר: „פונקט פערקעהרט ווי". דאָס אויג זעהט, אַז די ערד שטעהט און די זון געהט. דער שכל דענקט, אַז די „מאַטעריע"

איז דאָס ערשטע און דער „גייסט" — אַ פּראָדוקט פון דער מאַ־טעריע. אפשר איז די מעשה מיטביידע זאַכען „פּונקט פערקעהרט ווי" דאָס אויג זעהט און דער שכל דענקט?

צווישען דעם „סוביעקט", דעם וואָס דערקענט, און דעם „אָביעקט", וואָס דאַרף דערקענט ווערען, הענגט, לויט דעם דאָזיגען ביישפּיעל, אַ דיקער־דיקער שלייער פון אונזערע פאָרשטעלונגען, פון די פּסיכישע פּראָצעסען, וואָס קומען אין אונז פאָר, און מען קאָן על פּי דער מאַטעריאַליסטישער טעאָריע ניט דורכרייסען דעם שלייער אין קיין איינציגען פּונקט.

אין דער מענשליכער דערקענטניס זענען געגעבען געוואָרען נאָר די „שאָטענס פון דעם קוב אויף דעם צילינדער". זיי, די שאָטענס, קאָנען וויסען נאָר זיך אליין. פון אַ „קוב", אָדער אַ „צילינדער", קאָנען זיי גאָר נישט ניט וויסען. על כל פּנים האָבען זיי אַ רעכט צו מיינען, אַז זיי זענען ניט די אָבשפּיעגלונג פון אַ קוב אין אַ צילינדער, נאָר פּונקט פערקעהרט: — די אָבשפּיעגע־לונג פון אַ צילינדער אין אַ קוב, — ווייל די „שאָטענס" בלייבען דאָך דערביי דיזעלביגע. ספּענסער'ס ערקענטניס־טעאָריע פּאַסט טאַקע צו זיין אַגנאָסטיציזם, צו זיין לעהרע, אַז דעם אמת'ען תוך פון דער וועלט קאָנען מיר קיין מאָל ניט דערגעהן, — וועלכע וועלט ער אפילו ער בלייבט איהם ניט אלע מאָל טריי. אָבער ווי אַזוי מען קאָן זיך איינשמועסען, אַז מען קאָן דורך איהר קומען צו דעם מאַטעריאַליזם, צו דעם אבסאָלוט זיכערען גלויבען, אַז די אומ־בעקאַנטע זאַכען זענען מאַטעריע און בעוועגונג, — דאָס איז פאַר מיר דער גרעסטער וואונדער.

פריהער מוז מען פון ערגעץ אַן אַנדער קוואַל וויסען אויף זיכער, אַז די וועלט איז נאָר מאַטעריע און בעוועגונג, אַז דער שכל איז אויך ניט מעהר ווי מאַטעריע, און אַז ער שפּיגעלט אָב ריכטיג די וועלט. און ערשט יעמאָלט קאָן מען מיינען, אַז עס איז קיין חדוש ניט, וואָס די מאַטעריע פונ'ם מאַרך שטימט אין איהר ערקענטניס אַזוי שעהן צונויף מיט די ווירקליכע פּראָצעסען פון דער וועלט. אָבער מעהר נישט ווי מ י י נ ע ן ! אין דער אמת'ען וואָלט אויך יעמאָלט די זאַך געבליעבען אַ חדוש נפלא, אַ ניט צו־דערקלעהרענדער וואונדער. עס איז אַ סך לאָגישער צו

זאָגען אַזוי: היות ווי די גאַנצע וועלט איז אַ טויטע, שטומע, פינסטערע מאַטעריע אָהן אַ ברעקעל פונק פון ערקענטניס, און היות ווי די מאַטעריע פון דעם מאַרך איז אויך בעצם אַזאַ טויטע שטיק שטאָף, איז דעריבער קיין וואונדער ניט, נאָר אדרבה, זעהר נאַטירליך, וואָס די וועלט ווערט פון איהם אַזוי אומגעלומפּערט פערהויקערט. וואָס ער זעהט רוה דאָרטען, וואו עס איז בעוועגונג, בעוועגונג דאָרטען, וואו עס איז רוה, געזעצען דאָרטען, וואו עס הערשט אייביגע פרייהייט, און אורזאכען דאָרטען, וואו עס זענען נאָר דאָ ציעלען, און מאַטעריע דאָרטען, וואו עס איז דאָ נאָר אַ פסיכישער פּראָצעס. און אַזוי ווי דער מאַרך קאָן ניט פעררוקטען זיינע אייגענע גרייזען, נאָר קאָן אויסטראַכטען פערשיידענע מעגליכקייטען, איז דעריבער זיין חוב, אין גאַנצען צו מאַכען אַ שוויינג וועגען דעם תוך פון דער וועלט, אין וועלכען ער קאָן ניט אריינדרינגען...

איהר זעהט, וואוהין דער מאַטעריאַליזם פיהרט? צו סקעפּטיציזם און אגנאָסטיציזם, צו אייביגע ספיקות אָדער אבסאָלוטען ניט־וויסען. לאָזט מיך דאָ, אגב אורחא, בעמערקען, אַז די טבע פון דעם מאַטעריאַליזם אויסצולאָזען זיך מיט ספיקות, אָדער מיט זיכערן ניט־וויסען, קאָן מען אויפווייזען אויף יעדען פעלד פון דער מענשליכער גייסטיגער טעטיגקייט, וואו ער ווערט נאָר אָנגעווענדט. נעהמט דעם אַזוי אָנגערופענעם „וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם“, וואו דער סאָציאַליזם ווערט דערפאַר דערקלעהרט פאַר אונזער ענדציעל, ווייל ער ווערט כמור־מאַטעריאַליסטיש כמור־צוריקגעפיהרט צו אַ כמור־בעוועגונג, — דער „עקאָנאָמישער“ בעוועגונג פון דער געזעלשאַפט. כל זמן עס איז בנוגע דעם „נאַטירליכען ענטוויקעלונגס־גאַנג פון דער געזעלשאַפט“ ניט געווען קיין ספק, אַז ער געהט נאָכ׳ן שנירעלע, וועלכען מאַרקס האָט אויסגעפונען, איז דער סאָציאַליזם געווען דער ענד־ציעל פון אונזער טעטיגקייט. קוים אָבער איז דער גאַנג פון דער עקאָנאָמישער בעוועגונג פערטונקעלט געוואָרען, אַזוי האָט זיך אויך דער סאָציאַליזם איינגעוויקעלט אין פינסטערע וואָלקענס. אַ מאַסע רעוויזיאָניסטישע מאַרקסיסטען האָבען גענומען צווייפלען ניט נאָר אין דעם, צי דער סאָציאַליזם מוז „על פי נויטווענדיגקייט“ מקוים

ווערען אין לעבען. דאָס וואָלט, אדרבה, גאָר ניט געווען קיין וויסענשאַפטליכע עולה. ביי זיי האָבען זיך בעוויזען ספיקות, צי זאָל דער סאָציאַליזם בלייבען דער אידעאַל, צו וועלכען מיר זאָלען בעוואוסטערהייד שטרעבען. און אזוי ווי אַן אנדערן זיכערן ענדציעל קאָן מען פון דער טונקעלער עקאָנאָמישער בעוועגונג אויך ניט ארויסברענגען, זענען זיי געבליעבען סקעפּטיקער אָדער אגנאָסטיקער פאַר דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל.

נאָך אַ בעווייז ברענגט ענגעלס, וואָס דאַרף, נאָך זיין מיינונג נאָך, פערטרייבען אַלע ספיקות אין דער מאכט פון דעם מענשליכען שכל. דורך דער פּראַקטיקע, ד. ה. דעם עקספּערימענט און דער אינדוסטריע, זענען מיר ביכולת אויפצובויען אַן ערשיינונג אויף אַ קינסטליכען אופן פון איהרע נאַטירליכע בעדינגונגען. דאָס וואָלט געווען בשום אופן אונמעגליך, ווען מיר וואָלטען אין אונזערע פאָרשטעלונג און בעגריפען ניט געקאָנט בעשאַפען „אַ ריכטיגען שפּיגעל־בילד פון דער ווירקליכקייט". *)

אויף דעם בעווייז האָב איך שוין אַ מאָל פאַנאַנדערגעקליבען אין דער ארבייט, וואָס איך האָב פריהער דערמאָהנט. דאָ לאָזט מיך נאָר ברענגען דעם רעזולטאַט. די פּראַקטיקע קאָן אין בעסטען פאַל בעווייזען, אַז מיר קאָנען דערקענען איינינע נויטווענדיגע שייכות'ען, וואָס הערשען צווישען איינינע אייגענשאַפטען פון דער אזוי אָנגערופענער קערפּער־וועלט. אַז מיר פלאַנצען איין אַן ארבעס אין דער ערד, ווייסען מיר אויף זיכער, אַז דערפון וועט ארויסוואַקסען אַן ארבעס־פלאַנץ. אויף אַזאַ'ן אופן בויען מיר שוין איצטער „קינסטליך" אויף אַ „לעבעדיג וועזען" פון דער „טויטער" מאַטעריע, וואָס געפינט זיך ארום דעם ארבעס. הייסט דאָס שוין, אַז מיר ווייסען אַלץ, וואָס עס טהוט זיך אין יענער „טויטער" מאַטעריע און ווי אזוי זי ווערט לעבעדיג אין דעם גע־וויקס? פּרינציפּיעל דאָס איינענע וועט אויך זיין, ווען מיר וועלען אין אַ פּאָר „טויטע" „וועסערלעך" אריינשיטען אַ פּאָר „טויטע" „פּולווערס" און דערפון וועט אויפזידען אַ לעבען. ווייסען מיר דען, וואָס עס קומט פאָר אין דער מאַטעריע בעת צוויי גאַזען

*) פר. ענגעלס, לודוויג פייערבאך (1888) ; ז. 17—19.

פעראייניגען זיך צו איין וועסערל? די כעמישע בעוועגונג איז פאר אונז אקוראט אזא סוד, ווי דאס לעבען און ביידע — ניט מעהר וואונדער, איידער די מעכאנישע בעוועגונג גופא, צו וועלכער דער מאטעריאליזם פיהרט צו אלץ אין דער וועלט. קינסטליך בעשאפען וואס עס איז, הייסט אין בעסטען פאל, אויסנוצען אייביגע געזעצען, אבער דאס הייסט נאך ניט — פערשטעהן די נאטור פון די דאזיגע געזעצען. וואו איז די ראיה, אז זיי זענען א פראדוקט פון א וועלכער עס איז טויטער, אונבעוואוסטער מאטעריעלער בעוועגונג און ניט דער רעזולטאט פון א וועלכען עס איז בעוואוסטזיניגען פסיכישען געשעהען? אזא בעווייז קאנען די אינדוסטריע און דער עקספערימענט ניט ברענגען. דאס שפרייזט בכלל אריבער די גרענעצען פון דער וויסענשאפט. דער שכל דארף דאס בעווייזען. און דער שכל קאן דאס ניט בעווייזען. דאס ווערט איהם אבסאלוט אונמעגליך אויף דעם באדען פון דער מאטעריאליסטישער פילאסאפיע. אויב ער איז ניט מעהר ווי א פראדוקט פון דער „טויטער“ מאטעריע, מוז ער פערליערען דעם גאנצען צוטרוי צו זיך אליין.

אנשטאט צו געבען אונז א שליסעל אין די הענד, וואס זאל אונז עפענען אלע טויערען פון דער נאטור און אנטפלעקען דעם אבסאלוטען אמת, האט דער מאטעריאליזם, — לאזט זיך אויס, — פערברענט אלע בריקען, וואס קאנען פיהרען צו א זיכערער ערקענטניס. ווייניגער ווי יעדער אנדער פילאסאפישער סיסטעם האט ער א רעכט צו פאדערן דעם טיטעל: „דער אבסאלוטער אמת“. העכסטענס, וואס ער קאן פערלאנגען, איז, מען זאל דערלויבען איהם צו פיהרען דעם נאמען פון אן ערנסטער פילאסאפישער היפאטעזע. אבער אויך די דערלויבניס קאן מען איהם ניט געבען אזוי לייכט.

וואס זענען זיינע פילאסאפישע מעלות?

מיר האבען שוין פריהער דערמאהנט: דער מאניזם, — די דערקלעהרונג פון דער גאנצער וועלט דורך איין־איינציגען פרינציפ, — און די נויטווענדיגקייט, — דאס קלאר־מאכען פון יעדער זאך אזוי, אז מען זעהט זי דורך ביז צום גרונד

און מען פערשטעהט דורך־און־דורך, פאר וואָס זי קאָן ניט זיין אנדערש, איידער זי איז.

דער אידעאַל פון א פילאָסאָפישען סיסטעם וואָלט אין רעם מאַטעריאַליזם ווירקליך מקוים געוואָרען, ווען איהם וואָלט זיך איינגעגעבען צוריקצופיהרען אלץ צו דער מ א ט ע ר י ע, צו יענעם פערבאָרגענעם עפּעס, וואָס האָט ניט קיין אַנדערע איינגעב־שאַפטען, א חוץ אויסגעשפּרייטקייט, אונדורכדרינגליכקייט און בעוועגליכקייט. אין דער אמת'ען אָבער האָט זיך דעם מאַטעריאַ־ליזם ניט איינגעגעבען און איהם קאָן זיך ניט איינגעבען אפילו אין געדאַנקען צו פערוואַנדלען אלץ אין דער וועלט אין אטאָמען און בעוועגונג.

שוין די ערשטע הנחה זיינע, אז ס'איז דאָ אַן אונענדליכער רוים, רייסט דורך דעם מאַטעריאַליסטישען מאָניזם. איז דען דער רוים מאַטעריע און קאָן דער רוים צוריקגעפיהרט ווערען אויף מאַטעריע? לגמרי ניט! אבסאָלוטע לעדיגקייט איז א געדאַנק, וואָס שליעסט אויס פון זיך יערע מאַטעריעלע ממשות. און פון דעסטוועגען מוז דער מאַטעריאַליזם צוגעבען, אז עס איז דאָ אין דער וועלט אזא אבסאָלוטע לעדיגקייט און ער ווייס גאַנץ גוט, אז אָהן איהר וואָלטען לחלוטין געווען אונמעגליך ניט די מאַטעריע און ניט די בעוועגונג.

אבסאָלוטע לעדיגקייט איז א גאָר נישט, און דער זעלבינער מאַטעריאַליזם, וואָס בויט אלץ אויף דעם כלל, אז פון „גאָר נישט קאָן גאָר נישט ארויסקומען", מוז צוגעבען די עקזיסטענץ פון אַן אונענדליכען „גאָרנישט". איך האָב אויף איהם קיין פּאראיבעל ניט דערפאַר. די עקזיסטענץ פון אַן אונענדליכען, אויסגעשפּריי־טען „גאָרנישט" איז א נויטווענדיגע פאָרשטעלונג אין אונז. מיר קאָנען אָבער יע פּאראיבעל האָבען אויף דעם מאַטעריאַליזם, ווען ער מיינט, אז דאָס איז קיין ברעקעל סתירה ניט צו זיין סיסטעם. ער קאָן זיך דאָ ניט אויסדרעהען פון זעהר א שווערען ממה נפשך: אויב אַן אויסגעשפּרייטער גאָר נישט קאָן עקזיסטירען פון זיך אליין, איז יעמאָלט האָבען מיר א פאַל, וואו עפּעס עקזיסטירט, וואָס קאָן בשום אופן ניט זיין קיין מאַטעריע. אָדער: די אונ־ענדליכע אויסגעשפּרייטקייט קאָן ניט עקזיסטירען פון זיך אליין,

איז יעמאלט קיין אנדערע ברירה ניטא, סיידען אננעמען, אז זי עקזיסטירט ווי א פארשטעלונג אין א וועלכען עס איז פסיכיש געשעהען. אז דער בוים קען עקזיסטירען ווי א גייסטיגע פאר־שטעלונג, דאס וויסען מיר, סיי פון דער ערפאהרונג, סיי פון דער מאטעריאליסטישער ערקענטניס־טהעאריע. דער בוים, וואס מיר זעהען אין חלום, די אונצעהליגע מיילען אויסגעשפרייטקייט, וואס מיר האבען יעמאלט פאר אונז, זענען גאנץ בעשטימט ניט רעאל, נאר אידעעל, גאנץ בעשטימט ניט דרויסען פון אונזער אויג, נאר אינווענינג אין איהם. און : און קלין איינס, צי איהר וועט אנ־נעהמען, אז דער טרוים איז א פראדוקט פון א גייסט, אדער אז ער ווערט ארויסגעבראכט פון א מארך־סובסטאנץ, — אין ביידע פעלען איז דער געטרוימטער בוים א זאך, וואס פערנעהמט ניט קיין ברעקעל פלאץ אין דעם אזוי אנגערופענעם ווירקליכען אדער רעאלען רוים. אויך די טיעפענים, וואס מיר זעהען אין א שפיגעל, איז אזא פסיכישער אידעאלער רוים און אונזערע פינגער קאנען אונז דורך ערפאהרונג פערזיכערן אין דעם. אבער אויך יענער רוים, וועלכען מיר זעהען אויפ'ן וואהר, איז לויט דער מאטעריאליסטישער היפאטעזע גופא, ניט דער ווירקליכער רעאלער רוים פון דער וועלט, נאר אן א י ד ע ע ל ע ר, א פסיכישער, וואס ווערט בעשאפען אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין. אן אידעעלע, פסיכישע פארשטעלונג פון לעדיגקייט איז פערשטענדליך און האט אין זיך קיין ברעקעל ווידערשפרוך ניט, ווי אויך דער געדאנק וועגען א „גארנישט“ איז ניט קיין ווידערשפרוך אין זיך. יעדאך איז די רעאלע עקזיסטענץ פון א לעדיגען גארנישט אבסאלוט ניט פערשטענדליך און איז א פשוט'ער ווידערשפרוך. על כל פנים, לאזט זיך דער רוים בשום אופן ניט ארייננקוועטשען אין דער מא־טעריאליסטישער סכעמע.

מיר לאזען דא אין גאנצען טרוים די פראגע, אויף וויפיעל די בעוועגונג קען צוריקגעפיהרט ווערען צו דער מאטעריע ; און אויף וויפיעל דאס קען געטהון ווערען דורך דער פשוט'ער פער־זיכערונג, אז די בעוועגונג איז דער איינציגער צושטאנד, אין וועלכען דער אטאם קען זיך געפינען ; אז זי איז אזוי צו זאגען ניט מעהר ווי אן א ט ר י ב ו ט, א סמן מובהק פון דעם אטאם גופא.

איך וויל זיך אויף דעם פונקט פון דער בעוועגונג ניט אָבשטעלען, ווייל די שווירינקייטען פון דעם בעוועגונג־פּראָבלעם זענען אַזוי פיעל און אַזוי פערפּלאָנטערט, אַז דאָס וועט ביי אונז אוועקנעהמען צו פיעל צייט. מיר וואָלטען שוין געמוזט נעהמען זיך די צייט, ווען פון יענע שווירינקייטען וואָלט נאָר דער מאַטעריאַליזם אַליין געהאַט אַזוינע צרות. אין דער אמת׳ען אָבער איז נאָך קיין פילאָסאָפישער סיסטעם ניט פאַרטיג געוואָרען ווי דער סדר איז מיט דעם פּראָבלעם און עס איז פאַרהאַן מענשען וואָס גלויבען, ווי צ. ב. די אַגנאָסטיקער, אַז מיט דער שאלה, ווי אַזוי וואָס עס איז קאָן זיך בעוועגען, און מיט די פערשיידענע ווידערשפּרוכען וואָס וואַקסען אויס, ווי נאָר מען טראַכט זיך אַריין אין דער מעגליכקייט פון בעוועגונג, — אַז מיט דעם וועט די מענשליכע פילאָסאָפיע קיין מאָל ניט פאַרטיג ווערען. עס וואָלט געווען אונגערעכט אַרויפצושטעלען די אַלע שווירינקייטען נאָר אויף דעם חשבון פון דעם מאַטעריאַליזם, ווען אפילו מיר וועלען שפּעטער צושטעלען איהם אַ קליינעם „פּראָטעסטירטען וועקסעל” זיינעם אויך אין דעם פונקט.

איצטער איז פאַר אונז וויכטיג צו זעהן, צי איז ער פאַרטיג געוואָרען מיט דער הויפּט־אויפגאַבע זיינער, מיט דער צוריק־פיהרונג פון אַלע פּסיכישע ערשיינונגען צו ריין־מאַטעריעלע פּראָצעסען.

לאָמיר זיך ווידער דערמאָהנען אָן דעם פּראָצעס פון דעם זינליכען בעוואוסטזיין, פון זעהן פאַרבען, הערען קלאַנגען, פיהלען אַ טעם. מיר זעהען מיט די אויגען די האַלבע מייל גרינעם באַרג. מיט וואָס איז די גרינע פאַרב אַ מאַטעריעלער פּראָצעס און וואו איז דער מאַטעריעלער פּראָצעס — גרין? מיר האָבען פריהער פאַר אַלץ די וואַלען־בעוועגונג פון דעם וועלט־עפיר, וואָס שלאָגען זיך אָן אָן דאָס אויג. אַפולע מיינען, אַז די גרינע פאַרב זענען אַט די וואַלען־בעוועגונג, ווייל מען קאָן בעווייזען מיט אינסטרומענטען, אַז אַ געוויסע צאָהל עפיר־טרייסלונגען אין אַ סעקונדע און אַ געוויסע אַרט וואַלען־בעוועגונג זיינע ברענגט אַרויס אַ גרינע פאַרב. אָבער עס איז קלאָר, אַז ניט די מאַטעריעלע עפיר־טרייסלונגען האָט דער מאַטעריאַליזם אין זין, בעת ער פערזיכערט, אַז

די עמפּפינדונג פון דער גרינגער פאַרב איז א מאַטעריעלע בעווע־גונג, ווייל די עפיר־טרייסלונגען זענען בעצם פינסטער און האָבען אין זיך קיין ברעקעל פאַרב ניט, און ווען אפילו זיי וואָלטען דאָס געהאַט, וואָלט די פאַרב געבליעבען דרויסען פון אויג. דאָס איי־גענע איז אויך מיט די כעמישע בעוועגונג אין דער זעה־סובסטאַנץ און מיט די נעירישע בעוועגונגען אין די זעה־פעדימער, ווייל אין זיי ווערט נאָך ניט געבאָרען די עמפּפינדונג פון גרין. זי וואַקסט אויס פּלוצלונג אין מאַרך. און גאָר די מאַרך־בעוועגונגען מיינט דער מאַטעריאַליזם, בעת ער זאָגט, אז זיי זענען די גרינע פאַרב. אָבער מיט וואָס פאַר א רעכט טהוט ער דאָס? לאָז זיין, אז א געוויסע פאַרב ווערט געבוירען נאָר יעמאָלט, ווען א סכום פון אַטאָמען אין דעם מאַרך־שטאָף בעוועגען זיך אויף א בעשטימטען אופן. בעוויעזען איז דאָס קיין מאָל ניט געוואָרען און עס איז אויך זעהר שווער צו דענקען, אז דאָס זאָל ווען עס איז בעוויעזען ווערען. אָבער, לאָז זיין, אז ס'איז אזוי. מיר פרעגען אָבער: מיט וואָס איז א סכום פון טאַנצענדע אַטאָמען — א האַלבע מייל גרינע פאַרב? פערגלייכט קלאָר און פינקטליך די צוויי פאָרשטע־לונגען אין אייער געדאַנק. פון איין זייט האָט איהר א קאַראַהאָד פון קייקעלעך, וואָס דרעהען זיך ווי א ווירבעל־ווינד. פערגרע־סערט זיי אין אייער געדאַנק, — ווי דאָס האָט אונז אַן עצה געגעבען לייבניץ, — אזוי, אז איהר זאָלט קאָנען אריינגעהן איני־וועניג אין דעם קאַראַהאָד. פאָרשט דורך אַטאָם פאַר אַטאָם; שטודירט גענוי דורך די פערדרעהטע ליניען, וועלכע זיי בעשרייבען אין דעם לעדיגען רוים; ערגעץ איז דאָרטען ניטאָ קיין שמץ פון גרינע פאַרב און ערגעץ איז דאָרטען ניטאָ קיין פ א ר ש ט ע ל ו נ ג פ ו ן ר ו י ם. די פאָר קובישע דעצימעטער, וואָס דער רוים פון די טאַנצענדע אַטאָמען פערנעהמט איז לגמרי פערשיידען פון יענעם האַלבען מייל גרינעם רוים, וואָס ווערט געבאָרען, בעת די אַטאָמען טאַנצען. און דאָס אייגענע איז, ווען אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין ווערט געבוירען א טעם פון זיס, אָדער א נחת פון ליעבע, אָדער א שמערץ פון הונגער. מיט קיין מיקראָסקאָפּ אין דער וועלט קאָנט איהר דאָרטען, אין די טאַנצענדע אַטאָמען ניט בעמערקען ניט איין שמץ פון א וועלכער עס איז פּסיכישער עמ־

פּפינדונג, ניט קיין שמץ פון „זיס“ אָדער „נחת“, אָדער „שמערץ“, אָדער „הונגער“, אָדער „ליעבע“. און פון דעסטוועגען זענען די דאָזיגע עמפּפינדונגען — פאַקטען, א סך רעאַלערע פאַקטען, — ווייל מיר האָבען זיי אין אונזער טאָג־טעגליכען בעוואוסטזיין, — איידער די גאַנצע טעאָריע פון די אַטאָמען און זייערע טענץ, וועלכע קיין מענש האָט ניט געזעהן. איהר קאָנט די פּסיכישע פאַקטען בשום אופן ניט אָבלייקענען; זאָגען אָבער, אַז דער נחת פון ליעבע, אָדער דער זיסער טעם א י ז, לאָמיר זאָגען, א קרייז־בעוועגונג פון אַטאָמען, איז אַקוראַט אַזוי ווי גלויבען אַז צוויי מאָל צוויי איז א שטרויענער דאַך. צווישען דעם מאַטעריעלען „שטרויענעם דאַך“ פון איין זייט און דעם געדאַנק: „צוויי־מאָל־צוויי“ פון דער אַנדערער, איז ניטאָ קיין ברעקעל לאָגישע שייכות.

דאס איינציגע, וואס איהר קאָנט אפשר זאָגען, איז, אַז ביי יעדען אַקט פון דעם פּסיכישען בעוואוסטזיין שפּיעלט זיך אָב א גאַנץ בעזונדער „טאַנץ“ פון די אַטאָמען, אַז זיי ביידע זענען אויף א געהיימניספולען אופן אויף אייביג פערבונדען איינע מיט די אַנדערע. אָבער דאָס הייסט דאָך ניט, אַז זיי זענען איין־און־דיזעלביגע זאַך.

אויף פּסיכישע עלעמענטען איז ניט שייך צו זאגען קיין זאַך, וואָס מיר קאָנען זאָגען אויף מאַטעריעלע. דער טעם פון זיס פערנעהמט ניט קיין פּלאַץ אין דעם לעדיגען וועלטען־רוים, ער קאָן ניט האָבען קיין לענג און קיין ברייט און קיין טיעף. און ווען אפילו די גאַנצע וועלט האָט צרות אויפ'ן פּוד, קאָן מען פון איהר ניט צונויפזאַמלען קיין איין מיליאָנטעל נראַן „וועלט־שמערץ“, ווייל וועלט־שמערץ איז א ג ע פ י ה ל, א פּסיכישער געשעהען, און א פּסיכישער געשעהען האָט קיין ברעקעל סמן ניט אין זיך, וואָס זאָל איהם אין א וועלכען עס איז פּונקט גלייך מאַכען מיט א מאַטעריעלען אַטאָם, אָדער מיט א רוימליכער בעוועגונג. פון א מאַטעריעלען פּראָצעס קאָן מען בשום אופן ניט אריבערשפּרינגען אויף א פּסיכישען געשעהען, פון אַן אַטאָמען־טאַנץ אויף אַן עמפּפינדונג. דער דואַליזם פון מאַטעריע און עמפּפינדונג בלייבט בעשטעהן און שטאַרצט אַרויס אין דער מאַטעריאַליסטישער פילאָסאָפיע נאָך שאַרפער, איידער ערגעץ וואו אַנדערש. שוין לייכטער איז דורכ־

צופיהרען דעם מאַניזם אויף דעם אידעאַליסטישען וועג. מיר זעהען קערפּער אין רויטליכע בעוועגונגען. מיר זעהען זיי אין שפּיגעל, אין חלום און אויפ׳ן וואָהר, ד. ה. אין דעם זינליכען בעוואוסטזיין. זיי אַלע זענען בלי ספק ניט רעאַל, נאָר אידעעל, ניט מאַטעריעל, נאָר פּסיכיש. דאָס מוז צוגעבען אויך דער מאַטעריאַליסט. עס בלייבט נאָר ביי איהם דער גלויבען, אַז ערגעץ וואו דרויסען פון דעם זינליכען בעוואוסטזיין איז דאָ אַ מאַטעריע, וואָס איז דער אויבער־האַרר איבער אַלע פּסיכישע פּראָצעסען. וואַרפט מען אָבער אַראָב דעם דאָזיגען גלויבען, בלייבט די וועלט ווי זי איז געוועזען, ווי מיר האָבען זי אין אונזער בעוואוסטזיין, — אַ גרויסער, אונענדליכער פּראָצעס. אַז דער פּראָצעס איז אַ פּסיכישער, אָדער אַן אידעעלער, ווי דער אידעאַליזם וויל, — פּערוויקעלט איהם ניט אין קיין ווידערשפּרוך. אדרבה! עס שטימט זעהר גוט מיט די פאַקטען פון דעם בעוואוסטזיין, ווייל אַלץ, וואָס מיר ווייסען פון דער וועלט, יעדער אַקט פון וויסען, איז פון פּסיכאָלאָגישער נאַטור, און דאָס וואָס איז ניט פּסיכיש, קאָן זיך ניט געפינען אין בעוואוסטזיין. דער אידעאַליזם קאָן דעריבער אויסקומען אָהן דער מאַטעריע. ער האָט נאָר איין פּרינציפּ: דאָס פּסיכישע געשעהען. דער מאַטעריאַליסט קאָן אָבער ניט אויסקומען מיט זיין מאַטעריע אַליין, אָהן דעם פּסיכישען געשעהען, אָהן דעם פאַקט פון בעוואוסטזיין, ווייל דאָס איז אַ פאַקט, וואָס יעדער איינער לעבט דורך אין זיך. אַראָבוואַרפען איהם פון חשבון טאָר ער ניט, און אַרויפשטעלען איהם אויף דעם חשבון פון דער מאַטעריע קאָן ער ניט און ממילא מוז ער בלייבען דואַליסטיש. זיין מאַניזם געהט באַנקראָט.

ניט פיעל גליקליכער איז דער מאַטעריאַליזם מיט דעם פּרינציפּ פון נויטווענדיגקייט.

שוין ביי דעם ערשטען שריט זיינעם קאָן ער אונז ניט דער־קלעהרען, פאַר וואָס די וועלט מוז על פּי נויטווענדיגקייט בעשטעהן פון רוים, מאַטעריע און בעוועגונג און נאָר פון זיי, און פאַר וואָס דאָס קאָן ניט זיין אַנדערש, בעת די אידעאַליסטישע אויסטייטשונג פון דער וועלט ליעגט דאָך אַזוי נאָהענט. די דערקלעהרונג פון דער וועלט׳ס נויטווענדיגקייט בלייבט אַ חוב. און לאָזט מען דעם

מאַטעריאַליזם בעצאָהלען דעם חוב אין איינצעלנע ראַטעס, דורך דער דערקלערונג פון דער נויטוועגדיגקייט אין די איינצעלנע זאַכען און פּאַסירונגען פון דער וועלט, קומט מען ערשט ניט אויפ׳ן קין.

פאַר וואָס מוזען איבערהויפּט זיין געזעצען פאַר דער בעוועגונג? פאַר וואָס זאָל זיין ריכטיג דער זאַץ, אַז פון גאָר נישט קאָן גאָר נישט אַרויסקומען? פאַר וואָס זאָלען אַטאָמען ניט קאָנען ווערען „גאָר נישט“? איז דען דאָס אַ גרעסערער וואונדער איידער די עקזיסטענץ פון אַן אויסגעשפּרייטען „גאָרנישט“, דעם אונענדליכען לעדיגען רוים?

פאַר וואָס זאָל זיך דער אַטאָם מוזען בעוועגען אייביג? פאַר וואָס זאָל זיין בעוועגונג ניט קאָנען ווערען אַלץ קלענער און קלענער, ביז זי זאָל אין גאַנצען פערשווינדען און איבערגעהן אין רוה?

פאַר וואָס מוז די בעוועגונג זיך אָבשפּיעלען אין די פאָרמען, אין וועלכע זי שפּיעלט זיך אָב? פאַר וואָס מוז אַרויסקומען פון זיי אַ צוציהונגס־קראַפט צווישען אַטאָמען? מיר קאָנען זיך גאַנץ גוט פאָרשטעלען, אַז אַנשטאַט אַ צוציהונגס־קראַפט זאָל אומעטום הערשען אַן אָבשטויסונגס־קראַפט, און יעמאָלט וואָלט דער סכום וועלט־אַטאָמען זיך פאַנאַנדערגעטראָגען אין דעם אונענדליכען רוים. יעדער אַטאָם וואָלט אַזוי געפלויגען און געפלויגען עד סוף כל הדורות. זונען, שטערען און לבנות וואָלטען יעמאָלט געווען אונמעגליך. אין דעם פאַקט פון דער בעוועגונג און דער מאַטעריע קאָנען מיר זייער נויטווענדיגקייט ניט איינזעהן. ממילא פערדאַנקען זיי זייער עקזיסטענץ אַ פּשוט׳ען צופאַל.

פאַר וואָס „האָט זיך עס געמאַכט“, אַז ביי אַ „געוויסער אַרט בעוועגונג“ זאָל פּלוצלונג אַרויסשפּרינגען לעבען? פאַר וואָס „האָט זיך עס געמאַכט“, אַז ביי אַ געוויסער אַנדער אַרט זאָל אַרויסשפּרינגען אַזאַ מין משונה׳דיגע זאַך ווי עמפּפינדונג, בעוואוסטזיין און געדאַנק, וואָס לאָזט זיך אין קיין אַטאָם ניט אַריינשטופּען? ווי אַזוי קאָן עפּעס (די עמפּפינדונג) אַרויסשפּרינגען ביי אַ גרופּע פון אַטאָמען, בעת קיין איין איינציגער פון זיי פאַר זיך קאָן ניט האָבען קיין עמפּפינדונג אין זיך?

דער מאַטעריאַליזם מוז אויף אַלע די שאלות ענטפערן, ווי

יענער איד, וואָס האָט זיך געלאָזט אויפרופען צו דער תורה, ווי א כהן, ווי א לוי און ווי א ישראל. „ווי אַזוי איז דאָס מעגליך?“ האָט מען ביי איהם געפרעגט. „אָט זעהט איהר דאָך!“ — האָט ער געענטפערט. אָבער אונזער איד האָט דאָך, במחילה, געליגט און דער מאַטעריאַליזם קאָן זיך ניט בענוגענעם מיט דעם תירוץ, אפילו ווען דאָס וואָלט געוועזן אמת, וואָס ער דערצעהלט, ווייל ער האָט זיך אונטערגענומען צו ד ע ר ק ל ע ה ר ע ן די וועלט, צו בעווייזען די אבסאָלוטע נויטווענדיגקייט פון אלע פראָצעסען, וואָס קומען אין איהר פאָר.

אַנשטאָט צו געבען מאָניזם האָט ער נאָך שאַרפער געמאַכט דעם דואַליזם פון „פיזיש“ און „פסיכיש“; אַנשטאָט „נויטווענדיג“ האָט ער נאָך בולט'ער געמאַכט דעם צ ו פ א ל. ס'איז א צופאַל, וואָס ס'איז דאָ א מאַטעריעלע וועלט, א צופאַל, וואָס עס זענען דאָ געזעצען אין איהר, וואָס עס זענען דאָ זונען און שטערען און לבנות, וואָס עס איז דאָ לעבען אויף דער וועלט, וואָס ערגעץ־וואו אין איהר דענקט זיך, און פיהלט זיך, און בענקט זיך.

וואָלט נאָך דער מאַטעריאַליזם, ווי דער סדר איז, פאַרטיג געוואָרען מיט דער דערקלעהרונג פון די איינצעל־ערשיינונגען אין דער נאַטור, וואָלט מען איהם געלאָזט רוהען לכל הפחות אין דער וויסענשאַפט. „א שלעכטער פילאָסאָף אָבער אַן אויסגעצייכענטער וויסענשאַפטליכער פאָרשער, דער עיקר אויף דעם געביעט פון דער ניט לעבעדיגער וועלט“, — אַזאַ'ן אַטעסטאַט האָט איהם נאָך פרידריך אַלבערט לאַנגע אַרויסגעטראָגען אין די זעכציגער און זיעבעציגער יאָהרען! מען וואָלט זיך געוועהנט צו דעם געדאַנק, אַז אַקוראַט ווי מיר מוזען אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען ז ע ה ן די זון — די גרויס ווי א טעלער און ז ע ה ן, ווי זי בעוועגט זיך איבער'ן הימעל, בעת אין דער אמת'ען בעוועגט זיך גאָר די ערד, — אַקוראַט אַזוי וואָלטען מיר מוזען ד ע נ ק ע ן וועגען קערפּער־וועלט, אַז זי בעשטעהט נאָר פון אַטאָמען און מעכאַנישע בעוועגונג. ו ו י ס ע ן אָבער וואָלט מיר געוואוסט אין ביידע פעלען, אַז דאָס איז ניט מעהר ווי א דמיון, ווען אפילו א נויטווענדיגער דמיון פון די חושים אין דעם טאָג־טעגליכען לעבען, א נויטווענדיגער דמיון פון דעם שכל און דער פיזיקאַלישער ערקענטניס.

קאָן מען אבער דעם מאַטעריאַליזם אויך אין דער וויסענשאַפט נים לאָזען בלייבען אויף דעם פריהערדיגען פּלאַץ.

הערט זיך צו צו דעם פער׳צער׳טען זיפץ, וואָס רייסט זיך ארויס פון א וויליאם טהאָמסאָן, דעם זעלביגען טהאָמסאָן, וואָס האָט געהאָפט, אז פאַר אַלע ערשיינונגען אין דער פיזיק וועט מען ווען עס איז קאָנען אויפבויען א מעכאַנישען מאָדעל.

„איך מוז מיט עגמת נפש צוגעבען", שרייבט ער, „אז אַלע אייגענשאַפטען פון דער מאַטעריע קאָן מען ניט ערקלעהרען בלויז מיט דער טהעאָריע פון ווירבלענדע אטאָמען — דאָס הייסט נאָר דורך דער בעוועגונג פון א ניט צונויפדריקבארער פליסיגקייט" — ער מיינט דאָ יענעם פינסטערען טויטען „ים", מיט וועמען מיר האָבען געהאט אזוי פיעל צו טהאָן. „די היפּאָטעזע", זאָגט ער ווייטער, — בעמערקט, אגב, אז טהאָמסאָן איז אַן עהרליכער פאָרשער, וואָס ווייס, אז די מעכאַנישע בעוועגונג איז ניט קיין אבסאָלוטער אמת, נאָר ניט מעהר ווי א וויסענשאַפטליכע היפּאָטעזע, — „די היפּאָטעזע האָט זיך ארויסגעשטעלט נוצלאָז ביי דעם אויספאָרשען פון דער פראַגע, ווי אזוי די קריסטאַלען ווערען געבויט, אָדער אויך ביי די עלעקטרישע פּראָבלעמען, כעמישע קרעפטען און די צוציהונגס־קרעפטען". אין דעם אטאָם גלויבט נאָך טהאָמסאָן. ער האָפט, עס וועט זיין א צייט, ווען מען וועט בעסער פערשטעהן די טבע פון דעם אטאָם. אָבער „מיט גרויס בעדויערען", הייסט עס ווייטער, „זאָג איך מיך אָב פון דעם געדאַנק, אז דערצו איז גענוג נאָר א געוויסע פאָרם פון בעוועגונג".

איך וויל נאָך דאָ דערמאָנען, אז ביי געוויסע פיזיקאַלישע פּראָצעסען האָט זיך לויט מאַטעמאַטישער אויסרעכענונג ארויסגעשטעלט, אז די מאַטעריעלע מאַסע ווערט דערביי פערוואַנדעלט אין ריינע בעוועגונג, — א פאַקט, וואָס שטעלט אוועק אין געפאַהר דעם מאַטעריאַליסטישען פּרינציפּ פון שטאָף־ערהאַלטונג, ווי איהר קאָנט לייענען וועגען דעם גענויער אין דעם אינטערעסאַנטען ארטיקעל פון דר. א. הימאָוויטש: „א שטאַנדפּונקט ווי צו בעטראַכטען די נאַטור־געזעצען"*).

*) זעה „דאָס נייע לעבען", דריטער באַנד (1911), ז. 128.

מוז, הייסט עס, דער אַטאָם, דער אייביגער און אונפערטיליג־באַרער זיך אין גאַנצען לאָזען אַוועק'חשבונ'ען פון דער וועלט!

היינט, אַז אין די פיזיקאַלישע וויסענשאַפטען קאָנען פּאַסירען אַזעלכע אונגליקען מיט דעם מאַטעריאַליזם, מעגט איהר שוין פער־שטעהן, ווי למשל ער האַלט אין דער ביאָלאָגיע, אין די וויסענשאַפ־טען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט דעם פּראָבלעם פון לעבען.

אויף דעם ענין מוזען מיר זיך אַ ביסעל לענגער אָבשטעלען, ווייל דאָס איז איינער פון די וויכטיגסטע פונקטען אין דער נאַטור־פילאָסאָפיע.

פאַר אַ סך מאַטעריאַליסטישע דענקער און פאָרשער איז גע־ווען נאָך קלאָרער, איידער דער טאָג, אַז אויב דער כעמיע זאָל זיך איינגעבען צו בעשאַפען קינסטליך אין דעם לאַבאָראַטאָריום אַ שטיקעל לעבעדיגע מאַטעריע פון ריין „טויטע" שטאָפען, וועט דאָס זיין אַ בעוויז ניט נאָר פאַר דער מאַכט פון דעם מענשליכען שכל אַריינצודרינגען אין די סודות פון דער נאַטור, נאָר אויך אַ בעוויז פאַר דעם מאַטעריאַליסטישען געדאַנק, אַז די לעבענס־פּראָצעסען זענען אין תוך אַריין ניט קיין אַנדער זאַך, ווי פיזיקאַ־לישע און כעמישע בעוועגונגען, ד. ה. אין דער לעצטער שורה, ריין מעכאַנישע בעוועגונגען, וואָס שפּיעלען זיך אָב אין די טויטע, אַב־סאָלוט בעוואוסטלאָזע אַטאָמען.

איך האָב שוין פריהער בעמערקט, אַז די בעשאַפונג פון לע־בעדיגע מאַטעריע אויס ניט לעבעדיגע שטאָפען קומט פאָר טאָג־טעגליך פאַר אונזערע אויגען סיי אין דער נאַטור, סיי אין דער מענשליכער פּראַקטיק, און צוליעב דעם דאַרף מען באמת ניט וואַר־טען, ביז פון די פּולווערלעך און די וועסערלעך וועט פּלוצלונג אויפ־זיעדען אַ לעבען אין דער רעטאָרטע פון דעם כעמיקער. אַז מיר זעיען איין אַ קערענדעל, וואָס וועגט אַ גראַן, און מיר בעקומען פון איהם אַ לעבעדיגען בוים, וואָס וועגט עטליכע הונדערט פונט, האָבען מיר פון דער „טויטער" לופט, דעם „טויטען" וואַסער און דער „טויטער" ערד אויפגעבויט איינציגע הונדערט פונט (מינוס איין גראַן) לעבעדיגע מאַטעריע. און וואָלט דער לעבענס־פּראָצעס בעשטאַנען ניט מעהר ווי פון אַ ריין פּאַסיווען אַנוואַקסען פון לע־בעדיגע מאַטעריע, וואָלט דאָס אפשר ניט געוועזען קיין גרעסערער

וואונדער, ווי דאָס אַרויסקריסטאַליזירען פון זאַלצען אין אַן איבער־געזעטיגטער פליסיגקייט (אויב דער קריסטאַליזאַציאָנס־פּראָצעס קאָן ווען עס איז צוריקגעפיהרט ווערען צו ריין מעכאַנישע בע־וועגונגען).

די „צרה" פון דעם לעבען פאַר דעם מאַטעריאַליסט בעשטעהט ניט אין דעם, וואָס מען האָט ביז אַהער ניט בעשאַפען קינסטליך קיין לעבעדיגע מאַטעריע פון דער טויטער נאַטור. ס'איז דאָ אַ גרעסערע צרה. די לעבענס־פּראָצעסען זיינען ניט פּאַסיוו, נאָר אַקטיוו. אין דער נאַטור קומט פאָר ניט נאָר אַן איבערגאַנג פון טויטע מאַטעריע אין לעבעדיגע, נאָר אויך אַ קאַמפּף פאַר אַזאַ איבערגאַנג און פאַר דער דערהאַלטונג פון דעם לעבען. ווי זאָל אָט דער אַקטיווער קאַמפּף, — לכל הפחות, אָט די אַקטיווע בעוועגונג, כדי זיך צו דערהאַלטען, — דערקלעהרט ווערען ריין מעכאַניש?

נעהמט די פשוט'סטע פיזיאָלאָגישע ערשיינונג, דעם דערנעה־רונגס־פּראָצעס. אַלץ וואָס לעבט, מוז אַריינגעהמען שפּייז אין זיך, כדי ווייטער צו לעבען. וואָס טרייבט דאָס לעבעדיגע וועזען אַריינ־צונעהמען שפּייז אין זיך? ביי די העכער ענטוויקעלטע חיות, ווי ביי דעם מענשען, איז דאָס דער הונגער, אָבער דער הונגער איז אַ געפיהל, אַ פּסיכאָלאָגישע, אַ רוחניות'דיגע זאַך, וואָס טויג בשום אופן ניט פאַר אַ מאַטעריאַליסטישע דערקלעהרונג. מיר מוזען זיך אַראָבלאָזען גאָר טיעף, אויף דער לייטער פון לעבעדיגע וועזענס, צו די ערשטע היה'לעך, אפשר גאָר צו דער מאָנערע, אָדער נאָך ניעדעריגער, צו דעם גאָר ערשטען שטיקעל לעבעדיגע פּראָטאָ־פּלאַזמאַ, וואָס האָט זיך, מיר ווייסען ניט ווי אַזוי, אַרויסגע־„ביאָ־לאָגירט" אין דעם אַבסאָלוט טויטען ים. וואָלט די פּראָטאָפּלאַזמאַ געהאַלטען זיך נאָר אויף איין אָרט, וואָלט איהר אַנוואַקסען דורך שטאָף־וועקסעל נים געווען — ווי געזאָגט — קיין גרעסערער וואונדער, איידער דאָס וואַקסען פון אַ קריסטאַל.

אָבער די פאַקטען צווינגען אונז אָנצונעהמען, — און די ביאָ־לאָגען נעהמען דאָס אָן, — אַז די פּראָטאָפּלאַזמאַ, אָדער על כל פנים די מאָנערע, איז שוין ניט פּאַסיוו צו איהר גורל, צו דער דערהאַלטונג פון איהר לעבען. געפינט זי זיך אין בעדינגונגען, וואָס זענען גינסטיג פאַר אויפנעהמען די נויטיגע שפּייז פאַר איהר

וואַקסען, בלייבט זי אין זיי. ווערען די בעדינגונגען אונגינסטיג, פערלאָזט זי זיי. די מאַנערע האָט שוין געוויסע ר ע פ ל ע ק ס־בעוועגונגען. זי ציהט זיך צונויף און ציהט זיך אויס, כדי אויף אַזאַ'ן אופן צו ענדערן איהר לאַגע אין דעם „ארום“ און אויסצונוצען די געלעגענהייטען: אויסצומיידען געפאַהר און צו פערשטאַרקען די גינסטיגע בעדינגונגען.

און אָט מיט די פּרימיטיווע בעוועגונגען, וואָס דוכטען אויס צו זיין ריין מעכאַניש, הויבען זיך אָן די ערגסטע שוועריגקייטען פאַר דעם מאַטעריאַליזם. די בעסטע, ריין מעכאַנישע דערקלעהרונג וואָלט געווען אַזאַ: עס האָבען זיך „ארויסגעביאָלאָגירט“ אַ סך פּראָטאָפּלאַזמאַ־שטיקלעך אין פערשיידענע שטעלען פון דעם ים. די, וואָס זענען געווען אין גינסטיגע בעדינגונגען, האָבען געקאָנט וואַקסען; די, וואָס דער וועלען־גאַנג האָט אריינגעבראַכט אין אונגינסטיגע, ווי צ. ב., ווען ער האָט זיי צוגעשלאָגען צו שאַרפע שפּיצען פון אַ ים־פעלז, זענען ווידער פאַנאַנדערגעפאַלען אין טויטע מאַטעריע. ריין מעכאַניש האָט געמוזט אויסקומען, אַז ביים לעבען זיינען געבליעבען נאָר די, וואָס זענען געווען אין גינסטיגע אומשטענדען. און מיט די, וואָס זענען געבליעבען ביים לעבען, איז די מעשה געווען אַזוי: אַ טייל האָט ניט געהאַט די אייגענשאַפט ארויסצוברענגען רעפלעקס־בעוועגונגען, זענען זיי ביי יעדער אונגינסטיגער געלעגענהייט פערשוואונדען. ביי אַן אַנדער טייל אָבער האָט זיך געמאַכט, אַז זייערע אַטאָמען און מאָלעקולען האָבען בעקומען אַ ריין מעכאַנישע אייגענשאַפט, ארויסצוברענגען רעפלעקס־בעוועגונגען. די רעפלעקס־בעוועגונגען זענען אַפריהער געווען פון אַלערליי אַרט. אַ טייל האָבען געקאָנט זיין ש ע ד ל י כ ע פאַר דער דערהאַלטונג פון לעבען. האָט זיך, צ. ב., די פּראָטאָפּלאַזמאַ אַנגעריהרט אָן דעם שאַרפען שפּיץ פון דעם פעלז, איז זי דורך איהר רעפלעקס־בעוועגונג צוגעטריעבען געוואָרען נאָך נעהנטער צו דעם שפּיץ, ביז ער האָט זיך אריינגעשטאָכען אין איהר לייב. עס פערשטעהט זיך, אַז אַזעלכע פּראָטאָפּלאַזמאַ־שטיקלעך האָבען געמוזט ווידער פערליערען זייער לעבען.

ביי אַנדערע אָבער איז די רעפלעקס־בעוועגונג ריין צופעליג געווען אַ צוועק־מעסיגע, ד. ה., אַזאַ, וואָס האָט בעסער געפּאַסט

פאַר דער דערהאַלטונג פון לעבען, ווען אפילו ניט די פּראָטאָפּלאַז־מאַ, ניט די רעפלעקס־בעוועגונג האָבען דערפון געהאַט קיין ברעקעל השגה. אַ דאַנק אָט דער ריין צופעליגעד צוועק־מעסיגקייט, איז בעשאַפען געוואָרען די בעדינגונג פאַר אַ ווייטערדיגען לעבען. קומט די מאָנערע צו נאָהענט צו אַ שאַרפען שפּיץ (פערשטעהט זיך, אַ מיקראָסקאָפּיש קליינעם), ווערט איהר קערפּער ריין מעכאַניש צו־נויפ־און צוריקגעצויגען; קומט זי צו נאָהענט צו אַ מיקראָסקאָ־פּישען פּיצעלע שפּייז, ווערט איהר גוף ריין מעכאַניש אויסגע־צויגען, נעהמט ארום די שפּייז און ציהט זיך ווידער אריין מיט איהר צוריק אין גוף אריין. אויף אזא׳ן אופן בלייבט זי „ריין מעכאַניש״ ביים לעבען.

אָבער דאָ פרעגט זיך די שאלה: פאַר וואָס האָט זיך דאָס אַזוי געמאַכט? „דורך אַ צופאַל!״ — מוז ענטפערן דער עהרליכער מאַטעריאַליסט. „דורך אַ צופאַל״, דאָס איז דער טייטש, אַז ווען מיר טראַכטען זיך אריין אין דעם מהות פון די „טויטע״ אַטאָמען און די טויטע, מעכאַנישע בעוועגונגען, וואָס שפּיעלען זיך מיט זיי אָב, געפינען מיר קיין איין טעם ניט, פאַר וואָס דער לעבענס־צושטאַנד, פון וועלכען די טויטע אַטאָמען האָבען קיין ברעקעל השגה ניט, זאָל פאַר וועמען עס איז זיין טהייערער, ווינשענס־ווערטהער, חשוב׳ער, איידער דער טויט־צושטאַנד. אָהן אַ ברע־קעל אינוועניגע נויטוועדיגקייט, אָהן אַ שום פאָרשטעלונג, אַז די לעבענס־פּראָצעסען זענען בעסער איידער די געשעהעניסען אין דער טויטער וועלט, האָבען זיך די מעכאַנישע, כעמישע און פיזיקאַלישע בעוועגונגען צונויפגעפּלאָנטערט אַזוי, אַז פון זיי איז געוואָרען אַ פיזיאָלאָגישער פּראָצעס פון דערנעהרען זיך און פון אַקטיוו יאָגען זיך נאָך שפּייז, — און על פּי צופאַל האָט זיך דאָס דאָזיגע פּלאָנ־טערנים דערהאַלטען און פאַנאַנדערגעוואַקסען...

ווידער דער הייליגער צופאַל! און אַלץ כדי צו ראַטען דעם מאַטעריאַליזם, וואָס וויל פערטרייבען יעדען צופאַל פון יעדער דער־קלעהרונג! די פיזיאָלאָגישע פּראָצעסען זענען אַזאַ זעלטענע אויס־נאָהם אין דער אונז בעקאַנטער, ניט לעבעדיגער וועלט; זייער גלייכגעוויכט איז אַזוי שווער אויפצוהאַלטען צווישען די בילי־ביליאָנען בעדינגונגען, וואָס זענען פיינדליך פאַר דער ענטוויקעלונג

פונ׳ם לעבען, אַז על פי דער טהעאָריע פון וואַהר־שיינליכקייט, — די איינציגע טהעאָריע, וואָס קאָן אַריינ־טראָגען נויטווענדיגקייט אין דעם צופאַל, — וואָלט אַ צופעליגע קאָמבינאַציע פון ריין מעכאַנישע בעוועגונגען צו אַ רעפלעקס־בעוועגונג, — אפילו צו אַ שעדליכער, — געהאַט זעהר ווענינ וואַהרשיינליכקייט פאַר זיך. און להיפך צו יעדער וואַהרשיינליכ־קייט איז דאָס, ווען מען נעהמט אָן, אַז די ריין־מעכאַנישע בעווע־גונגען האָבען זיך צופעליג געקאָנט צונויפפלאָנטערן צו אַ צוועק־מעסיגער רעפלעקס־בעוועגונג.

אין דער אמת׳ען האַלטען דאָס רוב ביאָלאָגען זעהר ווענינ פון אַזאַ דערקלעהרונג. אין דער ביאָלאָגישער וויסענשאַפט שטעהט שוין פון לאַנג אָן פעסט דער פאַקט, אַז די פּראָצעסען פון דעם אינ־דיווידועלען לעבען, — דער עיקר דאָס יאָגען זיך נאָך שפייז, — קאָן ניט דערקלעהרט ווערען אָהן אַ געוויסען אומבעוואוסטען אינ־סטינקטיווען זעלבסט־דערהאַלטונגס־טריעב, אָהן אַ שטרעבען צו זיין אויף דער וועלט אין דער פאָרם פון לעבע־דיגער און ניט פון טויטער מאַטעריע. ווי זאָלען מיר דעם דאָזיגען דערהאַלטונגס־טריעב דערקלעהרען מאַטעריאַליסטיש? וואו ליעגט ער? אויב אינווענינ, אין דער פּראָטאָפּלאַזמאַ, איז יעמאָלט די שאלה: ווער האָט איהם דאָרטען ארויסגעבראַכט? פאַר וואָס זאָל דער פּראָטאָפּלאַזמאַ זיין ניט אַלץ איינס: לעבען אָדער ניט לעבען? פון אַ וועלכען עס איז פסיכישען צושטאַנד, וואָס זאָל פערבינדען אַנגענעהמע עמפּפינדונגען מיט לעבענס־גינסטיגע אומשטענדען און אונאַנגענעהמע מיט לעבענס־שעדליכע אומשטענדען, רעדען מיר נאָך דערווייל ניט. דערווייל פלייסען מיר זיך אויסצוקומען אָהן יעדע פסיכישע אַריינמישונג. מיר ווילען נאָך ריין מאַטעריאַ־ליסטיש דערקלעהרען דעם אָנהויב פון דעם לעבענס־פּראָצעס אויף אַ ריין מעכאַנישען אופן. איז דאָס אָבער לחלוטין אונמעגליך. די דורך־און־דורך אומבעוואוסטע פּראָטאָפּלאַזמאַ, וואָס וויים ניט פון דעם חיות פון לעבען, קאָן ניט פון זיך אויס, אַרויסברענגען דעם טריעב צו דערהאַלטען זיך. וואָס איז איהר דאנה, אַז ניט? פאַר אַ ריין אומבעוואוסטען צושטאַנד איז קיין נפקא מיניה צווישען טויט און לעבען.

זאָלען מיר אפשר אָננעהמען, אז דער זעלבסט־ערהאַלטונגס־טריעב ליעגט ניט אין דער פּראָטאָפּלאַזמאַ, נאָר ערגעץ וואו ד ר ו י ס ע ן פון איהר? אז עס איז דאָ אַזאַ קראַפט אין דער נאַטור, וואָס וויים די גוטסקייט פון לעבען, וואָס ש ט ר ע ב ט, — לאָז זיין אין אַ האַלב־פער׳חלום׳טען צושטאַנד, — צום לעבען און צו דער דערהאַלטונג, און אָט ד י קראַפט טרייבט די פּראָטאָפּלאַזמאַ אַריינצונעהמען שפּייז אין זיך אָדער אָבצורוקען זיך פון אַ סכנה. אַ סברה איז דאָס, און דוקא ניט קיין מאוּס׳ע, — אָבער דאָס וואָלט דאָך שוין געהייסען אין גאַנצען צו צוקריעגען זיך מיט דעם מאַ־טעריאַליזם. ווייל יעמאָלט וואָלט אויסגעקומען, אז מיר האָבען אין דער נאַטור, אַ חוץ די ריין מאַטעריעלע פּראָצעסען, נאָך אַ רוחניות׳דיגע קראַפט, — די לעבענס־קראַפט, — וואָס וויים עפּעס פון דעם לעבען, נאָך איידער דאָס לעבען האָט זיך בעוויזען אין דער וועלט, און וואָס ב ר ע נ ג ט ארויס דאָס לעבען פון דער ניט לעבעדיגער מאַטעריע.

ניין, אזוי פריה האָבען מיר נאָך קיין רעכט ניט איבערצו־געבען די מאַטעריאַליסטישע פעסטונג דעם שונא אין די הענד. לאָמיר פּרובען זי רעטען דורך דאָס אריינברענגען אין שפּיעל אַ ריין פּסיכישען פּראָצעס. אמת, פּסיכישע געשעהעניסען קאָנען, ווי מיר האָבען אויבען געזעהן, בשום אופן ניט צוריקגעפיהרט ווע־רען צו ריין מאַטעריעלע פּראָצעסען, אָבער דאָס מאָל לאָמיר פער־מאַכען די אויגען אויף די פריהערדיגע שולד. לאָמיר אָננעהמען אויף אַ ווײלע, אַז דער מאַטעריאַליזם זיעט ווען עס איז בעצאָהלען דעם פּראָטעסטירטען וועקסעל, און לאָמיר זעהן, ווי ווייט דער מאַטעריאַליזם קאָן פיהרען זיין באַלעבאַטישקייט אויף קרעדיט, ווי ווייט ער קאָן דורך איהם דערקלעהרען די וויכטיגסטע פּראָצעסען פון דעם לעבען.

איין קליינע הנחה פערלאַנגט פון אונז דער מאַטעריאַליזם צוליעב דעם. ער זאָגט: אין דעם מאָמענט, ווען דער גוף פון דער מאָנערע האָט אויסגעגעבען צו פיעל שפּייז, שפּיעלט זיך אין איהר אָב אַ נייער מאַטעריעלער פּראָצעס, — שוין אַ מעהר אָדער ווע־ניגער בעוואוסטער, — אַ פּסיכישער. די מאָנערע ש פּ י ר ט הונ־גער און דער געפיהל איז איהר אונאַנגענעהם. אויף אַזאַ׳ן אופן

ווערען געבוירען אין דער נאטור ווי צוויי נייע „קרעפטען": אנגענעהם און אונאנגענעהם, — פרייד און לייד, — וואס ווירקען אויף די בעוועגונגען פון דעם ביאלאגישען אינדיווידיאום, ווי די אנציהונגס־קראפט און די אבשטויסונגס־קראפט אין דער נאטור. עס ווערט בעשאפען א ציעל אין דעם לעבען, וואס איז פריהער געוועזען ריין צופעליג, ריין צוועקלאז. יעדער אינדיווידואום שטרעבט פון דעמאלט אן צו הנאה און אנטלויפען פון ליידען. די בעדינגונגען און צושטענדען, וואס זענען גינסטיג פאר דער דערהאלטונג פון לעבען (ווי צ. ב. דערנעהרונג), רופען ארויס הנאה און ממילא יאגט זיך דאס אינדיווידואום נאך זיי. די בעדינגונגען און צושטענדען, אבער, וואס זענען שעדליך פאר'ן לעבען (צ. ב. הונגער), רופען ארויס ליידען און ממילא אנטלויפט פון זיי דאס לעבעדיגע וועזען. אויף אזא'ן אופן ווערט די דערהאלטונג פון לעבען, ווענינגסטענס אינ'ם אנהויב פון דעם ביאלאגישען פראצעס אויף דער וועלט, דערקלעהרט, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען, פסיכא־מעכאניש, און מאהנט מען ניט דעם פסיכאלאגישען חוב, — איז די דערקלעהרונג א ריין מאטעריאליסטישע.

אויף דעם ערשטען בליק לעגט זיך די דערקלעהרונג גאנץ גוט אויפ'ן שכל, אבער איך בעט אייך, טראכט זיך א ביסעל טיעפער אריין אין דעם ענין. מאלט אייך ווידער אויס אין געדאנק דעם אינוועניגסטען צושטאנד פון דער פראטאפלאזמא אין יענעם מאמענט, ווען זי האט זיך נאר וואס „ארויסגעביאלאגירט" פון דער טויטער וועלט. מאכט נאך א וויכטיגען שריט און גיט צו, אז דורך דעם גופא איז בעשאפען געווארען די מעגליכקייט, אז געוויסע אטאמען זאלען קאנען אויסטאנצען א פסיכישען טאנץ פון לוסט־געפיהלען און אונלוסט־געפיהלען, פון הנאה און שמארץ. בלייבט דאך נאך אלץ ניט פערענטפערט די גרויסע שאלה: פאר וואס זאלען די גינסטיגע לעבענס־בעדינגונגען זיין פערבונדען מיט לוסט און די אונגינסטיגע מיט אונלוסט? פאר וואס זאל דער פראטאפלאזמא זיין א נפקא מיניה — לעבען אדער ניט לעבען? פאר וואס זאל דער פיזיאלאגישער צושטאנד פון לעבען איהר זיין אנגענעהמער, איידער דער ריין פיזישער פון „טויט"?

אז די פארשטעלונג פון „טויט־זיין“ איז פערבונדען מיט ניט־אנגענעהמע געפיהלען, קאנען מיר ביי העכער ענטוויקעלטע ברואים אפשר דערקלעהרען אויף אזא'ן אופן. זיי האבען געמערקט אין דער ערפאהרונג פון זייער לעבען, אז דער טויט קומט נאך א צושטאנד פון ליידען און קראנק־זיין. ממילא האבען זיך דיביידע פארשטעלונגען פערבונדען אין איינעם, און פון דער ערפאהרונג: „ליידען ברענגט טויט“, איז אויסגעוואקסען אן אומגעקעהרטע אידעען־פערבינדונג: „טויט איז ליידען“. די דאזיגע אידעען־פערבינדונג איז איבערגעגאנגען בירושה פון דור צו דור, און אזוי ווי זי האט זיך ארויסגעוויעזען זעהר ניצליך אין דעם קאמפף פאר'ן לעבען, איז זי פערוואנדעלט געווארען אין דעם פערערבונגס־פראצעס אין אן אינסטינקטיווער מורא פאר'ן טויט, ווייל ער איז פסיכיש פריהער געווען פערבונדען מיט דער פארשטעלונג פון יסורים.

אבער — פערגעסט ניט, אז מיר האבען איצטער צו טהאן ניט מיט הויך־ענטוויקעלטע ברואים, וואס האבען שוין געזאמעלט ערפאהרונגען פון זייער לעבען, נאר מיט דער גאר־גאר תם'עוואטער פראטאפלאזמא, וואס איז ערשט ארויס פון דער ניט־לעבעדיגער נאטור. זי ווייס נאך לחלוטין ניט קיין נפקא מיניה צווישען לעבען און טויט, צווישען אנגענעהם און ניט אנגענעהם. איז — נאך א מאל: פאר וואס זאל דער מאנגעל אין שפייז זיין נ י ט ־ א נ ג ע נ ע ה ם, פאר וואס זאל איהר ניט זיין אנגענעהמער צו פערהונגערן, צוריק אומצוקעהרען זיך צו דער מעכאניק, דער פיזיק און דער כעמיע?

דער מאטעריאליסטישער ענטפער וועט ווידער זיין, ווי פריהער, אן אנווייזונג אויף דעם צופאל: „ביי א טייל פון די ערשטע פראטאפלאזמא־שטיקלעך איז טאקע דער הונגער־צושטאנד אפשר געווען פערבונדען מיט אנגענעהמע געפיהלען. זענען זיי טאקע פערהונגערט געווארען און זיינען פערשוואונדען. לעבען האבען געקאנט בלייבען נאר די, ביי וועמען עס האט זיך געמאכט, אז די הונגער־געפיהלען זענען געווען אונאנגענעהם און די זאט־געפיהלען — אנגענעהם, ווייל נאר אט די חיה'לעך האבען געקאנט שטרעבען צו זאטקייט און אנטלויפען פון הונגער, — האבען זיי ממילא גאנץ צופעליגערהייד דערהאלטען זייער לעבען...“

וויעדער: „עס האָט זיך געמאַכט!" וויעדער דער צופאַל, וואָס האָט שוין געדאַרפט צאָהלען אַזוי פיעל חובות פון דעם מאַטעריאַליזם, ער, וועמען דער מאַטעריאַליזם וויל אָבשניידען יעדען ברעקעל קרעדיט! דער צופאַל איז ניט קיין דערקלעהרונג. אויב די פראָטאָפּלאַזמאַ האָט מיט דעם מאָמענט, וואָס זי האָט אָנגעהויבען צו לעבען, ניט בעקומען קיין לעבענס־אינסטינקט, קיין שטאַרקען דראַנג צו לעבען און אַן אינסטינקטיווע מורא פאַר'ן טויט, וואָלט דאָס, וואָס פערשטאַרקט איהר לעבען, ניט געווען פערבונדען פאַר איהר מיט הנאה, און דאָס, וואָס שוואַכט אָב איהר לעבען, וואָלט בשום אופן ניט פערבונדען געווען מיט ליידען און וועהטיג.

דאָס איז אַזוי קלאָר, אַז אַ סך מאַטעריאַליסטישע פאָרשער, וואָס טראַכטען ניט דורך זייערע געדאַנקען ביז'ן סוף, ווענדען אָן דעם נאָר וואָס אַרויסגעזאָגטען כלל, כדי צו דערקלעהרען דעם אָנהויב פון דעם פסיכישען לעבען. אַלע פסיכישע פּראָצעסען, זאָגען זיי, קאָנען צוריקגעפיהרט ווערען צו האַלב מטושטש'ע עמפּינדונגען פון הנאה און צער, און זיי קאָנען צוריקגעפיהרט ווערען צו ריין ביאָלאָגישע פּראָצעסען, און דערקלעהרט ווערען דורך זיי. דאָס וואָס פערשטאַרקט דאָס לעבען, ברענגט הנאה; דאָס, וואָס מאַכט איהם שוואַכער, ברענגט ליידען.

דער מאַטעריאַליזם, וואָס נעהמט אָן די דאָזיגע ביאָלאָגישע דערקלעהרונג פון פסיכישע ערשיינונגען, פאַלט דאָ אַריין אין אַ פער'כשופ'טען קרייז. כדי צו דערקלעהרען, פאַר וואָס עפּעס איז אַנגענעהם, מוזען מיר אָננעהמען אַ לעבענס־אינסטינקט, וואָס האָט זיך בעוויזען נאָך איידער עפּעס האָט געקאָנט זיין אַנגענעהם. און כדי צו דערקלעהרען, ווי אַזוי אַזאַ לעבענס־אינסטינקט האָט זיך געקאָנט בעווייזען, מוז מען אָננעהמען, אַז עפּעס (צ. ב. זאַטזיין) האָט געקאָנט זיין אַנגענעהם, נאָך איידער עס איז געוועזען אויף דער וועלט אַ שמיץ פון אַ לעבענס־אינסטינקט.

כדי אַרויסצודרייען זיך פון דעם דאָזיגען פער'כשופ'טען קרייז, איז דאָ נאָר איין וועג. די פסיכישע ערשיינונג פון הנאה און צער מוז ערקלעהרט ווערען פון דער ביאָלאָגישער ערשיינונג, — דעם לעבענס־אינסטינקט, — און ניט אומגעקעהרט. די ביאָלאָגישע

ערשיינונג, — דער אינסטינקט צום לעבען, — פון דער פסיכאָלאָגישער. אויב אָבער אַזוי, זענען מיר לאָגיש געצוואונגען אָנצונעהמען, אַז דער אינסטינקט צום לעבען ווערט געבוירען אין איינעם מיט דעם פאקט פון דעם לעבען, — אַ שלום, וואָס שטייגט אריבער די גרעניצען פון דעם מענשליכען וויסענשאַפטליכען פערשטאַנד, — אַ פשיטא שוין די ענגע ד׳ אמות פון דער מאַטעריאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג.

ווער איז פעראינטערעסירט, דאָס לעבען זאָל זיך דערהאַלטען? ניט די לעבעדיגע שטיקלעך פראָטאָפּלאַזמאַ: זיי וויסען פון קיין זאַך ניט. וויל מען ניט בלייבען שטעהן ביי די גרעניצען פון דעם מענשליכען פערשטאַנד, וויל מען *דערקלעהרען* די ערשיינונגען פון דעם לעבען, כדי צונויפצובינדען זיי אין איין וויסענשאַפטליכען סיסטעם, מוז מען דאָ, אין דער ביאָלאָגיע, אין גאַנצען פערלאָזען דעם מאַטעריאַליזמוס. דאָס לעבען ווערט דערקלעהרט דורך דאָס לעבען און ניט דורך פערפלאָנטערטע דרעהבעוועגונגען פון ניט לעבעדיגע אַטאָמען. הערט מען זיך גוט איין אין די שפּראַך, וועלכע די ביאָלאָגישע פאַקטען ריידען, און האָט מען קיין מורא ניט פאַר קיין „אפּיקורס׳ישען“ געדאַנק, מוז מען אָננעהמען, אַז די לעבענס־קראַפט (אַ בעזונדער קראַפט, אָדער אַ צונויפגעגאָסענע פון אַנדערע, — דאָס איז קיין נפקא מיניה ניט), — שטרעבט צו דעם, עס זאָל זיין *לעבען* אויף דער וועלט. דאָס איז דאָס ציעל פון דער דאָזיגער קראַפט, און, ווי אַ מיטעל צום ציעל, ברענגט *זי*, די קראַפט, אַרויס די פסיכישע געפיהלען פון הנאה און צער, מיט וועלכע זי *קאָנטראָלירט* דאָס לעבען פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום, מיט וועלכע זי קעהרט און ווענדט דעם לעבענדען יחיד, ער זאָל אויספיהרען איהרע ציעלען, ער זאָל בלייבען ביים לעבען. איהם *טאָר* ניט זיין אַנגענעהם דאָס הונגערן, ווייל, אַז ניט, וועט ער באמת אויפהערען עסען, און אויף אַזאַ אופן אויפהערען לעבען. איהם *זאָל* זיין אַנגענעהם די זאַטקייט, ווייל, אַז ניט, וועט ער זיך ניט יאָגען נאָך איהר.

אַז אין די געפיהלען פון הנאה און צער קאָנען ניט ליעגען די ציעלען פאַר דעם אינדיווידואום, אַז זיי זענען נאָר מיטלען צוליעב אַ העכערען ציעל, וואָס דאָס לעבען שטעלט אַוועק און פיהרט דורך

דורך דעם יחיד, ווערט נאָך קלאָרער, ווען מען האָט אין אויג די וואונדערבאַרע געהיימניספולע ערשיינונג פון פערמעהרען זיך, — דער צווייטער, וויכטיגסטער פּראָצעס פון אַלע ביאָלאָגישע ערשיינונגען.

איך וואָלט געקאָנט אויספילען אַ גאַנצען ווינטער־סעמעסטער מיט בעשרייבונגען פון דעם נאַטור־לעבען פון פלאַנצען און חיות, ווי אַזוי דער אינדיווידואום אין זיך תמיד מקריב פאַר די דערהאַלטונג פון דעם מין; ווי אַזוי אַלץ איז אַזוי קונציג אויסגערעכענט אין דעם בוי פון דעם יחיד, כדי ער זאָל קאָנען איבערלאָזען יורשים נאָך זיך; ווי אַזוי — ביי די העכערע חיות — זענען די גרעסטע קרבנות פאַר דעם צוקונפטיגען דור פערבונדען מיט דער גרעסטער הנאה פאַר זיך אַליין; ווי אַזוי די געשלעכטליכע תאוה, וואָס נעהמט אוועק ביי דעם לעבעדיגען אינדיווידואום זיינע בעסטע כחות, קאָן דערקלעהרט ווערען נאָר יעמאָלט, ווען מען דערמאָהנט זיך, אַז דער אינדיווידואום איז אין דעם נאַטור־לעבען ניט מעהר, ווי אַן אונבעוואוסטער געצייג אין די הענד פון אַ מאַכט, וואָס שטעהט העכער פאַר איהם, — אין די הענד פון דער לעבענס־קראַפט. איך וויל איך דאָ נאָר דערמאָהנען בלויז מעטערלינק'ס וואונדערבאַר פּאָעטישע און אין דערזעלביגער צייט גענוי ריכטיגע בעשרייבונג פון דעם פלוג, וועלכע די ביהנען־קעניגין מאַכט אין דער הויך, כדי זיך אָוועקצוגעבען דעם קרעפטיגסטען ביהן. הויך, אין די בלאָהע הימלען, פליהט די קעניגין אַרויף און נאָך איהר טויזענטער דראָהנען, וואָס ווילען זי דעריאָגען און פעראייניגען זיך מיט איהר. אַלץ העכער און העכער פליהט די ביהן און אַלץ מעהר דראָהנען שטעהען אָב, האָבען קיין כחות ניט, זי צו דעריאָגען. באַלד בלייבען נאָר איניגע געצעהלטע ביהנען אין דעם געיעג נאָך דעם ליעבע־גליק. באַלד בלייבט נאָר איין איינציגע ביהן, — דער שטאַרקסטער, — וואָס קאָן אָניאָגען די קעניגין אין דער שווינדלענדער הויך. אָט יאָגט ער זי אָן, אָט גיסען זיי זיך צונויף אין דער שכרות פון ליעבע און ווי נאָר דער ביהן שפּריצט אַריין אין דער קעניגין די גאַנצע צוקונפט פון דעם ביהנען־שטאָק, אַזוי איז שוין זיין גורל בעזיעגעלט, זיין טויט־אורטייל גע'חתמה'ט. אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט אַלץ איבערגעגעבען דער היטערין און

דער מוטער פון דעם צוקינפטיגען דור, פּלאַצט אויף זיין בייבעל, עס פאַלען ארויס זיינע איינגעווייד, און דער לעדיגער גוף זינקט אראָב פון די הויכע הימלען אין דעם תהום. די נאַטור האָט פון איהם אויסגענוצט, וואָס זי האָט געדאַרפט, און דאָס לעדיגע טויטע היטעל — דער אינדיווידואום — ווערט ארויסגעשפּיען.

איך קאָן מיך דאָ ניט אריינלאָזען אין אַ פערגלייך צווישען דער ראָליע פון דעם מענשליכען אינדיווידואום אין דעם קולטור־לעבען און דער ראָליע פון דעם ביאָלאָגישען אינדיווידואום אין דעם נאַטור־לעבען. צווישען מענש און חיה, צווישען קולטור און נאַטור זיינען געווים דאָ געוואַלטיגע אונטערשיידען, וואָס מוזען ארויסגעבראַכט ווערען אין אַ בעזונדער אונטערזוכונג. איך האָב דאָ די פראַגע בעריהרט נאָר דערפאַר, ווייל די ביאָלאָגישע וויסענשאַפט פון אונזערע טעג ווערט אַלץ מעהר און מעהר געטריעבען איינצוזעהן, אַז ס'איז דאָ אין דער נאַטור אַן א י ב ע ר - א י נ ד י ו ו י ד ו ע ל ע קראַפט, וואָס בעהערשט די ביאָלאָגישע פּראָצעסען פון דעם איינצעלנעם אינדיווידואום. טראַכט זיך אריין, צ. ב., אין יענעם פאַקט, וועלכע בערגסאָן ברענגט אין זיין בוך: „די בעשאַפערישע עוואָלוציאָן". ס'איז דאָ אַזאַ פליעג, וועמעס אייעלעך עס דאַרפען זיך שפּייזען און ענטוויקלען אין אַ פּיעלפּיסיגען פּאַראַליזירטען וואָרעם, וואָס לעבט נאָך, אָבער קאָן זיך ניט ריהרען פון אָרט. די פליעג האָט דעם וואָרעם קיין מאָל אין איהר לעבען ניט געזעהן און די אַנאַטאָמיע פון דעם וואָרעם האָט זי אויך גאַנץ געווים אין קיין אוניווערזיטעט ניט געשטודירט. אָבער ווי נאָר זי דערזעהט איהם צום ערשטען מאָל אין דער צייט פון איהר אייער־לעגען, אַזוי פאַלט זי פלינק אויף איהם אָן, און איין הרף־עין שטעכט זי איהם דורך אַלע זיינע אכט בעוועגונגס־צענטרען, וואָס בעהערשען זיין נערווען־סיסטעם, פּאַראַליזירט איהם און לעגט אריין אין זיין גוף איהרע אייעלעך.

פון וואַנען וויים די פליעג, אַז דאָס איז דער בעל־דבר, וועמען זי דאַרף? פון וואַנען וויים זי, אַז דורך אַ שטאָך אין דעם נערווען־צענטער קאָן מען איהם פּאַראַליזירען און אַז דער וואָרעם האָט אכט אַזעלכע צענטרען? פון וואַנען וויים זי די אַנאַטאָמיע פון דעם וואָרעם'ס נערווען־סיסטעם?

זי וויים דאָס אַלץ ניט. זי טהוט דאָס א י נ ס ט י נ ק ט י ו ו.

און איהר אינסטינקט קאָן ניט זיין קיין פועל־יוצא פון פריהערדיגע לעבענס־ערפאַהרונגען, וועלכע איהרע עלטערן האָבען געזאָלט מאַכען און וואָס האָבען געזאָלט אַריבער אין פלייש־און־בלוט צו דעם גאַנצען מין, ווייל... ווייל אויב אזא זעהר פערפלאָנטערטע ערפאַהרונג וואָלט אפילו געווען אַ „פליעגען־מעגליכקייט”, על פי צופאַל פאַר איין־איינציגער פליעג, וואָלטען דערפון די אייעלעך ניט געוואוסט, און זיי וואָלטען דאָס ניט געקאָנט איבערגעבען צו די איבעריגע דורות. דער אינסטינקט האָט דאָ אַלע מאָל געאַרבייט אומבעוואוסט, אפשר, אפשר מיט אַ קליינער הילף פון העלע בעוואוסטע מאָמענטען, אויב אַ פליעג קאָן האָבען בעוואוסטזיין. אומבעוואוסטער אינסטינקט הייסט אָבער ניט מעהר, ווי אומבעוואוסט פאַר דער פליעג, און ניט פאַר דעם אינסטינקט. אין דעם אינסטינקט, וואָס איז צונויפגעבונדען מיט דער גאַנצער לעבענס־קראַפט פון דער ערד, וועלכע האָט אַרויסגעבראַכט סיי די פליעג, סיי דעם פיעל־פיסיגען וואָרעם, מוז אויף וואָסער עס איז אופן זיין לעבעדיג דאָס בילד פון דעם וואָרעם'ס אַנאַטאָמיע און דאָס בילד פון אַלע יענע בעוועגונגען, וואָס די פליעג מוז אויספיהרען, כדי צו פּאַראַליזירען דעם וואָרעם. און געטריעבען פון יענעם געהיימניס־פולען וויסען, פון וועלכען זי ווייס גאָר נישט, טהוט די פליעג דאָס, וואָס איז נויטיג פאַר דעם קיום פון איהר מין.

אַזעלכע ביישפיעלען זענען פול און פיעל סיי אין דער באָטאַנישער, סיי אין דער זאָאָלאָגישער וועלט, און אַפילו אויך אין דעם אינסטינקטיווען לעבען פון דעם מענשען.

און וואָס מעהר מען פערטיעפט זיך אין זיי, אַלץ מעהר ווערט קלאָר, אז וואו־וואו, — אָבער אין דער ביאָלאָגיע זענען די שאַנסען פון דעם ריינעם מעכאַנישען מאַטעריאַליזם, וואָס פיהרט אַ ל ץ צוריק אויף מאַטעריע און בעוועגונג און וואָס וויל פון קיין זאך ניט וויסען, אַ חוץ מאַטעריע און בעוועגונג, זעהר און זעהר קליין; אפשר גלייך נול.

ס'איז דעריבער קיין חדוש ניט, וואָס אין דער ביאָלאָגיע האָט דער פרינציפּ פון מאַטעריע און בעוועגונג קיינמאָל ניט געקאָנט ווערען אַזוי הערשענד, ווי אין דער פיזיק. אָבער גראָד אין די

לעצטע צעהן־פופצעהן יאָהר האָט מען גענומען קלאָר איינזעהן, ווי בּוימיג עס איז אַריינצופיהרען אין איהר אַנדערע, ניט מאַטעריאַליסטישע פּרינציפּען, וואָס זאָלען העלפען דערקלעהרען אַלע ערשיינונגען ביז צו זייער גרונד. מען רעדט פון אַן „אונבעוואוסטער פּסיכע", פון אַ פּראָצעס, וואָס שפּיעלט זיך אָב ציעלמעסיג און צוועק־זוכענד, אָבער אָהן דעם העלען בעוואוסטזיין, וואָס איז אונז בעקאַנט פון אונזער אייגענער ערפאַהרונג; מען רעדט פון „פאָרמאַטיווע פּרינציפּען", פון בילדער און אידעען, וואָס טרייבען די מאַטעריע צו פערווירקליכען זיי אין לעבען, מען הויבט אָן אַלץ מעהר צו רעדען מיט שאָפּענהויער'ן וועגען דעם אונבעוואוסטען ווילען און מיט האַרטמאַן'ען וועגען דעם אונבעוואוסטען ד ע נ ק ע ן אין דער נאַטור. און דאָס טהוט מען ניט כּדי אויף די פאַקטען אַרויפצוואַרפען אַ מאַנטעל פון פילאָסאָפיע, נאָר כדי פון די פאַקטען אַרויסצודעסטילירען זייער וויסענשאַפטליכען תוך.

אָבער — לאָמיר זיך דאָ אָבשטעלען.

איך גלויב, אַז שוין די פּאָר אַרגומענטען, וואָס איך האָב היינט פאָרגעפיהרט פאַר אייך, זיינען גענוג, כּדי צו דערקלעהרען, פאַר וואָס מען ווערט אַלץ מעהר און מעהר געצוואונגען צו פערלאָזען דעם „גן־עדן" פון דעם מאַטעריאַליזם. מיט יעדען שריט אין דער וויסענשאַפט און אין דער פילאָסאָפיע שטעלט זיך אַלץ קלאָרער אַרויס, אַז דער מאַטעריאַליזם איז ניט נאָר ניט קיין וויסענשאַפטליך אבסאָלוט בעגרינדעטער אמת, אַז ער איז אפילו ניט קיין דינע, דורכזיכטיגע פילאָסאָפישע הייטעל, וואָס בינדט צונויף אַלע ערשיינונגען אין איינעם און לאָזט זיי, ווי זיי זיינען. דאָס איז אַ דיקע מעטאַפיזישע הויט, וואָס ווערט אויסגעצויגען צווישען דעם פאַרשער און דער ווירקליכער וועלט, ווי מיר קענען זי אין אונזער בעוואוסטזיין, — אַ הויט, וואָס מוז דורכגעריסען ווערען, כּדי צו דערגרייכען דעם ריכטיגען תוך פון דער וועלט, אויב מען קאָן איהם איבערהויפּט דערגרייכען.

און מיט דער דאָזיגער מעטאַפיזישער הויט שלעפּען מיר, ראַדיקאַלען, איבערהויפּט די אידישע, זיך נאָך אַלץ אַרום, ווי מיט דעם אייביגען אמת, וואָס דאַרף בעשיצען אונזערע אידעאַלען פון דעם שונא'ס אַנפאַל.

איך וויל מיט מיין היינטיגער פאָרלעזונג דורכאויס ניט אַרויס־

ברענגען דעם איינדרוק, אז אויב דער מאַטעריאַליזם האָט באַנק־ראָטירט אין דער פילאָסאָפיע, הייסט עס, אז מען מוז באין ברירה צושטעהן צו דעם אידעאַליזם. עס זיינען דאָ נאָך אנדערע סיסטע־מען, וואָס נעהמען זיך אָן צו בעפריעדיגען אונזער בעדערפענעם אין א גאַנצער, איינהייטליכער פילאָסאָפישער וועלט־אנשויאונג. ניט וועניג ארבייט ווערט איצטער אָנגעווענדעט פון דעם פאָרשענ־דען גייסט, כדי איבערהויפּט ארויסצוראַטעווען זיך פון יענעם אייביגען סכסוך, וואָס האָט ביז אהער געהערשט אין דער פילאָסאָפיע, — דעם סכסוך צווישען אידעאַליזם און מאַטעריאַליזם. מען זוכט צו בעגרינדען א שטאַנדפּונקט, פון וועלכען מען זאָל ניט זיין געצוואונ־גען אָנצונעהמען, אז די ווירקליכע וועלט מוז זיך פריהער אריינ־װאַרפען אין א ים פון בעוועגונג, זיך דאָרטען אין גאַנצען פערליע־רען און דערנאָך ערשט ווידער ארויסשווימען א געדאָפּעלטע, אן „אָבגעשפּיגעלטע" אין אונזער בעוואוסטזיין. מען וויל פּטור ווע־רען פון די פינף אייביגע רעפּרעזענטאַנטען פון יענעם איינצעלנעם בוים, וועלכען מיר האָבען פאַר די אויגען. מען וויל ווידער, ווי אין די קינדער־יאָהרען פון דעם מענשליכען געדאַנק, האָבען דעם באַרג און דעם בוים, דאָרטען וואו ער איז מיט אַלע זיינע פארבען און שאַטירונגען. מען וויל פּטור ווערען פון די צוויי וועלטען, דער ווירקליכער דרויסען פון אונז און דער געדאַנקליכער אינוועניג אין אונז און פערוואַנדלען זיי אין איין איינציגע וועלט, די וואָס מיר קענען פון אונזער בעוואוסטזיין.

די נייע סיסטעמען האָבען זיך, אמת, נאָך ניט אין גאַנצען אָב־געקלעהרט. עס טרעטען ערשט איצטער ארויס יענע שווערע ערשטע ווידערשפּרוכען, וואָס זיינען ווי די „פּאָקען" און „מאָזלען" פון א יונגען סיסטעם, זיינע קינדער־קראַנקהייטען, וועלכע כמעט יעדע פילאָסאָפישע ריכטונג האָט געמוזט דורכמאַכען. אָבער עס איז דאָ גענוג אין דעם מענשליכען געדאַנק, פון וואָס אויסצוקלייבען, וואָס אוועקצושטעלען אַנשטאָט דעם מאַטעריאַליזם.

נאָר וועלכע פילאָסאָפיע מען זאָל ניט אויסקלייבען, טאָר מען דערביי ניט אריינפאַלען אין דעם טעות, אין וועלכען מיר זיינען אריינגעפאַלען ביז אהער. מען טאָר פון אונזער פילאָסאָפישע וועלט־

צושויאונג ניט מארטן קיין אבגאָט, קיין „א ב ס א ל ו ט ע ן א מ ת“, וואָס איז א חוב פאַר יעדען דענקענדען מענשען. די פילאָסאָפיע איז ווי די רעליגיאָן: א פריוואטזאַך. און וואָס עס זאָל ניט זיין איהר גורל ביי דעם איינצעלנעם, וועלכע פילאָסאָפיע עס זאָל איהם ניט האַלטען דעם פאַקעל, כדי צו בעלייכטען זיין וועג, — דעם וועג גופא דאַרף יעדער איינער א ל י י ן אויסקלייבען, און אויב מיר אַלע האָבען שוין געפונען א ו נ ז ע ר וועג, אויב מיר אַלע ווייסען שוין, וואו עס ליעגט אונזער ציעל, וועט דאָס אונז אבסאָלוט ניט שטערען, ווען יעדער איינער פון אונז וועט געהן מיט ז י י ן פאַקעל אין דער האַנד און בעלייכטען דעם געמיינזאַמען וועג.

צוויי פאַרלעזונגען װעגען איד און מענש

צוויי פאַרלעזונגען וועגן איד און מענש

ערשטע פאַרלעזונג

חברים און פריינד!

אַן ערך מיט אַ דריי־פערטעל יאָרהונדערט צוריק, ווען ביי די רוסישע און גאַליציאַנער אידען איז אויסגעוואַקסען די השכלה־בעוועגונג, דאָס שטרעבען צו בילדונג און אייראָפּעאישע קולטור, איז ביי דאָס רוב משכילים אויסגעאַרבייט געוואָרען אַ פאָרמעל, ווי אַזוי צו פערענטפערען די פראַגע וועגן איד און מענש. די פאָרמעל האָט געהייסען: „היה אָדם בצאתך וישראל באהליך“, „זיי אַ מענש, מיט מענשען גלייך, אין גאַס, און בלייב אַ איד ביי זיך אין דער היים“.

שוין פון דער פאָרמעל האָט מען געקאָנט זעהן, אַז צווישען איד און מענש איז ביי דעם משכיל געווען אַ שאַרפער סכסוך. „איד“ און „מענש“ האָבען ניט געקאָנט הויזען איינער מיט דעם אַנדערן און מען האָט זיי געמוזט פאַנאַנדערפיהרען אין בעזונדערע ערטער, כדי איינער זאָל דעם אַנדערן ניט איבערבייסען דעם גאַרגעל. און אויך דאָס איז געלעגען איינגעוויקעלט, ווען אפילו ניט קלאָר ארויס־געזאָגט, אין דער משכילים׳שער פאָרמעל, אַז „איד“ איז בשום אופן ניט אַזאַ מיוחס, ווי „מענש“. מיט „מענש“ מעגט איהר פראַנק און פריי שטאָלצירען אין דער אָפּענער גאַס; מיט „איד“ דאַרפט איהר זיך שטיקען אין דער פערבאָרגענער היים. על כל פנים, האָ־בען די משכילים געוואָלט מאַכען אַ פשרה צווישען צוויי פיינדליכע פּרינציפּען, איינשטילען אַ „ויתרוצצו“ אין דער נשמה פון יעדען געבילדעטען אידען.

עס איז אָבער זעהר לייכט צו פערשטעהן, אַז די משכילים׳שע פּשרה איז געווען ניט נאָר פון די געראָטענע. איהר קאָנט דעם מענשענס נשמה ניט פאַנאַנדעררייסען אויף צווייען, און איין האַלבע

לאָזען שפּאַצירען אין גאַס, די אַנדערע העלפט אָבער צווינגען זיצען אין דער היים. ממה נפשך! איז „איד“ אַ בעסערע זאַך, איידער „מענש“, — איז דער אַלטער יהודה הלוי געווען גערעכט, אַז איד־זיין איז די העכסטע מדרגה פון מענש־זיין; אָדער נאָך מעהר: האָבען אונזערע חסידישע פאַטערס און זיידעס געטראָפען דעם אמת, ווען זיי האָבען געמיינט, אַז איד־זיין איז אַ הייליגע זאַך, — איז יעמאָלט אונזער חוב צו זיין אַ איד ניט נאָר אין דער היים, נאָר אומעטום, אין דער גאַנצער וועלט. און ווען אפילו דער „איד־זיין“ זאָל אונז ברענגען די ערגסטע צרות און רדיפות, טאָרען מיר איהם יעמאָלט פון קיינעם ניט בעהאַלטען, מוזען מיר אויסשטעהן אַלץ, וואָס עס זאָל ניט אויספאַלען צוליעב איהם אויף אונזער גורל. קיין קרבן טאָר ניט זיין שווער פאַר אַ זאַך, וואָס דאַרף אוועקגע־שטעלט ווערען — נאָר אַ קלייניגקייט! — העכער, איידער דער מענש. און צוריק: איז „מענש“ מעהר מיוחס, איידער „איד“, האָבען מיר איינמאָל איינגעזעהן, אַז זיין אַ איד איז ניט נאָר ניט קיין הייליגקייט, נאָר עס הייסט גאָר — אַראָבפאַלען אויף אַ ניעדע־ריגערער שטופע, איידער „מענש“, איז יעמאָלט געווים ווידער אונזער חוב, אין גאַנצען אויסצוראָטען מיט דעם „איד“, וואו מיר זאָלען איהם ניט אָנטרעפען: אין גאַס, אָדער אין שטוב; מבער צו זיין די חמצ׳דיג געוואָרענע קדושה פון אַלע ווינקעלעך, וואו זי האָט זיך נאָר געקאָנט פערוואַלגערן.

די ראַדיקאַלע אידישע יוגענד, וואָס איז אויסגעוואַקסען פון די משכילים, איז דעריבער געווען זעהר קאָנסעקווענט און פון איהר שטאַנדפּונקט אַבסאָלוט גערעכט, ווען זי האָט דערדערדט דאָס לעצטע וואָרט, אויף וואָס די משכילים האָבען אין זייער פשרה נאָר אָנגע־טייט ברמיזה. אַ סוף צו דעם אידען אין דעם נאָמען פון דעם מענשען! — דאָס איז געוואָרען דער ראַדיקאַלער קריעגס־געשריי אין דער אידישער מחנה.

איך מוז מיך מודה זיין, אַז אין מיין גאָר גרינגער יוגענד, ווען איך בין מיט׳ן גאַנצען הארצען צוגעשטאַנען צו דעם ראַדיקאַלען לאַגער, האָב איך אויך, ווי אַלע, געגלויבט, אַז צווישען „איד“ און „מענש“ ליעגט אַ טיעפער, מיט קיין בריק ניט צו פערבויענדער תהום; אַז מען מוז אויסקלייבען „אהין אָדער אהער“ און אַז דער

„איד" דארף געבראכט ווערען פאר א קרבן צו דעם מענשען. ווע־בינסטמענם איז איין זאך געווען קלאר פאר מיין יונגען מוח און הארץ, אז וואס מעהר מענש איינער איז, אלץ וועניגער איד איז ער, אלץ וועניגער האט ער זיך צו קימערען וועגען דעם שיקזאל פון זיין פאלק, אלץ וועניגער האט ער צו טראכטען וועגען דער אידישער לאגע און וועגען דער אידישער צוקונפט. און צוריק, וואס וועניגער איד איך בין, וואס פרייער איך בין פון אידישע טראדיציעס, וואס ווייטער פונ'ם אידישען לעבען, וואס גלייכגילטיגער צו די נויטען און די אינטערעסען פון מיין פאלק, וואס איבערגעבענער צו דעם אלגעמיין־מענשליכען פראגרעס, — אלץ העכער שטייגט מיין „איך" אויף דער לייטער פון דער מענשליכקייט.

איך וויל אייך דא ניט שילדערן די גאנצע פסיכאלאגיע פון יענעם אידישען ראדיקאלען דור, צו וועלכען איך געהער. איך וויל אייך דא ניט דערצעהלען, ווי אזוי און פאר וואס מיר זיינען גע־ווארען בעלי־תשובה'ם, וואס זענען מיט'ן גאנצען הארצען געבליבען טריי צו די בעסטע מענשליכע אידעאלען און זענען פארט — אויך מיט'ן גאנצען הארצען — צוריק געווארען הייסע איבערגעבענע קינדער פון דעם אידישען פאלק. יענע פסיכאלאגיע איז געווען א פערפלאנטערטע, א קרענקליכע. אבצושאפען דעם תהום פון „איד" און „מענש" איז באמת געווען ניט אזוי לייכט, ווייל ער איז גע־לעגען ניט נאר אין דער לאגיק, אין דעם טהעארעטישען דענקען, נאר אויך גופא אין דעם לעבען און אין דעם געפיהל. און אויב דאס אידישע בעוואוסטזיין גלויבט, אז פאר די בעלי־תשובה'ם איז אנגעגרייט נאר א בכבוד'ער פלאץ אויבען־אן, אז „במקום שבעלי־תשובה עומדין אין צדיקים גמורים יכולין לעמוד", — פערדיענען די בעלי־תשובה יענעם כבוד אפשר שוין דערפאר, וואס זייער נשמה האט דורכגעלעבט אזוי פיעל ליידען און פיין, — ליידען און פיין, פון וועלכע דער איצטיגער פראגרעסיוו־נאציאנאלער דור האט, גע־לויבט איז דער אויבערשטער, קיין ברעקעל בעגריף ניט.

ניט יענע, זעהר אינטערעסאנטע פסיכאלאגיע וויל איך דא פאר אייך שילדערן. מיין צוועק איז מעהר ניט, ווי איבערגעבען אייך א פאר פון יענע לאגישע ארגומענטען, וואס האבען אונז גע־האלפען צו פערשיטען דעם תהום צווישען איד און מענש.

דרינגט מען אַ ביסעל טיעפער אַריין אין דעם זין פון דער ראַדיקאַלער פאָרמעל: „וואָס מעהר מענש, אַלץ וועניגער איד“, אַזוי מוז מען באַלד איינזעהן, אַז די זאַך איז גאָר ניט אַזוי פּשוט, ווי עס הוכט זיך אויף דעם אויבערפלעכליכען בליק. און וואָס מעהר איך האָב געטראַכט וועגען דעם ענין, אַלץ מעהר האָט מיר געמוזט ווערען קלאָר, אַז די פאָרמעל קאָן ניט זיין אומעדום גלייך ריכטיג. גאַנץ געווים זענען דאָ פעלען אין לעבען — און זעהר האַרבע פעלען — וואו איך האָב אַ רעכט צוצוגעהן צו דעם אידען און זאָגען איהם: „איד, הער אויף צו זיין איד און ווער מענש; און וואָס מעהר מענש דו וועסט ווערען, אַלץ וועניגער איד וועסטו זיין“. עס זענען אָבער דאָ אַנדערע פעלען, אפשר נאָך וויכטיגערע, וואו די פאָרמעל „ווער מענש און הער אויף צו זיין איד“ פערליערט אין גאַנצען איהר זין. און דערנאָך האָבען זיך אַנטפּלעקט נאָך אַנדערע פונקטען, — אפשר נאָר די וויכטיגסטע פון דעם מענשליכען לעבען, וואו יענע פאָרמעל, ניט נאָר זי ווערט אָן איהר גאַנצען זין, נאָר זי מוז גאָר פערוואַנדעלט ווערען אין איהר אייגענעם היפּך, אַז וואָס מעהר מענש מען איז, אַלץ מעהר איד איז מען.

פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין די דאָזיגע פערשיידענע פעלען, וואו דער „מענש“ איז גובר דעם „אידען“, וואו ער מוז איהם לאָזען אין גאַנצען צורוה און וואו ער פערשטאַרקט איהם און מאַכט נאָך בולט'ער זיין מהות, — דאָס זאָל זיין, וועניגסטענס אין די וויכטיגסטע שטריכען, די אויפגאַבע פון מיינע איצטיגע פאָרלעזונגען.

און כדי לייכטער צו מאַכען די אַרבייט, לאָמיר קודם כל געווינען אַ קלאָרען בעגריף וועגען די צוויי ענינים, — „איד“ און „מענש“, — וועמעס שייכות איינער צום אַנדערן מיר דאַרפען נעהנטער בעלייכטען.

וואָס אַזוינס איז „מענש“?

עס פערשטעהט זיך, אַז מיר האָבען דאָ ניט צו טהאָן מיט דער אַנטראָפּאָלאָגישער בעדייטונג פון דעם מין מענש בכלל. אין אונזער היינטיגען פאַל איז ניט יעדער מענש אַ „מענש“. אַנטראָפּאָלאָגיש גענומען איז יעדער לעבעדיגער נפש, וואָס געהט אום אויף צוויי פיס, טראָגט אַ פּאָר הויזען אָדער אַ קליידעל און רעדט אויף אַ מענשליכער שפּראַך, — שוין אַ „מדבר“, שוין אַ מענש. אָבער

אויך אין אונזער טאג־טעגליכער שפראך, ווענדען מיר אן אויס־דריקען, וואס מאכען ביי די מענשען גופא א שארפען חלוק צווישען „מענש" און „ניט־קיין־מענש". דעם חלוק מאכען מיר דערפאר, וויל אין יעדער מענשליכער ברוסט לעבט די פארשטעלונג, וואס און ווי א מענש דארף זיין און זאל זיין, און ניט נאר ווי דער אדער יענער קומט פאר אין דער טאג־טעגליכער ווירקליכקייט. ווי פער־שיידען דער אידעאל פון דעם מענשען זאל ניט זיין ביי פערשיידענע פעלקער און פערשיידענע קלאסען, געפינען מיר פארט אין איהם בשותפות'ע שטריכען, וועלכע מיר אלע נעהמען אן, אז זיי זענען נויטיג, כדי א מענש זאל זיין א מענש.

א מענש איז קודם כל א בעל־שכל. דורך זיין רייכען און שטארקערען דענקען האט זיך דער מענש ארויסגעריסען פון דער נאטור און איז געווארען דער אויבערהארר איבער איהרע פראצעסען; און אומעדום, וואו מיר בעמערקען אן אבשוואכונג פון דער מענשליכער דענק־קראפט, זעהען מיר אין דעם א שטיק פערשוואונ־דענע מענשליכקייט. אויף א נאר געראטענעם נאר פלעגט מען פריהער זאגען, אז ער איז „א בהמה בצורת אדם", דערנאך האט מען פון איהם די „צורת אדם" אויך אוועקגענומען און אנגעהויבען רעדען ווי פון „א בהמה בצורת פערד", — קורץ, ווי פון א לעבעדיגער זאך, וואס איז ניט מעהר „בבחינת אדם", וואס פאלט ארויס פון דעם גדר מענש.

כדי צו זיין א „פולער" מענש איז אבער נאך ניט גענוג צו זיין קלוג. מען דארף אויך האבען א געוויסען מאס פון ו י י ל ע ן. „ס'איז גאר קיין מענש ניט", זאגט מען אויף איינעם, וואס האט קיין ברעקעל איינענעם ווילען ניט און לאזט זיך פיהרען, וואוהין מען פיהרט איהם. „ס'איז א קאלב".

„נאר ניט קיין מענש" איז אויך דער, אין וועמעס הארצען עס איז אויסגעלאשען יעדער פונק פון יושר און „מענשליכקייט", און אויך דער, וואס היט ניט אב יענע מינימאלע פאדערונגען פון ש ע ה נ ק י י ט, ריינליכקייט און עלעמענטארע העפליכקייט, וועלכע מיר שטעלען צו יעדען מענשען. דעם עהרליכען „בטלן" וואס קוקט ניט אויף זיין אויסזעהן, זיין קליידונג און זיין בענעהמען זיך מיט מענשען, זענען מיר אפט מוחל זיינע ניט שעהנע מדות

צוליעב די העכערע מענשליכע מעלות, וואָס ער בעזיצט; אָבער אויך דאָ נעהט די מחילה נאָר ביז צו אַ געוויסען גראַד. ווערט אין דעם פונקט פון שעהנקייט אריבערגעטראָטען אַ געוויסער גרע־ניץ, רופט דער מענש אין אונז ארויס אַ געפיהל פון עקעל און רחמנות. „אַ קלוגער מענש און אַ פרומער מענש און אַ בר־אורין, אָבער עפּעס נאָר קיין מענש ניט“, זאָגען מיר אין דעם פאַל.

פון דעם גדר „מענש“ געהט ארויס אויך דער, וואָס האָט ניט אין זיך קיין ברעקעל „יש“, קיין ברעקעל אייגענעם שטאָלץ, קיין ברע־קעל מענשליכע חשיבות; דער, וואָס לאָזט זיך שפייען אין פנים, טרעטען מיט די פיס, און דערביי זאָל וועניגסטענס אין דער נשמה ביי איהם ניט אויפציטערען דער געפיהל פון פראָטעסט. „אַ היג־טישע פעל“, זאָגט מען אויף איהם. „שפּיי איהם אין פנים, זאָגט ער: אַ רעגען גיסט“. אויף וויפיעל טהייער דעם מענשען איז דער געפיהל פון אייגענער חשיבות, פון אַן אייגענעם „יש“, וואָס קאָן און זאָל בעשטעהן זיין שטעדטעל, וואָס קאָן און זאָל זיך ניט לאָזען קריכען אויפ'ן קאָפּ (פערשטעהט זיך, אין וויכטיגע ענינים), קאָן מען זעהן פון אַ זעהר אינטערעסאַנטען, כאַראַקטעריסטישען פאַקט. עס איז אפשר ניטאָ אויף דער וועלט — אַ חוץ דעם מענשען — קיין איין בריאה, וואָס זאָל שטעהן צו איהם אזוי נאָהענט דורך איהרע במעט מענשליכע מעלות, ווי דער הונד. זיין קלוגשאַפט, זיין איבערגעבענקייט און טרייקייט, זיין גענוגזאַמקייט, זיין אמת'ע מסירת נפש פאַר די מענשען, וואָס זענען איהם ליעב און טהייער, רופען ארויס בעוואונדערונג, ניט זעלטען התלהבות ביי יעדען ערנ־סטען פאָרשער פון דעם הונד'ס לעבען און כאַראַקטער. אייניגע, ווי, צ. ב., דאַרווין, און נאָך פריהער אָגיוסט קאָנט, געהען אזוי ווייט אין דעם פּרט, אַז זיי געפינען אין דעם הונד דעם ערשטען אָנהויב פון אַ ר ע ל י ג י ע ז ע ן געפיהל, וואָס איז ביז אהער בעטראַכט געוואָרען, ווי די איינציגע, ריין מענשליכע מעלה. אָבער די אַלע מענשליכע מעלות אין דעם הונד ווערען אין גאַנצען בטול אין אונ־זער אָבשעצונג דורך דער „הינטישער“ צוגעלאָזטקייט, צוגעבונ־דענקייט און אונטערטהעניגקייט. דאָס הינטישע „זוכען חן אין די אויגען“ פון דעם בעל־הבית, דאָס לאָזען זיך בעהאַנדלען, ווי אַ הונט“, קאָן דער מענש גאַנץ לייכט — און נאָך מיט דאַנקבאַרקייט

אריבערגעטראָגען אין דער חיה; ער קאָן דאָס אָבער בשום אופן ניט ניט מוחל זיין, ווען ער געפינט דאָס אין דעם מענשען. אויך דעם הונד'ס האַרטקייט צו אַלעמען, וואָס איז ניט זיין באַלעבאָס אָדער ניט דעם באַלעבאָס' מקורב, זיין שלעכטע חבר'שאַפט מיט די „מיט־הינד", — אַלע גרויסע, הינטישע מעלות, וואָס שטאַמען פון דער הויפּט־מעלה זיינער, זיין ל י ע ב ע, זיין אמת'ער טרייער ליעבע צו די „זייניגע", — אויך דאָס רופט אין א ו נ ז ארויס דעם ביטער־סטען געפיהל פון פּראָטעסט, ווען מיר זעהען עס אין א הונט בצורת מענש. „געמיינער הונד!" איז דער ערגסטער זידעל־וואָרט, וואָס מיר קאָנען איינעם שליידערן אין פּנים.

ווי קליין און אָרעם עס זאָלען ניט זיין די אַלע פאָדערונגען, וואָס א געוועהנליכער מענש שטעלט צו א געוועהנליכען מענשען, דריקען זיי פאָרט אויס דעם אינווענינגסטען תוך פון דער בחינה־„מענש". פּרינציפּיעל האָבען זיי אין זיך שוין אַלץ, וואָס הויבט אויף דעם מענשען צו דער קרוין פון דער שעפּפונג, אַלץ, וואָס שיידט איהם אָב פון דער חיה, לאָז זיין מעהר נישט ווי דורך דעם, וואָס דער מענש האָט די אַלע מעלות אין א גרעסערער מאָס און אין א רייכערער אַרט, איידער זי. לאָז זיין, אז פון אָנהויב איז דער הלוק צווישען מענש און חיה געוועזן ניט נאָר גרויס; אז אין דער ערשטער צייט האָט דער מענש זיין שטאַרקערען שכל אויסגענוצט צוליעב ריין פּראַקטישע לעבענס־צוועקען פונ'ם „קאַמפּף אומ'ס דאַ־זיין", וואָס בעהערשט אויך דאָס לעבען פון דער חיה. אָבער אין זיין ענטוויקעלונג האָט זיך דער שכל אויפגעהויבען איבער די ריין־מאַטעריעלע נויטען און האָט בעשאַפען א וועלט פון געדאַנקען, וואָס ברענגט דעם מענשען אן אַנדער מין הנאה, וועלכע קיין חיה אין דער וועלט קאָן ניט משיג זיין, — די הנאה פון דער ש כ ל ' ד י נ ־ ק י י ט, וואָס שטעקט אין א וועלכען עס איז געדאַנק, אַלץ איינס, צי ער קאָן אונז ברענגען נוצען, צי ניט. די ליעבע צום שכל און זיינע פּראָדוקטען איז געוואָרען א ריין מענשליכער שטריך.

דאָס איינענע איז אויך מיט אַלע אַנדערע מעלות. זיי זענען אפשר פריהער ארויסגעוואַקסען פון די פּשוט'ע, מאַטעריעלע בע־דערפעניסען, וואָס דער מענש האָט געהאַט און האָט נאָך אין איינעם מיט דער חיה. אָבער אין זייער ענטוויקעלונג האָבען זיי אריבער־

געוואַקסען די נויט, וואָס האָט זיי אַרויסגערופען, און ווי זענען געוואָרען טהייער דעם מענשען צוליעב זיך גופא, ווײַלע אין זיי דערקענט ער זיין אייגענע מענשליכע נאַטור.

דער װ י ל ע ן, וואָס האָט פריהער געהאַט דעם צוועק נאָר צו בעהערשען די דרויסענדיגע נאַטור צוליעב א בעסערען לעבען פון דעם גוף, ווערט ביי א העכערען טיפּ מענש א געציינ, וואָס מיט איהם בעהערשט ער די תאוות און בעדערפעניכען פון דעם אייגענעם חומר, צוליעב א טיעפערען און שעהנערען לעבען פון דער נשמה. די ליעבע צו ש ע ה נ ק י י ט, וואָס איז אין אָנהויב געווים געווען פערבונדען מיט דעם סעקסועלען אָבקלייב און האָט געדאַרפט ניט מעהר ווי שטאַרקער מאַכען די מאַגנעטישע קראַפט צווישען דעם „ער" און דער „זי", האָט זיך אַרויסגעריסען פון אַלע ליידענשאַפטען און איז געוואָרען א ריינע ליעבע צו דער שעהנער פאָרם אין דער בעטראַכטונג פון דער נאַטור, אין דער בעוואונדערונג פון דער קונסט, — א ריינע ליעבע, וואָס האָט ניט קיין איין מאַטעריעלע פניה אין זין.

די געפיהלען פון יושר, פון רחמנות און מענשען־ליעבע זענען אויך אפשר פריהער אַרויסגעוואַקסען פון די פּראַקטישע נויטען פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען און האָבען געבראַכט נוצען יעדען איינצעלנעם אינדיווידיאום. אָבער אין דעם משך פון דער ענט־וויקעלונג האָבען זיי פאַר דעם מענשען בעקומען א זעלבסטשטענ־דיגען זין, און אָפטמאָל איז דער מענש מקריב זיין אייגענעם לעבען, כדי דורכצופיהרען פאַר אַנדערע די אידעאַלען פון יושר, רחמנות אָדער מענשען־ליעבע.

און אויך דער מענשליכער שטאָלץ איז געוואָרען אַן אַנדערער, א העכערער. ביי די שעהנערע מענשען, ד. ה. ביי די וואָס זענען מעהר מענש, יאָגט ער זיך שוין ניט נאָך דעם ביסעלע כבוד, וואָס איינער קען קריגען אין לעבען פאַר זיך. עס וואַקסט אוים דער בעגריף פון דעם כ ב ו ד ה ת ו ר ה, דער עהרע פון א העכערער זאַך, וואָס איז מיר טהייער און וואָס פערדיענט די דאָזיגע עהרע, — מיין פאָלק אָדער מיין רעליגיע, אָדער מיין סאָציאַלער אידעאַל, — און דער מ ע נ ש, ביי וועמען יענער עהרענפיהל איז ניט אָבגע־שטאָרבען, קאָן ניט בלייבען גלייכגילטיג, ווען ער זעהט צו, ווי דאָס

איהם טהייערע ווערט געטראָטען מיט די פיס, ווען אפילו ער אליין ליידט דערפון ניט א ברעקעל.

קורץ, א מענש איז דער, וועמען עס איז טהייער די „מענש־ליכקייט“ אין דעם מענשען, וואָס ליעבט און שעצט די ריין מענש־ליכע מעלות פון דער נשמה. א מענש איז דער, וואָס ליעבט שכל און וויסענשאפט, מענשען־ליעבע און יושר, שעהנקייט און שטארקע שטאָלצע מענשליכע חשיבות. און וואָס מעהר איינער איז דורכ־געדרונגען מיט די דאָזיגע מעלות און מיט דער ליעבע צו זיי, אלץ מעהר מענש איז ער.

דאָס איז „מענש“. און וואָס איז „איד“?

אויך דער בעגריף נויטיגט זיך אין א ביסעל א טיעפערער בעטראכטונג, ווייל ער נעהמט אַרום דריי גאנץ פערשיידענע אר־טען פון אידען: דעם רעליגיעזען איד, דעם ראַסען־איד און דעם נאציאָנאלען איד.

עס איז געווען א צייט, ווען די אלע דריי ארטען זענען נאָך ניט געווען פאנאנדערגעשיידט, און יעדער איד, וואָס האָט געשטאַמט פון אידישע עלטערן (דער „ראַסען“־איד) איז אין דערזעלביגער צייט געווען א ר ע ל י ג י ע ז ע ר איד, ווייל ער האָט געגלויבט אין דעם אידישען גלויבען, און אויך א נ א צ י אָ נ א ל ע ר איד, ווייל ער האָט געלעבט מיט די אלגעמיינע אידישע האָפענונגען אויף די וויעדערגעבורט פון דעם אידישען פאָלק.

איצטער, בעוונותינו הרבים, איז די „דריי־איינינקייט“ פון דעם אידען צושפּאָלטען געוואָרען. עס זענען דאָ אידען, ביי וועמען די „אידישקייט“ ליעגט גאנץ קלאָר אויסגעקריצט אויפ'ן פנים, וואָס האָבען אָבער רעליגיעז גאָר גישט ניט צו טהאָן מיט דעם „יודאאיזם“ און לייקענען לגמרי אָב זייער סאָלידאריטעט מיט דער אידישער נאציאָן. אנדערע זענען נאציאָנאל געשטימט, אָבער ווילען גאָר גישט וויסען פון דער אידישער רעליגיע.

קאָנען נאָך די דאָזיגע לייקענער פון דעם אידישען גלויבען אריינגענומען ווערען אין דעם גדר „איד“?

דאָס רוב מיינט עד היום, אז א איד איז נאָר דער, וואָס גלויבט אין א געוויסען רעליגיעזען סיסטעם, וואָס רופט זיך „יודא־איזם“, אידישקייט. „ישראל ואוריתא חד נינהו“. — דאָס אידישע

פאָלק און די אידישע תורה איז איין־און־דיזעלבינע זאַך. א איד זיין איז דעריבער עפּעס אַזוינס, וואָס הענגט אָב פון אונזערע איינענעם ווילען. גלויבען מיר אין די אידישקייט, זענען מיר אידען; הערען מיר אויף צו גלויבען, זענען מיר אויס אידען. דאָס איז אַקוראַט ווי מיט יעדער אַנדער רעליגיאָן, אָדער פּאַרטיי, אָדער היי־אָסאָפישער ריכטונג. איינער איז א קאַטאָליק, אָדער א סאָ־ציאַליסט, אָדער א העגעליאַנער, כל זמן ער גלויבט אין דעם קאַטוי־לישען גלויבען, אָדער אין דעם סאָציאַליסטישען אידעאַל אָדער אין העגעל'ס פילאָסאָפיע. אַזאַ אויסטייטשונג פון דעם מהות איד קאָן שוין אָבער אין דער איצטיגער צייט ניט אויסהאַלטען קיין ברעקעל קריטיק. די איצטיגע מענשהייט איז איינגעטהיילט ניט נאָר אין רעליגיאָנען, פּאַרטייען, און פערשיידענע ריכטונגען. נאָך איידער אַלע אַנדערע איינטהיילונגען, אין וועלכע מיר קאָנען אריינטרעטען דורך אונזער ווילען און פון וועלכע מיר קאָנען אַרויסטרעטען, אויב אונזער מיינונג וועגען זיי האָט זיך געביטען, איז דאָ נאָך א מענשליכע איינטהיילונג, אין וועלכע מען טרעט ניט אריין, נאָר מען ווערט אריינגעבוירען און פון וועלכער מען קאָן ניט אַרויסטרעטען, סיידען אַרויסשטאַרבען. איך מיין דאָ די איינ־טהיילונג פון דער מענשהייט אין איינצעלנע פ ע ל ק ע ר. יעדער איינער מ ו ז בעלאַנגען צו א וועלכען עס איז פאָלק, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, ווייל מען קאָן ניט זיין „נאַציאָנס־לאָז", ווי מען איז צ. ב. „קאָנפעסיאָנס־לאָז", ווען מען בעלאַנגט ניט צו קיין רעליגיע, אָדער ווי מען איז „פּאַרטייי־לאָז", ווען מען געהערט ניט צו קיין פּאַרטיי. געהערט איינער ניט צו ד ע ם פאָלק, מוז ער געהערען צו אַן אַנדערן.

עס איז ניט מיין היינטיגע אויפגאַבע, אויסצופאָרשען, צי עס איז גוט אַזוי, וואָס די מענשהייט איז איינגעטהיילט אין איינצעלנע פעלקער. וואָלט דער רבונו־של־עולם, בעת ער האָט בעשאַפען די מענשהייט, זיך מיט אונז אַלעמען מישב געווען, ווי אַזוי צו בע־שאַפען זי, וואָלט איהר אפשר געקאָנט געבען איהם די עצה, ער זאָל חס־ושלום ניט צולאָזען איהר צושפּאַלטונג אין פערשיידענע נאַ־ציאָנען. איך, פון מיין זייט, וואָלט, מחמת א סך און א סך טעמים, אדרבה, געשטאַנען שטאָל און אייזען, ער זאָל ניט צולאָזען צו איין

איינציגער מענשהייט מיט איין איינציגער קולטור. אָבער יתיה קענען אונז דאָס מאָל אין גאַנצען פערשפּאָרען די ספקות וועגען דעם ענין. די נאַטור האָט געטהאָן איהרס און האָט ביי אונז קיין עצות ניט געפרעגט, און כל זמן זי האָט ניט אָבגעשאַפט די פעלקער, מוז יעדער איינער, ווי איך האָב שוין בעמערקט, געהערען צו אַ וואָסער עס איז פאָלק, אפילו אנטקעגען זיין איינענעם ווילען.

אַט דער פאַקט איז נאָך ניט אין גאַנצען קלאָר פאַר אַ סך און אַ סך פון די אַזוי אָנגערופענע „קאָסמאָפּאָליטען". דעם קאָסמאָפּאָליט'ס אידעאַל איז, — אַז אַלע פעלקער זאָלען פערשווינדען און עס זאָל בלייבען איין־איינציגע מענשהייט. דאָס איז אפשר אַ גאַנץ גוטער אידעאַל און קאָן אפשר אויך מקוים ווערען — במהרה בימינו — אין אַ פּאָר־צעהנדליג טויזענד יאָהר ארום, — הגם איך לייקען ביידע זאַכען: סיי, אַז דאָס איז אַ וואונשבאַרער אידעאַל, סיי אַז ער קאָן ווען עס איז מקוים ווערען. דאָס איז זיך אַ טהעאָרעטישער ספק. דער קאָסמאָפּאָליט מאַכט אָבער אַן אבסאָלוטען טעות שוין היינטיגען טאָג, ווען ער מיינט, אַז דורך דעם גופא, וואָס ער גלויבט אין דעם דאָזיגען אידעאַל, טרעט ער שוין איצטער ארויס פון דעם נאַציאָנאַלען גדר און ווערט פאָלק־לאָז. דאָס איז אַקוראַט אַזוי אונמעגליך, ווי עס איז אונמעגלך דעם באַרג אויפצוהערען צו זיין אַ באַרג, כל זמן עס זענען נאָך דאָ טהאָלען ארום איהם, און ווי עס איז אונמעגליך דעם טהאָל אויפצוהערען זיין אַ טהאָל, כל זמן ארום איהם שטעהען נאָך בערג. ערשט ווען דער באַרג ווערט אראָבגעגראָבען, אָדער דער טהאָל פערשאָטען, פערשווינדט דער חלוק צווישען זיי. און איידער דער חלוק איז פערשוואונדען, מוזען זיי בלייבען וואָס זיי זענען.

אַ פאָלק איז אַ גרופּע פון מענשען, וואָס האָט אין אַ משך פון דורות געלעבט אין אַ בשותפות'ער קולטורעלער אַטמאָספערע און האָט דעריבער אויסגעאַרבייט אין דעם לעבען, אין דעם קערפּער און אין דער נשמה געוויסע סמנים, — אַלץ איינס וואָסערע, — וואָס דורך זיי שיידט זי זיך אָב פון אַנדערע מענשליכע גרופּען, וועלכע האָבען אויך אין אַ משך פון דורות געלעבט אין זייער קולטורעלער סביבה און ממילא אויסגעאַרבייט זייערע אייגענע סמנים.

וואָלטען ניט געווען קיין פ ע ר ש י י ד ע נ ע פעלקער, וואָלט

קיין פאָלק קיין פאָלק ניט געווען. איין איינציג פאָלק אין דער וועלט איז שוין קיין פאָלק ניט, נאָר די גאַנצע מענשהייט, און אַלע זיינע פאָלקס־סמנים הערען אויף צו זיין פאָלקס־סמנים און ווערען פשוט שטריכען פון דער אַלגעמיינער מענשליכער נאַטור. זאָלען אַלע פעלקער פערשווינדען און זאָל נאָר בלייבען, צ. ב., דאָס ענג־לישע פאָלק, וועלען יעמאָלט די ענגלענדער־אויפהערען צו זיין ענג־לענדער, נאָר ס ת ם ־ מ ע נ ש ע ן און יעדער שטייף־ענגלישער כאַראַקטער־שטריך וועט ווערען אַ סמן פון דעם „מענש בכלל". אָבער ווי נאָר עס זאָל דורך אַ נס ארויסשפּרינגען נאָך אַ פאָלק לעבען דעם ענגלישען, צ. ב., דאָס דייטשע, אַזוי וועט תיכף פער־שווינדען דער „סתם־מענש" און דער „מענש בכלל", און געוויסע מענשליכע שטריכען, וואָס מיר געפינען ביי דעם דייטשען, וועלען יעמאָלט ווערען דייטשע נאַציאָנאַלע סמנים, און די מענשליכע שטריכען, וואָס זענען דאָ ביי דעם ענגלענדער, אָבער פעהלען ביי דעם דייטשען, וועלען יעמאָלט וויעדער ווערען ענגלישע נאַציאָנאַלע סמנים.

כל זמן עס זענען דאָ פעלקער אויף דער וועלט, מוז יעדער ניי־געבאָרענער מענש, פון דעם מאָמענט אָן פון זיין געבורט, צוגערע־כענט ווערען צו אַ בעשטימטען פאָלק. און ווען פון אַלע פעלקער זאָלען בלייבען נאָר צוויי, וועט אויך יעמאָלט יעדער ניי־געבאָרענער מענש מוזען ברענגען מיט זיך אויף דער וועלט אַ געוויסען טהייל פון נאַציאָנאַלע סמנים, יענעם טייל, וואָס געהט איבער בירושה דורך די בלוט פון די עלטערן, פון דור צו דור. ער וועט אויך תיכף צו־געצעהלט ווערען צו איין גרופּע אָדער צו דער אַנדערער.

שטעלט אייך אפילו פאָר אַזאַ פאַל: אַלע קאָסמאָפּאָליטען פון דער וועלט טהיילען זיך אויס פון זייערע פעלקער און בעשאַ־פען אַן אייגענע גרופּע, וואָס זאָל זיך רופען „סתם־מענשען". כל זמן יענע פעלקער וועלען נאָך בלייבען בעשטעהן, וועט אָט די נייע קאָסמאָפּאָליטען־גרופּע, וואָס וויל גאָר ניט וויסען פון דעם ענין פאָלק, שוין דורך דעם פאַקט גופא פון איהר ארויסטהיילען זיך, מוזען שפּיעלען די ראָליע פון אַ בעזונדער אומה, דעם „סתם־מענשען־פאָלק", און יעדעם קינד, וואָס וועט געבאָרען ווערען ביי איהר, וועט נאַציאָנאַל מוזען געהערען צו דער נייער אומה אַזוי

לאַנג, ביז עס וועלען נאָך עקזיסטירען אַנדערע אומות, וואָס שיידען זיך אָב פון איהר. און אַקוראַט אַזוי לאַנג וועט אויך ניט קאָנען זיין קיין אַלגעמיינע מענשהייט, וואָס זאָל ליגען ערגעץ וואו דרויסען פון די עקזיסטירענדע פעלקער, און וואוהין מען זאָל קאָנען אַריינשפּרינגען, ווען מען פערלאָזט דאָס אייגענע פאָלק. טרעט מען אַרויס פון איין נאַציאָנאַלער גרופּע, מוז מען תוך כדי דבור אַריינטרעטען אין אַן אַנדערע און איידער מען איז אַריינגעטראָטען אין די אַנדער גרופּע, האָט מען פּאַקטיש נאָך ניט פערלאָזען די ערשטע. ווערען פאָלק־לאָז, הייסט עס, קאָן אפילו דער קאָסמאָפּאָליט ניט אין דער איצטיגער צייט. העכסטענס, וואָס ער קאָן, איז אַרויסגעהן פון איין פאָלק און זיך אַסימילירען מיט אַן אַנדערן. אין דעם פּראַקטישען לעבען זענען דעריבער די קאָסמאָפּאָליטען, וואָס פאָדערן מען זאָל זיך אָבזאָגען פון דער אייגענער נאַציאָן, ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַסימילאַטאָרען, וואָס פערלאַנגען מען זאָל צושטעהן צו אַן אַנדער נאַציאָן, — ד. ה. מיט אַנדערע ווערטער: זיי זענען, — ניט אין דער טהעאָריע, נאָר אין דעם פּראַקטישען לעבען, — ניט קיין קאָסמאָפּאָליטען, נאָר נאַציאָנאַליסטען פון יענער אַנדער נאַציע.

איך האָב דאָ פון אויבען אויך בעריהרט דעם וויכטיגסטען רעזולטאַט, צו וועלכען די מאָדערנע פאָרשונג איז געקומען בנוגע צו דעם נאַציאָנאַלען פּראָבלעם. און דער רעזולטאַט וועט אונז העלפען פאַנאַנדערקלייבען זיך אין דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונז איצטער: הייסט „איד־זיין“ נאָר בעלאַנגען צו אַ געוויסען גלויבען, אָדער דאָס הייסט אויך בעלאַנגען צו אַ געוויסען פאָלק, אפילו ווען ער פערלאָזט אין גאַנצען דעם אידישען גלויבען?

אויב יעדער מענש מוז געהערען צו אַ וועלכען עס איז פאָלק און אויב די אידען זענען ניט קיין פאָלק, נאָר אַ רעליגיעזע סעקטע, מוז מען אוועקשטעלען די פראַגע: צו וועלכען אַנדער פאָלק בעלאַנגען זיי? און אויף דערויף איז דאָ נאָר איין ענטפער: צו קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט, ווייל קיין אַנדער פאָלק אין דער וועלט קאָן אין זיי ניט זעהן די קינדער פון זיין אייגען פלייש און בלוט. אין קיין לאַנד, וואו אידען וואוינען, — אפילו אין יענע לענדער, וואו די אַסימילאַציע האָט זיך געמיהט דורכצופיהרען

איהר פראָגראַם גאַנצע הונדערט יאָהר, — און נאָך מעהר — נאָכאנאנד. אפילו אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד, אין איטאַליען, — האָבען די אידען נאָך ניט פערלאָרען זייערע נאַציאָנאַלע אייגענשאַפטען אויף אַזו פיעל, אַז די אָרומיגע בעפעלקערונג זאָל זיי ניט דערקענען און זאָל ניט מאַכען אַ חלוק צווישען זיך און זיי. ווער רעדט שוין וועגען די אידען אין רוסלאַנד, פּוילען, רומעניען און אַמעריקאַ, וואו די אידישע סמנים וואַרפען זיך נאָך אַזוי בולט אין די אויגען. אמת, אונזערע אַסימיליאַטאָרען ווילען דאָס ניט איינזעהן און זיי שמועסען זיך באמת איין, אַז די אידען געהערען נאַציאָנאַל צו יענע פעלקער, צווישען וועלכע זיי וואוינען, אָבער זאָגען אַזוי הייסט פּשוט ניט האָבען קיין איין פונק פון וויסענשאַפטליכען יושר, אָדער אין בעסטען פאַל קיין ברעקעל חוש ניט פאַר דעם פּאַקטישען אמת. וואָס פון די אידען זאָל ניט ווערען אין דער צוקונפט, לעת־עתה געהערען זיי ניט צו יענע פעלקער, און יענע פעלקער זענען אַבסאָלוט גערעכט, ווען זיי ווילען זיי ניט בעטראַכטען פאַר זייער „אייגען בלוט“.

אָבער: אויב די אידען געהערען ניט צו זיי, אויב זיי זענען ניט קיין פּוילען, ניט קיין רוסען, ניט קיין טאָטערן און אַזוי ווייטער, איז יעמאָלט מוזען זיי ממילא פ א ק ט י ש געהערען צו זיך אַליין, — ד. ה. זיין אַ בעזונדער פאָלק. און ווילט איהר גאָר שטאַרק מקפיד זיין אין דעם ענין, לעגט זיך אייך ניט לייכט אויפ'ן זינען, אַז דער מאַראָקאַנער איד און דער רוסישער איד זאָלען געהערען צו איין און דערזעלביגער אידישער אומה, קאָנט איהר זאָגען, אַז אַלע אידען פון דער וועלט בילדען אַ גרופּע פון אידישע פעלקער, ווי די רוסען, פּוילען און רוטענען בילדען אַ גרופּע פון סלאַווישע פעלקער. איהר קאָנט אָבער בשום אופן ניט צורעכענען דעם רוסישען אידען צו דער סלאַווישער פעלקער־גרופּע.

נאַציאָנאַל געהערען די אידען צו זיך אַליין. און עס איז קיין חדוש ניט, וואָס עס איז אַזוי! די אידען האָבען אין אַ משך פון דורות געלעבט אין איין איינציגער קולטורעלער אַטמאָספעריע, אין איין איינציגען בעשטימטען לאַנד. זיי האָבען דעריבער געמוזט אויסאַרבייטען געוויסע סמנים פון קערפּער און גייסט, וואָס געהען איבער בירושה פון דור צו דור, אַלע איינס.

צי זיי גלויבען אין זייער אידישקייט, אדער ניט. א קינד, וואס ווערט געבוירען פון געשמד'טע אידישע עלטערן, ברענגט מיט זיך אויף דער וועלט דעם אידישען „מוח" און די אידישע „האר'ץ", — א בעשטימטען בוי פון זיין גוף און זיין נשמה: *ער איז א איד*, ווען אפילו אלע אידען ווילען פון איהם גאר נישט ניט וויסען און ער אליין האט פיינד זיין פאלק בתכלית השנאה. ווען די געשמד'טע אידען הערצענשטיין און פערגאמענט האבען זיך אין דער „גאסודארסטווענאיא דומא" פערשריעבען: „רעליגיאי פראוואסלאוונאי, נאציאנאל'נאסטי יעווריסקאי", — איז דאס דעריבער ניט געווען קיין פיינער וויץ פון זייער זייט, נאר א פשוט'ער קאנסטאטירען פון א פשוט'ען פאקט. ישראל לחוד ואוריתא לחוד, די אידישע רעליגיע איז איין זאך און דאס אידישע פאלק איז אן אנדער זאך. יעדער איד קאן אנגעהערען צוביידע, אבער ער *מוז* אנגעהערען צו איינער, צו דעם אידישען פאלק. איז ער איינמאל געבוירען געווארען פון אידישע עלטערן, קאן מען אין קיינע וואסערן ניט אבוואשען זיין „אידישקייט", זיין בעשטימטען נאציאנאל-אידישען *טיפ*, וואס טרעט ארויס מעהר אדער וועניגער בולט אין זיין פיזיאגנאמיע און זיין כאראקטער, ווי אויך אין זיין ארט צו בעשאפען גייסטיגע גיטער.

א איד איז ניט נאר א רעליגיעז-גלויביגער „איזראעליט". א איד איז אויך דער, וואס געהערט דורך זיין געבורט צו דעם אידישען פאלק, — און האט דעריבער אריינגענומען אין זיך אלע סמנים פון דער אידישער ראסע.

אבער דאס איז נאך ניט גאר: מיר האבען שוין געזאגט, אז עס איז דא נאך א דריטער מין איד, דער *נאציאנאלער*, ד. ה. אזא וואס געהערט *בעוואוסטערהייד* צום אידישען פאלק, וואס וויל געהערען צו איהם, וואס בעטראכט זיך סאלידאריש מיט זיין גאנצער געשיכטע און קעמפפט אדער וויל קעמפפען פאר דעם פאלק'ס וויטערדיגען קיום אויף דער וועלט.

אט די דריי ארטען „איד" מוז מען האבען אין זין, — דעם רעליגיעזען, דעם ראסען-איד און דעם נאציאנאלען, — ווען מען וויל זיך נוט פאנאנדערקלייבען אין דער פראגע פון „איד און מענש".

מיר וועלען אָנהויבען מיט דעם נאַציאָנאַלען אידען, ווייל ער איז דער וויכטיגסטער פאַר אונז און ווייל די פערענטפערונג פון זיין פראַגע וועט אונז אויך העלפען אויסצוגעפינען דעם אמת בנוגע צו די צוויי אַנדערע אַרטען.

איך האָב געזאָגט, אַז אַ נאַציאָנאַלער איד איז דער, וואָס ווייל געהערען צו דעם אידישען פאָלק און זיין סאָלידאַריש מיט זיין גאַנצען היסטאָרישען גורל. איבערטרייבט מען דעם אידישען נאַציאָנאַליזם ביז צו דעם עקסטרעם, ווערט די דאָזיגע סאָלידאַריטעט פערוואַנדעלט אין אַ בלינדע פערליעבטהייט צו אַלץ, וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפעל פון „אידישקייט". אין דעם אידישען לעבען איז אַלץ גוט און שעהן. עס איז אַ „מה טובו"-שטימונג, וואָס פאַלט אריין אין קעלבערנע התפעלות פון יעדען שטריך, וואָס דער איד האָט ארויסגעבראַכט אין זיין כאַראַקטער און אין זיין קולטור. „מה טובו אוהליך, יעקב, משכנותיך, ישראל!" „ווי שעהן זיינען דיינע געצעלטען, יעקב, דיינע רוה-פּלעצער, ישראל!" אַזאַ מין פער'שכור'טער נאַציאָנאַליזם געפינט זיך ביי די רעאַקציאָנערע עלעמענטען פון יעדען פאָלק; דאָס איז יענער „אתה בחרתנו"-איזם, פון וועלכען קיין נאַציע אין דער וועלט איז, לײדער, ניט פריי, און וועלכער טראָגט איצטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען פון „שאָוויניזם".

איך מוז מודה זיין, אַז גראָד אין דעם ענין פון „מה טובו"-שטימונג האָט דער קאָסמאָפּאָליטיזם, מיט זיין אַבסאָלוטען אָבלייקענען פון אַלץ, וואָס איז נאַציאָנאַל, ארויסגעבראַכט אַ סך טיעפע, אייביגע אמת'ען, וואָס גיבען אונז אַ רעכט אין געוויסע פעלען צו בעטראַכטען „דאָס נאַציאָנאַלע" ווי אַ היפך צו דעם אַלגעמיין-מענשליכען און צו קעמפּפען אנטקעגען איהם אין דעם נאָמען פון דער פּראָגרעסיווער ענטוויקעלונג. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דער קאָסמאָפּאָליטישער געדאַנק איז אומעטום און אין אַלע פעלען גערעכט. אַ ניכטערע, אונפּאַרטייאישע בעטראַכטונג פון דעם ענין, וועט אונז, ווי איך האָף, בעווייזען, אַז דיביידע עקסטרעמע ריכטונגען: דער קאָסמאָפּאָליטיזם און דער שאָוויניזם האָבער אריבערגעשאָסען דאָס ציעל; אַז זיי ביידע האָבען אַנגעטאָפּט פונדאַמענטאַלע אמת'ען פון דעם מענשליכען לעבען

און דעם פעלקער־לעבען, — אמת'ען, וואָס מוזען אריינגעבראַכט ווערען אין האַרמאָניע, ווייל זיי קאָנען הויזען איינער מיט דעם אַנדערען נאָר אונטער געוויסע בעדינגונגען און אין געוויסע גרעניצען.

די אַרגומענטאַציע פון דעם קאַפּיטאַליסט איז אַזוי קלאָר און איינפאַך, לעגט זיך אַזוי גלאַט אויף דעם שכל הישר, אַז ס'איז גאָר קיין חדוש ניט, וואָס יעדער דענקענדער קאָפּ מוז קודם כל בעכשופ'ט ווערען פון דער קאַפּיטאַליסטישער לאָגיק און פון יענע ליכטיגע האָריזאָנטען, וועלכע ער עפענט פאַנאַנדער פאַר דער מענשליכער צוקונפט.

דער קאַפּיטאַליסט זעהט דעם אונטערשייד פון פעלקער נאָר אין דער פערשיידענקייט פון זייער לעבען, אין דעם פאַנאַנדערגעהן זיך פון זייער קולטור. קולטור איז אָבער אַ זאַך, וואָס ווערט ארויסגעבראַכט פון דעם מענשליכען שכל, דעם מענשליכען יושר און דעם מענשליכען שטרעבען צו שעהנקייט. אויב צוויי קולטור־ערשיינונגען שטימען ניט איינע מיט דער אַנדערער, הייסט עס, אַז דער אַלגעמיין־מענשליכער שכל האָט זיך אין זיי אָבגעשפּיגעלט ניט אין דער זעלביגער מאָס. די אַלגעמיינע מענשליכקייט האָט זיך פערקערפּערט אין זיי אין אַ פערשיידענעם גראַד פון קלאָרקייט און שטאַרקייט. אין איין קולטור־ערשיינונג, ביי איין פאָלק, איז דער מענשליכער שכל ארויסגעקומען מעהר בלוט און ריין, איידער אין דער אַנדערער קולטור־ערשיינונג, ביי אַן אַנדער פאָלק.

צוויי פעלקער בעאַרבייטען די ערד: די גאָר ווילדע בושמענער און די ציוויליזירטע ענגלענדער. די אַרט פון זייער אַגריקולטור איז איינער פון יענע „נאַציאָנאַלע“ סמנים, מיט וועלכע דער גאָר ווילדער בושמען שיידט זיך אָב פון דעם אויסלענדער. דער בושמען אָדער דער באָטאָקוד, אָדער דער פידזשיאַנער, — איך געדענק שוין באמת ניט, ווער פון די דאָזיגע בכבוד'ע פעלקער, — נעהמט, אַז ער וויל בעאַרבייטען די ערד, אַ פערשפּיצטען פלאָקען אין די הענד, שטעלט איהם צו צו דעם באָדען, שטרענגט אָן אַלע זיינע כחות און קראַצט אויף אַ קליינעם שטח, אין וועלכען ער וואַרפט אריין די זריעה און לאָזט זי איבער אויף גאָט'ס בעראָט. שוין אָט אין דער פּרימיטיווער אַרט פון אַגריקולטור שטעקט

אַ היבשע ביסל פֿון מענשליכען שכל און מענשליכער ערפֿאַהרונג. דער ציוויליזירטער ענגלענדער אָדער דער אַמעריקאַנער ווענדט אָן אין זיין ערד־אַרבייט אַנשטאָט דעם פֿערשפּיצטען פלאָקען אַ שטאָלענעם דאַמפֿף־פלוג. וואו איז דאָ מעהר מענשליכער שכל, וואו טרעט ער אַרויס קלאָרער און ריינער: אין דער בושמענישער ערד־אַרבייט אָדער אין דער ענגלישער? גאַנץ געוויס אין דער ענגלײַנער.

און דאָס איינענע, וואָס מיט דער ערד־אַרבייט איז אויך — אַזוי מיינט דער קאָסמאָפּאָליט — מיט אַלע אַנדערע קולטור־ערשיינונגען פֿון דער מענשהייט. זיי אַלע האָבען נאָר איין ציעל אין זין — די בעפֿרײַעדיגונג פֿון מענשליכע נויטען און בעדערפֿניסען. געוויס, איז זײַנען די פּשוט'סטע, ווילדעסטע בעפֿריעדיגונג גאַנץ בעשטעמט אַ מ ע נ ש ל י כ ע, וואָס לאָזט וייט הינטער זיך דעם שכל פֿון די חיות און בהמות. און אַ מענש איז אויך דער, וואָס ווענדט אָן אַ פערשפּיצטען פלאָקען. אָבער כדי צו בעשטימען דעם ווערט פֿון די דאָזיגע בעפֿריעדיגונגען פֿאַר דעם מענשען און דעם מענשליכען פּראָגרעס, דאַרפֿען מיר זעהן, צי זיי שטעהען אויף יענער הויך, צו וועלכער דער מענשליכער שכל האָט זיך אויפֿגעהויבען אין דער איצטיגער צייט. אויב זיי זענען געבליבען אַזוי ווייט צוריק, ווי דער פערשפּיצטער פלאָקען איז געבליעבען ווייט הינטער דעם דאַמפֿף־פלוג, טאָר מען נישט קוקען דערויף, וואָס די „פערשפּיצטע פלעקער" זענען אַרומגערינגעלט מיט אַ שיין פֿון היילינקייט, ווײַלע אונזערע טאַטעס און אונזערע זיידעס און אונזערע אָבות־אבותינו האָבען מיט זיי זיך בענוצט און קיין בעסערע זאַך ניט געוואוסט. עס איז די פליכט פֿון יעדען פֿאָלק, וואָס וויל ניט בלייבען הינטערשטעליג פֿאַר דער מענשהייט, אָבצוראַמען דאָס פעלד פֿון זיין קולטור פֿון אַלע יענע „פערשפּיצטע פלעקער", וועלכע האָבען זיך אָנגעזאַמעלט אויף איהם „משנים קדמוניות". ער מוז פערבייטען זיי אַלעמען אויף יענע שכל'דיגע ערפינדונגען, אויף יענע רעזולטאַטען פֿון שעהנקייט און יושר, צו וועלכע דער מענש איז געקומען אין זיין פּראָגרעסיווען שאַפֿען.

אָבער — אויב אַלע פעלקער פֿון דער וועלט זאָלען זיך מיט התמדה נעהמען ראַדיקאַל דורכצופֿיהרען ביי זיך אין דער היים

דעם ראזיגען הייליגען חוב פון דעם מענשליכען פראגרעס, — וואס מוז דערפון ארויסקומען? דערפון מוז ארויסקומען — רעבענט דער קאסמאפאליט — ניט קיין אנדער זאך און ניט קיין קלענערע זאך, ווי די פאלשטענדיגע, ראדיקאלע אויסגלייכונג פון אלע מענשליכע קולטורען. און מיט דער אויסגלייכונג פון אלע מענשליכע קולטורען מוזען אויך פערשווינדען אלע נאציאנאלע אונטערשיידען פון פאלק צו פאלק.

עס איז — פאר דעם קאסמאפאליט — א פשוט׳ער ממה־נפשך. שטעהט א וועלכע עס איז קולטור־ערשיינונג פון מיין פאלק אויף דעם העכסטען שטאפעל פון שכל, יושר, שעהנקייט אדער מענשליכע חשיבות, וועט זי יעמאלט אויפהערען צו זיין א נאציאנאלער סמן פון מיין פאלק, ווייל אלע אנדערע פעלקער וועלען זי מוזען אריבערנעהמען אין זייער לעבען. שטעהט זי אבער, ווי א פערשפיצטער פלאקען, ניעדעריגער עהדער די פאדערונג פון דעם מענשליכען פראגרעס, וואס איז פערווירקליכט געווארען ביי אן אנדער פאלק, וועלען יעמאלט מיר און אלע אנדערע צוריק־געבליעבענע פעלקער זיך מוזען אבזאגען פון איהר און צושטעהן אין דעם פרט צו דער פראגרעסיווסטער נאציע. און וויבאלד דער העכסטער שטאפעל פון דעם אלגעמיין־מענשליכען שכל וועט אנ־הויבען הערשען ביי אלע פעלקער אין אלע ערשיינונגען פון זייער לעבען, וועט יעמאלט, מיט דעם פערשווינדען פון די נאציאנאלע אונטערשיידען, ממילא אויך אבגעמעקט ווערען די איינטהיילונג אין בעזונדערע פעלקער, און זיי אלע וועלען זיך צונויפגיסען אין איין איינציגע מענשהייט, וואס וועט גלייכמעסיג פאר אלעמען ענטוויקלען די איין־איינציגע מענשליכע קולטור.

וואס קאן דערויף ענטפערן דער עקסטרעמער נאציאנאליזם, דער שאוויניזם? ביז אהער האבען די שאוויניסטישע טהעארע־טיקער געוואלט ארויסדרעהען זיך פון דער קאסמאפאליטישער נעץ דורך דעם, וואס זיי האבען פשוט געלייקענט, אז עס איז דא אן אלגעמיין מענשליכער שכל, אן אלגעמיין־מענשליכער יושר, אן אלגעמיין־מענשליכע חשיבות און שעהנקייט. ניטא קיין אבסאלו־טער אלגעמיין־מענשליכער פראגרעס! — טענה׳ט דער שאוויניזם. שכל, יושר, שעהנקייט און חשיבות זענען פערשיידען ניט נאר פון

עפּאָכע צו עפּאָכע, נאָר אויך פון פאָלק צו פאָלק. און וואָס פאַר
איין פאָלק איז אמת, קאָן פאַר דעם אַנדער פאָלק זיין א קלאָרער
שקר; וואָס פאַר איינעם איז שעהן, איז פאַר דעם אַנדערן העסליך;
דער יושר פון איין פאָלק קאָן פאַר אַן אַנדער פאָלק זיין א הימעל־
שרייענדע עולה; און דאָס, וואָס איין פאָלק שעצט פאַר דעם העכ־
סטען אויסדרוק פון מענשליכער חשיבות, קאָן פאַר דעם אַנדער
פאָלק זיין א ניט צו פערטראָגענדער ביזי־בזיון! קורץ, — „טשטאָ
ניעמצו זדאָראָוואָ, טאָ רוסקאָמו סמערט" („וואָס עס איז א גע־
זונט פאַר'ן דייטש, איז א טויט פאַר'ן רוס"), — אָט דאָס איז
אייגענטליך די פאָרמעל, אין וועלכער דער שאָוויניסט פון אַלע
פעלקער גלויבט מיט זיין גאַנצען הארצען. אויב דער „ניעמיעץ"
געפינט, אַז א קאָנסטיטוציע איז א סך א גרעסערער פּאָליטישער
יושר, איידער די אונבעגרעניצטע זעלבסט־הערשונג, אויב איהם
דוכט זיך, אַז די רעליגיעזע טאָלעראַנץ און די גייסטעס־פרייהייט
זענען א סך חשוב'ערע מענשליכע ערשיינונגען, איידער די ענג־
הארציגע פערפאָלגונג פון יעדען ניט „פּראַוואָסלאַווגעם גלויבען",
איז דאָס אפשר פאַר איהם, דעם „ניעמיעץ", א גאַנץ פאַסיגע זאַך,
וואָס שטימט צו זיין כאַראַקטער און צו זיין נאַציאָנאַלער נשמה.
מיר, רוסען, אָבער האָבען פון זעם א ברעקעל ניט וואָס מתפעל
צו ווערען. אונזער כאַראַקטער, אונזער נאַציאָנאַלע נשמה דיק־
טירט אונז אונזער אמת און ער ווערט אם בעסטען בעפריעדיגט
דורך די „סאַמאָדערזשאַוויע" און די „פּראַוואָסלאַוויע"...

איך וויל זיך דאָ ניט אָבשטעלען אויף דער ארגומענטאַציע
פון דעם שאָוויניסט. מיר ווע'לען באַלד זעהן, וואָס פאַר א ...
רענדעל אמת, — און דער עיקר, — וואָס פאַר א וויכטיגער דערצ...
— עס ליעגט אין דעם נאַציאָנאַליסטישען ארגומענט. דערווייל...
מוז איך בעמערקען, אַז דער דאָזיגער קערענדעל אמת, ווי וויכטיג
ער זאָל ניט זיין, ווערט אין גאַנצען צוגאַנגען אין יענעם גרויסען
ים פון שקר, אין וועלכען עס שווימט אזוי לוסטיג ארום דער ריין־
שאָוויניסטישער געדאַנק. אָבצולייקענען, אַז ס'איז דאָ אַן אַלגע־
מיין־מענשליכער אמת, וואָס דיקטירט צ. ב. אַז אַלע מענשען זאָלען
גלייך גלויבען אין דעם מאַטעמאַטישען זאַץ פון „צוויי מאָל צוויי
איז פיער"; ניט צו־צוגעבען, אַז אין געוויסע פונקטען שטעהען א

סך פעלקער ניעדעריגער, איידער אנדערע; ניט איינצוזעהן, אז אין דער שווייצארישער רעפובליק אדער אין דער דעמאקראטישער ענגלישער קאנסטיטוציע איז דער מענשליכער יושר א סך קלארער און טיעפער פערקערפערט געווארען, איידער אין א דעספאטישער רעגיערונג, — צו די אלע זאכען דארף מען שוין האבען אזעלכע פערשטאפטע אויגען, אז זיי פערדיענען באמת אויסגעשטאכען צו ווערען מיט דעם „פערשפיצטען פלאקען". עס זענען דא אזעלכע קולטור־ערשיינונגען ביי די פערשיידענע פעלקער, וואס פאטשען אזוי העזה'דיג אין פנים אלע פאדערונגען פון דעם מענשליכען שכל און יושר, אז מיר מוזען זיך דא אוועקשטעלען אויף דער זייט פון דעם קאסמאפאליט און אין איינעם מיט איהם פיהרען א פערביטערטען קאמפף אנטקעגען אלין, וואס איז פויל און פערשימעלט אין דעם לעבען פון אונזער פאלק.

אומעטום, וואו זיין קולטור בעשטעהט פון „פערשפיצטע פלעקער", אומעטום, וואו אנשטאט „צוויי מאל צוויי איז פיער", גלויבט ער, אז „צוויי מאל צוויי איז א שטרויענער דאך", האבען מיר א רעכט צוצוגעהן צו יעדען איינעם פון אונזער פאלק און רעדען מיט איהם גאנץ ריינע און קלארע דבורים: איד, פערברען דיינע פערשפיצטע פלעקער און דיינע שטרויענע דעכער! איד, הער אויף צו זיין איד און ווער מענש, און וואס מעהר מענש דו וועסט ווערען, אלין ווייניגער איד וועסטו זיין..."

איך וועל דא ניט אויסרעכענען בפרטיות אלע יענע „שטרויענע דעכער" און „פערשפיצטע פלעקער", וואס געפינען זיך אין דער אידישער קולטור. דער גאנצער איבערנאטירליכער גלויבען אין מלאכים, שדים, רוחות און צדיקים; די נארישע איינגעשמועסטקייט, אז מען קאן דורך וועלכע עס איז מצוות און עבירות בין אדם למקום, — צווישען מענש און גאט, — געפינען חן אין דעם אויבערשטענס אויגען אדער חלילה ארויסרופען זיין צארן אנטקעגען זיך; במעט דער גאנצען „שולחן־ערוך" מיט זיינע תרפ"ט אלפים דינים און מנהגים, — זיי אלע אדער, ריכטיגער, במעט אלע, זענען ניט קיין אנדער זאך, ווי „פערשפיצטע פלעקער" און „שטרויענע דעכער", וואס קאנען ניט אויסהאלטען קיין ברעקעל קריטיק פון דעם פראגרעסיווען מענשליכען געדאנק. און ניט נאר איז דאס אונזער

פליכט צו דערקלעהרען עם דעם אידען, נאָר ביי דער גאַנצער טאָלע־ראַנץ, וואָס מיר האָבען צו דעם אַנדערן׳ס מיינונגען און גלויבונגען, — אָדער ריכטיגער: דוקא אין דעם נאָמען פון יענער טאָלעראַנץ, טאָרען מיר ניט צולאָזען, אַז דאָס פאָלק זאָל צווינגען ווע מען עס איז צו גלויבען אין זיינע אויסגעוועבטע דאָגמען, אָדער ווייטער לעבען אין זיינע פערשימעלטע פאָרמען. און, ווען מיר זעהען, אַז אַ הויפען פאַנאַטיקער קלייבט זיך אַרום אַרום די אַלטע הילצערנע און שטרויענע „געטער" און טאַנצט אַ ווילדען טאַנץ און שרייט אין התלהבות: מה טובו אוהליך, יעקב, פלעקענערבאַ, ישראל! — טאָרען מיר אודאי קיין פעראיבעל ניט האָבען, ווען ביי איינעם פלאַצט די געדולד און ער נעהמט זיינע פלעקער און זיין שטרויענעם דאַך, וואָס ער האָט בעקומען בירושה פון זיינע עלטערן, און מאַכט אויף זיי אַ שעהנעם, לוסטיגען „להדליק" בפני כל עם ועדה, ווי דאָס האָבען געטאָן אונזערע אפיקורסישע טאַטעס. און אויב מיר זענען איצטער ניט צופריעדען מיט יענע פרייד־פייערן, וועלכען אונזערע אפיקורסים פלעגען אָנצינדען אור־מעדום צוליעב דעם כבוד פון דעם פרייען מענשליכען געדאַנק, איז דאָס ניט דערפאַר, וואָס מיר האָבען ווידער אָנגעהויבען גלויבען אין „פערשפיצטע פלעקער" און „שטרויענע דעכער", נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען אין יענע פרייד־פייערן אַריינגעוואָרפען אַ סך אַזוינס, וואָס מען האָט בשום אופן ניט געטאָרט פערברענען, און נאָך מעהר דערפאַר, וואָס דער וועג, וועלכען זיי האָבען אויסגע־קליבען, כדי צו פערטרעטען די אינטערעסען פון „מעהר מענש און ווענינגער איד" איז געוועזען אַן אַבסאָלוט פאַלשער.

בעת דער אפיקורס פלעגט קומען צום פאָלק מיט דער טענה: „איד, הער אויף צו זיין איד און ווער מענש" און האָט איהם תוך כדי דבור דעמאָנסטרירט, וואָס ער מאָג על פי מענשליכען שכל טהאָן, האָט דאָס אין בעסטען פאַל געמוזט אַרויסרופען אַ פער־וואונדערונג, אַ פשוט׳ען ניט־אָנהויבען־צו־פערשטעהן אין די מוחות און די הערצער פון אַלע באמת פרומע אידען. מיט אַן ערנסטען טרויער אין הארצען האָט דער פרומער איד געמוזט זיך חדוש׳ען אויף דעם יונגען דור: הייסט עס באמת זיין מעהר מענש, ווען מען פרעסט טרפה קאַלבאַס אום יום־כפור, זויפט ביער און

בראַנפען און טאַנצן מיט אַ שיקסע? זאָל אין דעם ליגען די טיעפערע מענשליכע חשיבות, צוליעב וועלכער ער דאַרף זיך אָבזאָגען פון זיין אידישקייט? און ער האָט נאָר געמיינט, אַז דער וואָס האַלט זיין ווילען אין צוים, און זיין געדאַנק ריין פון די תאוות הגוף און דאָס האַרץ אָפען פאַר דער שטים פון הייליגקייט און אונענדליכקייט, איז אַ העכערער מהות מענש, איידער דער, וועמעס גאַנצער שכל איז אַריינגעטהאָן אין געשמאַק עסען, געשמאַק טרינקען און טאַנצען מיט שיקסעס. איהם האָט זיך גאָר געדוכט, אַז וואָס מעהר מענש מען איז, אַלץ אַ גרעסערען יחוס האָט ביי איינעם די „רוחניות", אַלץ מעהר „איד" איז מען, און וואָס מעהר „גראָבער גוי" מען איז, אַלץ וועניגער „מענש" איז מען...

דער פעהלער פון דעם אַפיקורס איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אין דער אַלטער אידישער רעליגיע געזעהן נאָר איהר שולחן ערוך'דיגע שאָלעכץ און האָט זיך ניט אַריינגעטראַכט אין איהר נשמה, אין יענע גרויסע, הייליגע און טיעף־מענשליכע נשמה, וואָס האָט זיך היסטאָריש פערבונדען מיט דער דרויסענדיגער שאָלעכץ פון דינים און מנהגים. און אויך אין דעם האָט ער געמאַכט דעם טעות, וואָס ער האָט די גרויסע, הייליגע, טיעף־מענשליכע נשמה פון זיין אייגענעם נייעם אַפיקורסישען גלויבען געוואָלט אַריינטראָגען אין פאָלק דורך דער טריפה'נער קאָלבאַס און דעם יום־כפור־טאַנץ מיט אַ שיקסע. גאַנץ אַנדערע וועגען האָט מען בעדאַרפט אויסזוכען, ווי אַזוי די גרויסע נשמה פון דעם אַלטען דור זאָל אין דער גרויסער נשמה פון דעם נייעם דור דערקענען איהר אייגענעם מהות, איהר אייגענע אָבשפּיעגעלונג אין אַ נייער פּראָגרעסיווער פאָרם. אָבער — ווי די מעשה איז — איז דאָס ניט מעהר, ווי אַ פראַגע פון דעם ריכטיגען וועג, פון דעם מעהר צוגעפּאַסטען מעטאָד, ווי אַזוי דורכצופיהרען דעם נייעם אמת אין לעבען. אין פּרינציפּ איז דער נייער קאָסמאָפּאָליטישער דור געווען גערעכט, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו דעם אידישען לעבען מיט דער פאָדערונג, אַז אַלץ זאָל פון דאָרטען אָבגעשאַפט ווערען, וואָס קאָן זיך ניט פערענטפערן פאַר דעם מענשליכען שכל, דעם מענשליכען יושר און דער מענשליכער שעהנקייט. אין אַלע פע־

לען, וואו ער האָט געקאָנט בעשיינפּערליך אויפוויזען, אז דאָס אידישע לעבען, די אידישע קולטור שטעהט הינטער די פאָדערונגען פון דעם מענשליכען פּראָגרעס, קאָן קיינער ניט אָבלייקענען אונזער רעכט צו קומען צו דעם אידישען פאָלק און זאָגען איהם: „איד, הער אויף צו זיין איד און ווער מענש. און וואָס מעהר מענש דו וועסט זיין, אלץ ווענינער איד וועסטו זיין״.

אָבער — און דאָ הויבט זיך אָן דער גרעניץ, וועלכען דער קאָסמאָפּאָליט האָט ניט בעמערקט און וועלכען ער האָט לגמרי ניט געהאָט קיין רעכט איבערצושטרייטען: קאָן מען דען באמת אַלע קולטור־ערשיינונגען פון אַלע פעלקער איינטהיילען נאָר לויט דעם גראַד פון שכל, יושר, שעהנקייט און מענשליכע חשיבות, וואָס איז אויסגעדריקט אין זיי? זענען די נאַציאָנאַלע אונטערשיידען פון די פעלקער ניט קיין אַנדער זאַך ווי נאָר גראַד־אונטערשיידען פון מענשליכע מעלות, אַזוי אַז אויב זיי זאָלען זיך אַלע אויפהויבען אויף דערזעלביגער שטופע פון׳ם פּראָגרעס, וועלען זיי אַלע מוזען ממילא קומען צו דיזעלביגע רעזולטאַטען און לעבען, דענקען און שאַפען? זענען אפשר דאָ אַזעלכע קולטור־ערשיינונגען, וואו די נאַציאָנאַלע פערשיעדענקייטען שיידען זיך פאָנאַנדער ניט דורך דעם גראַד פון דער מענשליכקייט, וואָס אין זיי, נאָר דורך דער אַרט פון דער מענשליכקייט, וואָס דריקט זיך אין זיי אויס, און וואָס איז בשום אופן ניט ערגער, איידער אַ וועלכער עס איז אַנדער מין?

לאָמיר אַ ביסעל אַ טראַכט טהאָן וועגען דעם.

פעלקער אונטערשיידען זיך איינער פון דעם אַנדערן אויך לויט די שפּראַך, וועלכע זיי רעדען. אַ שפּראַך איז קודם כל אַ מיטעל, ווי אַזוי דורך ווערטער אויסצודריקען אונזערע געדאַנקען און פאָרשטעלונגען. איין און דיזעלביגע פאָרשטעלונג פון דעם חפץ, וואָס איך האַלט איצטער אין מיין האַנד, דריקט דער איד אויס מיט דעם וואָרט „זייגער״, דער רוס זאָגט אויף דעם „טשאַסי״, דער דייטש רופט דאָס אָן „אוהר״. וועלכער וואָרט איז מענשליכער: אין וועלכען איז פאַרקערפּערט אַ גרעסערער גראַד פון שכל, יושר, חשיבות און חן? אין קיינעם ניט פון זיי! זיי זענען אַלע גלייך גוט, גלייך שעהן און גלייך מענשליך. אין זיי

זענען אָבער פּערקערפּערט פערשיידענע א ר ט ע ן פון דער מענשליכער שפּראַך, פאַרשיידענע מ י נ י ם לשונות, ווי אזוי אין קלאַנגען אויסצודריקען געדאַנקען. קומט איהר דעריבער אין דעם ענין פון שפּראַך צו דעם אידישען פאָלק און זאָגט איהם: „איד, הער אויף צו זיין איד און ווער מענש", האָט דאָס ניט קיין אַנדער טייטש, ווי: פערוואַרף דעם וואָרט „זייגער" און נעהם אַן אַנ־שטאָט דעם דאָס וואָרט... אָבער וואָסער אַנדער אָרט זאָל מען אַננעהמען אַנשטאָט איהם? און מיט וואָס איז יעדער אַנדער וואָרט מ ע נ ש ל י כ ע ר, איידער דאָס וואָרט „זייגער"?

איהר זעהט: אין דעם פּונקט פון דער שפּראַך, איינעם פון די וויכטיגסטע פּונקטען אין דעם נאַציאָנאַלען לעבען, האָט די קאָסמאָפּאָליטישע פאָרמעל: „וואָס מעהר מענש, אַלץ וועניגער איד" אין גאַנצען פערלאָרען יעדען שכל'דיגען מענשליכען זין. די שפּראַך איז אַ קולטור־צווייג, אין וועלכער עס דריקט זיך אויס דער מענשליכער שכל און די מענשליכע שעהנקייט, אָבער ביי יעדען פאָלק אויף אַן אַנדער אופן, און עס איז ניטאָ אויף דער וועלט קיין איין איינציגער ריכטער, וואָס זאָל אָביעקטיוו קאָנען אַרויסברענ־גען, וועלכע שפּראַך איז די שעהנסטע, קליגסטע און האָט אין זיך מעהר מענשליכע מעלות, איידער אַלע אַנדערע, אַזוי, אַז דער אַלגעמיין־מענשליכער שכל זאָל קאָנען פאָדערן פון יעדען איינעם, ער זאָל אַננעהמען דוקא יענע אויסגעצייכענטע שפּראַך.

אמת, עס זענען דאָ איינצעלנע מענשען, וואָס זיי דוכט זיך, אַז זיי האָבען „על פּי שכל" אויסגעפונען, וועלכע שפּראַך עס פערדיענט דעם שרביט הזהב, די קעניגליכע ווירדע איבער אַלע שפּראַכען. אָבער אויב איהר וואָלט געלאָזט די גאַנצע מענשהייט אַבשטימען איבער דער דאָזיגער פראַגע, וואָלט איהר אפשר צו אייער בעוואונדערונג בעקומען דעם רעזולטאַט, אַז יעדעם פאָלק וואָלט געשטימט פאַר זיין אייגענעם לשון: ווייל „שעהנער פון אַלע בילדער איז מיר מיין מאַמעס פּנים; ליעבער פון אַלע לשונות איז מיר מיין מוטער־שפּראַך". דאָס איז אַן אַלטער כלל פאַר אַלע פעלקער, — אַ כלל, פאַר וועמען דער אַלגעמיין־מענשליכער שכל מוז אונטערטהעניגסט איינבויגען זיין קאָפּ.

עס איז אויך אמת, אַז די אינטעליגענץ פון די אונטערדריקטע

אָדער צוריקגעבליבענע פעלקער, וואָס הויבט זיך ערשט אָן אויס־
צומענשלען אונטער דעם איינפלוס פון אַ פרעמדער קולטור און אַ
פרעמדער שפראַך, פאַלט אָפט אריין אין דעם דמיון, אַז נאָר די
פרעמדע שפראַך איז באמת אַ מענשליכע; דער אייגענער לשון
אָבער איז גאָר ניט ווערטה, וואָס ער לעבט אויף דער וועלט. זי
איז דעריבער נוטה צו קוקען אויף איהר אייגענעם לשון פון אויבען
אראָפּ און האַלטען פאַר אַ חשוב'ערען מענשען יענעם, וואָס האָט
אין גאַנצען פערגעסען, ווי צו רעדען אין דער שפּראַך פון זיין
פאָלק. אזוי איז אַ צייט געווען אין רוסלאַנד, ווען די רוסען האָ־
בען מבזה געווען זייער שעהנעם רוסיש, און דעם אידעאַל פון אַ
חשוב'ען געבילדעטען מענשען האָבען זיי געזעהן אין יענעם, וואָס
האָט געקאָנט רעדען און דענקען אין פראַנצויזיש. דאָס איינע
האָט אויך פּאַסירט אין דייטשלאַנד, וואו אַזעלכע אמת געבילדעטע
גייסטער ווי פריעדריך דער גרויסער האָבען זיך געקאָנט בעריהמען
מיט דעם, וואָס זיי קאָנען ניט קיין דייטש, אָדער קאָנען עס ניט
גוט. איצטער וועט קיין רוסען און קיין דייטשען ניט אַרויף אויפ'ן
זינען צו קוקען פון אויבען אראָב אויף זייערע שפּראַכען, אָדער צו
פאַלען כורעים פאַר דעם „פראַנצויז". אדרבה, ביי די צוויי פעל־
קער האָט זיך אויסגעבילדעט אַן אמת'ע טיעפע ליעבע און פער־
עהרונג צו זייער לשון, צו דעם שכל און דער שעהנקייט, וואָס ליעגט
איינגעוויקעלט אין איהם.

ווי אַזוי איז דאָס געשעהן? גאָר פשוט! בעת די דייטשען
און די רוסען האָבען זיך גענומען אויסמענשלען אין פראַנצויזיש,
זענען זיי נאָך געווען ק נ אַ פּ ע מ ע נ ש ע ן. אַליין אָרעם
אין בילדונג און שעהנע, טיעפע געדאַנקען, האָבען זיי אויך ניט
געקאָנט בעמערקען די פערבאָרגענע שעהנקייטען פון זייער איי־
גענעם לשון. אין גאַנצען פער'כשופ'ט פון דעם פרעמדענם גע־
שמאַק און שכל, איז ביי זיי לגמרי אָבגענומען געוואָרען זייער איי־
גענער שכל און זייער אייגענער געשמאַק. אָבער וואָס מעהר מ ע נ ש
זיי זענען געוואָרען, וואָס זעלבסטשטענדיגער עס איז געוואָרען
זייער טראַכטען און פיהלען, אַלץ העכער האָט גענומען רעדען ביי
זיי דער אייגענער דענקען און דער אייגענער פיהלען. מיט דער
ענטוויקעלונג פון דער אינטעליגענץ האָט זיך אין דערזעלביגער צייט

אויך ענטוויקעלט איהר היימישער לשון, און וואָס מעהר וויסען און בילדונג עס האָבען גענומען אַריינדרינגען אין די מאַסען, אַלץ מעהר לעבענס־קראַפט איז אַריינגעזאָגט געוואָרען אין זיינע אָדערן, אַלץ פולער און גראַציעזער זענען געוואָרען זיינע פאָרמען, אַלץ חנ׳עוודיגער זיינע בעוועגונגען. סוף־כל־סוף האָט די אינטעליגענץ געמוזט אין דער אייגענער שפּראַך דערבליקען דעם בעסטען, לייכטעסטען מיטעל צו שאַפען איהרע בעשאַפונגען, צו בעשרייבען איהרע זעהונגען, צו בעזינגען איהרע געפיהלען, ארויסצוברוימען איהר וועהטאָג און אַרויסצושאַלען איהר פרייד.

אויף אַזאַ׳ן אופן איז די שפּראַך מיט טויזענדער פעדים צונויפגעבונדען געוואָרען מיט דער נשמה — און אַנשטאָט דעם אַלטען דמיון, אַז דער אייגענער לשון איז אַ מיאוס׳ע דיענסט־מויד, וואָס טאָר ניט האָבען די העזה צו בעוויזען זיך אין סאַלאָן, אויף וועלכער קיין אַנשטענדיגער מענש קאָן ניט אויסדריקען קיין איין אַנשטענדיגען געדאַנק, איז אויסגעוואַקסען די אַנדער איליוזיע, אַז זי, די שפּראַך פון זייער פאָלק, איז די איינציגע קעניגין צווישען אַלע שפּראַכען פון דער וועלט.

אמת, יעדער איינער פערשטעהט מיט׳ן שכל, אַז די איליוזיע איז ניט מעהר ווי אַן איליוזיע, ניט מעהר ווי אַ דמיון און געפיהל, אָבער אַזוי ווי דער דאָזיגער דמיון שאַדט קיינעם ניט, אַזוי ווי די ליעבע צו דער אייגענער שפּראַך איז צונויפגעבונדען מיט דער ליעבע צו אַלע יענע גרויסע קולטור־אוצרות, וועלכע דאָס פאָלק בעשאַפט אי פאַר זיך, אי פאַר דער מענשהייט, האָט מען זיך ניט וואָס צו שעהמען מיט דער דאָזיגער הייסער ליעבע צו דעם אייגענעם לשון און מען דאַרף ביי דעם אַלגעמיין־מענשליכען שכל ניט אויסבעטען קיין היתר אויף איהם, ווייל דער אַלגעמיין־מענשליכער שכל האָט ניט קיין אייגענע שפּראַך, וואָס ער זאָל קאָנען אַרויפצווינגען אויף אַלע מענשען. אגב, פערשטעהט ער, דער אַלגעמיין־מענשליכער שכל, גאַנץ גוט, ווי אַזוי מען קאָן זיך פערליעבען אין יענע קלאַנגען, וואָס זענען אַזוי נאָהענט צו דער נשמה, אַזוי ענג צונויפגעוואַקסען מיט אַלע איהרע פערבאָרגענע פאַלדען.

וואָס לערנט אונז די דאָזיגע ערשיינונג? זי אַנטפּלעקט אונז

זעהר אַ וויכטיגען אמת פאַר אונזער ענין. בעת די רוסישע איג־טעליגענץ איז אין איהר שפּראַך געשטאַנען אונטער דער שליטה פון דער פראַנצויזישער קולטור, האָט זי אפשר געקאָנט מיינען, אַז וואָס מעהר מענש איינער איז, אַלץ מעהר פראַנצויז איז ער און אַלץ וועניגער רוס. אָבער מיינען אַזוי האָט זי געקאָנט נאָר דער־פאַר, ווייל דער מ ע נ ש אין דעם רוס איז נאָך געווען פון גאָר אַ שוואַכער מדרגה; ער איז געווען אַ ווייכער אַקס, אויף וועלכען דער פראַנצויזישער זשעני האָט געקאָנט ארויפלעגען זיין שטעמ־פעל. אָבער וואָס מעהר מ ע נ ש דער רוס איז געוואָרען, וואָס ווייטער זיין האָריזאָנט, וואָס שטאַרקער זיין אייגענע שאַפונגס־קראַפט, אַלץ מעהר „רוס" איז ער געוואָרען לכל הפחות בנוגע צו דעם אייגענעם רוסישען לשון.

און אַקוראַט די זעלביגע ערשיינונג שפּיעלט זיך איצטער אָב פאַר אונזערע אויגען ביי דעם אידישען פאָלק מיט דער אידישער שפּראַך. ווען אונזער רוסיש־אידישע אינטעליגענץ האָט זיך נאָר וואָס גענומען „אויסמענשלען", איז זי געווען, ווי אַ וואַקס אין די הענד פון דער פרעמדער קולטור און דער פרעמדער שפּראַך. רע־דען ווי אַ „מענש" האָט געהייסען רעדען רוסיש (אָדער פּויליש אין פּוילען). אָבער אָט איז די אינטעליגענץ אַ ביסעלע אונטערגע־וואַקסען, אָט האָט זי גענומען שפּירען אין זיך איהרע אייגענע כחות, און מיט דעם פאַנאַנדערבליהען פון די אייגענע כחות האָט זיך גענומען פאַנאַנדערבליהען אויך דער אידישער לשון. פער־גלייכט דעם מצב פון אידיש אַ יאָהר פינף־און־צוואַנציג צוריק מיט איהר איצטיגען צושטאַנד! דערמאָהנט זיך, ווי אומגעלומפּערט, ווי בעריש עס איז געווען איהר יעדער ריהר, ווי באַלד זי האָט גע־מוזט ארויסקריכען פון איהרע אייגענע פיער ווינקעלעך און אויס־דריקען אַ וועלכען עס איז מענשליכען געדאַנק. און בעטראַכט ווי גראַציעז, ווי זיכער עס זענען איצטער אַלע איהרע בעוועגונגען, ווי שנעל זי קאָן זיך צופּאַסען צו יעדער גייסטיגער לאַגע, און ווי פּינקטליך זי קאָן איבערגעבען יעדען, לאָז זיין ווי פערוויקעלטען געדאַנק! די אידישע שפּראַך איז איצטער גאַנץ בעשטימט גע־וואָרען מעהר „אידיש", איידער זי איז געווען, און דער איד, וואָס רעדט און שרייבט איצטער אידיש, רעדט און שרייבט גאַנץ זיכער

א פיעל בעסערען אידיש, איידער אמאל. ער איז אין דעם פרט פון דער שפראך געווארען מעהר א י ד. א דאנק די טעגליכע צייטונגען, דעם טהעאטער, דעם אידישען בוך, די פערזאמלונגען, וואו געבילדעטע מענשען דריקען אויס זייערע געדאנקען אין אידיש, ווערט אלץ רייכער אין ווערטער און אויסדריקען דער אוצר פון אונזער שפראך און דער איד ווערט אלץ ווייניגער געצוואונגען צו שעפען פון א פרעמדען קוואל. הייסט עס, אז אין דעם פרט פון דער שפראך איז דער איד געווארען מעהר איד, דער רום מעהר רום און דער דייטש מעהר דייטש, ניט פאר קיין אנדער זאך, נאר דער־פאר, וואס זיי אלע זענען געווארען מעהר מ ע נ ש...

הייסט עס, אז לכל הפחות אין דעם ענין פון דער שפראך, האבען מיר פאר אונז א פאל, וואו די אלטע פארמעל: „וואס מעהר מענש, אלץ ווייניגער איד", איז — ניט נאר זי פערליערט יעדען זין, נאר אדרבה, זי ווערט פערוואנדעלט אין איהר אייגענעם היפך: וואס מעהר מענש מען איז, וואס רייכער עס ווערען די ענינים, וועגען וועלכע דער אידישער מענש דענקט; וואס שטארקער אין איהם ווערט די קראפט פון דעם אייגענעם שאפען, אלץ מעהר איד ווערט מען, אלץ בולט'ער און שארפער ווערט יענער נאציאנאלער סימן זיינער, וואס דריקט זיך אויס אין זיין לשון.

לאזט מיך דא בעריהרען נאך א פאר פונקטען, וואס זענען פערבונדען מיט דער אידישער שפראך־פראגע אין איהר שייכות צו „איד און מענש".

מיר האבען געזעהן, ווי די געבילדעטע קרייזען פון א צוריק־געבליעבענעם פאלק פערליערען דעם רעספעקט צו זייער אייגענעם לשון און פיהלען א מין יראת הכבוד פאר דער פרעמדער רייכערער שפראך. דאס איז גאנץ בעשטימט דער געפיהל פון דרך־ארץ, וואס א ניעדריגערע קולטור האט צו א העכערער. אבער אזא מין אראבפאלען אין די אייגענע אויגען האט בעצם ניט געקאנט אנ־ריהרען ניט דעם פערזענליכען שטאלץ, ניט דעם שטאלץ פון דעם פאלק. א רוסישער גראף אדער קניאז האט אפשר געשפירט, אז זיין פראנצויזישער פאריקמאכער, מיט זיינע עלעגאנטע מאניערען, מיט זיין געשליפענעם צינגעל און זיין גראציעזען פראנצויז, איז אין א געוויסען פרט א העכערע, חשוב'ערע בריאה, איידער ער

אַליין. אָבער נאָר אין אַ געוויסען פּרט, — אין דעם פּונקט פון שפּראַך און אויסערליכער קולטור. אין אַלע אַנדערע פּונקטען איז ער, דער גראַף, פּאַרט דער מיוחס, דער גראַף, און יענער איז "ער פּאַריקמאַכער. און אויך בנוגע צו דעם אייגענעם פאָלק איז ער, דער גראַף, אַ קינד פון דער גרויסער, מעכטיגער רוסישער נאַציע, וואָס האָט פּאָליטיש און היסטאָריש אין קיין פאַל ניט וואָס אונ־טערצובויגען זיך אונטער פראַנקרייך און וואָס איהר כבוד ווערט בשום אופן ניט פערטונקעלט דורך דעם גלאַנץ פון דעם פראַנ־צויזישען נאָמען. אפילו אין די ערגסטע צייטען פון דער רוסישער אסימילאַציע האָט קיינעם פון די געבילדעטע ניט געקאָנט ארויף אויפ'ן זין, אָבצוזאָגען זיך פון דעם אייגענעם פאָלק דערפאַר, וואָס ער שטעהט אויף אַ ניעדעריגערער קולטור־מדרגה, און אויפצוגעבען די עקזיסטענץ פון דער רוסישער נאַציע מחמת דעם, וואָס איהר שפּראַך איז ניט אזא חשוב'ע, ווי די פראַנצויזישע.

אַ גאַנץ אַנדער פּסיכאָלאָגיע האָט געמוזט הערשען — און הערשט נאָך עד היום — ביי אַ גרויסען טהייל פון די אידישע גאַנץ געבילדעטע, האַלב־ און בערטעל־געבילדעטע קרייזען. דער רום און זיין שפּראַך איז אין זייערע אויגען געווען אַ העכערע בריאה ניט נאָר מחמת זיין העכערער קולטור, נאָר ווייל ער איז אויך אַ חשוב'ערער מענש אין דער געזעלשאַפטליכער שטעלונג און אין דעם שטאַאטליכען לעבען. אַ שכור'ער שרייבער'ל ביי דעם „סטאַ־נאָוואָי" אין אַ שטעדטעל איז געזעלשאַפטליך אין רוסלאַנד אַ סך אַ גרעסערער מיוחס איידער דער רייכער אידישער סוחר. אָבזאָגען זיך פון אידיש און ריידען די שפּראַך פון דעם שכור'ען שרייבער'ל הייסט דעריבער ניט נאָר אריינגענומען ווערען אין דער ספערע פון דער העכערער קולטור. די קולטור־פראַגע האָט דאָס רוב גע־שפּיעלט נאָר אַ קליינע ראָליע אין דעם אַסימילאַציאָנס־פּראָצעס פון די ברייטערע אידישע קרייזען. אַ סך אַ גרעסערע ראָליע האָט דאָ געשפּיעלט דאָס ווילען אויפהויבען זיך אויף אַ העכערער שטופּע אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, אויסגלייכען זיך אין יחוס מיט דעם גוי. די רוסישע שפּראַך איז געווען אַן אויסערליכער צייכען, אַז מען געהערט שוין ניט מעהר צו יענעם פערוואָרפענעם, בעז־שפּיענענעם פאָלק, וואָס יעדער איינער האָט אַ רעכט צו טרעטען עס

מיט די פיס. דורך זיין רעדען רוסיש, דורך דאס נאכמאכען די מאניערען פון דעם רוס, האט דער אסימילירטער איד געוואלט אויפהויבען זיין מענשליכע חשיבות סיי אין די אויגען פון דעם רוס, סיי אין די אייגענע אויגען. דורך „ווענינ איד“ האט ער געוואלט פערדעכענט ווערען פאר „מעהר מענש“.

איהר ווייסט אלע, ווי צרה׳דיג עס האט זיך אויסגעלאזען יענער עקספערימענט און וואס פאר א גרויסען טעות דער אסימיליאטאר האט דא געמאכט אין חשבון. דער אידישער נאמען איז בשום אופן ניט אויפגעהויבען געווארען, א דאנק דער רוסישער שפראך־אסימיליאציע, און דער איד איז ניט געווארען מעהר מיוחס, ווען ער האט אנגעהויבען צו רעדען „רוס“.

וואו איז דא געלעגען דער טעות אין זיין חשבון?

דער אסימיליאטאר האט זיך געיאגט נאך א העכערער מענשליכער חשיבות, — געווים א בערעכטיגטער און מענשליכער שטרעבען. אבער ער האט דא צונויפגעמישט צוויי זאכען: מענשליכען שטאלץ און וויסטע גאוה. דער מענשליכער שטאלץ רוהט אויף דעם בעוואוסטזיין פון מיין אייגענעם ווערטה, אלץ איינס, וואס די ארומיגע וועלט זאל ניט האלטען פון מיר. די וויסטע גאוה האט ניט קיין אייגענעם ווערטה־מאסשטאב, זי נעהמט איהם אריבער פון דער פרעמד. זי יאגט זיך קודם כל נאך דעם אנדערן׳ס אבשעצונג, נאך י ע נ ע ם ׳ ס גוטער מיינונג וועגען מיר. אין דער וויסטער גאוה פערליערט דעריבער דער מענש דעם דרך־ארץ צו זיך אליין. אין זיין נשמה מוז זיך אריינ׳גנב׳ענען א פונק פון יענער ה י נ ט י ש ע ר פסיכאלאגיע, וועגען וועלכער איך האב גערעדט אין דעם אנהויב פון מיין פארלעזונג. מיט גליקזעליגע בליקען פון הינטישער אונטערטהעניגקייט קוקט דער אסימיליאטאר אויף זיין „גאט“, וועמען ער וויל נאכמאכען, דרעהט מיט׳ן ווידעל, פאר יעדען ביסעלע כבוד, וואס דער „גאט“ קאן איהם שענקען. וואס פאר אן עהרע דאס איז צו האבען דעם „סטאנאוואי“ אליין ביי זיך אין שטוב, שפיעלען מיט איהם סטוקעלקע און אפשר נאך זיין מיט איהם „נא טי“ און רעדען מיט איהם רוסיש הויך אויפ׳ן קול אזוי, אז אלע זאלען הערען און פלאצען פאר קנאה. עס פערשטעהט זיך, אז דאס מוז ניט זיין דוקא דער „סטאנאוואי“. וואס

פאַר אַן אָרט „אמת'ער רוס" דאָס דאַרף זיין, כדי זיין פריינדשאַפט זאָל איינעם ברענגען כבוד, — דאָס העננט אָב פון דעם בילדונגס־גראַד און דער געזעלשאַפטליכער שטעלונג פון דעם אידען. פאַר איינעם איז דאָס דער „סטאַנאָוואָי", פאַר דעם אַנדערן אַ גובער־נאַטאָר, פאַר דעם דריטען אַ „פּיסאַטעל", פאַר דעם פערטען אַ בעריהמטער געזעלשאַפטליכער טהוער. דער עצם פון דער וויסטער גאוה בלייבט אָבער דערזעלביגער: דאָס איז דער אייגענער בטול היש, דאָס פערליערען פון דעם אייגענעם פּנים, דאָס וועלען זיך באָדען אין יענע שטראַהלען פון כבוד, וואָס די נאָהענטקייט פון דעם פרעמדען מיוחס קאָן איינעם געבען.

עס איז גאָר קיין ספק ניט, אַז די פעראַכטונג צו דער אי־דישער שפּראַך איז ביי אַ גרויסען טהייל אַסימיליאַטאָרען אויס־געוואַקסען אָט פון דער וויסטער גאוה, אָט פון דעם הינטישען בטול היש, וואָס איז די סטרא אחרא פון דעם מענשליכען שטאָלץ. און עס איז קיין חידוש ניט, וואָס אָט די וויסטע גאוה האָט ניט געקאָנט דערגרייכען איהר ציעל: דרך־ארץ קאָן מען נאָר האָבען צו דעם, וואָס האָט דרך־ארץ פאַר זיך אַליין. און דער, וואָס שפּייט זיך אַליין אין פּנים, פערדיענט אויך דעם שפּיי פון דעם אַנדערן. וואָל־טען יענע אַסימיליאַטאָרען אָנשטאָט וויסטער גאוה געהאַט מ ע נ ש־ל י כ ע ן ש ט אָ ל ץ, וואָס רעכענט זיך נאָר מיט דעם אייגענעם ווערט, און קעמפּפט, אַז די דרויסענדיגע וועלט זאָל אָנערקענען מיין ווערטה, וואָלטען זיי באַלד געקאָנט איינזעהן, אַז אַלע שפּראַ־כען זענען גלייכע מיוחסים און אַז אָבזאָגען זיך פון דער אייגענער שפּראַך צוליעב אַ פרעמדער, הייסט אומזיסט און אומנישט אָנ־שפּייען זיך אַליין אין פּנים. אַ ביסעלע מעהר מענשליכער שטאָלץ אין דעם אידען וואָלט געמאַכט אונמעגליך דאָס פערלאָזען פון אי־דיש. וואָס מעהר מענשען זיי וואָלטען געווען, אַלץ מעהר אידען וואָלטען זיי געבליעבען.

אַזאַ בליק אויף דעם ענין פון דער שפּראַך איז אָבער נאָך אין גאַנצען פרעמד פאַר אַ סך פון דער אידישער אינטעליגענץ, אפילו פון דער, וואָס האָט גאַנץ געוויס קיין ברעקעל שפּור ניט פון היינ־טישער פּסיכאָלאָגיע אין איהר נשמה. עס זענען דאָ ביי אונז מענשען, וואָס פערשטעהען בכלל ניט, וואָס מאַכט מען דאָ פאַר

אזא ווערטן פון דער שפּראַך. איז דען די שפּראַך עפּעס מעהר, איידער א מיטעל אויסצודריקען געדאַנקען, און דאַרף אַן אמת'ער מענש האָבען ביי די געדאַנקען עפּעס מעהר אין זין, איידער אמת און יושר? וואָס איז די נפקא מיניה, אין וואָס פאַר א קלאַנגען מען ברענגט קלאָר ארויס די דאָזיגע אידעאַלען? „קאַזאַלע-מאַזאַלע, גבי דאָברע מיינעלע“.

איך וויים ניט, צי איך איז בעקאַנט אַנ—סקי'ס „פּיאָנערי“ און צי איהר געדענקט די סצענע, ווי דער קליינשטעדטעלדיגער משכיל, וואָס איז אנטלאָפען אין די גרויסע שטאָדט צוליעב דער אמת'ער השכלה, לערנט זיך ביי א גימנאַזיסט די רוסישע שפּראַך. געבראָכענע לידען שטעהט ער אויס פון דעם, וואָס ער קאָן ניט ארויסרעדען ריכטיג דאָס רוסישע וואָרט „טשיזש“. ווי ער מאַטערט זיך ניט, קומט ביי איהם אַלץ ארויס „ציזז“ — און ער פערשטעהט ניט: וואָס איז דאָ דער אויפגעקלעהרטער גימנאַזיסט אַזוי מקפּיד אין דעם ענין? וואָס קאָכט ער זיך אין דעם „טשיזש“? קאָן דען פערענדערט ווערען דער ע נ י ן, ווען מען פערדרעהט א ביסעל זיין נאָמען? ווערט דער פויגעל אַן אנדערער, ווען מען רופט איהם „ציזז“ אָנשטאָט „טשיזש“?

אזא פּסיכאָלאָגיע איז זעהר פערשפּרייט ביי דער אידישער יוגענד און זי שטאַמט פון אַן אנדער מין „בטול-היש“, וואָס איז זעהר פערשיידען פון דעם הינטישען „בטול-היש“, וועגען וועלכען איך האָב נאָר וואָס גערעדט. זי שטאַמט פון אונזער ב ט ל נ ו ת. דער אמת'ער אידעעלער בטלן האָט נאָר צוויי אידעאַלען אין האַרצען: אמת און יושר. שעהנקייט און מענשליכע השיבות זענען ביי איהם קינדערשע זאַכען, מיט וועלכע אַן ערנסטער מענש טאָהר זיך ניט אָבגעבען. אָבער דאָ מאַכט דער בטלן דעם גרעסטען טעות. ער פערזעהט אין גאַנצען דעם פאַקט, אַז „אמת וצדק“ איז נאָר א טהייל פון אונזערע העכסטע מענשליכע אידעאַלען, — דער פונדאַמענט, אויף וועלכען זיי אַלע דאַרפען אויפגעבויט ווערען. נאָך העכער איידער דער פונדאַמענט, איידער אמת און יושר, הויבען זיך אויף פאַר דעם מענשען די אידעאַלען פון שעהנקייט און מענשליכע חשיבות. זיי צו פערגעסען הייסט אוועקמאַכען כלאחר יד אַלץ, וואָס טראָגט אריין רייכקייט און פאַרב אין דעם מענשען'ס

נשמה, אלץ וואס האט א ווערטה צוליעב זיך אליין און ניט צוליעב אן אנדער זאך.

מען קאן זאגען, אז אין קיין זאך טרעט ניט ארויס אזוי קלאר די מענשליכע נאטור פון דעם מענשען, ווי אין זיין ליעבע צו שעהנקייט, צו דער שעהנער פ א ר ם גופא, ווייל נאר זי אליין איז א „אהבה שאינה תלויה בדבר“. א ריינע ליעבע אהן עגאאיסטישע פניות און הינטער־געדאנקען. געוויס, אויך די ריינע אמת־ליעבע צוליעב דעם אמת גופא; אויך די איבערגעבענקייט צו די אידעאלען פון יושר צוליעב דעם יושר גופא טראגען אויף זיך דעם זעלביגען שטעמפעל פון „אהבה שאינה תלויה בדבר“, דעם העכסטען געפיהל, צו וועלכען נאר די מענשליכע נשמה איז מסוגל. אבער ערגעץ טרעט ניט ארויס דער געפיהל אזוי ריין און קלאר, ווי אין דער ליעבע צו שעהנקייט, און אין דעם שטרעבען צו אינווענינסטער מענשליכער חשיבות, ווייל אמת און יושר קאנען נאך, א חוץ דער ריינער הנאה, וואס זיי ברענגען מיט זיך, בערייכערן דעם מענשען מיט נוצליכע זאכען, בעת שעהנקייט און אינווענינסטע מענשליכע חשיבות קאנען קיין ברעקעל נוצען פאר דעם מענשען ניט שאפען. זייער גאנצער ווערטה בעשטעהט אות באות אין דעם, וואס זיי זענען א פעאים ניט ווערטה. זיי וועלען דעם מענשען ניט מאכען געזינטער, קליגער, רייכער, פעטער. אבער זיי מאכען איהם מ ע נ ש ל י כ ע ר, און שאפען פאר איהם יענעם טיעפען גליק, יענעם צושטאנד פון ריינער פרייד, צו וועלכער דער מענש דארף שטרעבען, ווען ער וויל וויסען, וואס הייסט לעבען ווי א מענש.

נאר צוויי קלאסען מענשען האבען פערלארען דעם חוש פון שעהנקייט און השיבות, אדער פערשטיקען איהם מיט א כיון אין זייער הארצען. דאס איז דער גראבער עגאאיסט, וואס איז ניט אוועק א סך ווייטער פון דער חיה, ביי וועמען די אידעאלען פון עסען, טרינקען, שלאפען, סעקסועלע ליידענשאפטען און אפשר נאך די ליידענשאפטען פון וויסטער גאוה פילען אויס אלע ווינקעלעך פון דער נשמה. און דאס איז אויך דער עטישער ב ט ל ן, וועמעס הארץ עס קלאגט, אמת, אויף דעם „צרת הכלל“, אויף די ליידען פון דער מענשהייט, וואס פערשטעהט אבער ניט, אז די ליידען פון דער מענשהייט בעשטעהען ניט נאר אין די שמארצען פון דער

הונגערינער היה אין דעם מענשען, נאר אויך אין זיין שטרעבען צו א שעהנעם, חשוב'ען מענשליכען זיין.

גרייליך וואלט איך מיך איצטער אבגעשטעלט א ביסעל מעהר אויף דעם ענין פון עטישע בטלנות ניט נאר ביי אונז אידען, נאר אויך אין דער געשיכטע פון דער גאנצער מענשליכער וועלט. נאר ליידער וואלט דאס אונז אוועקגעפיהרט צו ווייט פון אונזער טהע־מע. לאמיר זיך בענוגענען מיט דער בעמערקונג, אז די קאלטקייט צו די שעהנקייטען פון דער שפראך, — די גלייכגילטיגקייט, אין וואס פאר א שפראך מען זאל רעדען און ווי מען זאל געברויכען איהרע אויסדריקען, איז גאר ניט אזא חשוב'ע מענשליכע מעלה, ווי עס קאן זיך אפשר אויסדוכטען אויף דעם ערשטען בליק. א נארמאלער מענש ליעבט זיין שפראך, — וואס פאר א שפראך דאס זאל ניט זיין, און וואס מעהר מענש ער איז, אלץ שטארקער איז זיין ליעבע צו איהר.

איך האב מיך אזוי לאנג אויפגעהאלטען אויף דעם ענין פון שפראך און שפראכען־ליעבע, ווייל דאס איז איינער פון די וויכ־טיגסטע פעלזען, אן וועלכע עס צושלאגען זיך די וואלען פון קאסמאפאליטיזם. אויב שפראך־פארם איז ניט קיין גלייכגילטיגע זאך פאר דעם מענשען, אויב די ליעבע צו איהר וואקסט מיט דער ענטוויקעלונג פון מענשליכקייט אין איהם און אויב דער אלגעמיין מענשליכער שכל קאן בשום אופן ניט ארויסברענגען, וועלכע שפראך איז די מענשליכסטע, איז יעמאלט ניטא קיין ברעקעל האפנונג, אז דער קאסמאפאליטישער אידעאל, — די פערשווינדונג פון אלע פעלקער־קולטורען אין איין מענשהייטס־קולטור און אין איין מענש־הייטס־שפראך, — זאל ווען עס איז מקוים ווערען.

אין דער אמת'ען! אונטערדריקטע, צוריקגעבליבענע פעל־קער אדער איינצעלנע שיכטען פערלאזען אפט זייערע שפראכען טייל אויס פיהישער גלייכגילטיגקייט צו מענשליכע אינטערעסען, טייל אויס וויסטער גאוה, טייל אויס עטישער בטלנות און נאך א גרעסערער טייל דערפאר, ווייל עס זענען דא העררשענדע שפראכען, צו וועלכע עס לוינט זיך בעסער צו־צושטעהן, ווייל פאר זיי ניט מען איצטער מעהר שמאלץ. אבער מיט דער ענטוויקעלונג פון דעם מענשליכען פראגרעס מוזען מיר דאך דערלעבען אזא צייט,

ווען די איינטיילונג אין הערשענדע און בעהערשטע וועט אין גאַנצען אָבגעשאַפט ווערען. עס מוז דאָך קומען אַ מאָמענט, ווען קיין גרופּע מענשען וועט ניט האָבען קיין שום איבערוואָג איבער קיין אַנדער גרופּע און יעדע פון זיי וועט האָבען די פולע מעגליכקייט צו לעבען נאָך איהר האַרצענס בעגעהר. און יעמאָלט, ווען די ניעדעריגערע בעדערפעניסען פון דעם מענשען וועלען בעפריעדיגט ווערען דורך אַ קלוגען סיסטעם פון יושר, וואָס וועט אַריינגעפיהרט ווערען אין דעם לעבען פון אַלעמען, וועט דער מענש, בעפרייט פון דער דאגת חיונה, זוכען זיין גליק אין דער בעפריעדיגונג פון די העכערע בעדערפעניסען, דער ליעבע צו אמת, שעהנקייט און מענשליכע חשיבות. וואָס מעהר גיטער פון העכערער קולטור אַ פאָלקס־גרופּע וועט יעמאָלט אויסאַרבייטען אָדער אַריבערנעהמען פון דער פרעמד, אַלץ רייכער וועט ווערען איהר שפּראַך און אַלץ שטאַרקער — איהר ליעבע צו איהר.

פרעגט זיך די שאלה: וואָס וועט יעמאָלט קאָנען צווינגען די דייטשען, זיי זאָלען זיך אָבזאָגען פון זייער דייטש און פערבייטען עס, לאָמיר זאָגען אויף פראַנצויז? וואָס וועט דעם אידען צווינגען, זיך אָבצוזאָגען פון אידיש און אָננעהמען לאָמיר זאָגען רוסיש אָדער ענגליש? קיין זאַך קאָן יעמאָלט קיינעם ניט צווינגען דערצו. אין די בעדינגונגען פון פאָלקאָמענער גלייכהייט מוזען זיך די שפּראַכען פאַנאַנדערבליהען נאָך שטאַרקער, איידער איצטער, — די קולטורען פאַנאַנדערוואַקסען זיך יעדע אויף איהר שטיינער, לויט איהר אינווענינסטער טבע, און די נאַציאָנאַלע סמנים פון אַ פאָלק מוזען יעמאָלט ווערען נאָך בולט׳ער און שטאַרקער.

דער קאָסמאָפּאָליטיזם האָט פערזעהן, אַז עס זענען דאָ אַ סך קולטור־צווייגען, וואָס דריקען זיך אויס ביי יעדען פאָלק אין אַ פערשיידענער נאַציאָנאַלער פאָרם, אָבער וואָס זענען פון דעסטוועגען אַלע גלייך מענשליך, אַלע פון גלייכען ווערטה און קאָנען אַלע האָבען אין זיך דעם זעלביגען גראַד פון אמת, יושר, חן און מענשליכע חשיבות. אויף אַזאַ׳ן אופן האָט גאָר קיין ברעקעל זין ניט צוצוטרעטען צו אַ וואָסער עס איז פאָלק מיט דער פאָדערונג: „פאָלק, הער אויף צו זיין פאָלק און ווער מענש“, ווייל עס איז אין דער

גאנצער מענשהייט ניטא קיין איין איינציגע פארם, אין וועלכער עס זאל זיך אויסדריקען יענער קולטור־צווייג און וואס זאל האבען מעהר רעכט אויף זיין ליעבע, איידער זיין אייגענע נאציאנאלע פארם.

די שפראך איז נאר איין צווייג אזא. עס זענען דא נאך א סך אנדערע. נעהמט, צ. ב. די שעהנע ל י ט ע ר א ט ו ר, וואס איז אזוי שטארק פערבונדען מיט דער שפראך. לאמיר אננעהמען, איהר ליעבט יענעם מענשליכען געלעכטער דורך טרעהרען, וואס האט ארויסגעבראכט אין ענגלאנד דיקענסען, אין רוסלאנד גאגאל'ן און ביי אונז, אידען, שלום־עליכם'ען. איך ווייס ניט, ווי איהר קוקט אויף שלום־עליכם'ען. עס קאן זיין, איהר זייט נאך ניט געוואוינט אוועקצושטעלען א אידישען שרייבער אין איין ליניע מיט אזעלכע גדולים פון דער אל־וועלטליכער ליטעראטור. אבער איך וואלט אייך דורך א ליטערארישען אנאליז געקאנט בעווייזען אזוי קלאר, ווי דער טאג, אז דער מחבר פון אזעלכע ווערק ווי „חוה“, „ראבטשיק“, „אויף פסח אהיים“ און נאך א סך, א סך אנדערע דארף בשום אופן ניט אראבלאזען די אויגען פערשעהמטערהייד, ווען מען שטעלט איהם אוועק לעבען גאגאל'ן און דיקענס'ען. און ווער רעדט שוין וועגען א מארק טוויין! מיט איהם קאן שלום עליכם אויף אלע פעל תמיד האלטען די וואג. על כל פנים וועט מיר, דעם אידען, געוויס זיין נעהנטער צום הארצען און טהייערער מיין שלום־עליכם, איידער דער רוסישער גאגאל אדער דער ענגלישער דיקענס, — ווער רעדט שוין וועגען דעם אמעריקאנער מארק טוויין.

נו? קאנט איהר צוגעהן צו מיר און זאגען: „איד, הער אויף צו זיין איד און ווער מענש; פערווארף דיין שלום־עליכם און קוויק זיך מיט מארק טוויינ'ען!“ מיט וואס איז מארק טוויין השוב'ער, איידער שלום־עליכם? זיי זענען ביידע אין בעסטען פאל — דעם בעסטען פאר טוויינ'ען — ג ל י י ך חשוב. אין זיי, אין ביידען האט זיך אויסגעדריקט איין און דערזעלביגער אלגעמיין־מענשליכער שטריך פון לאכען דורך טרעהרען, אבער ביי ביידען, ווי אויך ביי גאגאל'ען און דיקענס'ען, האט זיך דער דאזיגער אלגעמיין־מענשליכער שטראהל איבערגעבראכען אין א בעזונדער נאציאנאלער אט־

מאספערע, אויף א בעזונדער נאציאנאלען שטייגער און אנשטאט אין הומאריסטישער ארט האט איצטער די מענשהייט גאנצע פיער.

צו דעם אייגענעם רעזולטאט קומט איהר, ווען איהר טראכט זיך אריין אין דעם ענין פון פאעזיע בכלל. איין־און־דיזעלביגע פאעטישע ריכטונג ברענגט ארויס פערשיידענע אייגענארטיגע טאלאנטען ביי די פערשיידענע פעלקער, וואס דריקען זי אויס אויף א פערשיידענעם, אבער גלייך־ווערטיגען שטייגער. איהר קאנט ניט פערלאנגען, ווער עס איז זאל זיך אבזאגען פון זיין נאציאנאלער פאעזיע און צושטעהן צו דער „אל־מענשליכער“, ווייל קיין אל־מענשליכע פאעזיע, וואס זאל ליגען ד ר ו י ס ע ן פון די נאציאנאלע פאעזיען, איז ניטא. די אל־מענשליכקייט ליעגט ניט דרויסען, נאר א י נ ו ו ע נ י ג אין די נאציאנאלע בעשאפונגען, און העכסטענס, וואס איהר קאנט זאגען, איז: פערלאז דיין נאציאנאלע פאעזיע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט א חוץ דעם אלגעמיין־מענשליכען טייל, נאך דער ספעציפישער כאראקטער פון דיין אידישער נשמה, און שפרינג אריין אין א פרעמדע נאציאנאלע פאעזיע, אין וועלכער עס ווערט אויסגעדריקט אויף דער ספעציפישער כאראקטער פון דעם פרעמדענס נשמה. אבער ערשטענס איז דאס שוין ניט קיין קאסמאפאליטיזם, נאר א נאר פשוט'ער, נאקעטער שאוויניזם פון דער פרעמדער נאציאנאליטעט און א חוץ דעם דארף מען מיר נאך בעווייזען, אז דעם פרעמדענס נשמה פאסט בעסער פאר מיר, איידער מיין אייגענע.

אזוי איז עס מיט דער פאעזיע, און אזוי איז עס מיט יעדען אנדער צווייג פון דער מענשליכער קולטור, וואס שטייגט אריבער די גרעניצען פון דער ריינער וויסענשאפט און דעם פשוט'ען, טאג־טעגליכען יושר, — די קונסט בכלל, די פילאסאפיע, די רעליגיאן. זוי אלגעמיין־מענשליך עס זאל ניט זיין זייער אינהאלט, מוז יעדע ריכטונג פון זיי בעקומען א גאנץ אנדער פנים און פארב, ווי נאר זי טרעט אריין אין א בעשטימטע נאציאנאלע אטמאספערע און וועקט דארטען אויף די שאפענדע כחות פונ'ם פאלק. אפילו דער קאטאליציזם, וואס לייקענט אין עצם די איינטהיילונג אין פעלקער, וואס קומט צו דער גאנצער מענשהייט מיט איין־איינציגען רעליגיעזען גרונד־געדאנק, אפילו ער האט בעקומען ביי יעדען פאלק א

בעזונדער אויסזעהן, און דער קאטאליציזם פון דעם דייטש איז ניט אין גאנצען דער, וואס דער קאטאליציזם פון דעם פראנצויז, אדער דעם פויל אדער דעם איטאליענער. נאך מעהר, אפילו אזא ריין אלגעמיין־מענשליכע ריכטונג, ווי דער וויסענשאפטליכער סאציאליזם פון קארל מארקס, האט בעקומען גאנץ פערשיידענע נאציאנאלע געשטאלטען ביי די רוסען, דייטשען, פראנצויזען, ענגלענדער, איטאליענער, פוילען און האלענדער. געהט, טענה׳ט זיך אויס, ביי וועלכען פאלק איז דער מארקסיזם דער מארקסיסטישסטער, צו־ליעב וועלכען אלע איבעריגע פעלקער זאלען זיך מוזען אבזאגען, און געהט, פאדערט נאך, זיי זאלען זיך אבשרייבען ביים רב, אז מהיום והלאה טארען זיי קיין אייגענעם מארקסיזם ניט ארויס־ברענגען!

און גאנץ געוויס איז יעדען מענשען בעזונדערס טהייער די נאציאנאלע פארם פון דעם אלגעמיין־מענשליכען תוך, וואס זיין פאלק האט ארויסגעבראכט. דאס הייסט ניט, אז ער דארף זיך ניט אינ־טערעסירען מיט דעם, וואס אנדערע פעלקער בעשאפען. אדרבה! ער מוז און זאל בעקאנט ווערען מיט די קולטור־פראדוקטען פון דער פרעמד, ער זאל זיי ליעבען און שעצען, ווייל זיי בעררייכערן זיין אייגענע נשמה און וועקען אין איהר איהרע כחות. אבער ער דארף זיי ליעבען און שעצען, אויף דעם זעלבינען אופן, ווי דער קינסט־לער אויף דער וויאלין ליעבט דעם קינסטלער אויף דעם פיאנא. ער פערשטעהט, אז זיין נשמה קאן אויסדריקען איהר טיעפען און רייכען אינהאלט נאר אויף דער וויאלין, ווי יענער נאר אויף דעם פיאנא, און איהם וועט זיין קונסט בלייבען טיעפער איינגעבאקען אין הארצען, איידער די קונסט פון דעם פיאניסט.

איך גיב צו, אז א מלאך, אדער א ספינאזא, וואלט זיך גע־קאנט אויפהויבען אין געפיהל צו אזא הויך, וואו אלע קולטור־פראדוקטען פון דער מענשהייט זאלען רעדען גלייך שטארק און גלייך ליעבליך צו זיין געמיטה; וואו ער זאל אבסאלוט ניט שפירען קיין איין ברעקעל איבערוואג אין געפיהל צווישען איין נאציאנאלע פארם און דער אנדערער. אבער אויב מען וואלט אויך אזא אב־סאלוט ספינאזיסטישען קולטור־פריינד געזאגט, אז איהר ווילט, צ. ב., די אידישע פידעל זאל פערשטומען אין דער מענשליכער

סימפּאַניע און אַנשטאָט איהר זאָל אוועקגעשטעלט ווערען נאָך אַ דייטשער קלאַרנעט, וועט ער אייך גאַנץ העפליך אָבדאַנקען פאַר דער טובה: איהם וואָלט געפּעהלט אַ „כלי" אין דער סימפּאָניע און ער וואָלט פּראָטעסטירט אַנטקעגען איהר פערשווינדען. — און גלאַט: ווער קאָן דאָס זיין אַ מלאך, אָדער אַ ספּינאָזאַ? אַ חוץ דעם קאַנט איהר זיין זיכער, אַז אויב אַזאַ ספּינאָזאַ זאָל אָנהויבען ניט נאָר געניסען די אַלגעמיין־מענשליכע סימפּאָניע, נאָר אַליין שפּיעלען אין איהר, וועט ער פון זיך גופא גאַנץ נאַטירליך אויס־קלייבען אַזאַ „כלי", וואָס איז מעהר צוגעפּאַסט צו זיין נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן כאַראַקטער און זיינע נאַציאָנאַלע כחות.

ליידער קאָן מען ניט לייקענען, אַז עס איז דאָ איצטער אין לעבען אויך אַזאַ טיפּ מענש, וועמען די גאַנצע נפקא מיניה צווישען די פערשיידענע נאַציאָנאַלע שאַטירונגען אין די העכערע צווייגען פון דער קולטור ריהרט ווי די וואַנד, וויל די גאַנצע העכערע קולטור, מיט איהר פּאָעזיע, קונסט, ליטעראַטור, וויסענשאַפט, פילאָסאָפיע און רעליגיאָן, ליעגט איהם אין דער לינקער פּאָה. דאָס איז דער „פיך בצורת מענש", — וואָס ווייס נאָר איין זאַך: גוט געגעסען, גוט געשלאָפען און נאָך אַ פעטע עליה אין שוהל געכאַפּט, — וואָס דאַרף מען מעהר? פון זיינט וועגען מעגען אַלע קולטורען זיך צונויפניסען אין איין איינציגע; עס וועט איהם דערנאָך זיין לייכטער, אין גאַנצען ארויסצוגיסען זי אין רינשטאָק. אָבער — אונזער טעמע רופט זיך דאָך ניט „איד און פיך", נאָר: „איד און מענש"... און אַ מענש איז דער, פאַר וועמען די העכערע צווייגען פון דער קולטור זענען דער גאַנצער תמצית פון דעם זיין. און וואָס מעהר מענש איינער איז, אַלץ אַ גרעסערען אָרט אין זיין געמיטה פערנעהמען די העכערע צווייגען פון דער קולטור, אַלע אין איינעם, אָדער נאָר איינינע פון זיי. און וואָס מעהר ער איז פעראינטער־עסירט אין זיי, וואָס מעהר נשמה און הארץ ער לעגט אין זיי אריין, אַלץ צוגעבונדענער ווערט ער צו יענער נאַציאָנאַלער פאָרם, אין וועלכע זיין פאָלק האָט זיי בעשאַפען, אין וועלכע עס שטעקט אויך אַ טייל פון זיין הארץ און פון זיין נשמה.

וואָס מעהר מענש דער איד ווערט, אַלץ מעהר איד ווערט ער.

די ליעבע צו דער אייגענער קולטור איז אַ מ ע נ ש ל י כ ע

ליעבע. זי בעגיסט מיט איהרע וואַרימע, לייכטענדע שטראַהלען נית נאָר דעם איצטיגען מעמד פון דער פאָלקס־קולטור, נאָר אויך איהר גאַנצע געשיכטליכע ענטוויקעלונג, דעם גאַנצען אוצר פון גייס־טיגע גיטער, וואָס דאָס פאָלק האָט איהם אָנגעזאַמעלט פון זינט עס איז געוואָרען א פאָלק אויף דער וועלט ביז אויף דעם היינטיגען טאָג.

געוויס, קאָן קיין מענש נית זיין גלייך ענטציקט פון אַלע ערשיינונגען, וואָס זיין פאָלק האָט ארויסגעבראַכט אין זיין עבר. אין דעם געפעכט פון דעם „היינט" טראָגען מיר אריבער אונזער ליעבע און אונזער האַס אויך אויף די ערשיינונגען פון דעם „נעכ־טען". און וואָס נעהנטער דער „נעכטען" איז צו אונזער צייט, אַלץ ווייניגער קאָנען מיר איהם בעטראַכטען אין דעם מילדען, קלאָ־רען און ריינעם ליכט פון דעם היסטאָריקער, וואָס פערשטעהט אַלץ, און וואָס קאָן דעריבער אַלץ און אַלעמען מוחל זיין. אָבער וואָס מעהר איינער לערנט זיך אוים צו בליקען היסטאָריש אויף דער פערגאַנגענהייט, אַלץ מעהר „ספּינאָזא" ווערט ער בנוגע צו איהר, אַלץ מעהר פלאַמט אין איהם אויף יענע געטליכע ליעבע, וואָס גיסט אוים איהרע שטראַהלען אין גלייכער מאָס אויף דעם צדיק און דעם רשע.

נאָר, אפילו ווען מען זאָל זיך נית אויפהויבען אויף דער הויך פון א ספּינאָזא, אפילו אז מען זעצט זיך אוועק על כסא הרבנות און מען נעהמט זיך משפט'ען די פערגאַנגענע צייטען, איז, ווי שטרענג עס זאָל נית זיין דער משפט איבער דעם אייגענעם עבר, וועט ער אַלץ איבערלאָזען גענוג העלדען, טהאַטען און פאַסירונגען, וואָס מוזען ארויסרופען בעגייסטערונג אין אונז. די בעקענטשאַפט מיט דער אייגענער געשיכטע און די בעגייסטערונג, וואָס זי פלאַמט פאַנאַנדער אין אונז, פערשטאַרקט יענע בעהעפטונגס־פעדים, וואָס בינדען אונז צו צו דעם אייגענעם פאָלק, ווי די בעקענטשאַפט מיט דער פרעמדער געשיכטע הויבט אויף אין אונזערע אויגען די חשיבות פון יענעם פרעמדען פאָלק און אונזער טיעפען רעספעקט צו איהם. אַן איטאַליענער, וואָס זאָל שטודירען די געשיכטע פון זיין נאַר־באַלדי און די געשיכטע פון אונזערע מאַקאַבעער, וואָלט געוויס געהאַט דרך־ארץ פאַר די העלדען־טהאַטען פון די אידישע נאַציאָ־

נאַלע בעפרייער, אבער זיין אייגען בלוט וועט ער פיהלען ניט אין די מאַקאַבעער, נאָר אין גאַריבאַלדי. דאָס אייגענע איז אויך מיט אונז. ווען מיר ציהען אַ פערגלייך צווישען גאַריבאַלדי און יהודה המכבי, וואַקסט אין אונז גאַנץ געוויס דער רעספעקט צו דעם איטאַליענישען פאָלק און זיינע פרייהייטס־העלדען, אבער אַ גאַנץ משונה־דיגע אומרוה דערוועקט אין אונזער נשמה דאָס בילד פון דעם אייגענעם פרייהייטס־העלד. ווי מיט אַ מאַגנעט ציהען צו זיך די אייגענע העלדען, די גיטער פון דעם אייגענעם אוצר, און פון דעם מאַגנעט קאָן זיך קיינער ניט בעפרייען.

וויכטיג איז נאָך דאָ צו געדענקען, אַז דער אוצר פון אַ פאָלק קאָן געהערען אין גאַנצען נאָר צו די קינדער פון דעם פאָלק. פרעמדע קאָנען אריבערנעהמען צו זיך נאָר אַ טייל פון איהם. און ניט אַלע מאָל איז דער אריבערגענומענער טייל גראָד דער בעסטער. פון דער ענגלישער ליטעראַטור, צ. ב., ווייס די גאַנצע געבילדעטע מענשהייט אַ סך נעמען פון גדולים, — אַ שעקספיר, אַ בייראָן, אַ שעללי, אַ דיקענס און נאָך מעהר. אבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו מיינען, אַז זיי זענען די איינציגע טרעגער פון דעם ענגלישען גייסט און אַז זיי בילדען דעם העכסטען שטאַפעל פון זיין זשעניע. אין דער היים, ביי דעם ענגלענדער, זענען געבליעבען נאָך אַ סך זשעניען, וואָס האָבען ניט געהאַט די זכיה אריבערגענומען צו ווערען אין דער פרעמד, וואָס שטעהען אבער ניט ניעדריגער, איידער די, וואָס זענען בעריהמט געוואָרען אין דער וועלט. אַ סך מבינים אין דער ענגלישער ליטעראַטור שטעלען, צ. ב., אַ ראָבערט בראונינג העכער איידער אַ בייראָן. דער דייטש האָט אין זיין ליטעראַטור, אַ חוץ די לעססינגס, געטהעס און שילער'ס נאָך אַ סך נעמען, וואָס דער פרעמדער איז ניט מחויב צו קענען, אבער וואָס זענען איהם, דעם דייטשען, ניט וועניגער טהייער, איידער זיינע וועלט־בעריהמטע גדולים. די רוסען שצעדרין, אָסטראָווסקי און אוספּיענסקי וועלען אפשר קיין מאָל ניט זיין אַזוי פּאָפּולער אין דער וועלט, ווי אַ מאַקסים גאָרקי, ווען אפילו זייער טאַלאַנט איז בלי ספק העכער איידער זיינער. דאָס רוסישע געבילדעטע פאָלק ליעבט זיי אבער ניט וועניגער און אפשר נאָך מעהר, איידער זיין גאָרקי. אויך ביי אונז, אידען, האָבען מענדעלי מוכר ספרים

און פריץ א סך וועניגער שאנסען אריבערגענומען צו ווערען אין דער וועלט־ליטעראטור, איידער שלום אש, בעת דער גראד פון זייער טאלאנט איז ניט לפי ערך העכער, איידער דער פון שלום אש.

דורך די אייגענארטיגקייט פון דעם אידישען לעבען און שאַפען איז גראד דער אידישער אוצר פול מיט אזעלכע גדולים, וועמעס גאנצער ווערט עם קאן אבגעשאצט ווערען נאר פון א אידען. אבער אויך ביי אלע אנדערע פעלקער זענען דא גענוג גיטער, וואס נאר א קינד פון דעם פאלק קאן באמת שעצען און געניסען. אויף אזא'ן אופן איז דער קולטור־אוצר פון א פאלק די גייסטיגע ה י י ם פון זיין נשמה, איהר רייכטהום, אין וועלכען דאס פאלק מוז זיין מעהר פערזאינטערעסירט, איידער אין די עשירות פון דער פרעמדער. אפילו אין די מיטלערע און גאר קליינע טאלאנטען, פון וועלכע קיין פרעמדער איז ניט מחויב צו וויסען, איז דאס אייגענע פאלק פער־אינטערעסירט ניט נאר, ווייל זיי זענען ד י י נ ע, נאר אויך מחמת אן אנדער טעם, וואס האט א גרויסע בעדייטונג פאר דער ענטוויקע־לונג פון דער אלגעמיין־מענשליכער קולטור, וואס דריקט זיך אויס אין איהרע העלדען און גדולים פון אלע פעלקער. מיר זעהען א פארטיגען שעקספיער, א פארטיגען געטהע, ווי זיי שטעהען אין דעם פאנטעאן פון דער מענשהייט. אבער זיי זענען דאך ניט פון העלער הויט ארויסגעשפרונגען אין זייער גאנצער גרויס. צעהנד־ליגער קליינע און מיטלערע טאלאנטען האבען פריהער בעדארפט אין איינעם בעשאפען א בעשטימטע נאציאנאלע גייסטיגע אטמאָ־ספערע, איידער אין איהר האט געקאנט געבארען ווערען א געטהע אדער א שעקספיער. אט די „קלענערע געטער", וואס דער פרעמ־דער זעהט ניט, שטעהען אבער פאר די אויגען פון דעם אייגענעם פאלק. דאס פאלק קען זיי, געניסט זיי און שעצט זיי, און וואס געבילדעטער אן ענגלענדער אדער א דייטש איז, ד. ה. וואס מעהר מענש ער איז, אלץ מעהר ענגלענדער אדער דייטש איז ער.

אויך דער איד דער האט אייגענטליך ניט געדארפט זיין קיין אויס־נאהם פון דעם דאזיגען כלל. און ווען מיר זעהען, אז ער פיהרט זיך דא אויף פארט ניט ווי אנדערע; ווען מיר זעהען, אז ער איז בעקאנט מיט אלע אלוועלטליכע גדולים און ווייס אפילו ניט די העלדען פון זיין אייגענער קולטור, זאלען מיר זיך ניט איילען

דר. ח. זשיטלאווסקי

ארויסצוטראגן איהם דעם אטעסטאט פון „מ ע ה ר מ ע נ ש".
אפשר... אפשר... ווער ווייס? אפשר איז ער דערפאר ו ו ע נ י ג ע ר מענש, איידער אלע אנדערע געבילדעטע מענשען, ווייל איהם פעהלט יענע ז א פ ט, וואס ווערט אריינגעזויגען פון דער אייגענער קולטורעלער אטמאספערע און גיט יעדען גייסט צו א בעזונדערען קאלאריט.

אבער — וועגען דעם ענין פון דעם אידישען קולטור־אוצר און דער שטעלונג פון אונזערע ראדיקאלען צו איהם וועלען מיר נאך מוזען רעדען אין דער נעכסטער פארלעזונג.

צוויי פֿאַרלעזונגען וועגן איד און מענש

צווייטע פֿאַרלעזונג

אין דער ערשטער פֿאַרלעזונג האָבען מיר אויסגעפֿונען דריי אַרטען אידען: דער רעליגיעזער, דער נאַציאָנאַלער און דער ראַסען־איד, און פֿאַר זיי האָבען מיר געדאַרפֿט אַרויסברענגען די שייכות פֿון „איד און מענש“.

מיר זענען פֿאַרטיג געוואָרען נאָר מיט אַ טייל פֿון דעם נאַציאָנאַל־אידען און זענען געבליעבען שטעהן ביי דעם ענין פֿון דעם אידישען קולטור־אוצר און ביי דער אַרט, ווי אַזוי אַ ראַדיקאַלער איד שטעלט זיך צו איהם.

אויך דאָ מוז איך מודה זיין, אַז אין דער צייט פֿון מיין יונגען קאָסמאָפּאָליטיזם האָב איך מיך אויך ניט בעסער בעגאַנגען מיט דעם גאַנצען גייסטיגען עבר פֿון אונזער פֿאָלק, איידער דאָס טהוען די איצטיגע ראַדיקאַלע קאָסמאָפּאָליטען. די פּיצלעך און ברעקלעך פֿון דער אַלטער קולטור, וואָס האָבען זיך נאָך געבאָמבעלט אין מיין מוח, זענען געווען פֿאַר מיר, ווי פֿאַר דאָס רוב פֿון מיין דור און מיין ריכטונג, ניט מעהר ווי אַ מאַטעריאַל פֿאַר שאַרפֿזיניגע אפּיקור־סישע און אַטעאיסטישע וויצען. אויך אין דער אפּקורסישער העב־רעאישער ליטעראַטור, מיט וועלכער איך בין אויך געווען אַ ביסעל — גאַנץ אויבערפֿלעכליך — בעקאַנט, — אונזער ליעבלינגס־העלד איז געוועזען דער ווירקליך פֿרייער גייסט, משה ליב ליליענבלום, — האָבען מיר אויך ניט געקאָנט זעהן אַ שטיק אייגענע, ריין מענש־ליכע און פֿרייע קולטור, וואָס זאָל האָבען פֿאַר אונז אַ וועלכען עס איז נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיווען ווערטה. זי איז געווען אין אונזערע אויגען אויך ניט מעהר, ווי אַ טייל פֿון יענער קראַפֿט, וואָס איז בערופֿען געוואָרען אויסצואוואָרצלען אין גאַנצען די עקסיסטענץ פֿון אידען און אידישקייט. די זעלביגע קראַפֿט האָבען מיר געשטיצט

און וואָרם בעגריסט אין דער יונגער סאַטירע, וואָס האָט זיך גאָך פון די זעכציגער יאָהרען אָן גענומען וועבען אין דער אידישער שפּראַך: אין לינעצקי'ס „פּוילישען אינגעל“, אין מענדעלי'ס „קליין מענטשעלע“ און „מסעות בנימין השלישי“.

אפילו שפּעטער, אין די יאָה־רען 1883 און 1884, ווען איך האָב אין גאַנצען אָוועקגעוואָרפען דעם קאָסמאָפּאָליטיזם און בין געוואָרען אַ בעוואוסטזיניגער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער איד, אַ א י ד י ש ע ר, — ניט נאָר אידיש שפּרעכענדער, — סאָציאַליסט; ווען פאַר מיר איז קלאָר געוואָרען דער וועג, אין וועלכען די אידישע אינטעליגענץ דאַרף געהן, — דער וועג פון דער אייביגער פעך־אייניגונג מיט דעם פאָלק אויף דעם יסוד פון דער אידישער שפּראַך, — אפילו אין דער צייט, זאָג איך, האָט דער אַלטער קולטור־אוצר ניט געשפּיעלט קיין ברעקעל ראָליע אין מיינע געדאַנקען: איך האָב געוואוסט, אַז מיר דאַרפען האָבען אָן אייגענע קולטור, אָבער זי איז געלעגען פאַר מיר גאַנץ אין דער צוקונפט, מיט קיין איין איינציגען טייל ניט אין דער פערגאַנגענהייט.

מען האָט אָפט פאַרגעוואָרפען דעם „בונד“, אַז ער הויבט אָן די אידישע געשיכטע פון... זיך אַליין. איך ווייס ניט, אויף וויפיעל דאָס איז אמת פאַר דעם „בונד“ אין אַלע זיינע טיילען, אָבער פאַר מיר, דעם „בונדיסט“ פון דעם יאָהר 1884, ווי איך האָב אַ געוויסען רעכט מיך צו רופען, טרעפט צו דער פאָרוואורף אות באות. „זאָלען די מתים בעגראָבען זייערע מתים!“ — דאָס איז געוועזען די גרונד־שטימונג בנוגע צו דעם גאַנצען אַלטען יודענטום. מיר, די יונגע און די פרייע, מיר וועלען אויפבויען אָן אייגענע אידישע קולטור, אַ ריין מענשליכע, אָן אייראָפּעאישע. איך האָב געטרוימט וועגען אַ גאַנצע מחנה פון איבערזעצער, וואָס זאָלען אָוועקלעגען דעם פונדאַמענט פאַר דער נייער אידישער קולטור אין דער פאָרם פון איבערזעצונגען אין אידיש פון אַלע וויכטיגע מאָדערנע אייראָפּעאישע ווערק. און דערנאָך ערשט זאָלען קומען די נייע בויערס און שאַפפערס, וואָס וועלען פריי אַרויסברענגען דעם ל ע ב ע ד י ג ע ן אידישען גייסט אָהן אַ ברעקעל שייכות צו זיין שוין לאַנג געשטאָרבענער און אויף אייביג בעגראָבענער פריי׳הייט.

וואָלט מען ביי מיר יעמאָלט געפרעגט: נישיים געפינסט דו

אין דעם גאנצען גייסטיגען אוצר פון דעם אידישען פאלק קיין איין ווערק ניט, וואס זאל ווערטה זיין, מען זאל עס אריבערטראגען אין דאס נייע לעבען? — וואלט איך אפשר א טראכט געטהאן און וואלט געמאכט אן אויסנאהם פאר צוויי שריפטען: דעם תנ"ך און ליליענבלום'ס „חטאת נעורים"; אלץ אבער, וואס צווישען זיי, וואלט איך אהן א ברעקעל עגמת־נפש געלאזט ליעגען אן א זייט.

מיר האבען זיך בעגאנגען מיט דער אלטער אידישער קולטור, ווי מיר האבען זיך בעגאנגען מיט דעם גאנצען אידישען פאלק, ווי מען בעגעהט זיך, לויט דעם אידישען פאלק־לאר, מיט א מת אין כף־הקלע: דאס הייסט — א פלאם מיט דער האנד אין פנים אריין „בלאהר יד" און אן אויסגעשריי: „געה צוריק אין דיין רוה אריין!"

האט דאס די אידישע קולטור פערדיענט? דאס וועלען מיר זעהן. איך, וועניגסטענס, האב זי איגנארירט, ניט דערפאר, וואס מיין קריטישער גייסט האט איינגעזעהן די נישט־ווערטיגקייט פון אלץ, וואס אונזער פאלק האט געשאפען צווישען דעם תנ"ך און דעם „חטאת נעורים", נאר פשוט דערפאר, ווייל איך האב ניט געהאט קיין ברעקעל השגה פון יענעם ריין מענשליכען ווערטה, וואס דער אלטער אידישער קולטור־אוצר פערמאגט, און עס איז יעמאלט קיין איין מענש ניט געוועזען, וואס זאל האבען געקאנט דערקלעהרען איהר בעדייטונג פאר א פריידענקענדען אידען. די זיס־זויערע חן'דלעך, וועלכע די ליבעראלע השכלה־וועלט פלעגט אפט מאכען, סיי אין אידיש, סיי אין רוסיש, דעם אלטען יודענטום, זענען מיר געוועזען ווייניג בעקאנט, און אויב איך וואלט געהאט די זכיה צו קענען זיי נעהנטער, וואלטען זיי מיר שוין יעמאלט געוועזען צו־ווידער, ווי זיי זענען מיר פער'נמאס'ט אויף היינטיגען טאג.

אבער קיינער האט ביי מיר יעמאלט גאר נישט ניט געפרעגט, און דעריבער האב איך אפילו אויף וועגען דעם תנ"ך און דעם „חטאת נעורים" ניט געטראכט ווי וועגען עלעמענטען, וואס געהען אריין אין דער אידישער קולטור. דער גאנצער עבר — א בלאנק, און ער האט קיין ברעקעל שייכות ניט צו דער געגענווארט און צו דער צוקונפט!

ערשט שפעטער אין דעם אנהויב זומער 1885 האבען מיך מיינע נאציאנאל־ראדיקאלע אידעען ארויפגעפיהרט אויף די נויטווענדיג־

קיים צו שטודירען די געשיכטע פון דעם אידישען פאָלק, און ערשט פון יעמאָלט אָן האָב איך גענומען איינזעהן מיין טעות. איך האָב אָבגעפרישט אין זכרון מיין חדר־לומדות, האָב מיך אריינגעוואָרפען מיט דעם גאַנצען וויסענס־דאָרשט פון דער יוגענד אין דעם גרויסען ים פון אונזער גייסטיגען עבר, און — אין דעם ליכט פון מיין פּאָציאַליסטיש־אידישער וועלט־אַנשויאונג — איז ביסלעכווייז ארויסגעוואַקסען פון דעם דונקעל אַ וועלט, וואָס האָט מיך בעצויבערט דורך איהר אינוועניגסטער רייכקייט, קראַפט און אונגעהויער ראַליע, וועלכע זי האָט געשפּיעלט אין דעם לעבען פון אונזער פאָלק.

עס קאָן איצטער ניט זיין מיין ציעל, צו בעשרייבען אייך, ווי אזוי די נייע וועלט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר. איך וועל אייך נאָר זאָגען, אַז דער ערשטער שטראַהל, וואָס האָט מיר אַ שיין געטהאָן אין די אויגען, איז געווען אַ בלעטעל פון דעם „יוסיפון“, — דעם פערפעלשטען, — וואו עס ווערדט בעשריעבען די אידיש־קאָמוניסטישע סעקטע פון די א י ס י י ם. עס איז אין מיר אויפ’ן שטעל געבאָרען געוואָרען אַ האַלב אומבעוואוסטע, אָבער פון דעסטוועגען זיכערע געווסהייט, אַז איך וועל געפינען נאָך אַ סך שפּורען פון ריינער מענשליכקייט אין דעם שטויב פון אונזערע פערגאַנגענע דורות.

און וואָס מעהר איך האָב גענומען שטודירען אונזער אַלטע געשיכטע, וואָס מעהר איך האָב מיך פערטיעפט אין די אומשטענדען און דעם לעבען פון די, וואָס האָבען זי געשאַפען אָדער אויסגעליטען, — אין זייערע געדאַנקען, געפיהלען, חלומות און שטרעבונגען, — איז פאַר מיר געוואָרען אַלץ מעהר קלאָר, אַז מיר האָבען אין די פערגאַנגענע דורות אַ סך מעהר אייביג לעבענדע מענשליכקייט, איידער פערשימעלטען שטויב.

איך וויל דאָ שוין אויפ’ן שטעל מאַכען איין וויכטיגע בעמערקונג. ווי הויך מיר זאָלען ניט שעצען דעם ווערטה פון אונזער גייסטיגען עבר, — ניט פון איהם הענגט אָב אונזער בעוואוסטזיניגער נאַציאָנאַליזם, אונזער צוגעהעריגקייט צו דעם אידישען פאָלק, אונזער גלויבען אין זיין ליכטיגע צוקונפט. זאָל דורך אַ וועלכער עס איז קאַטאַסטראָפע דער אידישער אוצר אין גאַנצען

פערשוואונדען ווערען פון א מענשליכען געדעכעניס, וועט דאס ניט מאכען קיין תל פון אונזער פאלק, וועט דאס אונז ניט שטערען צו זוכען נייע וועגען פאר אונזער ווייטערדיגען קיום און נאציאנאלע ענטוויקעלונג. אונזער געגענווארט איז גענוג זעלבסטשטענדיג, גענוג פול מיט לעבענס־קראפט, גענוג פול מיט דעם ניט איינצוהאל־טענדען אימפעט צו זיין, צו עקסיסטירען, ווי א בעזונדער פאלק, אז מיר וועלען קאנען על פי נויט אויסקומען אהן יענע שטראמען ענערגיע, — אמת, מעכטיגע, בערוישענדע, — וואס פליסען אריין אין אונזערע אדערן, בעת מיר ווערען בעקאנט מיט אונזער געשיכטע. ניט די פערגאנגענהייט גיט אונז די עקשנות צום זיין, דעם מוטה און די פרייד אין דעם קאמפף, — אבער די פערגאנגענהייט דערקלעהרט אונז, ווי אזוי מיר זענען געווארען דאס, וואס מיר זענען, און פון וואנען עס שטאמט אין אונז אונזער אימפעט צום לעבען. זי פערשטארקט אבער אויך אונזער שטאלץ און אונזער דרך־ארץ צו זיך אליין.

און עס איז באמת דא אין איהר, מיט וואס צו זיין שטאלץ.

איך וויים, אז א גרויסער צאהל פון ראדיקאל דענקענדע מענשען איז זעהר שווער אריינצודרינגען אין דעם תוך פון אונזער קול־טור־אוצר, ווייל ער איז אין אלע זיינע טיילען דורכגעזאפט מיט צוויי עלעמענטען, וואס זענען אזוי צו־ווידער דער נשמה פון א קאסמאפאליטישען אטעאיסט: דעם רעליגיעזען גלויבען אין א פערזענליכען גאט, אין אן איבערנאטירליכער וועלט פון נסים און נפלאות, און דעם נאציאנאלען גלויבען אין דער אויסדערוועהלטקייט און אייביגקייט פון דעם אידישען פאלק.

איך וויל מיך דא היינט ניט אריינלאזען אין א לאנגען וכוח מיט דעם ראדיקאלען קאסמאפאליט און בעווייזען איהם, אז בנוגע צו דער פערגאנגענהייט דארפען מיר קוקען גאנץ אנדערש אויף די דאזיגע עלעמענטען, אפילו ווען מיר זאלען זיי אבלייקענען לגמרי. איך וויל נאר בעמערקען, אז מיר קאנען ניט בעשולדיגען משה רבינו, פאר וואס ער האט ניט געלייענט דארווין׳ס ווערק, אדער יהושע בן נון, פאר וואס ער איז געווען ניט בהבן אין קאפערניקס אסטראַ־נאמיע. כדי צו פערשטעהן און צו שעצען די גרויס און דעם ווערטה פון א וועלכען עס איז גייסטעס־פראדוקט אין דער פערגאנגענהייט.

דאַרף מען קאָנען אין גאַנצען צוזאַמענפאַסען זיך מיט דער נשמה פון יענעם פּעריאָד און עטהעמען דורכאויס מיט דער לופט פון זיין גייסטיגער אַטמאָספערע. בעטראַכטען מיר א וועלכען עס איז פּראָדוקט פון יענער צייט, דאַרפען מיר אונז קלאָר מאַכען, וועלכע גייסטיגע קרעפטען האָבען איהם אַרויסגעבראַכט: שטאַרקע, רייכע, טיעפע אָדער שוואַכע, אָרעמע, אויבערפלעכליכע; מיט וועלכע געפיהלען איז ער דורכגעגליהט: איידעלע און מענשליכע, אָדער געמיינע, פיהישע; צוליעב וואָס וויל ער ווירקען אויף דעם ווילען פון זיינע הערער: צוליעב א פערבעסערונג פון זייער לאַגע אָדער צוליעב א פערשלימערונג; וואוהין פיהרט ער: צו א פּראָגרעס אין די וויכטיגסטע פּונקטען פון לעבען, אָדער צו א רעאַקציע. און די פערבעסערונגען, פערשלימערונגען, דעם פּראָגרעס און די רעאַקציע דאַרפען מיר מעסטען ניט מיט דער אייל פון אונזער איצט, נאָר מיט דער מאָס פון די יעמאָלטדיגע אומשטענדען.

שטודירט מען אזוי די געשיכטע פון אונזער קולטורעלען אוצר, יעמאָלט איז לייכט איינצוזעהן, אַז צ. ב. דער סאָציאַל־עטישער מאָנאָטעאיזם פון אונזערע נביאים איז אזא געוואַלטיגער פּראָגרעס אין דער ענטוויקעלונג פון דעם מענשליכען גייסט, לגבי זיין פריהערדיגען צושטאַנד, אַז אפילו א ווערק, ווי „דאָס קאַפּיטאַל" פון קאַרל מאַרקס, וואָס איז געווים אין א סך פּונקטען „אמת'ער" (פאַר אונז!) איידער א סך לעהרען פון די נביאים, נעהמט זיך אויס לגבי זייער ווערק, ווי א זאַמד־בערגעלע, צוזאַמענגעטראָגען פון קינדער ביי דעם פוס פון א מעכטיגען באַרג. און ניט נאָר די נביאים וואַקסען אויס צו אזא גרויס. דורך די קראַפט און די טיעף פון זייער גייסט, דורך די רייכקייט און איידעלקייט פון געפיהל, דורך די ריינקייט און עהרליכקייט פון דעם ווילען צייכענען זיך אויס א סך און א סך פּראָדוקטען פון דעם אידישען שאַפען אין דעם משך פון די פאַר טויזענד יאָהר פון זיין עקזיסטענץ אויף דער וועלט.

יעדער מענש קאָן זיך אויסלערנען אריינצודרינגען אין זייער גרויס. איך רעד שוין ניט פון די, וועמעס נשמה עס קאָן דאַרשטיג שלינגען די ליידענשאַפטליכע ליעבע צו דעם אידישען פאָלק און צו דעם אידישען גאָט, מיט וועלכער די גאַנצע אַלטע קולטור איז

דורכגעדרונגען. אפילו די, וואָס זענען פריי פון א וועלכען עס איז רעליגיעזען בעדערפעניס און אין גאנצען קאַלט צו א וואָסער עס איז נאציאָנאַלען געפיהל, אויך זיי קאָנען דורך דעם נאציאָנאַלען און רעליגיעזען אינהאַלט דורכדרינגען צו די אַלגעמיין־מענשליכע כחות, וואָס שטעקען הינטער איהם, צו די כחות פון געדאַנק, געפיהל און ווילען, וואָס האָבען בעשאַפען דעם ספּעציפישען אינהאַלט, — דורכדרינגען און בעוואונדערן די פּראַכט פון דעם מענשען אין איהר אידישער פאָרם.

אין דעם פּונקט פון אונזער קולטורעלען אוצר קאָן מען געהן נאָך א שריט ווייטער. לאָמיר אראָבוואַרפען פון חשבון אַלץ, מיט וואָס מיר קאָנען ניט איינשטימען היינט; לאָמיר אָבשעצען זיין ווערטה נאַר לפי דעם, וואָס ער קאָן געבען אונזער נשמה, נאָר אויף וויפיעל ער קאָן שטילען אונזער דאָרשט נאָך אמת, יושר און שעהנקייט. און אויך אונטער אַזעלכע בעדינגונגען, אונטער אַזאַ שווערער פּייער־פּראָבע, בלייבט אונזער אוצר — אין זיינע וויכטיגסטע טיילען — בעשטעהן פאַר אונז, ווי דער אוצר פון יעדען פאָלק בלייבט אייביג בעשטעהן פאַר זיינע קינדער. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס יעדער ווערק פון דער פערגאַנגענהייט איז א דאָקומענט פון דער מענשליכער געשיכטע, — א דאָקומענט, וואָס העלפט אונז אויפבויען דעם ענטוויקעלונגס־גאַנג פון דער מענשליכער קולטור און אריינדרינגען אין איהרע געזעצען, מאַכט איהם פאַר א ווערטפאָלען מאַטעריאַל פאַר דער מענשליכער וויסענשאַפט, פאַר א מיטעל צו בעפריעדיגען דעם דאָרשט נאָך אמת. פון אָט דעם ריין היסטאָריש־וויסענשאַפטליכען שטאַנדפּונקט, טאָרען מיר קיין איין שורה פון אונזער גייסטיגען רייכטום ניט לאָזען געהן פערפאַלען, ווען אפילו די דאָזיגע שורה זאָל ניט האָבען אין זיך מעהר ווערטה פאַר דער געשיכטע פון דער קולטור, איידער א פערשפּיצטער פלאָקען, מיט וועלכען ווילדע בעאַקערן זייער ערד.

אָבער — קאָן דען באמת ווער האָבען די העזה צו זאָגען, אַז אונזער גאַנצער קולטור־אוצר האָט ניט מעהר, ווי א ריין היסטאָרישען ווערט? דער וואָס איז נאָר א ביסעל בעקאַנט מיט דער געשיכטע פון אונזער ליטעראַטור, וועט מוזען ענטפערן, אַז געוויס ניט.

אַ חוץ יענע זוערק, וואָס האָבען אפשר באמת ניט מעהר ווי אַ ריין היסטאָרישען ווערטה, זענען דאָ נאָך אַ סך אַנדערע, וואָס רופען אַרויס בעוואונדערונג, ווי פּראָדוקטען פון מענשליכען שאַפען און וואָס האָבען נאָך גענוג לעבעדיגע פרישבליהענדע אמת'ען אין זיך. אויף אַזאַ'ן אופן איז יעדער אַלטער ספר, וואָס איהר נעהמט אין די הענד, אַ ווערטהפולער שאַץ, וואָס מוז געשטודירט ווערען אָדער צוליעב דער פּראַכט פון די מענשליכע כחות, וואָס האָבען איהם אַרויסגעבראַכט, אָדער צוליעב יענע טיילען זיינע, וואָס זייער אמת, יושר און שעהנקייט קאָן נאָך לעבען אין אונזער הייגטיגער וועלט, אָדער לפּחות צוליעב דעם, כדי אַרויסצודעסטילירען פון איהם די ווערטפולע דאַטען פאַר דער אידישער געשיכטע און דער מענשליכער קולטור.

לאָמיר דורכגעהן אין געדאַנקען די וויכטיגסטע עטאַפּען פון דער אידישער גייסטיגער ענטוויקעלונג און דער ענין וועט ווערען נאָך קלאָרער פאַר אונז.

פון אַלע דריי שטאַנדפּונקטען, וועלכע איך האָב נאָר וואָס אויפגעשטעלט, מוז שוין די ערשטע זאַמלונג פון אונזערע ליטעראַרישע שריפטען, דער תנ"ך, בעפריעדיגען די שטרענגסטע פאָדערונגען. דאָס וועט צוגעבען יעדערער, וואָס האָט נאָר אַ ביסעל גרינדליכער געשטודירט איהם. דאָס איז אַ קאָלאָסאַלער קולטור־מאָנומענט, וועלכען דאָס אידישע פאָלק האָט אויפגעבויט פאַר דער גאַנצער מענשהייט. די רייכקייט און פּראַכט פון די מענשליכע בעשאַפונגס־כחות, וואָס האָבען זיך אויסגעדריקט אין איהם, ווירקען אַזוי געוואַלטיג שטאַרק אויף אונזער געמיטה, אַז עס געפינען זיך נאָך עד־היום אַ סך ערנסטע מענשען, וועמען עס לעגט זיך גאָר ניט אויפ'ן שכל, אַז ער זאָל באמת זיין ניט מעהר ווי אַ פּראָדוקט פון אַ ריין מענשליכען זשעניע. אַ שטראָם פון איבערמענשליכען, ריין געטליכען שאַפען האָט זיך געמוזט אַריינרייסען אין דער מענשליכער וועלט, כדי אַרויסצוברענגען זיינע שעהנקייטען און טיעפקייטען. אַזוי גלויבען זיי. און ווען אַפילו מיר קאָנען בשום אופן ניט צושטעהן צו זייער גלויבען, פערשטעהען מיר איהם אָבער דאָך פּסיכאָלאָגיש, ווייל יעדער מענש מוז צוגעבען, אַז אויב אַ געטליכע קראַפט וואָלט זיך געהאַט אַריינגעמישט אין דעם מענשליכען קול־

טורעלען לעבען און וואלט דארטען איבערגעלאזען דירעקטע שפורען פון איהר שאפען, וואלטען צו איהרע שפורען בלי ספק געהערט אויך די בעסטע טיילען פון תנ"ך.

עסטהעטישע שעהנקייטען, וואס פריינייסטיגע מבינים שטעלען אוועק העבער, איידער די גאונות פון א שעקספיר, בייראן, געטהע און א טאלסטאי; א זיטליכער פאטהאס, וואס ברענגט ארויס די אידעע פון ברידערליך־פעראייניגטע פעלקער צו איין איינציגער מענשהייט, די אידעע פון סאציאלער גערעכטיגקייט, פון א גלענצענדער „משיח־צייט", פון א גן־עדן פאר דעם מענשען אויף דער וועלט אין דעם „אחרית הימים", מיט א נייעם הימעל און א נייער ערד; א ג י י ס ט י ג ע ר פליה־ארויף פון דעם מענשליכען געדאנק צו דער העכסטער שטופע פון מאניזם, וואס בינדט צוזאמען מענש, נאטור און גאט אין איין איינציגען וועלט־בילד און בעשאפט דעם ערשטען פערזוך פון א געשיכטס־פילאסאפיע, — דאס אלץ געפינען מיר אין דעם תנ"ך; אין דעם, אין אלץ, קאנען מיר בעוואונדערן די פראכט פון דער מענשליכער נשמה אין איהר אידישער געשטאלט.

און די לעבענס־פילאסאפיע פון אן איוב, משלי און קהלת, וואס טיילען פון זיי לייענט איהר אקוראט, ווי צו אייך וואלט גערעדט א מאדערנער דענקער אויף דעם גרונד פון לעבענס־ערפאהרונגען, וואס ער האט אין אונזער צייט נאר וואס געזאמעלט! און די טיעפע, פארבענרייכע ליריק פון א סך קאפיטלעך תהלים, וואס פארמולירען אייך אייערע אייגענע זיפצען, די מאטערניסען און פלאגען, האפענונגען און חלומות פון אייער אייגענער נשמה!

דאס אלץ אין איינעם שטעלט אוועק דעם שעהנסטען ברילאנט פון אונזער קולטור־אוצר אויף אזא ריעזיגער הויך, וואס נאר זעהר און זעהר ווייניגע פראדוקטען פון דעם מענשליכען שאפען קאנען דערגרייכען צו איהר.

און אויב מען זאל אננעהמען, אז אידישקייט איז דאס, וואס ווערט געפאדערט פון אונזערע נביאים, און אז א איד־זיין הייסט לעבען לויט דעם אידעאל פון די נביאים, וואלט מען געקאנט קומען צו גאר אן אנדער פארמעל אין הלכות „איד און מענטש".

עס וואלט יעמאלט אות באות געווען ריכטיג צו זאגען, אז וואס

מעהר א י ד איינער איז, — אלץ איינס פון וועמען געבארען, — אלץ מעהר מ ע נ ש איז ער, אלץ טיעפער איז אין איהם פערקער־פערט דער אייביגער אידעאל פון מענשליכקייט.

אויף דער צווייטער וויכטיגער עטאפּ אין דער ענטוויקעלונג פון אונזער קולטור־אוצר ברענגט ארויס א זאמעל־ווערק, וואס רופט ארויס אונזער בעוואונדערונג פאר די קאלאסאלע כחות פון דעם מענשליכען גייסט, וועלבע זענען אנגעווענדט געווארען אויף זיין אויפבוי. איך מיין דעם תלמוד אין זיינע צוויי שטראמען: די הלכה, — דער ריין־יורידישער טייל, און די אגדה, — דער עטישער, פילאסאפישער און עסטהעטישער.

עס טהוט מיר באמת לייד, וואס איך קאן מיך ניט אבשטעלען אפילו בקיצור אויף דער כאראקטעריסטיק פון דעם תלמוד, אויף זיין בעדייטונג פאר אונז און אויף זיין אינוועניגסטען ווערט פאר דער מענשהייט. ער האט גאנץ געוויס גענוג שטרוי און שטויב, אבער אויך אט די שטרוי און שטויב האבען א וויכטיגען קולטור־היסטארישען ווערטה.

איך געדענק, וואס פאר א משונה'דיגען איינדרוק עס האט אויף מיר געמאכט, ווען איך האב אין לעבאק'ס „אנהויב פון ציווי־ליזאציאן“ געפונען אבגעדרוקט אין העברעאיש א גאנצע משנה, וועלבע ווערט געבראכט, ווי א בעוויז פאר דעם מחבר'ס טעאריע. איך געדענק, אז אין דעם איינדרוק, וואס איך האב דערשפירט, איז געווען אריינגעמישט א היבשער חלק פון פערשעהמטקייט. איך האב מיך געשעהמט. פארוואס און פאר וועמען? — פאר אונזער גאנצען דור, וואס האט לעבען זיך אזא רייכען קוואל פון קולטור־היסטארישע דאטען און גיט גאר ניט א טראכט, ווי צו שעפען פון איהם? אדער אפשר גאר פאר דעם גרויסען געלערנטען לעבאק, וועלכער שעהמט זיך ניט צו שעפען זיינע מאטעריאלען פון אזא בקרעדיטירטען קוואל, ווי דער תלמוד, וואס איז דאך „הנה ידוע“, אז ער איז פול מיט שקרים און וויסטע פלוידערייען?...

מיר דאכט, אז די ב י י ד ע להיפך'דיגע שאהם־געפיהלען האבען זיך פריהער צונויפגעפלאנטערט אין איינעם. און סוף־כל־כוף האט געמוזט גובר זיין דער ערשטער שאהם־געפיהל, די ביזי־בזיונות פאר זיך אליין. סטייטש! יאהרען און יאהרען לאנג

געהאלטען דאס גרויסע בוך אין די הענד — און גאר קיין אהנונג ניט געהאט, וויפיעל מען קאן פון איהם לערנען פאר דער געשיכטע פון דער מענשהייט! א גוי דארף קומען און אויפווייזען, וועלכע אוצרות עס וואלגערן זיך ביי אונז אומבענוצט!

די קולטור־געשיכטליכע אויספארשונג פון דעם תלמוד שטעהט נאך עד היום אויף דער טאגעס־ארדנונג פון דער וויסענשאפט און קיין געלערנטער קאן דאס ניט טהאן אזוי גוט, ווי דוקא דער א י ד י ש ע ר, וואס זאל זיין בערטרויט מיט די פרינציפען און די מעטהאדען פון דער מאדערנער פארשונג. די ארבייט הויבט זיך ערשט א י צ ט ע ר אן, אבער זי האט שוין ארויסגעבראכט גאנץ וויכטיגע קרעפטען. ווען די ארבייט וועט ווייטער אזוי אנגעהן און צוציהען צו זיך א גרויסע צאהל פון זעלבסטשטענדיגע דענקער און פארשער, — ערשט יעמאלט וועט מען קאנען אין גאנצען אבשעצען ניט נאר די מענשליכע גייסטעס־קרעפטען, וואס האבען ארויסגעבראכט דעם תלמוד, ניט נאר דעם ווערטה זיינעם פאר דער קולטור־געשיכטע בכלל און פאר דער אידישער קולטור־געשיכטע בפרט, — נאר אויך יענע עלעמענטען זיינע, וואס האבען נאך א ווערטה פאר אונזער לעבען, דורך דעם אמת, דעם יושר און די שעהנקייט, וואס איז אין זיי.

לאזט מיך אייך דערמאהנען, אז פון א קליינינקען שפאציר אויף דעם געביעט פון דער תלמוד׳ישער ארבייטער־געזעצגעבונג, וואס דר. דוד פארבשטיין האט מיט א יאהר צעהן־צוועלף צוריק געמאכט, האט ער אהיים געבראכט א גאנצען הויפען פון פערעל, וואס איינינע פון זיי פעהלען נאך עד היום אין דער פראגרעסיווע־סטער ארבייטער־געזעצגעבונג פון דער וועלט; און צווישען זיי — דאס אבסאלוטע רעכט פון דעם ארבייטער צו ווארפען די מלאכה, ווען ער וויל, וואס פאר א קאנטראקטען ער זאל ניט האבען געמאכט מיט דעם באלאבאס, בעת דער באלאבאס איז פון געזעץ ג ע־ צ ו ו א ו נ ג ע ן פינקטליך אבצוהיטען דעם קאנטראקט. די דער־קלעהרונג פון דעם דאזיגען געזעץ אין תלמוד איז נאציאנאל־עקא־נאמיש אזוי טיעף, אז דר. פארבשטיין געהט ניט ווייט אוועק פון אמת, ווען ער ווייזט אויף, אז אין איהר שלומערט שוין דער גרונד־געדאנק פון מארקס׳עס בליק אויף דעם מהות פון דער ארבייט. און

װיפיעל פערעל קאָן מען נאָך האָפען צו געפינען, װען מען װעט זיך ערנסט נעהמען פאַר דער בעאַרבייטונג פון אַט דער רייכער געפינ־גרוב!

און דאָס איז אַלץ אין דער זאַמד־טרוקענער הלכה. װעגען דער עמישער, פּאָעטישער און אפילו דער מעטאַפיזישער רייכקייט פון דער אייביג גרינער, קװאַלען־רייכער אגדה איז איבעריג צו רעדען: איהרע אוצרות הויבען אָן איצטער געשעצט צו װערען מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר.

א גרויסער „בזי־בזיון“ װאָלט באמת געװען פאַר אונז, װען אַט די אַלע אוצרות פון דעם תלמוד װאָלטען געבליעבען אונאויס־געפּאָרשט, ביז דער „גוי“ װעט זיך מרחם זיין אויף זיי און אַרויס־שלעפּען זיי אויף דער ליכטיגער שיין. װאָלט איהר אַזאַ בעגעהן זיך אונזערן מיט די װיכטיגסטע קװאַלען פון אונזער געשיכטליכען לעבען געקאָנט אָנרופען מ ע נ ש ל י ך ? איז ניט ריכטיגער צו זאָגען, אַז װאָס מעהר מ ע נ ש מיר װערען, װאָס מעהר מיר נעהמען אין זיך אַריין די אייראָפּעאישע בילדונג, אין אַן אַלץ רייכערער און שעהנערער בעליכטונג בעװייזט זיך פאַר אונז דער תלמוד, אַלץ בעסער קאָנען מיר אָבשעצען זיין װערטה און אַלץ טהייערער װערט ער פאַר אונז?

נאָך דער עפּאָכע פון דעם תלמוד געהט די ליטעראַטור פון די גאונים. זי איז נאָך װעניגער אויסגעפאָרשט, איידער די ליטעראַטור פון דעם תלמוד, ניט קוקענדיג אויף דעם, װאָס נאָר פון איהר קאָנען מיר — דורך ריכטיגע מעטהאָדען — אַרויסדעסטילירען דעם תמצית און די איינצעלהייטען פון דעם אידישען לעבען אין יענער צייט. דער אויבערפלעכליכער אפּקורס װעט אויף דאָ אָבגעשטויסען װערען ניט נאָר פון דעם נאַציאָ־נאַלען און רעליגיעזען גלויבען, נאָר אויך פון דעם בעװאוסטען קאַמפּף, װעלכען אַ רב האי גאון פיהרט אָן אַנטקעגען דעם פּרייען, פּאָרשענדען געדאַנק. אָבער דער אויבערפלעכליכער אפּקורס זינדיגט דאָ אַנטקעגען די געזעצען פון דער היסטאָרישער פּערספּעקטיװע, װעלכע איך האָב פריהער בעריהרט. ער װעט זיך דאַרפען אויסלערנען צו ענטדעקען דעם מ ע נ ש ע ן, און אַלץ, װאָס דער מענש האָט געשאַפען, אפילו דאָרטען, װאו דעם מענשנ׳ס שכל

ווערט דורך די אומשטענדען געצוואונגען צו פאטשען זיך אליין אין פנים און אונטערצובויגען זיך אונטער דער אויבערהערשאפט פון דעם חלום, פון דער הארץ־בענקשאפט. און ווען אפילו קיין זאך זאל ניט ארויסרופען קיין ווארעמען מיטגעפיהל אין דער ברוסט פון דעם אפיקורס, — איינס וועט אפילו איהם מוזען ענטציקען — די וואונדערבאר שארפע לאגיק פון די גאונים, וואס וועט איהם אפשר דערמאהנען ... ער וואונדערבארער שארפער לאגיק פון קארל מארקס' „קאפיטאל". עס קאן זיין, אז דאס וועט אין איהם דער־וועקען א געפיהל פון רחמנות צו זיי, פאר וואס זיי האבען נעבעך געמוזט אויסברענגען זייער שעצבארע קראפט אויף גיטין און כתובות, אויף כשר און טריפה און ניט אויף די פראבלעמען פון מעהר־ווערטה און קלאסען־פסיכאלאגיע. אבער שוין אט דער ר ח מ נ ו ת ־ געפיהל וועט זיין א מענשליכער געפיהל, און וואס מעהר מענש דער אפיקורס וועט זיין, אלץ לייכטער וועט איהם זיין ארייכצוטראכטען זיך אין די אומשטענדען פון דער צייט און איינ־צוזעהן, אז י ע מ א ל ט האבען די „שאלות" פון גיטין און כתובות ג ע מ ו ז ט צוציהען צו זיך די גאנצע אויפמערקזאמקייט מיט ניט קיין קלענערער מאגנעטישער קראפט, איידער דאס טהוען איצ־טער די פערוויקעלטסטע פראבלעמען פון דער מאדערנער טעאריע.

דער לעצטער פון די גאונים, סעדיה, איז אויך געוועזן דער ערשטער פון די אידישע רעליגיאנס־פילאסאפען. די אידישע רעליגיאנס־פילאסאפיע איז א גייסטיגער ענטוויקלונגס־שטראם, וואס טראגט זיך אין א גלייכער ליניע פון סעדיה דורך אבן־גבירול, יהודה הלוי, דעם רמב"ם, חסדאי קרשקש, — איך רוף נאר אן די וויכטיגסטע נעמען, ביז דער קבלה, — און פון דארטען צושפאלט ער זיך אויף צווייען: איינער פיהרט צו ברוך שפינאזא'ס פאנ־טעאיזם און דער אנדערער צו דעם פאנטעאיזם פון דעם בעל־שם, דעם בעגרינדער פון דער חסידות.

די אבשעצונג פון דעם טייל פון אונזער קולטור־אוצר האט אויך שטארק געליטען פון דעם קאסמאפאליטישען ראציאנאליזם, מיט זיין ניט קאנען ארויסרייסען זיך פון דער אייגענער סביבה און פון די בעדינגונגען, וואס בעשטימען אונזער איצטיגען דענקען, מיט זיין אונפעהיגקייט ארייכצולעבען זיך אין דער גייסטיגער וועלט

פון א פריהערדיגער צייט. אין די לעצטע יאהרען זיינען ארויסגעשטאנען נייע פערקלענערער פון דער אידישער רעליגיאנס־פילאָסאָפיע, שוין ניט קיין קאָסמאָפּאָליטען, נאָר דוקא היפּער־נאציאָנאַלע ציוניסטען. פאר זיי, פאר די אויבער־ציוניסטען, איז די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע אין דער ערשטער ליניע אַ פּראָדוקט פון דעם גלות און — ווי קאָן דען פון דעם גלות ארויסקומען עפּעס רעכטס? ניט נאָר זיינען די רעזולטאַטען, צו וועלכע אונזערע פילאָסאָפען זענען געקומען פערהויקערט און נישט־ווערטיג, נאָר אויך די גייסטיגע קראַפט, וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, ווערט אַוועקגעשטעלט אויף אַ ניעדעריגער מדרגה; עס ווערט לגמרי אָבגעלייקענט זייער אָ ר י ג י נ אַ ל י ט ע ט. דער גלות ק אָ ן ניט בעשאַפען קיין אָריגינעלע ווערק, דעריבער זאָלען מיר דאָך וואָס גיכער אַרויס פון איהם; דעריבער זאָלען מיר דאָך זיך אַבזעגענען מיט יעדען געדאַנק וויעדער אָבצופרישען די אידישע בעשאַפונגס־כחות ניט אין דער אידישער היים.

איך וויל גאָר ניט לייקענען, אַז די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע איז געשטאַנען אונטער דער שטאַרקער ווירקונג פון דעם גלות, פון וועלכען נאָר איין ספּינאָזאַ האָט זיך געקאָנט אַרויסרייסען, דער רעליגיעזעסטער און דער „אידישעסטער" פון זיי אַלעמען. איך גיב אויך דורכאויס צו, אַז דער גלות האָט אין זייער אַלעמענס געדאַנק אַריינגעלאָזען זיינע פערגיפטעטע נעגעל אַזוי, אַז ריעזיגע גייסטער האָבען זיך געקרימט און געדרעהט זיך אין אַ טראַגישען ראַנגלען זיך פאַר אַ וועלט־אַנשויאונג, וואָס זאָל ניט אונטערגראָבען די יסודות פון דעם אידישען זיין אויף דער וועלט.

איך האָב וועגען דער ראָליע פון דער אידישער רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע און דער קבלה אין דעם גייסטיגען קאַמפף פון דעם אידישען פאָלק פאַר זיין עקזיסטענץ גערעדט אין אַן אַנדער אָרט, — אין מיינע „מיסלי אָב איסטאָריטשעסקיך סוד׳באַך יעוורייסטוואַ" פון דעב יאָהר 1887, און איך האָף אין גיכען נאָך אַ מאָל רעדען וועגען זיי באריכות מיט דעם אידישען עולם. דאָ וויל איך נאָר איבערגעבען איינס פון די רעזולטאַטען, צו וועלכע איך בין געקומען אין דעם פונקט פון איהר אָריגינאַליטעט.

די נעגעל פון דעם גלות האָבען געוויס כמעט ווי איבערגער־[illegible]

על כל פנים שטאַרק צו־וואונדעט, די פרייהייט פון דעם אידישען פאַרשענדען גייסט, אָבער ניט ז׳ין אָריגינאַליטעט. שוין די צענט־ראַל־אויפגאַבע, וואָס די דענקער שטעלען זיך אַוועק אין זייער פאַר־שען, דעם נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ן ציעל, דעם קיום הלאום, האָבען זיי ניט אַריבערגענומען און ניט געקאָנט אַריבערנעהמען פון דער פרעמד, ווייל קיין פילאָסאָפישער געדאַנק, א חוץ דעם אידישען, האָט ניט געהאַט און האָט ניט געקאָנט האָבען אַזאַ פּראָבלעם. און דער וואָס פערשטעהט, וואָס עס בעדייט אַ צענטראַל־פּונקט אין אַ וועלכען עס איז סיסטעם פון געדאַנקען, ווי אַזוי ער דאַרף ווירקען אויף אַלע זיינע טיילען, ווי אַזוי מען איז ג ע צ ו ו א ו נ ג ע ן אויסצוגעפינען נייע שייכות׳ען צווישען געדאַנק און געדאַנק, כדי אָבצואוועגדען אַלע געפאַהרען פון דעם „קיום הלאום“, און כדי אַלע ליניען פון דעם סיסטעם זאָלען זיך צונויפלויפען אין איין שפּיץ, אין דעם משיח־גלויבען, וואָס איז געווען אַזוי נויטיג פאַר דאָס אידישע פאָלק, — ווער עס קאָן נאָר דאָס גוט בענעהמען, יענעם וועט ממילא ווערען קלאָר, אַז אַ געוואַלטיגע מאַסע פון אָ ר י ג י־נ ע ל ע ן דענקען, פון אור־אייגענער אידישער גייסטעס־קראַפט האָט געמוזט אָנגעווענדט ווערען, כדי אַרויסצוברענגען די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע.

דער ציוניסט פאַלט דאַ אַריין אין דעם זעלביגען פעהלער, וואָס דאָס רוב קאָסמאָפּאָליטישע ראַציאָנאַליסטען. זיי זענען ניט בכח פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין דאָס, וואָס מען קאָן אָנרופען די פאָר־מאַטיווע קראַפט פונ׳ם דענקען, דעם געשטאַלטונגס־כח פון דעם דענקער, און דעם מאַטעריעלען אינהאַלט, די איינצעלנע געדאַנקען, אויף וועלכע דער געשטאַלטונגס־כח בעווייזט זיין גבורה. און אויך פאַר זיי, הפנים, איז וויכטיגער דער אינהאַלט, וואָס מוז זיך היס־טאָריש בייטען פון דור צו דור, איידער די לפי־ערך אייביגע קראַפט, וואָס ברענגט איהם אַרויס, אָדער וואָס בעאַרבייט איהם, ווען ער ווערט אַריבערגענומען פון דער פרעמד.

וואָס בעווייזט מען דערמיט, ווען מען ווערט ניט איינגעמאָ־טערט איבערצו׳חזר׳ן, אַז ביי יהודה הלוי געפינען מיר א סך עלע־מענטען פון אַל־גאַזזאַלי, אַז גבירול איז געווען אַ ניי־פּלאַטאָניקער, אַ גריעכישע ריכטונג, וואָס איז, אגב, אַרויסגערופען געוואָרען פון

אַ גרויסען אידישען דענקער, פילאָן, אויף וועמען איך האָב היינט אין גאַנצען פערגעסען, — וואָס בעווייזט עס, ווען מען געפינט אויס, אַז די אידישע דענקער האָבען אריינגענומען אין זיך עלע־מענטען פון יענער גייסטיגער אַטמאָספּערע, פון וועלכער זיי האָבען געזויגען זייער פילאָסאָפישע יניקה? האָט מען ווען עס איז, וואו עס איז געהאַט אַ דענקער, ווי גרויס און אָריגינעל ער זאָל ניט זיין, וואָס זאָל ניט האָבען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון זיין גייס־טיגער סביבה? געפינען מיר ניט ביי דעקאַרט'ען זיין ערגסטען פיינד, די סכאָלאַסטיק, און — דעם הייליגען אויגוסטין? האָט ניט ספּינאָזא אין זיך דעקאַרט'ן, און דזשיאָרדאַנאָ ברונאָ, און די אידישע דענקער? איז ניט אַפילו ק אַ נ ט ביז צו אַ גרויסען גראַד אַ פּראָדוקט פון לייבניץ, יום און זשאַן זשאַק רוססאָ?

מיט די אַלע איינצעל־פערגלייכונגען, — וואָס זענען, אגב, זעהר וויכטיג, כדי צו דערקלעהרען דעם ענטוויקעלונגס־גאַנג פון דעם דענקער און די גייסטיגע סביבה, וואָס האָט געווירקט אויף איהם, — בעווייזט מען נאָך גאָר נישט פאַר זיין אָריגינאַליטעט און פאַר זיין שאַפונגס־קראַפט. מען מוז קודם אָבוועגען די פּראָ־פּאָרציע, אין וועלכע די פרעמדע געדאַנקען שטעהען צו זיינע איי־גענע, און אויך דאָס איז נאָך ווייניג. מען דאַרף זיך פרעגען: וואָס האָט דער אידישער דענקער געמאַכט פון די דאָזיגע געדאַנקען, ווי און צוליעב וואָס נוצט ער זיי אויס? מען דאַרף פערגלייכען די סיסטעמען אין זייער גאַנצקייט און אויסגעפינען, צו דער אידישער סיסטעם איז אין תוך אריין ניט מעהר, ווי אַ קאָפּיע פון דעם ניט־אידישען, אָדער ער האָט אין זיך זיין אייגענע נשמה, זיין אייגענע פערבאָרגענע טענדענץ, וועלכע דער פרעמדער האָט גאָר ניט גע־קאָנט האָבען אין זיך.

אַזאַ אינוועניגסטע אייגענע נשמה האָבען די אידישע דענקער געהאַט, יעדער לויט דער מאָס פון ז י י ן אָריגינאַליטעט. און ווי האָט דאָס געקאָנט אַנדערש זיין! די געשטאַלטונגס־כחות פון אַ פאָלק געהען אריבער בירושה פון דור צו דור. אויב די אידען האָ־בען געהאַט אור־אייגענע געשטאַלטונגס־כחות אין דער היים, האָבען זיי געמוזט מיטפיהרען זיי אויך אין גלות. געוויס! כדי זיי זאָלען זיך קאָנען גאַנץ פריי ענטוויקלען, דאַרף מען האָבען גינסטיגע בע־

דינגונגען צום גייסטיגען שאפען, און א לפי ערך רוהיגען עקאָנאָמישען און נאציאָנאַלען מעמד. אָבער וואו נאָר אזא לפי ערך רוהיגער, גינסטיגער מעמד האָט זיך בעוויזען, האָבען זיך די דאָזיגע כחות אַרויסגעריסען לפועל: אין שפּאַניען די גבירול, הלוי און קרשקש, אין האָלאַנד אַקאָסטאַ און ספּינאָזאַ, אין דייטשלאַנד — היינע און בערנע און מארקס, און לאַסאַל, און הערמאַן קאָהען, און לאַזאַרוס און גייגער און... און... און...

מכח די אידישע געשטאַלטונגס־כחות וועלען מיר נאָך האָבען צו זאָגען א פּאָר ווערטער, ווען מיר וועלען רעדען וועגען דעם לאַסען־איד. דערווייל רעדען מיר וועגען דעם ווערטה פון די פּראָדוקטען, וואָס די אידישע כחות האָבען אַרויסגעבראַכט. מיר פליהען ווי אין אַן אַעראָ־פּלאַן איבער דאָס גרויסע געביעט פון דער אַלטער אידישער קולטור, פון וועלכער מיר קאָנען זעהן נאָר גאָר די וויכטיגסטע פּלעצער. און וועגען יעדען פון זיי מאַכען מיר אין איילענים קורצע בעמערקונגען, בעת מיר פליהען פערביי.

מיר פליהען איצטער אַריבער צו דער אידישער פּאָעזיע, וואָס האָט זיך פּאַנאַנדערגעבליהט אין דערזעלביגער צייט ווי די אידישע רעליגיאָנס־פילאָסאָפיע. שוין דער פּאַקט אַליין, אז די צוויי גרעסטע אידישע דענקער פון יענער צייט, — גבירול און הלוי, — זענען אויך די צוויי גרעסטע פּאָעטען פון דעם שפּאַניש־אַראַבישען פּעריאָד, לאָזט אונז דענקען, אז די אידישע פּאָעזיע איז ניט נאָר אַן אויסדרוק פון דעם אידישען זין פאר שעהנקייט, נאָר אויך א קלאָרער שפּיעגעל, אין וועלכען דער גאַנצער „איד־מענש" שפּיעגעלט זיך אָב. אין דער אמת'ען איז ער דאָרטען אויסגעדריקט אין זיין גאַנצער פּראַכט. ער נויטיגט זיך ניט אין פּירושים. דאָ, אין דער פּאָעזיע, דאַרפען מיר דעם מענשליכען קערן ניט אַרויסשיילען פון מעטאַפיזישע, רעליגיעזע, יורידישע שאָלעכצען, וואָס האָבען איהם אַרומגעוויקעלט אין דעם תלמוד, ביי די גאונים און ביי די רעליגיאָנס־פילאָסאָפען. די אידישע פּאָעזיע איז ל י ר י ק, — א לשון, וואָס געהט דירעקט פונ'ם האַרצען אין האַרץ אַריין. דאָס איז פּ ע ר־ז ע נ ל י כ ע לירִיק אפילו יעמאָלט, ווען זי רעדט אין דעם נאָמען פון דעם פאָלק. קודם כל, ריין מענשליכע, רעליגיעזע לירִיק, וואָס דריקט אויס דעם זיפץ פון דער נשמה, ווייל איהר איז ענג געווען אין

די גרענניצען פון דעם יעמאָלטדיגען געזעלשאַפטליכען זיין און זי בענקט נאָך אַ העכערער וועלט, איידער אונזער זינדיגע ערד.

איך ווייס ניט, עס קאָן זיין, אז דאָס וועלט־ליבע זיין פון דעם מענשען אויף דער ערד, ווען עס וועט מקוים ווערען דער טרוים פון די נביאים וועגען דער נייער ערד און די נייע הימלען, וועט א מאָל ווערען אזוי רייך, אז די „נייע ערד" וועט שטילען אַלע בענקשאַפטען פון דעם מענשענ'ס נשמה און די נייע הימלען וועלען נאָר צוליעב דעם זיין אויף דער וועלט, כדי זייער אונענדליכער בלאָה זאָל זיך אָבשפּיעגלען אין דעם קלאָרען, פריידיגען מענשליכען אויג. עס קאָן זיין, אַז די מענשען וועלען זיך יעמאָלט אויסלערנען צו פיהלען און געניסען אונענדליכקייט אין די ענדליכע גרעניצען פון זייער זיין אויף דער ערד און זיך לגמרי אָנזעטיגען מיט איהר דאָ. יעמאָלט וועט די בענקשאַפט נאָך אַן איבערוועלטליכער אונענדליכקייט אין גאַנצען פערשווינדען.

אָבער — ווען וועט דאָס זיין? אויב נאָך איצטער, אין אונזער געבענשטער און הויך־געלויבטער צייט, ווען אונזער מאַכט איבער דער נאַטור געהט טאָג־טעגליך פאָראויס מיט אַזא שטאָלצען און זיכערען גאַנג; ווען אונזערע גייסטיגע האָריזאָנטען האָבען זיך פאַנאַנדערגערוקט אַזוי ווייט; ווען די העכסטע אידעאַלען, פון וועלכע נאָר די זעלטען־אײדעלסטע מענשען האָבען א מאָל געהאַט דעם מוטה צו טרוימען, דרינגען מיט אַן אימפּעט אריין אין די מאַסען; אויב נאָך אין אונזער צייט, זאָג איך, וואָס איז אַזוי רייך אין אַזוי פיעל פריידיגע, פּראָגרעסיווע „ווען'ס", געהט פון דעסט־וועגען אויס די נשמה נאָך אַ ניט צו שטילענדען דאָרשט צו אונ־ענדליכקייט, וועלכע מיר קאָנען ניט געפינען דאָ, הײנט — ווי שטאַרק האָט געמוזט זיין דער דאָזיגער דאָרשט אין דעם מיטעל־אַלטער, וואו דאָס לעבען און דער געדאַנק זענען געווען פערענגט און ארומגעצירקעלט פון אַלע זייטען! די רעליגיעזע בענקשאַפט נאָך איבער־נאַטירליכע אונענדליכע הימלען האָט זיך ביי דעם אידען אויסגעלעבט אין זיין רעליגיעזער ליריק.

נאָך א סך שטאַרקער, איידער די רעליגיעזע ליריק, קלינגט אין דער אידישער פּאָעזיע די נ א צ י אָ נ א ל ע: די שווידער־ליכע קלאָג איבער דעם מצב אין גלות, די גליהענדע ליידענשאַפט

צו א פרייען זעלבסטשטענדיגען לעבען, די צערטליכע קינדער־ליעבע צו דער אלטער היים אין ציון, דער טיעפער גלויבען אין דער נאַ־הענטער בעפרייאונג. און אין די אלע קלאנגען מישען זיך נאָך אריין טענער פון ריין אינדיווידועלער ליריק, דער קומער פון איינ־זאמקייט און דער לעבענס־צער, דאס יובעלנדיגע אויפשאלען פון לעבענס־פרייד און ליעבעס־גליק.

פון אויבען, פון דעם אערא־פלאן, קאן מען ניט זעהן די פארם־שעהנקייט און פארבען־פראכט פון יעדער איינצעלנער בלום. אָבער מיר פליהען פארביי אַן אונענדליך רייכען, אַן אונענדליך גרויסען פאעזיע־גאָרטען און מיר זעהען, אַז די בלוט־רויטע, מתים־ווייסע און שווארץ־בלאָהע בלומען בעדעקען דעם גרעסטען טייל שטח, און מיר ווייסען, אַז די טוי־טראָפּענס, וואס אין זיי, זענען אמת'ע מענשליכע טרעהרען.

נאָך די פּאָעטען און פילאָסאָפען קומען די קאבאליסטען, די „מקובלים“. א משונה'דיגע וועלט עפענט זיך פאנאנדער פאר אונז. א פער'כשופ'טער וואלד. ביי טאָג זעהט מען איהם גאָר ניט. ער ווערט פערוואנדעלט אין אַ סטעפּ פון שמוציגע, ברוינע, פערוויאלעטע גראָז. אָבער ווען דער אָבענד־טוי פאלט אראָב אויף דער סטעפּ, ווען די לבנה בעגיסט די וועלט מיט איהרע בלאָהע שטראהלען, יעמאָלט גלייבט זיך אויס דאס גראָז, ווערט גרין און פייכט, און הויבט זיך אָן שנעל־שנעל פאנאנדערצוואקסען צו ריעזיגע בוימער, וואָס שטרעקען פאנאנדער אַלץ ווייטער און ווייטער זייערע משונה'דיגע צווייגען אין דעם פּלוצלונג געל און גרין געווארענעם שיין, וואס פערבלענדט דאס אויג... א פאנטאסטישע וועלט, פול מיט מיסטישע שעהנקייט!

און איז דען שווער אויך דאָ צו דערבליקען דעם מ ע נ ש ע ן? דעם מענשען און דעם אידען?

דער מענש פון דער קבלה בענקט נאָך דעם „אין־סוף“, נאָך דעם אונענדליכען ליכט־קוואל, פון וועלכען עס שלאָגט, ווי פון אַ פאנטאן, דאס וועלטליכע געשעהען. אָבער ער בענקט נאָך איהם ניט ווי נאָך אַ דרויסענדיגען ציעל, צו וועלכען ער דארף דערפליהען. ער וויל שפירען אין ז י ך, אַז ער איז אַ פונק פון יענעם ליכט־קוואל, וואס לעבט אייביג אין דער וועלט, און אַז מיט איהם, דעם

„ניצוץ״, קאן קיינמאל ניט געשעהן קיין בייז, וואס איהם זאל ניט טרעפען אין זיין איביגען לעבען, — ליידען, פערוואגלונג אדער אפילו דער טויט.

און דער איז אין דעם מענשען בענקט אין דער קבלה נאך אזא וועלט, וואו עס זאלען ניט זיין קיין אונמעגליכקייטען; וואו די אייזערנע קעטען פון גלות זאלען פלוצלונג קאנען צוגעהן, ווי וואקס; וואו דער אידישער משיח זאל זיין ניט נאר א שעהנע, פאעטישע צויבער-לעגענדע, נאר א רעאלע ווירקליכע קראפט, וועלכען מען קאן קינסטליך דערוועקען און דערנעהנטערן איהר בעפרייענדע טהאט.

מיר האלטען שוין ביי דעם סוף פון דער אלטער אידישער קולטור-וועלט. דער נעכסטער עטאפ איז די חסידות, — א וועלט, אין וועלכער דער מאדערנער פארשער-געדאנק האט ערשט ניט לאנג גענומען אריינדרינגען. און וואס מעהר מען דרינגט אהין אריין, אלץ נייע וועלטען פון מענשליכער שעהנקייט אנטפלעקען זיך דארטען. פון זייער עטישען און פאעטישען ווערטה קאן מען האבען א השגה שוין פון פרץ׳ם חסידישע מעשה׳לעך. זייער רעליגיעזע, פילאסאפישע און נאציאנאלע בעדייטונג ווארט נאך אויף א בערשטענדיגען פארשער.

אבער אונזער קולטור-וועלט ענדיגט זיך נאך ניט מיט דער אלטער, רעליגיעזער וועלט. דאס נייןצעהנטע און צוואנציגסטע יאהרהונדערט, די צייטען פון דער אידישער היסטארישער פארשונג, פון דער העברעאישער השכלה-ליטעראטור, פון דעם ציוניזם און דעם אידישען סאציאליזם האבען אויפגעבויט נייע גייסטיגע בנינים, וואס האבען אן אונגעהויערען ווערטה פאר דער מענשליכער ענטוויקעלונג פון דעם אידישען פאלק.

איך וויים גאנץ גוט, אז דער גאנצער פעריאד פון דעם גייסטיגען שאפען פון דעם נייןצעהנטען יאהרהונדערט ביז צו דעם ציוניזם האט ניט געקאנט ארויסברענגען אזעלכע גאונים, ווי די אלטע קולטור, ווייל דאס איז אויך געוועזן די צייט פון דער אסימיליאציע, וואס האט אבגעצאפט פון אונז אונזערע בעסטע זעפטען, און אריינגעגאסען זיי אין די אדערן פון די ארומיגע פעלקער. די וואונדען אין די אדערן, וועלכע די אסימי-

ליאציע האט געעפענט, זענען נאך ניט אלע פערהיילט, די עפענונגען ניט אלע געשלאסען. נאך איצטער רינט פון זיי ארויס דער קאסט־בארסטער לעבענס־זאפט פון אונזער פאלק, דאס גייסטיגע שאפען פון זיינע קינדער. אבער א דאנק דעם ציוניזם און דער נאציאנאל־פראגרעסיווער בעוועגונג בכלל, הויבט אן דער אידישער גייסט ווידער קומען צוריק צו זיך, און שוין שטראהלען נייע שטערען אויף אונזער הימעל, פון וועלכער יעדער לייכט מיט אן אייגענעם, רייכען גלאנץ. משה העסס, טהעאדאר הערצל און נארדוי, אחד העם און דר. בירנבוים, זשאבאטינסקי און ראטנער, און ביאליק און טשערניחאווסקי, און עס דרענגען זיך נעמען אויפ'ן צונג כמעט אהן א צאהל, נעמען פון מענשען מיט אן אייגענער פיזיאנאמיע און א בעדייטענדען טאלאנט, וואס שפינען ווייטער דעם פאדים פון דער אבגעפרישטער אידישער קולטור.

און עס ווערט געבארען די נייע אידישע ליטעראטור, מיט א גרויסער צאהל נעמען און טאלאנטען, וואס האבען ארויסגעבראכט בעדייטענדע ריין־מענשליכע ווערטהען, — א נייער קוואל פון לעבענס־קראפט פאר אונזער פאלק, א נייער פעלד פאר זיין קול־טורעלען שאפען. די נעמען פון איהרע איינצעלנע טהוערס וועל איך אין גאנצען ארויסלאזען, ווייל זיי דארפען אייך אלעמען זיין בעקאנט.

איהר זעהט: דער מענש אין דעם אידען האט זיך ניט וואס צו שעהמען מיט דער גאנצער קולטור־ארבייט פון זיין פאלק. און אויב ער שעהמט זיך מיט איהר, אדער ער האט גאר קיין אהנונג ניט פון איהר עקזיסטענץ און איהר מהות, איז דאס נאך ניט קיין סמן פון זיין גרעסערער מ ע נ ש ל י כ ק י י ט. אז איהר וועט טרעפען א דייטשען אדער אן ענגלענדער, וואס וועט זיך פאר אייך בעריה־מען, אז ער וויים לחלוטין גאר נישט ניט וועגען דער גייסטיגער פערגאנגענהייט פון זיין פאלק און אינטערעסירט זיך ניט מיט דעם, וועט איהר איהם געוויס ניט האלטען פאר א העכער שטעהענדען מענשען. איהר וועט פשוט זאגען: ס'איז אן עם־הארץ. ער וועט ווערען געבילדעטער, וועט ער ווערען מעהר מ ע נ ש, וועט ער ווערען מעהר ענגלענדער אדער דייטש אין דעם פונקט פון ליעבע צו דעם אייגענעם קולטורעלען אוצר. זייט זיכער: איהר קאנט

מיט דעם זעלביגען רעכט אַנווענדען אייער אורטייל אויך אויף דעם אידישען מענשען. וואָס מעהר מ ע נ ש ע ר וועט ווערען, וואָס מעהר ער וועט זיך נעהמען אינטערעסירען מיט דעם, וואָס איז איהם גוגע מעהר איידער אַלעמען, מיט דער ענטוויקעלונג פון זיין אייגענער קולטור, און וואָס טיעפער ער וועט אריינדרינגען אין איהר, אַלץ מעהר וועט זי איהם ווערען טהייער און ליעב.

על כל פנים, איין זאַך איז קלאָר. אז, ווענינגסטענס, ביי די אומות העולם איז די ליעבע צו דעם אייגענעם קולטור־אוצר קיין מאָל ניט קיין סתירה צו דער מ ע נ ש ל י כ ק י י ט. אדרבה, וואָס מעהר מענש איינער איז, אַלץ שטאַרקער איז אין איהם די איבערגעבענקייט צו די אייגענע קולטורעלע רייכקייטען. עס איז דעריבער ביי מיר גאָר קיין ברעקעל ספק ניט, אז ווען מיר ווע‏לען אויפעפענען פאר אונזער פאָלק אַלע אוצרות, וואָס ליעגען איצטער פערשלאָסען זיין אונזער גייסטיגען עבר; ווען מיר ווע‏לען צופיהרען צום פאָלק די אַלע הלוי'ס, גבירול'ס, אל־כאריזי'ס און לוצאַטאָ'ס, וואָס זענען איהם איצטער נאָך אזוי פרעמד, וועט אויך דער איד אויפהערען צו זיין א יוצא־מן־הכלל און אויך אין דעם פרט פון דעם קולטור־אוצר וועט ווערען ריכטיג דער שפרוך, אז וואָס געבילדעטער ער וועט זיין, וואָס מעהר מענש ער וועט זיין, אַלץ מעהר א י ד וועט ער זיין.

לאָזט מיך דאָ בעריהרען נאָך א פונקט וועגען דעם נאַציאָנאַלען אידען, כדי צו פערענטפערן יענע גרויסע עולה אונזערע, וואָס מיר, אידען, ווילען „מאַכען שבת פאר זיך" און „אַבזונדערן זיך פון דער מענשהייט". א מענש, קאַטאָרי וועלכער איז אַן אמת'ער מענש, — זאָגט דער קאָסמאָפּאָליט, — טאָר ניט טראַכטען וועגען דעם אייגענעם פאָלק. ער דארף נאָר טראַכטען וועגען דער גאַנצער מענשהייט.

אזוי גאָר? אמת'ע מענשען טראַכטען ניט וועגען זייער פאָלק? גאַריבאַלדי האָט געשטריטען ניט פאר די איטאַליענישע פרייהייט, נאָר פאר די פרייהייט פון די פידזשיאַנער? מיכאַילאָווסקי, פּליעכאַנאָוו און לאַווראָוו האָבען געפּרעדיגט סאָציאַליזם ניט פאר דעם רוסישען פאָלק, נאָר פאר די באָטאָקודען?

שטעלט זיך אין דער אמת'ען פאָר, אז אונזערע „אמת'ע"

מענשען וואָלטען געבאַלעבאַטעוועט אין דער געשיכטע פון גאַרי־
באַלדי'ס צייטען אָן. ווי וואָלטען זיי דאָס אַרויפגעפאַלען אויף
יענעם העלד, ווי וואָלטען זיי דאָס דערנומען זיינע יאָהרען פאַר
זיין ווילען „אָבזונדערן זיך פון דער מענשהייט", פאַר זיין ווילען
„מאַכען שבת פאַר זיך"! גאַריבאַלדי, — וואָלטען זיי געפּיל־
דערט, — אַ קלאָג צו דיינע טעג! וואָס הייסט עס מאַכען אַ רע־
וואָליוציע נאָר פאַר איטאַליענער? און וואו זענען די איבעריגע
מענשען, וואָס שמאַכטען אונטער דער עסטערייכישער ווילד־הער־
שאַפט? קאָנסט איהר ניט וואַרטען, ביז זיי אַלע וועלען זיך אַ הויב
טהאָן מיט אַ מאָל און אַראָבטרייסלען פון זיך דעם דעספּאָטישען
יאָך? און פאַר וואָס עפּעס וואַרטען נאָר אויף די פּוילען און די
רומענען? און וואו זענען די רוסען אין רוסלאַנד און די בינעזער
אין קיטי און — און — די ווערדאַה'ס אויף דעם אינזעל
ציילאָן, — זענען זיי גאָר קיין מענשען ניט?

און מיט דערזעלבינער לאָגיק קאָנען די „אמת'ע מענשען"
אויך פון היינטיגער צייט אַרויסטרעטען אַנטקעגען אַלע רעוואָלו־
ציאָנערע פיהרער פון דער אייראָפּעאישער קולטור.

זיי קאָנען אויך איצטער נאָך טענה'ן: אָן זעהט, די ווער־
דאַה'ס לויפען נאָך אום אָהן הויזען, און די בושמענער אין אַפריקע
ווייסען נאָך ניט, וואָס אַן אַלף־בית איז, און זיי, די צולאָזענע
„נאַציאָנאַליסטען", די גאַריבאַלדי'ס, די מאַרקס און לאַסאַל, די
מיכאַילאָווסקי'ס און פּליעכאַנאָוו'ס קעמפּפען גאָר פאַר אַ שטיקעל
פרייהייט פאַר אַ פּיצעלע מענשהייט, שטרייטען נאָר פאַר אַ סאָ־
ציאַליזם אין אַ קליינינקען קאָנטינענטעלע, וואָס רופט זיך אייראָפּאַ.
וואַרט, שקצים, ביז די ווערדאַה'ס וועלען אָנטהאָן הויזען, ביז די
בושמענער וועלען זיך אויסלערנען לייענען קאַרל מאַרקס' „מאַני־
פעסט"; וואַרט ביז אַלע מענשען וועלען אייך אָניאָגען, ביז פון
אַלע מענשען וועט ווערען איין מענש, און פון אַלע ביימער איין
בוים, און פון אַלע העק איין האַק, און פון אַלע טייכען איין טייך!
אַט יעמאָלט וועט קומען דער גרויסער מענש מיט דעם גרויסען האַק
צו דעם גרויסען בוים און וועט איהם אַראָבשליידערן אין דעם
גרויסען טייך! אַט יעמאָלט וועלען מיר ערשט האָבען דעם ריכ־
טיגען „פּליאַך!"

דער פעהלער, אין וועלכען דא פאלט אריין דער ראדיקאלער אידישער קאסמאפאליט, בעשטעהט אין דעם, וואס ער האט זעהר א פאלשען בעגריף וועגען דעם מהות מענשהייט. די מענשהייט איז, ווי איך האב שוין ניט איין מאל בעמערקט, ניט עפעס אזוינס, וואס זאל ליעגען ערגעץ וואו דרויסען פון די פעלקער, און אין וועלכער מען קאן אריינשפרינגען, יוען מען פערלאזט דאס אייגענע פאלק. מענשהייט איז, קודם כל, כ ע נ ש ל י כ ק י י ט, א זאך, וואס ליעגט אינוועניג אין יעדען פאלק און וואס יעדער פאלק דארף אבהיטען מיט אלע זיינע כחות. אבער מענשליכקייט איז פ ר א ג ר ע ס, א שטרעבען צו פערווירקליכען אין דער אייגענער קולטור אלץ מעהר אמת, יושר, חן און מענשליכע חשיבות. און אט די פליכטען פון דעם פראגרעס פערוועהרען יעדען פאלק, אבצושטעלען זיך, לאז זיין אויף א ווײלע, אין דער געשיכטליכער ענטוויקעלונג און ווארטען, ביז די אנדערע פעלקער וועלען עס אניאגען. ובפרט ווען עס האנדעלט זיך וועגען בעפרייאונג פון א פרעמדען יאך, ווי דאס איז געוועזען ביי די איטאליענער אין די צייטען פון גאריבאלדי, ווי דאס איז איצטער ביי די פוילען, רוטענער, פינלענדער און די אידען פון די היינטיגע טעג.

מענשליכקייט איז פ ר י י ה י י ט, א שטרעבען דורכצופיהרען דעם אייגענעם ווילען און פערשטאנד אין אלע יענע צווייגען פון דער קולטור, וואו קיין אלגעמיין־מענשליכער שכל קאן ניט דיקטירען קיין איינהייטליכען מארשרוט פאר דער גאנצער מענשהייט. כדי דאס דורכצופיהרען, מוז מען זיין דער ב ע ל־ה ב י ת אויף דעם אייגענעם געשיכטליכען גורל און דערצו איז נויטיג א פאלשטענדיגע אויטאנאמיע אין דעם קולטורעלען לעבען פונ׳ם פאלק און אפטמאל אויך א פ א ל י ט י ש ע זעלבסטשטענדיגקייט, אויב אויף אן אנדער אופן קאן מען ניט מעגליך מאכען אדער זיכער שטעלען די פרייע ענטוויקעלונג פון דעם פאלק׳ס קולטורעלע כחות.

דאס איז ניט קיין אבזונדערונג פון דער מענשהייט. דאס איז די פ ע ר ו ו י ר ק ל י כ ו נ ג פון דעם אלגעמיין־מענשליכען פראגרעס, וואס האט ניט קיין אנדערע דורכפיהרער, סיידען די איינצעלנע פעלקער. געוויס זאלען די פעלקער זיין סאלידאריש איינע מיט די אנדערע. געוויס מוזען אויפהערען די מלחמות און

די רייסענישען צווישען זיי. געווים מוזען זיי זעהן צו העלפען איינער דעם אנדערן אין זייער פראָגרעסיווער ענטוויקעלונג, אז זיי אַלע זאָלען ווערען ווי ברידער אין איין איינציגער משפחה. אָבער די הילף, וואָס אַ פאָלק קאָן ברענגען אַ פאָלק, די סאָלידאַריטעט, וואָס קאָן זיי צונויפבינדען אין איינעם, די פעלקער־פערברידערונג צו איין מענשליכער משפחה, קאָן נאָר יעמאָלט זיין אַ מ ע נ ש ל י כ ע הילף און אַ מ ע נ ש ל י כ ע סאָלידאַריטעט, ווען זי איז געבויט אויף דעם גרונדזאַץ פון אַלעמענס פרייהייט און אַלעמענס גלייכבערעכטיגונג. ווען די רוסען צ ו ו י נ ג ע ן די פוילען, די פינלענדער און אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס וואוינען אין רוסלאַנד, צו זיין סאָלידאַריש מיט זיי אין דער פּאָליטיק, אין דער שפּראַך, אין דער רעליגיאָן און אין דער קולטור, איז דאָס ניט קיין סאָלידאַריטעט, נאָר פּשוט'ע פערשקלאַפונג. ווען די אַמעריקאַנער, דורך יענעם אונגעהייערן איבערוואָג, וואָס זיי האָבען בעשאַפען פאַר זייער שפּראַך און קולטור, צווינגען אַלע פעלקער, וואָס וואוינען אין די פעראייניגטע שטאַאטען, זיי זאָלען זיך „אַמעריקאַניזירען" מיט זיי, איז דאָס ניט קיין מענשליכע סאָלידאַריטעט, ניט קיין פרייווילינע פעלקער־פערברידערונג, נאָר אַ פערמאַסקירטע שקלאַפעריי, אַקוראַט אַזוי ווי אין רוסלאַנד, — אַ שקלאַפעריי, וואָס הערט ניט אויף צו זיין דאָס, וואָס זי איז, ווען אפילו זי טרייבט צו אַמעריקאַניזאַציע אויף אַן איידעלערען אופן, איידער אין רוסלאַנד: ניט מיט דער פּאָליטישער בייטש פון דעם קאָזאַק, נאָר מיט דער ה ו נ ג ע ר ־ ב י י ט ש און די פעטע „דזשאָבס", וואָס מיט זיי קויפט מען אונטער די נשמה פון דעם פרעמדען פאָלק.

דער קולטורעלער איבערוואָג פון איין פאָלק איבער דעם אַנדערן אין אַ וועלכען עס איז לאַנד, — אַן איבערוואָג, וואָס ווערט געניטיאַט דורך דער גאַנצער מאַשינערי פון דעם מעכטיגען הערשענדען שטאַאט, איז אַ פּאַטש אין פּנים יעדען צווישען־פעלקערליכען יושר, וואָס פערלאַנגט, אַלע זאָלען האָבען גלייכע שאַנסען פאַר אַ פרייער נאַציאָנאַלער ענטוויקעלונג, דיזעלביגע מעגליכקייטען צו דעם פאַנאַנדערבליהען פון זייערע שפּראַכען און קולטורען. און וואָס מעהר מענש איינער איז, אַלץ העכער רעדט אין איהם דער געפיהל פון יושר, אַלץ ברענענדיגער פיהלט ער די עולה פון דער

נאַציאָנאַלער אױבערהערשאַפט; אַלץ טיעפער איז ער דורכגעדרונגען מיט דעם אידעאַל פון גלײכע רעכט און גלײכע ענטװיקלונגס־מעגליכקײטען פאַר יעדען פאָלק.

קאָן מען אָבער באמת האָפען, אז דאָס הערשענדע פאָלק זאָל פון זיך אַלײן זיך אָבזאָגען פון זײן פּריװילעגירטער שטעלונג, אז די הערשער זאָלען אַלײן נעהמען דורכפיהרען אין לעבען דעם אידעאַל פון צװישען־פעלקערליכען יושר און אמת׳ער פעלקער־פערברידערונג? גאַנץ זיכער ניט! אױב די פעלקער װעלען ניט קעמפּפען פאַר זײערע כשר׳ע מענשליכע רעכט, װעט קײנעם ניט אַרען פאַר זײ. אױב זײ װעלען ניט מאַכען שבת פאַר זיך, װעלען זײ אײביג מוזען זיצען װי בעטלער בײ אַ פרעמדען טיש. און אױף װאָס פאַר אַ העכערער שטופע פון מענשליכקײט זײ װעלען זיך געפינען, װאָס העלער עס װעט ברענען אין זײער האַרצען דער אידעאַל פון פרײהײט, זעלבסט־שטענדיגקײט און קולטורעלען פּראָגרעס, אַלץ טרײער װעלען זײ זײן צו די אינטערעסען פון זײער אײגענעם נאַציאָנאַלען לעבען.

אױב עס איז פאַר יעדען פאָלק אַ חוב אָבצוהיטען די אײגענע זעלבסט־שטענדיגקײט אָדער שטרעבען צו איהר דאָרטען, װאו מען האָט זי נאָך ניט דערגרײכט, איז דאָס פאַר אונז, אידען, אַ דאָפּעלטער חוב. זאָל איך אױך אױסמאָלען די לאַגע, אין װעלכער דאָס אידישע פאָלק געפינט זיך? זאָל איך אױך שילדערן יענעם ק ו ל־ ט ו ר ־ ח ו ר ב ן, װאָס דאָס אידישע פאָלק לעבט איצטער דורך אַ דאַנק דעם, װאָס די געבילדעטע קלאַסען זענען אנטלאָפען פון אונז? זאָל איך דערמאָהנען אָן דער מ אָ ר אַ ל י ש ע ר צופױלטקײט, װאָס האָט זיך אַרײנגעריסען אין דעם לעבען פון די אידישע מאַסען פאַר די לעצטע צװאַנציג יאָהר, — אַ מאָראַלישע צופױלטקײט, װאָס איז אַ נױטװענדיגער פּראָדוקט פון זײן אונמעגליכער עקאָנאָמישער און יורידישער לאַגע אין די היים־לענדער און פון זײן קולטור־חורבן אומעטום? דאָס זענען אַלץ צו בעקאַנטע פאַקטען, מען זאָל זיך דאַרפען באריכות אָבשטעלען אױף זײ. אָבער זאָגט: װעמען זאָל דאָס אַרען, אױב ניט אונז אַלײן? װער זאָל טראַכטען װעגען געזינטערע און בכבוד׳ערע מענשליכע פּרנסות פאַר דעם אידען, אױב ניט דער איד? װער זאָל זאָרגען פאַר די גײס־

טיגע און מאָראַלישע ענטוויקלונג פון די אידישע מאַסען, אויב ניט די אייגענע אינטעליגענץ, וואָס האָט בעדאַרפט איהר גאַנצע ענערגיע אַוועקגעבען אין דעם דיענסט פון דעם פאָלק, — אַזוי אָרעם איז דאָס פאָלק און אַזוי נויט־בעדערפטיג איז עס אין אינטעליגענטער הילף!

אָדער זאָל איך אפשר אַ ריהר טהאָן אונזער נאַציאָנאַלע לאַגע, די שטעלונג פון אַלע אַנדערע פעלקער צו אונז, ווי אַ פאָלק, די חשיבות און דעם רעספעקט, וואָס מיר האָבען פון זיי? אַך, דאָס הארץ ווערט בעגאָסען מיט בלוט, ווען מען טראַכט זיך אריין אין דעם אידישען גורל צווישען די ניט־אידישע פעלקער, ווען מען דערמאָהנט זיך אָן דער טיעפער שמאַך און שאַנד, אין וועלכער עס איז אריינגעוואָרפען אונזער נאָמען. אַפילו ווען מיר וואָלטען געווען ניט מעהר ווערטה איידער די בולגאַרען, די סערבען, די טאָטערן, אָדער די הונדערטער אַנדערע מענשליכע פעלקער, וואָס ווי מיט זיי, אַזוי אָהן זיי, אין דעם מענשליכען פראָגרעס, וואָלטען מיר אויך ניט געטאָרט לאָזען זיך טרעטען מיט די פיס, אויך ניט געטאָרט, אָהן אַ צאָרענדיגען פראָטעסט, אַריבערטראָגען די טויזענדער בעליידיגונגען פון אונזער כבוד, וואָס שיטען זיך טאָג־טעגליך אויף אונז. ובפרט, אַז מיר האָבען אַ רעכט שטאָלץ אויפצוהויבען אונזער קאָפּ, אין דעם בעוואוסטזיין פון אייגענער חשיבות, פון דעם אייגענעם ווערטה פאַר דער בעשאַפונג פון דער אַלגעמיין מענשליכער קולטור! אונטער אַזעלכע אומשטענדען זענען די בעליידיגונגען, וואָס מיר, אידען, טראָגען אַריבער — דאָפּעלטע בעליידיגונגען, און אונזער שווייגען און דולדען איז אַ דאָפּעלטע שמאַך און שאַנד פאַר אונז.

און דאָ קומט דער עטישער בטלן, דער אידישער „סתם־מענש“, וואָס — שפּיי איהם אין פּנים, ווישט ער זיך רוהיג אָב און טרייסט זיך מיט דעם, אַז איבער־מאָרגען וועלען אַלע פעלקער פערשווינדען, און וויל זיין בטלנ׳ישע, נישט־ווערטיגע פּסיכאָלאָגיע אַרויפצווינגען אויך אויף אונז, אויך אונז איינשמועסען, אַז וואָס מעהר מענש איינער איז, אַלץ ווייניגער איד איז ער, ד. ה. אַלץ ווייניגער דאַרף ער זיך נעהמען צום הארצען דעם שפּיי, וואָס ער קריגט אין פּנים, די צעבער׳ס מיט שמוציגע זלזולים, וואָס ווערען

אויסנעגאָסען אויף זיין קאָפּ, און אַלץ װעניגער איז בערעכטיגט זיין יאוש און צער, װאָס ער קאָן ניט בעשיצען, װי אַ מענש, זיין אייגענעם כבוד!...

װאָלטען מיר, אידען, באמת געװען מענשען, װי מענשען דאַרפען זיין, װאָלט אין אונזער ברוסט באמת געברענט דער פונק פון מענשליכע חשיבות און שטאָלץ, יעמאָלט װאָלטען מיר אַ מינוט ניט געקאָנט פערבלייבען אין די גלות־לענדער; מיר װאָלטען גע־פלויגען, װאו פעפער װאַקסט, אין ים זיך געװאָרפען, דאָס לעבען זיך גענומען, נאָר ניט צו עטהעמען אין יענער אַטמאָספערע, װאָס איז אזוי אָנגעזאָפּט מיט האַס און פעראַכטונג צו אונז. אָבער אונזערע מאַסען זענען נאָך צו דערשלאָגען, דער מענש אין זיי זאָל קאָנען אויפהויבען דעם קאָפּ, פאָרדערן זיין מענשליך רעכט און פערטהיידיגען זיינע מענשליכע חשיבות, און ביי דאָס רוב פון אונ־זערע געבילדעטע לעבט נאָך צו שטאַרק דער „פיך בצורת מענש“, װאָס קאָן זיך אויפהויבען ניט מעהר װי צו װיסטער גאוה, צו אויפ־געבלאָזענער גדלות, װאָס שמעלצט פון נחת, װען ער קאָן זיך אריינ־שטופּען צװישען די ניט־אידען, און די אַרומיגע װעלט מאַכט זיך, אַז זי דערקענט איהם ניט און װאַרפט איהם צו, װי אַ הונד אַ ביין, אַ ביסעל כבוד און רעספּעקט. און ביי אַ טייל פון אונז בליהט נאָך אין זיין גאַנצער פּראַכט דער „בטלן בצורת סתם־מענש“, װאָס װערט ניט מיעד, צו װישען דעם שפּיי פון דעם פּנים, און צו טרייסטען זיך און אונז, אַז איבער־מאָרגען בלי־יפונה קומט די סאָציאַלע רעװאָליוציע. און נאָר לפי ערך אַ קליינער טייל נעהמט אום מיט אַן אייביגער װאונד אין דער ברוסט, דער א י ד י ש ע ר װאונד פון אונזערע טעג, דעם ברענענדיגען שמאַרץ פון דעם בע־ליידיגטען כבוד און דער ניט אָבגעװאַשענער שמאַך, און זיי — אַט די פון דעם קלייניקען טייל — קריצען די צייהן אין זייער אָהנמאַכט און בייסען זיך די ליפּען ביז צו בלוט.

אָבער אויך דער מצב װעט געדויערען ניט לאַנג. דאָס אי־דישע פאָלק װערט מעהר מ ע נ ש, און װאָס מעהר מענש מיר װערען, אַלץ מעהר גלייכט זיך אויס אין אונז אונזער אייננעבױגע־נער רוקען, אַלץ מעהר אידען װערען מיר, אַלץ גרעסער און פעס־

טער און מוטהיגער ווערט די אַרמעע, וואָס געהט עראָבערן די אידישע ע ה ר ע.

וואָס מעהר מענש א איד איז, אַלץ מעהר נאַציאָנאַלער איד איז ער!

מיר בלייבט נאָך צו זאָגען א פּאָר ווערטער וועגען דעם רעליגיעזען איד און דעם ראַסען־איד.

מיט דעם רעליגיעזען איד קאָנען מיר פאַרטיג ווערען אין איינס און צוויי, ניט ווײַלע דער ענין איז אַזאַ פּשוט'ער און קלאָרער. אדרבה, ער איז זעהר פערוויקעלט און פערפּלאָנטערט, נאָר ווייל די פראַגע פון „איד און מענש" איז דאָ ניט קיין ספּעציפיש אידישע, נאָר איבערהויפּט א פראַגע פון מענש און זיין שטעלונג צו רעליגיאָן.

גלויבט איהר, אַז וואָס מעהר מענש איינער איז, וואָס מעהר ער איז דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלען פון אמת, יושר, שעהנקייט און חשיבות, אַלץ ווייניגער נויטיגט ער זיך אין א רעליגיעזען גלויבען, איז יעמאָלט גאַנץ געוויס „וואָס מעהר מענש, אַלץ ווייניגער איד", אָבער אויך: אַלץ ווייניגער קריסט און אַלץ ווייניגער מאַהאַמעדאַנער, ווייל די אידישע רעליגיע שטעהט אין קיין פּרט ניט ניעדריגער פון אַלע אַנדערע רעליגיאָנען פון דער ציוויליזירטער מענשהייט. אין זייערע גראָבע מגושם'דיגע פאָרמען, וואָס הערשען ביי די אידישע און ניט אידישע מאַסען מיט א ריין מענשליכען גאָט און מיט א סיסטעם פון סגולות ווי אונטערצוקויפען איהם און אויס'הנפה'נען ביי איהם זיין הילף, — זענען זיי אַלע גלייך ווידערווערטיג פאַר דעם מענשליכען שכל. אין זייערע איידעלע מעטאַפיזישע און ריין רעליגיעזע געשטאַלטען, וואָס ווערען ארויסגעבראַכט פון זייערע רעליגיאָנס־פילאָסאָפען, זענען זיי אַלע גלייך הויך און רייך.

גלויבט איהר אָבער אין איינעם מיט מיר, אַז די רעליגיע איז אַן אייביגער צווייג פון דער מענשליכער קולטור, אַז א גרויסער טייל פון דעם מין מענש, — און נאָר ניט דער ערגסטער, — קאָן זיך ניט בעפריעדיגען מיט די אידעאַלען פון אמת, יושר, שענקייט און חשיבות אין זייער וואָכעדיגער, טאָג־טעגליכער געשטאַלט; אַז אַט דער טייל מוז זוכען די דאָזיגע אידעאַלען אויפצוהויבען אויף

א העכערע מדרגה דורך דעם שטרעבען צו אייבינקייט, אונענדליכ־קייט און הייליגקייט, וואָס שטאַמען אַרויס ניט פון זיי, נאָר פון נאָר אַן אַנדער מקור אין זייער נשמה, — גיט איהר צו, זאָג איך, אַז די רעליגיע האָט איהר אייגענעם קוואַל אין דעם מענשליכען גייסט, וואָס קאָן קיין מאָל ניט אויסטריקענען אונטער די שטראַה־לען פון דעם שכל, ווייל דער קוואַל ליעגט אַ סך טיעפער, איידער דער שכל, — איז יעמאָלט ווידער אַ ווילדע נאַרישקייט צו גלויבען, אַז וואָס מעהר מענש איינער איז, אַלץ וועניגער איד איז ער. עס איז אין דער אידישער רעליגיע, אין איהרע העכערע מיסטישע פאָרמען פאַרהאַן געגוג הייליגקייט, אייביגקייט און אונענדליכקייט, אָדער ריכטיגער: עס איז אין איהר, ווי אין יעדער הויכער רעלי־גיעזער געשטאַלט, דאָ גענוג בענקשאַפט נאָך דעם הייליגען אייביגען „אין־סוף", אַז אַ רעליגיעזער געמיט, וואָס קאָן זיך איבער־הויפּט צופריעדען שטעלען מיט די היסטאָריש־געוואָרענע רעלי־גיעס, זאָל ניט דאַרפען שטילען זיין דאָרשט ערגעץ וואו אין דער פרעמדע. אָבער — לאָמיר איצטער לאָזען דעם רעליגיעזען אידען אָן אַ זייט: דער רעליגיעזער גלויבען איז אַ צו צאַרטע זאַך, מען זאָל קאָנען דאָ פאַרשרייבען וואָס עס איז פאַר יעדען איינצעלנעם מענשען. דער „סתם־מענש" האָט זיך דאָ פּשוט ניט וואָס אריינ־צומישען, ווייל דער אַלגעמיין־מענשליכער שכל מוז דאָ אין גאַנצען איבערגעבען זיין ממשלה צו דעם אינדיווידועלען שכל און געפיהל, — און דאָס האָט שוין אַ ברעקעל ניט צו טהאָן, ניט מיט „איד" און ניט מיט „קריסט".

די רעליגיאָנס־פראַגע מוז אויך פאַר דעם אידישען פאָלק בלייבען אַקוראַט אַזוי אינדיווידועל, ווי זי איז פאַר אַלע אַנדערע פעלקער. קלייבט אָבער דער אידישער גייסט אויס דוקא די אי־דישע רעליגיאָנס־פאָרם, קאָן ער, פערשטעהט זיך, זיין אין איהר ניט וועניגער מענש, איידער אין אַ וועלכער עס איז אַנדער פאָרם פון דעם רעליגיעזען גייסט.

ניט פיעל צייט וועט אונז אויך פערנעהמען דער ראַסען־איד און אויך דאָס ניט דערפאַר, ווייל די טהעמע איז זעהר אָרעם. אדרבה, זי איז נאָך רייכער און פערוויקעלטער, איידער דער ענין פון נאַציאָן און רעליגיאָן, אָבער פאַר דער אויפגאַבע פון מיין הייב־

טיגער פארלעזונג וועט זיין געגוג, ווען איך וועל נאר אין א פאר שטריכען כאראקטעריזירען פאר איך יענעם שטאנדפונקט אין דער פראגע, וועלכען איך רעכען פאר דעם ריכטיגען.

איך איז גאנץ געוויס בעקאנט, אז אונזערע אסימיליאטארען ווערען ניט מיעד צו בעווייזען אין דיקע, כלומרשט וויסענשאפט־ליכע ביכער, אז קיין אידישע ראסע איז גאר אויף דער וועלט ניטא. אונזערע סתם־מענשען ווידער זענען נוטה צו גלויבען, אז „ראסע“, אדער אזעלכע נאציאנאלע סמנים, וואס געהען איבער ביי א פאלק בירושה פון דור צו דור, איז בכלל אן אויסגעטראכטע זאך. על כל פנים גלויבען זיי, אז וואס איינער הויבט זיך אויף אין זיין אלגעמיין־מענשליכער ענטוויקעלונג, אלץ שוואכער ווערען אין איהם די נאציאנאלע סמנים, און אז ביי דעם גאר גרויסען מענשען מוזען זיי אין גאנצען פערשווינדען. דער עיקר איז דאס אמת פאר יענע נאציאנאלע פערשיידענקייטען אין דעם גייסטיגען שאַ־פען, אויף וועלכען מיר לעגען אזוי פיעל וואג: אויף די בעזונדערע ארט ווי ארויסצוברענגען דעם אלגעמיין מענשליכען אמת, אויף דעם „סטיל“ פון דעם שאַפען, אויב מען קאן זיך אזוי אויסדריקען. וואס העכער די מענשען פון פערשיידענע פעלקער שטעהען אין דער מענש־ליכער ענטוויקעלונג, אלץ מעהר — אזוי גלויבט דער קאסמאפאַ־ליט — ווערט ביי זיי אויסגעגליכען דער סטיל פון דעם גייסטיגען שאפען, אדער, לכל הפחות, פערשווינדט אין זיי אלץ מעהר די איינגעבארענע נאציאנאלע ארט.

לאמיר זעהן, צי אויך דאס איז אמת.

אט האבען מיר אן אלגעמיין־מענשליכע וויסענשאפט, די אלגעמיין־מענשליכסטע פון אלע, די מאטעמאטיק. דוכט זיך, וואס פאר א ראליע קאן שפיעלען דער „סטיל“ פון דעם נאציאנאלען דענקען אין דעם בעשאפען פון אזעלכע אמת׳ען, ווי צוויי מאל צוויי איז פיער? און פון דעסטוועגען האט מען אין דער לעצטער צייט אויסגעפונען, אז דער נאציאנאלער גייסט האט א גאנץ גרויסען חלק אין דעם ארויסברענגען פון דער מאטעמאטישער קולטור.

פראפעסאר מעביוס אין דייטשלאנד האט אנגעשריעבען א גאנץ בוך „וועגען דער בעפעהיגונג צו מאטעמאטיק“, וואו ער האט אויסגעפונען, אז די דייטשען און די פראנצויזען בעשאפען זייער

מאַטעמאַטיק אויף אַ גאַנץ פּערשיידענעם שטייגער. דער דייטש איז אין אַט דעם צווייג פון וויסען מעהר אינטואיטיוו; ער האָט דאָס בעדערפעניס צו זעהן מיט דעם שכל'דיגען אויג יענע מאַטעמאַטישע גרויסען און סכום'ען, וואָס זייערע שייכות'ן דאַרף ער אַרויסברענגען אין דער וויסענשאַפט. אַ דורך און דורך אינטואיטיווער גייסט וועט זיך ניט בענוגענען מיט דעם ריינעם טראַכטען צ. ב. אַז אַ גאַנצעס איז גרעסער, איידער אַ טייל פון איהם. ער וועט תוך כדי דבור זעהן פאַר'ן שכל'דיגען אויג אַ גאַנצע ליניע און אַ טייל פון איהר, אַ גאַנצען צירקעל און אַ טייל פון איהם. און ניט נאָר פערשטעהט ער די שייכות צווישען אַ גאַנצען און אַ טייל, נאָר ער זעהט זי בחוש. דערפאַר האָט דער דייטש בעוויעזען זיין גאונות דאָרטען, וואו ער קאָן אָנווענדען געאָמעטריע. ער איז אין דער מאַטעמאַטיק אַ „געאָמעטריקער".

דער פראַנצויז ווידער איז אין דער וויסענשאַפט פון חשבון ניט קיין אינטואיטיווער, נאָר אַן אַנאַליטישער גייסט. ער איז אַ גרויסער בריה אין טראַכטען די סכום'ען און פערשטעהן זייערע שייכות'ען. ער דאַרף זיי ניט זעהן פאַר זיין שכל'דיגען אויג. דעריבער איז ער אַ גרויסער גאון דאָרטען, וואו ער קאָן אָנווענדען אַלגעבראַישע מעטאָדען. ער איז דער „אַלגעבראַיקער" אין דער מאַטעמאַטיק און עס איז קיין חדוש ניט, וואָס ער האָט אפילו די געאָמעטריע גענומען בעהאַנדלען אַלגעבראַיש: דעקאַרט איז, אויב איהר ווייסט, דער פאָטער פון דער אַנאַליטישער געאָמעטריע.

פון וואַנען שטאַמט די דאָזיגע נפקא מיניה צווישען די דייטשע און די פראַנצויזישע געלערנטע? עס פערשטעהט זיך, אַז קיין דייטשער מאַטעמאַטיקער האָט זיך ניט אַ זאָג געטהאָן: „אַזוי? — דער פראַנצויז איז אַן אַלגעבראַיקער? וועל איך, איהם אויף צו־פּיקעניש, ווערען אַ געאָמעטריקער!" עס איז איהם אין זינען ניט געלעגען דער געדאַנק צו טהאָן וועמען עס איז אַ להכעיס. ער האָט זיך געשאַפען, ווי עס האָט בעסער געפּאַסט פאַר זיין גייסט און זיינע פעהיגקייטען. און אַזוי האָט דאָס אויך געטהאָן דער פראַנצויז. ערשט נאָכדעם, נאָך דורות פון מאַטעמאַטישען שאַפען און פאָרשען, האָט זיך אַרויסגעוויעזען, אַז די דייטשע און פראַנ־

צווישע מוחות אַרבייטען אין דער מאַטעמאַטיק אויף אַ פערשיי־רענעם אופן; אַז איין און דעם זעלביגען פּראָבלעם נעהמען די ביידע פעלקער אויף אויף זייערע אייגענע „כּלים" און די כלים זענען ניט גלייך די אייגענע ביי ביידען.

נאָך באמת אַ חדוש נפלא איז דאָ ארויסגעקומען מיט די אידישע מאַטעמאַטיקער. דאָס רוב מאַטעמאַטיקער־אידען זענען ערצויגען געוואָרען אין דער דייטשער אַטמאָספערע און האָבען געשאַפען אונטער דער השפּעה פון דער דייטשער וויסענשאַפט. על פּי סברה האָט מען געמעגט זיין זיכער לכתחילה, אַז אין זייער שאַפען וועט זיך אָבשפּיעגלען דער דייטשער אינטואיטיווער טיפ. וואָס לאָזט זיך אָבער אויס? פּראָפעסאָר מעביוס געפינט, אַז די אידישע מאַטעמאַטיקער געהען אין זייערע שעפּפונגען ניט נאָך דעם דייטשען, אינטואיטיווען, נאָר נאָך דעם פראַנצויזישען, אַנאַ־ליטישען טיפּ. אויך זיי האָבען ליעב אין דער מאַטעמאַטיק יענע אַרט פון דעם מאַטעמאַטישען שאַפען, וואו דער שכל דאַרף נאָר טראַכטען דעם ריינעם אבסטראַקטען סכום און פערשטעהן זיין אינווענינגסטע טבע און שייכות צו די אַנדערע סכום'ען. דער איד איז דאָ נעהנטער צו דעם פראַנצויז, ווען אַפילו ער לעבט אונטער דער גייסטיגער השפּעה פון דעם דייטש. און דאָס איז ניט נאָר אין דער מאַטעמאַטיק אַזוי. ס'איז גאָר ניט שווער צו בעווייזען, אַז אויך אין דער פילאָסאָפיע און אין דער רעליגיע האָט דער אידישער מוח ליעב יענע גייסטיגע רעגיאָנען, וואו עס קאָן פאַר איהם פערשווינדען יעדער „פּסל ותמונה", יעדער אַנשוילליכער בילד, און זיין שכל קאָן זיך באַדען אין דעם ריינעם עפיר פון דעם אַב־סטראַקטען געדאַנק, וואו ער קאָן טראַכטען דעם ענין ריין פון יעדען בילדליכען שאָטען און פערשטעהן זיין אינווענינסטען תוך. פון דער אַנדער זייט האָט מען שוין אַ סך פריהער בעמערקט, אַז אין פיעל פּרטים פון דעם אידישען כאַראַקטער געהט ער זיך אַ סך מעהר צונויף מיט דעם לעבעדיגען, קוועק־זילבערינען, אונרוהיגען טעמ־פּעראַמענט פון דעם פראַנצויז, איידער מיט דעם רוהיגען, געזעצ־טען, ווען אויך דורכאויס טיעפערען טעמפּעראַמענט פון דעם דייטש.

לײדער קאָן איך מיך ניט לאַנג אָבשטעלען אויף דעם ענין.

איך וועל מיר ערלויבען צו מאַכען נאָר אַ פּאָר בעמערקונגען, כדי איהם צו מאַכען נאָך קלאָרער.

אין דער אידישער בעאַרבייטונג פון מיין „סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַלע פראַגע" האָב איך שוין געהאַט די געלעגענהייט, אַרויס־צוזאָגען דעם געדאַנק, אַז ווען מען זאָל נעהמען אַזעלכע אידישע דענקער, ווי אבן־גבירול, וואָס האָט אין דעם עלפטען יאָהרהונדערט געשריבען אַראַביש אין שפּאַניען וועגען טהעאָלאָגיע, ברוך ספּינאָזא, וואָס האָט אין דעם 17טען יאָהרהונדערט געשריבען לאַטיין אין האָלאַנד וועגען עטיק, און קאַרל מאַרקס, וואָס האָט אין דעם נײַנצעהנטען יאָהרהונדערט געשריבען דייטש אין ענגלאַנד וועגען נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיע, — וואָלט מען, נים קוקענדיג אויף דעם גרויסען מהלך, וואָס ליעגט צווישען זיי אין יאָהרען, שפּראַכען, לענדער און טהעמען, פאַרט אַרויסגעפונען אַ פונדאַמענטאַלען סמן, וואָס בינדט צונויף אַלע זייערע גייסטער צו איין און דעמזעלביגען טיפּ, דעם אידישען דענקער־טיפּ. דער פונדאַמענטאַלער בשותּפות'שער סימן פון אַלע זייערע אַרבייטען בעשטעהט אין דעם, וואָס זיי נעהמען אַ וועלכען עס איז א י י נ ה י י ט ל י כ ע ן גרונד־פּרינציפּ, שטעלען עס אוועק אונטער זייער גייסטיג אויג, וואָס ווירקט ווי אַ ריעזיג פערגרעסערענדער מיקראָסקאָפּ, און דער־זעהען אין זיין איינהייטליכקייט אַ דאָפּעלטקייט. די דאָפּעלטקייט מאַכט זיי פעהיג צו שטעלען נייע פראַגען און זוכען נייע ענטפערס, ווי אויך אויף אַ גאַנץ אַנדער אופן פאַרטיג צו ווערען מיט די פּראָבלעמען, וואָס האָבען אינטערעסירט דעם מענשליכען גייסט ביז צו זיי. די דאָפּעלטקייט פיהרט דערנאָך סוף־כל־סוף צו אַ מ אָ נ י ז ם, צו אַן איינהייטליכען, שטרענג אויסגעהאַלטענעם געדאַנקען־סיסטעם.

גבירול נעהמט די איינהייטליכע פאָרשטעלונג פון דעם וועלט־גאָט, דעם „אל יחיד ומיוחד", און אונטער זיין מיקראָסקאָפּישען אויג ווערט ער פערוואַנדעלט אין אַ צווייהייט: גאָט און גאָט'ס רצון. אויף דעם פונדאַמענט פון דעם געדאַנק בויט ער אויס אין זיין „מקור־חיים" אַן איינהייטליכע פאַנטעאיסטישע מעטאַפיזיק, וואָס קומט — אַ סך, אַ סך יאָהרען פאַר שאָפּענהויער'ן — צו דעם רעזולטאַט, אַז דער תוך פון אונזער וועלט איז דער געטליכער ווילען.

ספינאזא נעהמט די פשוט'ע, איינהייטליכע פארשטעלונגען פון „ליעבע" און „האס", לעגט זיי אוועק אונטער זיין ריעזיגען מיקראסקאפ־עין־אויג, און באלד פאלען זיי פאנאנדער אין צוויי־הייטען: ליעבע איז א געפיהל פון פרייד, פערבונדען מיט דער פארשטעלונג וועגען דער אורזאך, וואס רופט זי ארויס; האס איז א געפיהל פון טרויער, פערבונדען מיט דער פארשטעלונג וועגען דער אורזאך, וואס רופט זי ארויס. אט דער אנאליז פון די איינפאכע געפיהלען גיט ספינאזא'ן די מעגליכקייט אויפצובויען אן איינהייטליכען סיסטעם פון עטהיק, וואס שליעסט אב מיט דער לעהרע פון דער „שכל'דיגער ליעבע צו גאט".

קארל מארקס האט אין זיין פאליטישער עקאנאמיע געהאט צו טהאן מיט דער איינפאכער, איינהייטליכער פארשטעלונג פון „מענשליכער ארבייט". שוין פון אדאם סמיטה אן ווערט דער פרינציפ פון ארבייט אנגעווענדט, ווי א פונדאמענט פאר דעם גאנצען וויסענשאפטליכען בנין, אבער נאר אונטער מארקס'עס מיקראסקאפיש פערגרעסערנדען אויג פאלט פאנאנדער די איינהייטליכע ארבייט אין א דאפעלטקייט: אין „א ר ב י י ט" און „א ר ב י י ט ס ־ ק ר א פ ט", און ווי דורך א כשוף עפענען זיך פאר מארקס'ען אויף נייע האריזאנטען און נייע פארשונגס־וועגען, אויף וועלכע ער געפינט אוים די נפקא מיניה פון ווערטה און מעהר־ווערטה און בויט אויף דעם שטאלצעסטען בנין פון זיין איינהייט־ליכער, געדאנקען־רייכער נאציאנאל־עקאנאמיע.

איך קאן איצטער צורעכענען צו זיי נאך א בעדייטענדען איד־ישען דענקער, וואס איז אזוי בעריהמט געווארען אין דער לעצטער צייט. דאס איז אנרי בערגסאן, וואס שרייבט אין דעם סוף נייני־צעהנטען און אנהויב צוואנציגסטען יאהרהונדערט פראנצויז אין פראנקרייך וועגען פילאסאפיע. בערגסאן וויל אפשר גאר נים וויסען, אז ער האט א שייכות צו דעם אידישען פאלק. אבער ביי קיינעם פון די אידישע דענקער איז אט דער גייסטיגער שאפונגס־טיפ, וועגען וועלכען איך רעד דא, נים ארוים אזוי קלאר, ווי גראד ביי איהם. דער פונדאמענט פון זיין גאנצען פילאסאפישען בנין איז א נייער געדאנק וועגען דער צ י י ט. זינט אריסטאטעל'ן מאטערט זיך די דענקענדע מענשהייט אויף דעם פראבלעם פון דער צייט.

אויף אַלע זייטען האָט מען זי גערדרעהט, בעטראַכט, געפילאָסאָפירט וועגען איהר, אָבער קיינעם איז ניט אַרויף אויפ'ן זין צו צווייפלען אין איהר איינהייטליכען כאַראַקטער. ערשט בערגסאָן'ס שכל'דיג אויג געפינט אויס, אַז די איינהייטליכע צייט, מיט וועלכע עס האָט צו טהאָן די מענשליכע ערקענטניס, איז באמת גאָר אַ צ ו ו י י ה י י ט : מען דאַרף האָבען שטענדיג אין זין די נפקא מיניה צווישען „צ י י ט" און „ר ע ע ל ע ד ו י ע ר". און כמעט אויף יעדען וויכטיגען שריט פון בערגסאָנ'ס פאָרשען, ביי איטליכען ווענדע־פונקט פון זיין געדאַנק געפינען מיר דאָס זעלביגע כאַראַקטעריסטישע שטיקעל גייסטעס־אַרבייט : אַ פאָרשטעלונג, וואָס די פריהערדיגע פאָרשער האָבען בעהאַנדעלט, ווי אַן איינהייטליכקייט, צושפּאַלט זיך ביי בערגסאָנ'ען אין צווייען. און פון דעסטוועגען בלייבט בערגסאָן, ביי זיין גאַנצען טעאָרעטישען קאָקעטירען מיט דעם דואַליזם, אַ מאָניסט און טרייבט מיט זיין גאַנצען סיסטעם צו אַ מאָניסטישער וועלט־אַנשויאונג.

אָט די וואונדערבאַרע פעהיגקייט, — מאַכען פון אַן איינהייט אַ דאָפּעלטקייט און דורך דעם ווידער קומען צו אַ נייער איינהייט, — איז איינער פון די קלאָרסטע שטריכען, וואָס כאַראַקטעריזירען די פיזיאָנאָמיע פון דער אידישער טעאָרעטישער שאַפונגס־קראַפט. דער שטריך מוז, ווי מען קאָן זיך לייכט אָנשטויסען, ענג צונויפגעבונדען זיין מיט יענער פעהיגקייט צו דעם אַבסטראַקטען אַנאַליז, וועלכען מעביוס האָט ענטדעקט ביי די אידישע מאַטעמאַטיקער. דער אידישער אַנאַליז איז אַזוי אָנגעשטרענגט און שאַרף, אַז קיין איינהייט קאָן ניט אַרויסגעהן גאַנץ פון זיין פראָצעס. און די קראַפט פון אַבסטראַקציע, פון אַראָבוואַרפען אַלע פערשיידענקייטען און לאָזען נאָר די איינהייט, איז פון איהר זייט אַזוי שטאַרק און טריאומף־זיכער, אַז סוף־כל־סוף שפּאַנט זי איין דעם אַנאַליז אין איהר רייט־וואָגען און צווינגט איהם, דעם שונא פון יעדען מאָניזם, ער זאָל דערפיהרען דעם גייסט צו דעם לעצטען איינהייטליכען ציעל.

אַ וואונדערבאַרער געפלעכט פון ה י פ כ י ם, פון ווידערשטרייטענדע קרעפטע איז דער אידישער שאַפענדער גייסט און איז נאָר דער טהעאָרעטישער גייסט אַזאַ משונה'דיגע איינהייט

פון געגענזועצען? געפינען מיר ניט דיזעלביגע צונויפגעפלאָכטענ־
קייט פון היפכים אויך אין דעם כאראַקטער פון דעם „עמא פזיזא“
און דעם עם „קשה־עורף“, פון דעם פאָלק, וואָס האָט שוין ניט איין
מאָל אין זיין געשיכטע אין דערזעלביגער צייט ארויסגעשטעלט אַן
אזעף און א גערשוני? ליעגט ניט אין אָט דעם קאמפף פון אינ־
ווענינסטע היפכים די אורזאך פון דער אידישער אומרוה? קאָנען
מיר אפשר אויף דעם וועג געפינען דעם שליסעל צו די סודות פון
דער אידישער נשמה, וואָס איז ביי איהר גאַנצען אָפּטימיזם אין
גרונט אזוי טראַגיש, — אָדער וואָס איז אפשר ביי איהר גאַנצער
טראַגיק פול מיט לעבען און מיט דאָרשט צום לעבען? איז אפשר
די טראַגיק פון דעם אידען'ס נשמה א פירוש אויף דער טראַגיק פון
זיין געשיכטליכען גורל? אָדער איז זיין טראַגישער גורל א נויט־
ווענדיגער פועל־יוצא פון זיין צוריסענער נשמה?

א ברויזענדער ים מיט פראַגען עפענט זיך פאַר אונזערע
אויגען. מיר מוזען אָבער איצטער בלייבען ביי זיין ברעג. עס
איז נאָך כמעט גאָר גישט ניט געטהאָן געוואָרען, כדי אריינצו־
דרינגען אין די טיעפעניסען פון דעם אידישען דענקען, פיהלען און
וועלען.

א סך, א סך ארבייט מוז פריהער נאָך געטהאָן ווערען, איידער
אונז וועלען קלאָר ווערען די סודות און יסודות פון דעם אידישען
שאַפען. ניט נאָר דער היימישער אוצר מוז אויסגעפאָרשט ווערען,
נאָר אויך דאָס, וואָס אידען האָבען געבויט אין דער פרעמד, מוז
אַנאַליזירט ווערען, לויט דעמזעלביגען פרינציפּ, וועלכען מעביוס
האָט אַנגעווענדט אויף דער מאַטעמאַטיק. ערשט יעמאָלט וועלען
מיר אויסגעפינען דעם אמת'ען מהות פון דעם ראַסען־איד. דער־
פאַר קאָנען מיר אָבער שוין איצטער אוועקשטעלען דרויסען פון
יעדען ספק לכל הפחות דעם פונקט, אז אויך דער איד האָט אין זיך א
געוויסען ראַסען־בוי פון זיין מוח, וואָס שפּרינגט ארוים אין דעם
סטיל, אין דעם טיפ פון זיינע גייסטיגע בעשאַפונגען. ווייל מען דאַר־
פיבער שטודירען די ראַסען־אייגענשאַפטען פונ'ם אידען, ווי אויך די
ראַסען־אייגענשאַפטען פון א פאָלק בכלל, דאַרף מען זיך אָבגעבען
ניט אזוי מיט די אויגען און די האָר און דעם דרעה פון דער
נאָז־ליניע, ווי א סך מעהר מיט די פּראָדוקטען פון דעם פאָלקס־

שאפען אויף אַלע פעלדער פון דער קולטור; און ניט אַזוי מיט זייער אינהאַלט, ניט אַזוי מיט דעם „צוויי מאָל צוויי איז פיר“, וואָס זיי ברענגען אַרויס, ווי מיט דעם וועג, אויף וועלכען זיי קומען צו דעם אמת, מיט דעם „סטיל“, דעם טיפּ דענקען, די אַרט, ווי זיי בעאַרבייטען דעם מאַטעריאַל. נאָר דאָ קאָנען מיר אַרויס־געפינען דעם בוי פון יענער „כלי“, וואָס נעהמט איבער מיט׳ן בלוט פון דור צו דור, און וואָס דריקט זיך אויס אין אַלע שאַפונגען פון דעם פאָלק.

מען דאַרף אָבער ניט מיינען, אַז די דאָזיגע כלי, דער דאָזיגער גייסטיגער שאַפענס־טיפּ טרעט אַרויס גלייך קלאָר און שאַרף ביי יעדען קינד פון דעם פאָלק. נעהמט איהר אַ פשוט׳ען דייטש, אַ פשוט׳ען פראַנצויז, אַ פשוט׳ען אידען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט מאַטעמאַטיק, וועט איהר אין זייערע חשבונות ניט בעמערקען זייער נאַציאָנאַלען „גייסט“. דער אַלגעמיין־מענשליכער כח פון מאַטעמאַטיק איז ביי זיי שוואַך, ער איז ניט ב ע ש א פ ע ר י ש און ממילא טהוט ער נאָך, וואָס און ווי אַנדערע האָבען איהם געלערענט. דער פשוט׳ער מענש איז אין זיין מאַטעמאַטישען שאַפען אפשר אַ האָר ניט נאַציאָנאַל. דעם נאַציאָנאַלען כח אין דער מאַטעמאַטיק דאַרפט איהר שטודירען ניט ביי די מאַסען, נאָר ביי די העלדען, ביי די גאונים פונ׳ם מאַטעמאַטישען שאַפען. ווייל דער מ ע נ ש איז אין זיי שטאַרקער, איז ממילא אויך שטאַרקער אין זיי יענער טייל מענש, וואָס דריקט זיך אויס אין זייער נאַציאָנאַלען גייסטיגען טיפּ.

גאַנץ דאָס איינענע איז אויך מיט יעדען אַנדער צווייג פון דער קולטור. פערגלייכט איהר צוויי מיטעלמעסיגע פויערים פון צוויי פעלקער, וועט איהר געפינען אין זיי אַ סך פערשיידענקייטען אין דער אויסערער קולטור, אָבער ווייניג פערשיידענקייטען אין דעם גייסטיגען בוי. און נעהמט איהר אַנשטאַט פויערים ריינע אידיאָטען האָט איהר יעמאָלט אין גאַנצען פאַר זיך דעם קאָסמאָפּאָליטישען אידעאַל פון דעם „סתם־מענשען“. אַן אידיאָט, איז אַן אידיאָט, — אַלץ איינס פון וועלכע עלטערן ער שטאַמט. אָבער קוים הויבט איהר אָן צו פערגלייכען שטאַרקע טאַלאַנטען און זשעניען, אַזוי טרעטען אין זיי קלאָר אַרויס, אַ חוץ דער אינדיווי־

דועלער פערשיידענקייט, נאך די פערשיידענקייטען פון זייער נאציאנאלען טיפ, פון זייער אייגענארטיגען סטיל אין שאפען.

צו די זעלבינע רעזולטאטען קומען מיר, ווען מיר פערגלייכען די ניעדעריגערע פעלקער צווישען זיך און די העכערע וויעדער בעזונדער צווישען זיך. א בושמען פון אפריקע און א פאפואס פון אויסטראליען זענען א סך נעהנטער איינער צו דעם אנדערן, לויט דעם בוי פון זייער נשמה, איידער דער דייטש פון בערן און דער פראנצויז פון זשענעווע, וואס וואוינען אין איין לאנד און רעכענען זיך צו איין פאליטישען פאלק.

אויף וואס א העכערער קולטור־שטופע א פאלק שטעהט, און וואס שטארקער עס זענען די שאפונגס־כחות פון זיינע קינדער, וואס מעהר זייער נשמה האט אנגעזאפט אין זיך די רייכע קולטור פון דורות, אלץ קלארער אויסגעקריסטאליזירט איז אין זיי די פארם פון דעם נאציאנאלען שאפען. ממילא איז וואס מעהר מענש א איד איז, וואס שטארקער אין איהם זענען די מענשליכע שאפונגס־כוחות, אלץ בולט'ער מוזען זיך ארויסווייזען אויף זיינע נאציאנאלע כחות, אלץ מעהר „איד" מוז ער זיין.

די נאציאנאלע שאפונגס־כחות פון דעם אידישען פאלק זענען איצטער צובראכען און צופיצעלט, צוריבען אויף פולווער און צושפרייט צווישען די פערשיידענע פעלקער. זייער שאפען קאן ניט זיין אין גאנצען פריי. און פון דעסטוועגען קאנען זיי אפילו איצטער ניט אין גאנצען פערטונקעלט ווערען. אבער וואס פאר אריגינעלע און רייכע פראדוקטען פון דער מענשליכער קולטור וואלטען געקאנט ארויסקומען, ווען די דאזיגע כחות וואלטען זיך צונויפגעגאסען אין איין באסיין, בעפרוכט איינע די אנדערע און זיך פאנאנדערגעגאסען אין דער גאנצער פריי! מיט וואס פאר פיעל־פארביגע פונקען פון גייסט וואלט אויפגעבליצט יעמאלט דער אידישער ברילִיאנט, וועלכען דורות און דורות האבען געהאלטען אין איין שלייפען און שלייפען!

מיר קאנען דעריבער אלע אונזערע היינטיגע בעטראכטונגען צונויפפרעסען אין איין איינציגער פארמעל, וואס זאגט, אז וואס מעהר מ ע נ ש א איד איז, וואס טיערער איהם זענען די רייכע אייגענארטיגע פארמען פון דער מענשליכער קולטור, וואס העלער איז

דר. ח. זשיטלאָווסקי

איהם לייכט דער פונק פון מענשליכע חשיבות און דרך־ארץ צו דעם מענשען אין זיך אליין, וואָס טיעפער אין איהם שמארצט די וואונד פון דעם אידישען שטאָלץ, אלץ מעהר איד איז ער, אלץ ברענענדיגער לעבט אין איהם דער וואונש צו דיענען דעם איינענעם פאָלק און העלפען איהם מיט אלע כחות, אז ער זאָל בעשאפען פאר זיך די מעגליכקייט פון א רייכען, פרייען, שעהנעם, שטאָלצען און השוב'ען לעבען אין דער אייגענער היים!

זייט מעהר מענשען, וועט איהר זיין בעסערע אידען, ווייל...

וואָס מעהר מענש, אלץ מעהר איד!

צוויי פארלעזונגען וועגן די צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקא

צוויי פארלעזונגען וועגען די צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקא

ערשטע פארלעזונג

דער מעלטינג פאט

חברים און פריינד!

דער נאמען פון די צוויי לעקציעס, וואס איך דארף האלטען פאר אייך, איז „די צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקא“. אבער, אויב איהר מיינט, אז איך קום צו אייך מיט א וועלכער עס איז נביאות, אין וואס די דאזיגע צוקונפט וועט בעשטעהן, האט איהר א גרויסען טעות. אויב דאס וואלט געוועזען מיין ציעל, וואלט איהר געהאט א רעכט צו האלטען מיך פאר א טיעפען-טיעפען עם-הארץ אין דער סאציאלאגיע און דער געשיכטס-וויסענשאפט, אדער, נאך ערגער: פאר א שארלאטאן, וואס וויל ספעקולירען אויף איינעם׳ס עם-הארצות אין יענע צווייגען פון דעם מענשליכען וויסען.

די סאציאלאגיע און די געשיכטס-וויסענשאפט זענען נאך גאר אין אנהויב פון זייער ווערען און וואקסען. זיי הויבען זיך ערשט איצטער אן צו בעפרייען פון זייערע קינדערשע איללוזיעס און פאנטאסטישע חלומות. זיי האבען נאך פשוט ניט געהאט קיין צייט צונויפצוזאמלען דעם גאנצען מאטעריאל, פון וועלכען מען מוז ארויסדעסטילירען א סאציאלאגישען אדער געשיכטס-וויסענשאפטליכען געזעץ. פערגעסט ניט: כדי אויף א כשר׳ען, וויסענשאפטליכען אינדוקטיווען אופן ארויסצוקריסטאליזירען א וועלכען עס איז סאציאלאגישען געזעץ, דארף מען אפשר האבען ניט א קלענערען סכום מאטעריאל און ניט קיין קלענערע וויסענשאפטליכע געוולד, איידער מאדאם קיורי האט געהאט, בעת זי האט בעארבייט

טויזענטער פודען אוראַניום־זאַלצען, כדי אַרויסצובעקומען פון זיי איין גראַן ראַדיום.

א חוץ דעם זענען נאָך גאָר ניט זיכער געשטעלט געוואָרען די מעטהאָדען, ווי א ז ו י צו בעגעהן זיך מיט דעם רויהען עמפּירי־שען מאַטעריאַל, כדי אַריינצובליקען אין זיין אינווענייגסטען פער־באָרגענעם סאָציאָלאָגישען תוך. איך דאַרף אייך ניט לאַנג דער־קלערען, אַז די מעטהאָדע, ווי אַזוי צו בעאַרבייטען די איינצעלנע פאַקטען איז אין יעדער וויסענשאַפט ניט ווייניגער וויכטיג, איידער דער מאַטעריאַל גופא.

די אַלטע בכבוד'ע נאַטור־וויסענשאַפטען האָבען אין א משך פון לאַנג יעהריגע ערפאַהרונגען און עקספּערימענטען, נאָך א גאַנ־צען צייל פון פעהלערן און טעות'ען, געקאָנט אויסאַרבייטען געוויסע זיכערע מעטהאָדען, ווי אַזוי ריכטיג אַוועקצושטעלען די שאלות, אויף וועלכע מען וויל אויסגעפינען אַן ענטפער פון דער נאַטור. און איינגעגעבען האָט זיך עס דערפאַר, ווייל דער מאַטעריאַל גופא, וועלכען די נאַטור גיט אונז, איז לפי ערך איינפאַך אין זיין טבע און אונגעהייער רייך אין צאָהל. ווען מיר שטודירען צ. ב. די בעוועגונגס־געזעצען פון גאַזען, האָבען מיר אין א גאַנץ קליינעם גלעזעלע גאַז, ניט גרעסער ווי א פינגער־הוט, מילי־מיליאָנען פון איינצעלנע גאַז־טיילכעלעך, וואָס האָבען נאָר איין־איינציגע טבע — צו פליהען אין א גלייכער ליניע. און אפילו דאָ האָט געקאָסט דער וויסענשאַפט געגוג מיה, ביז זי האָט אַרויסגעפונען די ריכטיגע מעטהאָדע, ווי אַזוי אויסצורעכענען יענעם רעזולטאַט, וואָס מוז אַרויסקומען פון זייער אַלעמענס צונויפווירקען אין יענעם קליינעם חלל.

אַזעלכע פעלען זענען אָבער אונמעגליך אין דער סאָציאָלאָגיע.

א פופציג מיליאָן מענשען אין א לאַנד איז א מאַטעריאַל, וואָס איז מילי־מיליאָנען מאָל קלענער אין צאָהל, איידער די טריי־ליאָנען גאַז־טיילכעלעך אין א פינגערהוט און איז לויט זיינע איי־גענשאַפטען אפשר א מיליאָן מאָל פערפלאָנטערטער איידער די איינגענשאַפטען פון א גאַז־מאָלעקול. ווי ווילט איהר דאָ, אָהן א ריכטיגער מעטהאָדע, פאַנאַנדערקלייבען זיך אין דעם געוועב פון

מיליאנען ערשיינונגען, וואס פלאנטערן זיך טאג־טעגליך צונויף דורך זייער אלעמענס צונויפווירקען אין איינעם?

הייסט עס, אז אפילו ווען דער גאנצער מאטעריאל פון א פאלקס־לעבען וואלט געווען געזאמעלט און וויסענשאפטליך פיקסירט, וואלט אויך יעמאלט קיין מענשליך אויג ניט געקאנט ארומנעהמען אלע זיינע אייגענשאפטען מיט א מאל און קיין מענשליכער שכל וואלט ניט געקאנט אויסרעכענען די גאנצע נעטץ פון נויטיגע שייכות'ען, וואס הערשען צווישען זיינע איינצעלנע טיילען.

די ריכטיגע מעטהאדע איז דעריבער אין דער סאציאלאגיע נאך וויכטיגער, איידער אין די נאטור־וויסענשאפטען. זי דארף אונז געבען א פרוב־שטיין אין די הענד, מיט וועלכען מיר זאלען קאנען אלע מאל פינקטליך אבשעצען, וועלכע אייגענשאפטען פון דעם מאטעריאל זיינען *וויכטיג* און וועלכע *ניט*; וועלכע נויטווענדיגע שייכות'ען שטאמען פון די גרונד־געזעצען פון דעם סאציאלען לעבען און וועלכע זענען ניט מעהר ווי *שטערונגען*, וואס זענען אריינגעטראגען געווארען אין דעם סאציאלאגישען מאטעריאל, דורך די ווירקונג פון אנדערע *ניט*־סאציאלאגישע געזעצען, ווייל אויך די ניט־סאציאלאגישע געזעצען, — ביאלאגישע און פסיכאלאגישע, — האבען, פערשטעהט זיך, זייער שליטה אויף דעם מענשען, דעם בויער פון מענשליכע געזעלשאפטליכע ערשיינונגען.

וועלכע מעטהאדע אין דער סאציאלאגיע איז אבער די ריכטיגע? וועלכער זאלען מיר אנטרויען די ארבייט פון ארויסגעפינען סאציאלאגישע געזעצען? אויף דער שאלה קאן מען ניט געבען קיין זיכערען ענטפער. דורך קיין מעטהאדע האט מען נאך דערווייל ניט ארויסגעפונען קיין איין איינציגען אבסאלוט זיכערען סאציאלען געזעץ און עס איז אפשר א סברה, אז קיין איין איינציגע פון די, וואס ווערען אנגעווענדט אין דער איצטיגער וויסענשאפט, זענען ניט מסוגל דערצו.

און פערגעסט ניט אויף דאס: מיר זענען אין אונזערע סאציאלאגישע אונטערזוכונגען נאך אזוי „גרין", אזוי ניט ווייט פון אנהויב, אז די געלערנטע האבען זיך נאך ניט צונויפגערעדט וועגען דעם, וואס אזוינס דארפען מיר פערשטעהן אונטער דעם נאמען „א

סאָציאַלע ערשיינונג" און ווי אַן ערך דאַרף אויסזעהן א סאָציאָ־לאָגישער געזעץ. מען פילאָסאָפירט, מען איז זיך משער, מען בויט סברות אויף סברות און וואָס איין געלערנטער בויט אויף, קומט דער אַנדערער און צושטערט. מיר מוזען זיין צופריעדען דער־ווילע, וואָס אין דעם קאַמפף פון מהעאָריען און היפּאָטעזען ווערען קריטישער בעאַרבייט די אָנגעזאַמעלטע פאַקטען, אויסגערייניגט פון גרייזען, וואָס האָבען זיך אריינגע'גנב'עט אין אונזער פאָר־שטעלונג וועגען זיי; עס ווערען אָנגעזאַמעלט און געלייטערט נייע פאַקטען, וועלכע דער געלערנטער זוכט אויס, כדי צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון זיין היפּאָטעזע און עס ווערען בעשאַפען אלץ נייע און נייע געזיכטס־פּונקטען, ווי אַזוי צו בענעהמען דעם סאָציאָלאָגישען מאַטעריאַל און ווי אַזוי זיך מיט איהם צו בעגעהן. שפּעטער, אין יאָהרען און יאָהרען ארום, ווען די צאָהל פון אויס־געלייטערטע פאַקטען וועט ווערען גענוג גרויס און די צאָהל מעג־ליכע געזיכטס־פּונקטען וועט זיך בעררייכערען, קאָן זיין, אז עס וועט קומען דער זשעניע פון דער סאָציאָלאָגיע, איהר ניוטאָן, וואָס וועט דורך דעם „ברק המבהיק", דעם דורכלויכטענדען בליץ, וואָס ער וועט ברענגען מיט זיך, אוועקשטעלען זי אויף א זיכערען וויסענ־שאַפטליכען יסוד. עס קאָן אָבער גרייליך געמאָלט זיין, אז די סאָציאָלאָגיע זאָל, לויט איהר אינווענינגסטער טבע נאָך, אויף אייביג מוזען בלייבען א ב ע ש ר י י ב ע נ ד ע וויסענשאַפט, — א וויסענשאַפט, וואָס וועט אונז קאָנען דערצעהלען און פּינקטליך אָבשילדערן די פאַקטען, וואָס זענען געווען, און די פאַקטען, וואָס שפּיעלען זיך איצטער אָב, אָבער וואָס וועט קיינמאָל ניט קאָנען איבערגעהן פון די איינצעל־פאַקטען צו די געזעצען, וואָס ליעגען אויף זייער גרונד.

אָט דער ניכטערער, קריטישער בליק אויף דעם איצטיגען מעמד אין דער מעגליכער צוקונפט פון דער געזעלשאַפטס־וויסענ־שאַפט, צו וועלכען איך שטעה צו, איז געווים ניט גאָר קיין ראַזע־ווער. אָבער ער האָט געמוזט פריהער אָדער שפּעטער אריינדרינגען אין דעם מוח פון יעדען ערנסט־דענקענדען סאָציאָלאָג.

אין די ערשטע קינדער־יאָהרען פון דער סאָציאַלער וויסענ־שאַפט האָבען איהרע בעשאַפער גאַנץ געווים געהאַט א רעכט צו

טרוימען װעגן אזא צושטאנד אין איהר, װען זי װעט קאנען דער מענשהייט געבען די מעגליכקייט, פאראויסצוזעהן די ערשיי־נונגען אקוראט אזוי פינקטליך, װי מיר טהוען דאס אין דער אס־טראנאמיע און אין דער מעכאניק.

יעדע װיסענשאפט הויבט אן, װי א מוזיקאלישע אפער, מיט א פרעלױדיע, אין װעלכער עס װערען אויפגעפיהרט יענע מאטיװען, װאס דארפען זיך בעװייזען און פאנאנדערװיקלען א סך שפעטער, אין דעם פערלויף פון איהרע אקטען. און אזוי האבען אויך די ערשטע סאציאלאגען, — אן אגיוסט קאנט, א קארל מארקס, א קעטטלע, א טפענסער, א שעפלע, — בעת זיי האט זיך געדוכט, אז זיי האבען שוין אויסגעפונען די ריכטיגע מעטהאדען װי אזוי צו בעקומען סאציאלאגישע געזעצען; אז זיי האבען שוין אנטפלעקט די סודות פון דעם סאציאלען לעבען, און אז זיי קאנען שוין פאראויס־זעהן די צוקונפט פון דער געזעלשאפט, — אין דער אמת׳ען, ניט מעהר װי אויסגעשפיעלט פאר אונז שעהנע פרע־לױדיעס, אין װעלכע יעדער געלערנטער האט אויף זיין אופן אויסגעפאנטאזירט א חלום פון א פארטיגער װיסענשאפט, — א חלום, װאס קאן מקוים װערען, אויב ער קאן איבערהויפט מקוים װערען, ערשט נאך דורות און דורות פון ערנסטען זוכען און פארשען.

איך װיים גאנץ גוט, אז מיר האבען עד היום א סך סאציא־לאגען, װאס חלומ׳ען נאך איצטער דעם זעלביגען חלום אויפ׳ן װאהר. דערהויפט די מארקסיסטען, װאס דער רוב פון זיי גלויבט נאך עד היום, אז זייער לעהרער, קארל מארקס, האט אויסגעשמידט אלע אייזערנע געזעצען פון דער געזעלשאפטליכער ענטװיקעלונג און האט כמעט װי מאטעמאטיש אויסגערעכענט די צוקונפט פון דער מענשליכער געזעלשאפט. דער מאדערנער קאפיטאליזם, האט ער „בעװייזען", „מוז" פריהער אדער שפעטער ארויס־רופען א סאציאלע רעװאלוציע אנטקעגען זיך און איבערגעהן אין א קאלעקטיװיסטישע געזעלשאפטס־פארם. איך װיל זיי אבער דערמאהנען, אז זייער לעהרער, קארל מארקס גופא, װי שטארק ער האט ניט געגלויבט אין די װיסענשאפטליכע זיכערקייט פון זיינע פארשונגען, האט, אין די קריטישערע מינוטען פון זיין דענקען אליין צוגעגעבען, אז ער זעהט אין דעם ניט קיין אייזערנעם „מוז".

אַלץ, וואָס ער נעהמט זיך אונטער פּאַראויסצוזעהן אין זיין וויסענ־שאַפטליכער נביאות, בעשטעהט אין דעם, אז נאָך דעם רעוואָליו־ציאָנערען צונויפשטויס פון דער בורזשואזיע און דעם פּראָלעטאַר־יאט אין זייער אונפערמיידליכען קלאַסען־קאַמפּף מוז אָדער ארויסשפּרינגען אַ קאָלעקטיוויסטישע געזעלשאַפט, אָדער פון דער גאַנצער מאָדערנער קולטור וועט ווערען אַ תל.

הייסט עס, אַז אויך דאָ האָבען מיר ניט קיין אַבסאָלוטע נביאות פאַר אונז. עס איז אַן אָדער יע, אָדער ניט. און איז אויך די איינציגע ברירה, וואָס קאַרל מאַרקס האָט איבערגעלאָזען פאַר דער געזעלשאַפט, באמת אַ ריין וויסענשאַפטליכע? ווערט ניט די אונפערמיידליכקייט פון דעם סאָציאַל־רעוואָליוציאָ־נערען צונויפשטויס ערנסט אָבגעפרעגט אפילו פון סאָציאַליסטישע פאָרשער? געווינט ניט מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר וואָג יענער געדאַנק פריעדריך אַלבערט לאַנגע׳ס, אז דער „ריש“, מיט וועלכען די רעוואָליוציאָן שיידט זיך אָב פון דער עוואָליוציאָן, ליעגט גאָר אין די הענד פון די הערשענדע קלאַסען און אז זייער טאַקטיק קאָן פיהרען צו אַ פריעדליכען איבערגאַנג אין אַ העכערע געזעלשאַפט־ליכע פאָרם? און איז שוין דאָס אַזוי געוויס, אַז די העכערע פאָרם מוז אומעטום און ביי אַלע פעלקער זיין די קאָלעקטיוויסטישע, ווי קאַרל מאַרקס האָט זי ארויסגעפונען?

דער קאָלעקטיוויזם, קאָן זיין, איז דער בעסטער אידעאַל פאַר דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען. דער רעוואָליוציאָנערער צונויפשטויס פון פּראָלעטאַריאַט און בורזשואזיע, קאָן זיין, איז דער בעסטער וועג, ווי אַזוי יענעם אידעאַל אריינצופיהרען אין לעבען. אָבער דאָס זענען אידעאַלען, צו וועלכע מיר האָבען אַ רעכט צו שטרעבען, אויב מיר גלויבען אין זייער ווערטה פאַר דער מענש־ליכער ענטוויקעלונג, אָבער בשום אופן ניט קיין וויסענשאַפטליך פאָראויס־געזעהענע עטאַפּען, צו וועלכער די געזעלשאַפט ווערט געטריעבען „מיט אַן אייזערנער נויטווענדיגקייט“.

מיט די פאַר בעמערקונגען, וואָס זענען זעהר נויטיג פאַר אונ־זער ענין, וואָלט איך בשום אופן ניט געוואָלט ארויסרופען אין אייך דעם איינדרוק, אַז אין דעם געזעלשאַפטליכען לעבען זענען לחלוטין ניטאָ קיין אייזערנע נויטווענדיגקייטען. דאָס קאָן קיין מענש ניט

וויסען. איך זאָג נאָר, אַז לעת־עתה קאָן אונזער יונגע וויסענשאַפט ניט נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע, אויסצוגעפינען זיי, אויב זיי זענען דאָ, ווייל אין בעסטען פאַל פעהלט איהר נאָך דער נויטיגער מאַטעריאַל און די פּאַסענדע מעטהאָדען. לײדער קאָן איך מיך דאָ ניט אָבשטעלען באריכות אויף דעם פּונקט, וועלכען איך האָב אַ ביסעל נעהנטער בעטראַכט אין מיין אַרטיקעל: „די געשיכטס־פילאָסאָפיע און דער ענדציעל“. *)

אָבער סיי פון די אַרגומענטען, וואָס איך האָב געבראַכט אין יענער אַרבייט, סיי פון די, וואָס איך האָב פאַר אייך איצטער ענטוויקעלט, קומט אַרויס מיט „אייזערנער נויטווענדיגקייט“, אַז יעדער איינער, וואָס טראָגט זיך נאָך עד היום אַרום מיט קינדערישע פּראָיעקטען פון נייע סאָציאַלע נביאות, אָדער מיט דעם גלויבען אין די סאָציאַלע נביאות׳ען פון דעם פאָריגען יאָהרהונדערט, האָט פשוט קיין ברעקעל אַהנונג ניט וועגען דעם, וואָס אַזוינס איז וויסענשאַפט און אין אַ וועלכען צושטאַנד עס געפינט זיך איצטער די סאָציאָלאָגיע.

איהר קאָנט דעריבער פערשטעהן, וויפיעל וויסענשאַפטליכען ווערטה מיר קאָנען צושרייבען צו יענער נביאות וועגען די פעלקער אין אַמעריקאַ, וואָס זאָגט אונז מיט אַזאַ „אַסטראָנאָמישער“ זיכערקייט, אַז אין די „אייזערנע געזעצען“ פון דער אַמעריקאַנער ענטוויקלונג איז שוין אויף אייביג אָנגע׳חתמ׳עט געוואָרען דער גורל פון אַלע פעלקער, וואָס וואוינען איצטער אין די פעראייניגטע שטאַאַטען; אַז זיי אַלע מוזען ניט נאָר בילדען איין איינציגע עקאָנאָמישע געזעלשאַפט מיט די איינגעבוירענע אַמעריקאַנער, ניט נאָר אויפבויען איין איינציגע מעכטיגע פּאָליטישע נאַציאָן, — דאָס טהוען זיי שוין איצטער. ניין, זיי מוזען זיך נאָך צונויפגיסען אין איינעם מיט די אַמעריקאַנער אין איין איינציגער פאָלקגעמיינשאַפט, מיט איין שפּראַך און איין אַרט לעבען, — קורץ, אַז זיי מוזען פריהער אָדער שפּעטער פערשווינדען אין דעם שמעלץטאָפּ פון דער אַמעריקאַנער קולטור.

לאָזט מיך דאָ, איידער מיר געהען ווייטער, אַ ביסעל קלאָרער

*) זעה באַנד 3 פון דער יעצטיגער אויסגאַבע פון מיינע ווערק.

שטעלען די נפקא מיניה, וואָס איך מאַך דאָ צווישען פאָלק און נאַציאָן. דאָס וואָרט „נאַציע" ווערט געברויכט ביי פערשיידענע געלעגענהייטען אין אַ גאַנץ פערשיידענעם זין. אין דער דיפּלאָמאַטיע, צ. ב., בעטייט נאַציע אַזאַ קערפּערשאַפט, וואָס פיהרט אַ זעלבסטשטענדיגען פּאָליטישען לעבען, וואָס איז שטאַאַט־רעכטליך סואווערען איבער איהר לאַנד. כל זמן איטאַליע איז געווען אונטעריאָכט אונטער עסטערייך, איז זי נאָך ניט געווען קיין נאַציע אין דעם פּאָליטישען זין פון דעם וואָרט. דאָס פּוילישע פאָלק, וואָס האָט פערלאָרען זיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט, איז איצטער אויך נאָך ניט קיין נאַציע אין דעם זעלביגען זין. אידען זענען פון דעם שטאַנדפּונקט נאָך אודאי ניט קיין נאַציאָן. אָבער דערזעלביגער אויסדרוק: „נאַציע" ווערט אויך אָנגעווענדט, כדי אָנצורופען מיט איהם יעדען פאָלק, אַפילו ווען עס האָט ניט קיין פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט. אַזוי רעדט מען, צ. ב., וועגען דער פּוילישער נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ליטעראַטור, ד. ה. וועגען אַלע ווערק, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען אין דער פּוילישער שפּראַך. אַזוי רעדט מען אויך פון אידישע נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען און אידישע נאַציאָנאַלע אינטערעסען, ווען אַפילו מען האָט דערביי אַ ברעקעל ניט אין זינען די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיגקייט פונ'ם אידישען פאָלק. פון דער אַנדער זייט קאָן מען אָבער אויך אָנרופען „פאָלק" אַלע בירגער פון איין מדינה, ווען אַפילו זיי געהערען צו פערשיידענע נאַציעס, ווי צ. ב., דאָס שווייצערישע „פאָלק", וואָס נעהמט אריין אין זיך דייטשען, פראַנצויזען און רהעטאָראָמאַנער, אָדער דאָס בעלגישע פאָלק, וואָס בעשטעהט פון פלאַמאַנדער, וואַללאָנען און אַ ביסעל דייטשען, אָדער ווי דאָס אַמעריקאַנער פאָלק, וואָס איז צונויפגעפלאָכטען פון „כל המינים שהוא".

איהר זעהט: די שפּראַך האָט נאָך ניט אַרויסגעקריסטאַליזירט קיין בעזונדערע ווערטער פאַר די פערשיידענע בעגריפען, און מען האָט גאַנץ געווים אַ רעכט צו רעדען, צ. ב., וועגען די נאַציעס פון דעם בעלגישען פאָלק, ווי אויך פון די פעלקער פון דער בעלגישער נאַציע. און קיין גרויסער גרייז וואָלט ניט געווען, ווען מען וואָלט אויך געזאָגט: די פעלקער פון דעם בעלגישען פאָלק, אָדער די נאַציעס פון דער בעלגישער נאַציע, אויב מען וואָלט דערביי געהאַט

געגען דעם חלוק אין זינען, אז איין מאל ווערט דאס וואס געברויכט אין אן עטנאלאגיש־קולטורעלען זין און דאס אנדער מאל — אין א ריין פאליטישען זין.

עס וואלט אפשר געוועזען ניט שלעכט, ווען מען וואלט פאר דעם בעגריף פאלק אין עטנאלאגישען זין אומעדום אנגעווענדעט דעם אויסדרוק נ א צ י א נ א ל י ט ע ט. א פאלק מיט פאליטישער זעלבסטשטענדיגקייט זאל מען יעמאלט רופען נ א צ י ע און ניט „נאציאנאליטעט“, און די סומע פון איהרע בירגער זאל הייסען: „פאלק“. אבער געהט, מאכט עפעס מיט דער מענשליכער שפראך! איהר לאגיק שטאמט הפנים ארויס פון דעם אוטאפיסטישען שטאנדפונקט, — וואס איז א מאל, א מאל געוועזען א רעאלע ווירקליכקייט, — אז יעדע נאציאנאליטעט דארף זיין א פאלק פאר זיך און ממילא האבען אלע רעכט פון א פאליטיש זעלבסטשטענדיגער נאציע. דערפאר מישט זי צונויף די אלע דריי בעגריפען — נאציאנאליטעט, נאציע און פאלק, — אין איינעם — און ביז יענע אוטאפיע וועט מקוים ווערען — אויב זי וועט איבערהויפט ווען עס איז מקוים ווערען — וועלען מיר זיך מוזען רעכענען מיט דעם פאקט, אז א נאציע, ווי איינהייטליך זי זאל ניט זיין פאליטיש, קאן בעשטעהן פון א סך פעלקער, וואס וועלען קיינמאל ניט ווערען פאליטיש גאנץ זעלבסטשטענדיג אין די גרעניצען פון איהר לאנד. אזא נאציע איז, צ. ב., נאך מיין מיינונג נאך, אמעריקא, אדער ריכטיגער די פעראייניגטע שטאאטען, — אן איינהייטליכע פאליטישע קערפערשאפט, וואס בעשטעהט דערווייל עטנאלאגיש און קולטורעל פון פערשיידענע פעלקער אדער נאציאנאליטעטען. אט די אלע נאציאנאליטעטען מוזען, לויט דער טהעאריע פון דעם „מעלטינג־פאט“, זיך צונויפגיסען אין איין־איינציגע עטניש־קולטורעלע קערפערשאפט, אין איין־איינציג פאלק.

אומזיסט וועט איהר פערלאנגען, מען זאל אייך אויפווייזען אויף יענע „אייזערנע געזעצען“, וואס פיהרען דערצו. איהר זאלט, לכל הפחות, קאנען א פרוב טהאן, וואס פאר אן ארט „אייזען“ דאס איז און ווי שטארק די געזעצען זענען געשמידט. אין קיין אונטערזוכונג וועט איהר ניט געפינען קיין איין סאציאלאגישען כלל, פון וועלכען איהר זאלט קאנען ארויסדריגען יענעם גזר־דין „למות“.

וועלכע די דאָזיגע נביאות ברענגט אַרויס פאַר די ניט ענגלישע פעלקער, שפּראַכען און קולטורען, וואָס לעבען איצטער אין די פעראייניגטע שטאַאַטען.

און ווען איהר טרעט צו צו די דאָזיגע „נביאים" מיט אייער דרינגענדער פאָדערונג, מען זאָל אייך ברענגען ריינע עקזאַקטע וויסענשאַפטליכע בעווייזען, גיבען אונז די ניכטערסטע פון זיי אַזאַ מין ענטפער: מיר זענען אויך ניט קיין קליינע קינדער אין וויסענשאַפטליכע ענינים; מיר ווייסען, ברוך השם, אויך גאַנץ גוט די גרויסע נפקא מיניה, וואָס צווישען אַסטראָנאָמיע און סאָציאָלאָגיע, און מיר ווילען גאָר קיינעם ניט פאַר־שווינדלען קיין „אייזערנע געזעצען". מיר בויען אונזער נביאות ניט אויף וועלכע עס איז אַבסטראַקטע „געזעצען" פון דער אַמעריקאַנער ענטוויקעלונג, נאָר אויף די קאָנקרעטע אייזערנע „טענדענצען" פון דעם אַמעריקאַנער לעבען. מען דאַרף זיין בלינד, זאָגען זיי, ניט איינצוזעהן, אַז יעדעס פאָלק, וואָס קומט אין אונזער לאַנד, פערליערט אַלץ מעהר און מעהר זיין שפּראַך און זיין קולטור, נעהמט איין אין זיך אַלץ מעהר און מעהר דעם שטייגער פון דעם אַמעריקאַנער לעבען, — דעם אַמעריקאַנער'ס קליידונג, שפּראַך, געוואָהנהייטען און אינטערעסען. און אויב דער אַלטער דור טראָגט נאָך אפשר אַ בענקשאַפט אין זיין האַרצען צום אַלטען היימישען לעבענס־פיהר, איז פול די ברוסט פון דעם יונגען דור מיט דעם נייעם פאָלקס־לעבען פון דעם נייעם לאַנד. געהט ניט אַזוי דאָס לעבען פון אַלע פעלקער מיט אייזערנע טריט צו איין און דעם זעלביגען ציעל? „קאָן ווער עס איז, פרעגען זיי, אויפהאַלטען אַט דעם אייזערנעם גאַנג?"

הייסט עס, ניט געזעצען, נאָר טענדענצען זיצען צום משפּט אויף דאָס לעבען פון די פעלקער, און פון דעסטוועגען ברענגען זיי אַרויס איין־און־דעמזעלביגען גזר־דין!

איך וויל בשום אופן ניט לייקענען, אַז אַזעלכע טענדענצען זענען דאָ. די טאָג־טעגליכע ערפאַהרונג אַנטפּלעקט זיי אויף יעדען שריט און טריט; און ווען אַפילו מען קאָן נאָך זיין גריילעך אין ספק, אויב דער אַמעריקאַנער טעפּעל האָט שוין באמת אַלץ איבערגעקאָכט, וואָס איז אַריינגעפאַלען אין איהם, מוז מען דאָך מודה זיין, אַז עס שפּיעלען זיך אָב אין דעם אַמעריקאַנער לעבען פּראַ־

צעסען, וואס זענען זעהר נאהענט צו די, וועלכע מען האט כאראק־טעריסטיש א נאמען געגעבען „דער אמעריקאנער שמעלץ־טאפ“. מיר וועלען שפעטער זעהן, אין וואס עס בעשטעהט דער ריכטיגער תוך פון דער אמעריקאנער אסימיליאציע. דערווייל מוזען מיר אבער שארף אונטערשטרייכען, וואס די ניכטערסטע אנהענגער פון דער „מעלטינג־פאט“־טעאריע גיבען אליין צו: אז מיר האבען דא צו טהאן ניט מיט געזעצען, נאר מיט טענדענצען. דאס איז זעהר און זעהר א וויכטיגער פונקט, אויף וועלכען מיר מוזען קאנצענטרירען אונזער גאנצע אויפמערקזאמקייט. די, וואס זאגען זיך אב פון דעם „געזעץ“, ווייל זיי בענוגענען זיך מיט דער „טענ־דענץ“, און גלויבען פארט באמונה שלימה, אז די צוקונפט פון אלע פעלקער אין אמעריקא איז דער „מעלטינג פאט“, פערשטעהען נאך הפנים אליין ניט די נפקא מיניה, וואס הערשט צווישען א געזעץ און א טענדענץ; זיי איז הפנים נאך אליין ניט אין גאנצען קלאר דער פאקט, אז דער גזר־דין פון א טענדענץ, ווי שטארק עס זאל ניט זיין איהר ווירקונג אין לעבען, קאן בשום אופן ניט טראגען אין זיך אזא געוויסהייט פאר דער צוקונפט, ווי דער גזר־דין פון א געזעץ.

וואס איז געזעץ? וואס איז טענדענץ? וואס איז דער חלוק צווישען זיי? מיר וועלען זיך דא ניט ארײנלאזען אין אבסטראקטע, לאגישע און ערקענטניס־טעארעטישע אונטערזוכונגען און דעפיני־ציאנען. מיר וועלען בעסער נעהמען א פאר קאנקרעטע ביישפיע־לען פון א געזעץ און א טענדענץ, און דאס וועט אונז, האף איך, קלאר מאכען דעם מהות פון זייער חלוק.

עס איז דא א געזעץ, אז אלע מענשען זענען שטערבליך. דאס איז — לכל הפחות פאר אונזער איצטיגען וויסען — אן אייזערנער געזעץ. קיינעם וועט ניט ארויף אויפ'ן זינען צו זאגען, אז דער מענש „האט א טענדענץ“ צו שטארבען. דער טויט איז ניט אזא ענד־סטאנציע אין דעם מענשענ'ס לעבענס־לויף, צו וועלכען ער קאן זיך דערנעהנטערן מעהר אדער ווייניגער, וועלכען ער קאן אפשר דערגרייכען ניט אין גאנצען, אדער וועלכען ער קאן, אין אן אויס־נאהמס־פאל, אפשר אין גאנצען אויסמיידען. דער געזעץ פון טויט איז אבסאלוט. די ענד־סטאנציע מוז דערגרייכט ווערען

גאַנץ, און ווערט די ענד־סטאַנציע דערגרייכט, איז מען יעמאָלט ניט „מערער אָדער ווייניגער טויט", נאָר טויט אַלע מאָל אויף דעם העכסטען, פאָלקאָמענסטען גראַד, „בתכלית השלמות". און עס איז ניטאָ קיין יוצא מן הכלל פון דעם דאָזיגען געזעץ. מען קאָן אפשר פערציהען זיין אריינטרעט אין „לעבען", — אָבשטעלען איהם, אָבער אין גאַנצען פערהאַלטען איהם איז אַ זאַך פון דער אַבסאָלוטער אונמעגליכקייט. יעדער געזעץ איז, ווען מען בעטראַכט דאָס נעהנטער, אַ סכום פון קרעפטען, אַ סכום פון נויטווענדיגע אייגענשאַפטען, וואָס זייער מאַיאָריטעט ווירקט אַלע מאָל אין איין און דער זעלביגער ריכטונג און וואו די להיפך'דיגע ווירקונגען בלייבען אַלע מאָל אין אַ מינאָריטעט, מוזען אַלע מאָל ווערען שוואַכער, ביז עס קומט דער לעצטער זיעג, וואָס טרעט אריין מיט אַ געוואַלטיגער קראַפט, וואָס ווירקט מיט דער אונפערמיידליכקייט פון טויט. די ענד־סטאַנציע, צו וועלכער אַ געזעץ פיהרט, מוז דערגרייכט ווערען אָהן אַן אויסנאַהם און מוז דערגרייכט ווערען גאַנץ. דער סכום פון קרעפטען, אָדער נויטווענדיגע אייגענשאַפטען, וועמעס ווירקונג עס דריקט זיך אויס אין אַ „געזעץ", איז אַלע מאָל אַ סיסטעם, וואָס איז אָבגעשלאָסען אין זיך גופא, און וואָס קאָן ניט צולאָזען קיין נייע קרעפטען, וואָס זאָלען אויף אַ וועלכען עס איז אופן קאָנען פערענדערן דעם ענד־רעזולטאַט.

איז דאָס אויך אַזוי מיט אַ טענדענץ?

בשום אופן ניט!

אַ טענדענץ איז אויך אַ סכום פון מעהרערע קרעפטען, פון מעהרערע אייגענשאַפטען, אָבער אַזאַ סכום, וואו די מאַיאָריטעט, ווי שטאַרק זי זאָל ניט זיין אין אַ געוויסען מאָמענט, איז קיינמאָל ניט זיכער מיט'ן זיעג, ווייל דער גאַנצער סכום איז ניט קיין אָבגעשלאָסענער סיסטעם, אין וועלכען נייע קרעפטען זאָלען ניט קאָנען אריינדרינגען פון דרויסען. די מינאָריטעט, וואָס געהט להיפך צו דער ריכטונג פון דער מאַיאָריטעט, קאָן גאָר פלוצלונג און ניט פאָראויסגעזעהענערהייד פערשטאַרקט ווערען דורך נייע כחות, וואָס קאָנען אין דעם פערלויף פון דעם פראָצעס בעקומען אַזוי פיעל מאַכט איבער דעם פריהערדיגען מעמד, אַז די גאַנצע טענדענץ ווערט אָבגעשוואַכט, און די ענד־סטאַנציע, אָדער דער ענד־צו־

שטאנד, צו וועלכען זי שטרעבט, ווערט דערגרייכט ניט אין גאנצען, נאר אין א געוויסען גראד פון פאלקאמענהייט, אין א געוויסען מעהר אדער ווענינער.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. די כחות פון דער מינאריטעט קאנען פערשטארקט ווערען אזוי, אז זיי זאלען אין גאנצען בעקומען די אויבערהאנד איבער די כחות פון דער מאיאריטעט און פריהער אדער שפעטער לגמרי אבהאקען זייער ווירקונג. דער ענד־צו־שטאנד, וואס איז געלעגען אין דער פריהערדיגער טענדענץ, ווערט ניט נאר דערוויטערט, ניט נאר אבגעשוואכט אין זיין מהות, נאר אין גאנצען אויסגעשלאסען, ווייל עס וואקסט אויס אן אומגע־קעהרטע טענדענץ, וואס שלעפט דעם פראצעס אין אן אומגעקעהר־טער ריכטונג. עס פערשטעהט זיך, אז אויב די נייע מאיאריטעט איז אויך ניט מעהר ווי א טענדענץ, אז אויב אויך זי קאן ניט אב־געשלאסען זיין פון נייע כחות, וואס זאלען בעווייזען זייער ווירקונג אויף איהר, איז אויך איהר טריאומף ניט קיין זיכערער, אדער ניט קיין זיכערער אויף אייביג. נייע קרעפטען קאנען אריינטרעטען אין שפיעל, זיי קאנען אין דער פער׳חלש׳טער מאיאריטעט אריינ־פליסען א נייעם אימפעט, און דאס שפיעל הויבט זיך אן פון דאס ניי.

טראכט זיך אריין אין דעם פאלגענדען ביישפיעל פון א טענ־דענץ. אין די געבירגען קאן זיך א מאל טרעפען, אז איינער פון די אייביגע בערג בעקומט פלוצלונג די טענדענץ פאנאנדערצופאלען. זיין מאסע בעשטעהט, לאמיר זאגען, פון גרעסערע און קלענערע פעלזען־שטיינער, וואס ווערען צונויפגעהאלטען אין איינעם דורך שיכטען פון קאלך און ליים. ער איז געוועזן בעדעקט מיט א גע־דיכטען וואלד, וועמעס ווארצלען עס זענען געלעגען צונויפגעפלאכ־טען ארום די שטיינער און וואס האבען געצויגען זיך פון שטיין צו שטיין. אבער אט האט א וועלכע עס איז סבה צושטערט דעם גרעסטען טייל וואלדונג אויף איהם און ארום איהם. מענשען האבען אויסגעהאקט א טהייל בוימער, אדער שריפות האבען געמאכט פון זיי א תל, און דער גאנצער באלאנס פון קרעפטען, וואס האט אויפגעהאלטען דעם בארג, איז פלוצלונג געווארען צושטערט. בים־לעכווייז, ביסלעכווייז האבען די ווארצלען גענומען פוילען, טריקע־

נען, צופולוווערט ווערען און האָבען אָבגעדעקט די שיכטען פון קאַלך און ליים פאַר דער פרייער ווירקונג פון ווינד און רעגען. דער רעגען האָט ביסלעכווייז צושווענקט און דער ווינד האָט ביסלעכווייז פאַרוויטערט דעם קאַלך־און־ליים־צעמענט, וואָס האָט פעסט צונויפגעהאַלטען די שטאַרקע פעלזען־שטיינער, און זייער גלייכגעוויכט האָט זיך גענומען האַלטען אויף אַ האָר. אַ שטאַרקער דונער אָדער אַ פּלאַץ־רעגען קאָן יעמאָלט ברענגען מיט זיך אַ שרעקליכען באַרג־שטורץ, וואָס קאָן בעגראָבען אונטער זיינע ריעזען־שטיינער גאַנצע דערפער אין טהאָל.

אָפטמאָל קומט דער באַרג־שטורץ ניט מיט אַ מאָל און ניט אין אַזאַ קאַטאַסטראָפאַלער פּלוצליכקייט. קלענערע באַרג־שטורצלעך זאָגען אויף אַ פריהער אָן, אַז מיט דעם באַרג איז עפּעס ניט גלאַט. יעמאָלט קומען די געלערנטע געאָלאָגען, מיט זייערע העמערלעך און גראָב־אייזענדלעך אין די הענד, און קריכען ארויף אויף דעם באַרג, טאַפּען אויס זיין דופק, שטודירען גענוי אויס, פון וואָס ער בעשטעהט, דרינגען קלאָר אריין אין דעם איצטיגען באַלאַנס פון זיינע קרעפטען און טראַגען נאָך דעם ארויס דעם וויסענשאַפטליך אַבסאָלוט ריכטיגען דיאַגנאָז און פּראָגנאָז: דער באַרג האָט בעקומען די „חולה־נופלים׳דיגע“, ער האָט די טענדענץ צו פערוויטטערן. פריהער אָדער שפּעטער וועט פון איהם בלייבען נאָר אַ קליינער טהייל, אָדער זיינע פעלזען און ערד־מאַסען וועלען אין גאַנצען פערשיטען דעם טהאָל.

די געאָלאָגען זענען אין זייער וויסענשאַפטליכער נביאות דורכאויס גערעכט, און דורכאויס פערנינפטיג איז אויך זייער פאָדערונג, וואָס זיי פאָדערן פון די טהאָל־איינוואוינער, זיי זאָלען זיך ניט פערלאָזען אויף גאָט׳ס בעראָט, וואָס גיכער אַנטלויפען פון דער געפעהרליכער שכנות, אָדער אפשר מיט קינסטליכע מיטלען נאָך שטאַרקער מאַכען זיין טענדענץ, פאַנאַנדעררייסען דעם באַרג מיט דינאַמיט, כדי אויף אייביג פּטור צו ווערען פון דער סכנה, וואָס הענגט איבער זייערע קעפּ.

אָבער מיט דעם דאָזיגען, צום טויט פער׳משפּט׳ען באַרג קאָן אַ מאָל טרעפען אַזאַ מין ניט פאָראויסגעזעהענע זאַך. „געפלויגען, געפלויגען אַ גילדערנער פויגעל“ — און אפשר ניט קיין גיל־

דערנער — איבער ווייטע־ווייטע ים'ען און האט זיך אויף א ווייל־ע אבגעשטעלט אויף א פערוואָרפענער אינזעל. דאָרטען האבען זיך צו זיינע פיסלעך צוגעקלעפט מיט דעם קייט פון דעם באָדען קליי־נינקע קערנדלעך פון א לעבענס־קראפטיגער קלעטטער־פלאנץ, וואס ווארפט זיך פאנאנדער אין דער ברייט און אין דער לענג, וואו נאָר זי געפינט א שטיקעל מקום־חיונה. פליהענדיג צוריק צו דעם מענשליכען ישוב, האט זיך דער פויגעל אראבגעלאזט רוהען אויף אונזער גוסס'ען בארג און איבערגעלאזען אויף איהם די קע־רענדלעך פון דעם מערקווירדיגען געוועקס. ביי דער ערשטער גע־לעגענהייט האבען זיי זיך א נעהם געטהאן וואקסען און וואקסען, און אין איינע פאר יאהר זיינען זיי פאר אונזער בארג באמת גע־ווארען א תחית־המתים פלאנץ. וואו נאר א שפאלט, וואו נאר א ריס האבען זיי אריינגעלאזען זייערע ווארצלען, וואו נאר א פרייער פלאץ האבען זיי זיך צונויפגעפלאכטען מיט זייערע אדערן, וואס זענען שטארק ווי דראט, און אין א משך פון א פאר פלאנצען־דורות האבען זיי ארומגענומען דעם קראנקען בארג ארום און ארום ווי מיט אן אייזערנעם רייף, וואס ווערט אלץ שטארקער פון דור צו דור.

טהוט איהר איצטער א בליק אויף דעם בארג, וועט אייך שוין בשום אופן ניט ארויף דער געדאנק, אז ער קאן ווען עס איז פאנאנדערפאלען.

וואס איז געווארען פון דער פריהערדיגער טענדענץ? זי איז לגמרי פערשוואונדען, ד. ה. די כחות, וואס האבען זיי ארויסגע־בראכט אין לעבען זענען איבערגעשטארקט געווארען פון אנדערע נייע כחות, וואס האבען געהאט אין זיך אן אומגעקעהרטע טענדענץ.

דערפון איז, האף איך, קלאר געדרונגען, ווי פארזיכטיג מען מוז זיין, ווען מען וויל בעשטימען דעם צוקינפטיגען גאנג פון א וועלכער עס איז געשיכטליכער ערשיינונג אויף דעם גרונד פון יענע טענדענצען, וואס מיר בעמערקען אין דער פערגאנגענהייט און געגענווארט. ווער וויים, וועלכע קערענדלעך עס ליעגען פער־בארגען אין דעם מארגעדיגען יאג? ווער וויים, וואס פאר אן ארט פלאנץ זיי טראגען מיט זיך און ווי וועט די פלאנץ ווירקען אויף דעם גורל פון די הײַנטיקע טענדענצען?

קאָן מען דעם געדאַנק אָנווענדען אויך אויף דאָס לעבען פון די פעלקער אין אַמעריקע און אויף דעם אַזוי אָנגערופענעם „מעלטינג־פּאָט־פּראָבלעם?“ קאָן מען אויך דאָ מיט אַ געוויסען רעכט צווייפלען אין דעם ענדליכען טריאומף פון דער „מעלטינג־פּאָט“־טענדענץ? און ווען איך זאָג: „מיט אַ געוויסען רעכט“, מיין איך דערביי ניט יענעם רעכט פון דער ריינער לאָגיק, וואָס קאָן זיך טרייסטען מיט דער אַבסטראַקטער מעגליכקייט, אַז — ווער ווייס? — אפשר פּאַסירט מאָרגען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין חכם און קיין נביא האָט ניט געקאָנט פאָראויסזעהן. איך מיין דאָ יענעם רעכט, וואָס אונז גיט דאָס א י י נ ז ע ה ן, אַז אין דעם לעבען גופא זענען דאָ גאַנץ בעשטימטע טענדענצען, וואָס געהען להיפך צו דעם „מעלטינג פּאָט“; אַז עס זענען דאָ גאַנץ בעשטימטע טעמים, פאַר וואָס מיר זאָלען אָננעהמען, אַז יענע טענדענצען וועלען סוף־כל־סוף ארויסגעהן פון זייער לעת־עתה נאָך אפשר פערבאָרגענעם צושטאַנד און זיך אַקטיוו אריינמישען אין דעם גאַנג פון די ערשיינונגען?

וואָס מעהר איך האָב געטראַכט וועגען דעם ענין, וואָס מעהר איך בין בעקאַנט געוואָרען מיט דעם ווירקליכען לעבען פון אַמעריקע, אַלץ מעהר בין איך געקומען צו דעם רעזולטאַט, אַז אַזעלכע „אַנטי־מעלטינג־פּאָט“־טענדענצען, — אויב איהר וועט מיר ערלויבען צו בילדען אַזאַ וואָרט, זענען באמת דאָ אין דעם אַמעריקאַנער לעבען, אַז זיי קאָ נ ע ן, אונטער געוויסע אומשטענדען, ניט נאָר ארויסגעהן אין קאַמפּף מיט דער הערשענדער טענדענץ, נאָר אויך אפשר געווינען אין אַ לפי־ערך קורצער צייט דעם איבערוואָג איבער איהר, און אויף אַזאַ'ן אופן בעשאַפען אַ צוקונפט פאַר די פעלקער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, וואָס האָט זיך גאָר ניט גע'חלום'ט אונזערע חכמים און כלומרשט וויסענשאַפטליכע נביאים.

עס פערשטעהט זיך, אַז עס איז ניט אַזוי לייכט פאַנאַנדערצוקלייבען זיך אין יענע נייע טענדענצען, מחמת דעם פשוט'סטען טעם, ווייל זיי זענען נאָך ניי, נאָך ניט אַזוי ריין אויסגעקריסטאַליזירט, ווי דאָס, וואָס האָט שוין ארויפגעלעגט זיין קלאָרען שטעמפּעל אויף אַלע ערשיינונגען פון דעם אַמעריקאַנער לעבען. אָבער

מען דארף נאר א ביסעל טיעפער פאנאנדערגראבען די אויבער־פלעך פון די ערשיינונגען, א ביסעל נעהנטער זיך צוקוקען צו זייער גרונט, צו יענע פראצעסען, וואס שפיעלען זיך אב אין זייערע ווארצ־לען, און עס וועט אונז ניט שווער זיין צו דערקענען, וועלכע אנ־דערע קערענדלעך עס ליעגען שוין אין דעם גרונט, וועלכע ווארצלען זיי האבען שוין געלאזען פון זיך און וואס דארף זיין די נאטור און די ראליע פון די נייע פלאנצען, אויב זיי זאל זיך איינגעבען ארויסצורייסען זיך אויף דער אויבערפלעך און אנהויבען א קאמפף פאר לעבען, פאר לופט און ליכט מיט דעם איצט הערשענדען געוועקס.

קודם כל, לאמיר פרובען געווינען א ריכטיגען בעגריף וועגען דעם מהות פון יענעם „מעלטינג־פאט“, וועמעס אויבערהערשאפט אין לעבען עס קומט קיינעם ניט ארויף אויפ׳ן זין אבצופרעגען. איז אמעריקא ווירקליך א „שמעלץ־טאפ“ אין דעם פולען זין פון דעםווארט? זענען אויף אן אמת׳ען וועלכע עס איז פעלקער אזוי „אויסגעקאכט“ געווארען אין דער אמעריקאנער קולטור, אז פון זיי איז שוין קיין זכר ניט געבליעבען?

אין דער ערשטער צייט, ווען איך בין, מיט א יאהר אכט צוריק, געקומען קיין אמעריקא, איז ביי מיר, ווי ביי דאס רוב מענשען, מיט וועלכע איך האב גערעדט וועגען דעם, גאר קיין ברעקעל ספק ניט געוועזען, אז אזוי איז דאס די מעשה. די ענגלישע שפראך און די אמעריקאנער קולטור ווירקען ווי א צויבער־מאגנעט אויף די איינ־געוואנדערטע. מען קוקט זיך ניט ארום, ווי אין א יאהר צעהן־פופצעהן נאך זיין קומען אין לאנד, ווערט יעדער איינגעוואנדער־טער „אויסגעגרינט“, און ער איז שוין אין די וויכטיגסטע שטריכען פון זיין לעבען, — אין זיין שפראך, קליידונג, מאניערען און פאט־ריאטישען געפיהל, — דורך און דורך „אמעריקאניזירט“. און אויב ביי א גרויסען טייל פון דעם ערשטען דור ווערט דער פראצעס אין פערשיידענע גראדען פערלאנגזאמט אזוי, אז מען קאן ניט זעלטען געפינען איינגעוואנדערטע, וואס האבען זייער לעבען־לאנג, ביי דעם בעסטען ווילען, ניט געקאנט אין גאנצען ארויסשלעפען פון זיך די אלטע הויט, געהט דערפאר ביי דעם צווייטען דור די אסימיליאציע

מיט ריזען־שריט, און דער דריטער דור איז שוין אַן אמת'ער „יענקי".

ווען איך בין אָבער אַ ביסעל מעהר בעקאַנט געוואָרען מיט דעם לאַנד און מיט די פערטרעטער פון די פערשיידענע פעלקער, וואָס וואוינען אין איהם, האָב איך צו מיין בעוואונדערונג אויסגעפונען, אַז אַט דער כלל, ביי זיין גאַנצער קאָלאָסאַלער ווירקזאַמקייט, דאַרף ניט אויפגענומען ווערען אין אַזאַ אַלגעמיינעם זין, ווי מען טהוט דאָס אויף דעם ערשטען בליק. ער לאָזט צו דערוויילע אַ סך אויסנאַהמען אין אַ סך גראַדען.

ליידער זענען קיין ערנסטע פאָרשונגען ניט געמאַכט געוואָרען אין דעם ענין. דער אַלגעמיינער גלויבען אין דער אונבעגרעניצטער מאַכט פון דער אַמעריקאַנער אַסימיליאַציאָן איז אַזוי שטאַרק, אַז קיינער אינטערעסירט זיך ניט מיט די אויסנאַהמען, מיט די בעדינגונגען, וואָס פערלאַנגזאַמען איהר לויף. אָבער שוין די פּשוט'סטע ערפאַהרונג פון יעדען איינצעלנעם, וואָס האָט נאָר אַרומגערייזט איבער'ן לאַנד און געקוקט מיט אָפענע אויגען אויף דעם פּראָבלעם, וויים, צ. ב., אַז ניט ביי אַ ל ע פעלקער, וואָס קומען אַהער, שפּיעלט זיך אָב דער אַסימיליאַציאָנס־פּראָצעס אין איין־און־דעמזעלביגען טעמפּאָ.

איך רעד שוין דאָ ניט וועגען אַזעלכע, אין קולטור צוריקגעבליבענע פעלקער, ווי די כינעזער און יאַפּאַנעזער, וואָס קוקען אויף זייער זיין אין אַמעריקאַ, ווי אויף אַ צייטווייליגען עפּיזאָד אין זייער לעבען און אויף וועמען די אַמעריקאַניזאַציע האָט בדרך כלל געהאַט זעהר אַ קליינע שליטה. איך לאָז אויך אַרויס דאָס רוב איטאַליענער, וואָס איז אויך זעהר אויבערפלעכליך בעלעקט געוואָרען פון דער אַמעריקאַנער קולטור, ווייל אויך די איטאַליענער קוקען דאָס רוב אויף אַמעריקע ניט ווי אויף זייער אייגענע היים, וואו זיי און זייערע קינדער, און זייערע קינדס־קינדער עד סוף כל הדורות ז'אַרפען צוברענגען זייערע גאַנצע לעבענס. איך מיין דאָ יענע טיילען פון די אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס זענען געקומען אַהער אויף צו בלייבען. און אויך ביי זיי בעמערקען מיר דעם אינטערעסאַנטען פאַקט, אַז דער אַמאַלגאַמירונגס־פּראָצעס מיט דער אַמעריקאַנער בעפעלקערונג קומט ביי זיי פאָר, ביי יעדען פאָלק אין

א גאנץ פערשיידענעם גראד און אויף א גאנץ פערשיידענעם אופן.

לויט מיין אייגענע בקיאות אין דעם ענין, וואס איך האב צו־זויפגעזאמעלט אין א משך פון פינף־זעקס יאהר, — ווען איך זאל לאזען אן א זייט דעם אירלענדער און דעם ענגלענדער, מיט וועלכע איך בין אבסאלוט ניט בעקאנט, — איז דער בעסטער, דער וויכ־סטער עלעמענט, וועניגסטענס פאר אן אויסערער אסימיליאציע, דער דייטש און דער איד. קיינער ווארפט זיך ניט אריין מיט אזא חושק אין דעם שטראם פון „אמעריקאניזאציע" און קיינער כאפט ניט אזוי שנעל אויף דעם דרויסענדיגען שניט פון דער אמעריקאנער ארט, ווי די קינדער פון די צוויי נאר וואס דערמאהנטע פעלקער. אבער שוין די נארדישע פעלקער, ווי די פינלענדער, שוועדען, נאר־וועגער, און אויך די וועלשען פון ענגלאנד, זענען ווייט ניט אזא פלאסטישער מאטעריאל פאר דער אסימיליאציע, ווי די דייטשען און די אידען. שווערער פאר אלעמען גיט זיך אונטער דער פראנ־צויז, סיי דער קאנאדער, סיי דער אייראפעער. און צווישען די נארדלענדער און די פראנצויזען שטעהען די סלאווישע פעלקער, — די פויליען, רוסען, טשעכען און די אנדערע.

יעדעם פאלק ווייזט דא ארויס א געוויסע ווידערשטאנדס־קראפט אנטקעגען דעם אסימילירונגס־פראצעס, וואס איז ביי יעדען פאלק פערשיידען לויט דעם גראד פון שטארקייט און דער ארט פון ווירקונג.

אבער ווי פערשיידען די דאזיגע ווידערשטאנדס־קראפט זאל ניט ארויסטרעטען ביי די פערשיידענע פעלקער, קאן זי דאך גע־מאסטען ווערען דורך איינער אדער דער אנדערער אדער דורךביידע אין איינעם פון אט וועלכע גרונד־ערשיינונגען פון דעם נאציאנאלען לעבען.

ערשטענס, איז דאס די אומבעוואוסטע טרייקייט צו דער אייגענער שפראך און די אייגענע זיטען און לעבענס־געוואוינ־הייטען, וואס ווערען טראדיציאנעל, פון זיך אליין אבגעהיט אין דעם פאמיליען־לעבען. צווייטענס זענען דאס די נ א־צ י א נ א ל ע אינסטיטוציאנען, ווי אייגענע שוהלען, אן איי־גענע קירך, וואו דער גאטעס־דיענסט ווערט געפיהרט אין דער היימישער שפראך. איז — בעטראכט מען אט די ווידערשטאנדס־

קרעפטען ביי די פערשיידענסטע פעלקער, אנטפלעקען זיך אויף דא פאר אונז גאַנץ פערשיידענע אונערוואַרטעטע בילדער. מען האָט געקאָנט, צ. ב., מיינען, אז ביי די ניו־יאָרקער פראָנצויזען, וואָס האָבען זיך בדרך כלל דערהאַלטען בעסער, איידער אַלע אַנדערע עטנישע גרופּען פון ניו יאָרק, — אַז ביי זיי, זאָג איך, וועט איהר געפינען אַ גאַנצען סיסטעם פון פראַנצויזישע אינסטיטוציאָנען, וואָס האַלטען קינסטליך אויף די ליעבע און טרייקייט צו דער אייגענער שפּראַך און קולטור. צום סוף לאָזט זיך אויס, אַז די פראַנצויזען זענען אין דעם פּרט אַוועקגעשטעלט ערעמער, איידער אַ וואָסער איז אַנדער קולטור־פאָלק אין ניו־יאָרק. די פראַנצויזישע פּרעסע איז די ערעמסטע, וואָס מען קאָן זיך דענקען; ניטאָ קיין פראַנצויזישער טהעאַטער און קיין פראַנצויזישע שולען. אויך די היימישע ליטעראַטור פון קאַנאַדאַ און פראַנקרייך ווירקט גאָר ניט, אָדער זעהר קנאַפּ. „זיי לייענען איבערהויפּט גאָר נישט“, האָט מיר אַ מאַן, וואָס האָט לאַנג געלעבט צווישען די פראַנצויזען, געזאָגט. אָבער זיי בעזיצען אַ מאָדנעם פער'עקשן'טען אייגענעם הויז־און פאַמיליען־לעבען, וואָס מאַכט, אַז דער פראַנצויז קאָן לחלוטין ניט אונטערגעהן אין דעם שפּרודעלנדען קעסעל פון ניו־יאָרק. זיין ענגליש, — דער וואָס קען עס, ווייל ניט אַלע קענען עס, — געהערט צו די ערגסטע אַרטען ענגליש, וואָס ווערען גערעדט אין ניו־יאָרק, און אַזוי איז ער געבליעבען אין אַ משך פון דורות. און זיין פראַנצויז, — אַ גראָבער, אָרעמער אָבער ע ב ט ע ר פראַנצויז, — געהט איבער בירושה מיט דערזעלביגער גראָבקייט, אָרעמקייט אָבער עכטקייט פון דור צו דור.

צוריק איז אפשר קיין פאָלק ניט אַזוי רייך אין אינסטיטוציאָנען, וואָס זאָלען אָבהיטען די אייגענע נאַציאָנאַלע אַרט, ווי די מיליאָנען דייטשען פון אונזער לאַנד. אַ רייכע פּרעסע, אַ הויך־שטעהענדער טהעאַטער, אַ סיסטעם פון שולען און מיטעל־שולען, ווי צ. ב. די דייטשע גימנאַזיעס אין אָהייאָ, אַ לעהרער־סעמינאַר, אַן אונגעהייערע צאָהל פון געזאַנג־פעראיינען און טורן־פעראיינען, אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פּרעדיגט בעוואוסטערהייד די אָבהיטונג פון'ם „דייטשטום“, — צו וועלכער עס געהערט צ. ב. אַזאַ בעדייטענדע פּערזענליכקייט, ווי פּראָפ. מיונסטערבערג פון דער האַר־

וואַרד אוניווערזיטעט, — און פון דעסטוועגן הערען ניט אויף אין דער דייטשער פרעסע די אייביגע קלאַגען, אַז דאָס „דייטשטום" ווערט דאָ פערשוואונדען, פערטרונקען אין דעם אַלגעמיינעם אַמע־ריקאַנישען ים, און אַז די יונגע דורות ווילען גאָר נישט ניט וויסען פון דער דייטשער שפּראַך און דער דייטשער קולטור.

ווידער אַן אַנדער בילד בעווייזט פאַר אונזער אויג דאָס אי־דישע פאָלק. איך האָב געהאַט אין אַן אַנדער אָרט די געלעגענהייט אויסצורעכענען און צו שילדערן די פיער טענדענצען, וואָס קעמ־פּפען איצטער פאַר דער נשמה פון דער אידישער בעפעלקערונג אין אַמעריקע און וואָס דרינגען אַלע דורך אין זיין לעבען מיט אַ שטאַר־קער, שווער אַבצושטעלענדער קראַפט: דער סטיכיש־אַסימילאַטאָ־רישער און דער סטיכיש נאַציאָנאַלער, דער בעוואוסט אַסימילאַ־טאָרישער און דער בעוואוסט נאַציאָנאַלער.

בעוואוסט אַסימילאַטאָריש און אַמעריקאַניזירענד ווירקט די אַמעריקאַנער פאָלקס־שול און ווירקען אויך ריין אידישע אַנשטאַל־טען, ווי צ. ב. די „עדיוקיישאָנאַל אַלייענס" פון ניו יאָרק און כמעט אַלע אַנדערע אינסטיטוציאָנען, וואָס ווערען אויפגעהאַלטען פון די דייטשע „יהודים".

בעוואוסט־נאַציאָנאַל קעמפּפען פאַר דעם אידישען קיום אין אַמעריקע די יונגע גרופּען פון פּראָגרעסיווע נאַציאָנאַליסטען מיט זייער פרעסע, זייער מינדליכער פּראָפּאַגאַנדאַ, זייערע פעראיינען און זייערע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולען; ווי יונג די דאָזיגע ריכ־טונג זאָל ניט זיין, קאָן דאָך קיינער איצטער ניט לייקענען, אַז זי האָט שוין בעוויזען איהר שליטה אויף אַ סך מוחות און הערצער פון די פריהערדיגע אַסימילאַטאָרען און האָט זיך ביז צו אַ געוויסען גראַד אריינגעריסען אויך אין דעם גאַנג פון דעם אידישען לעבען בכלל. צו דערזעלבינער בעוואוסט־נאַציאָנאַלער טענדענץ מוז מען צורעכענען אויך די ארבייט פון די ציוניסטען, דער עיקר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי בעדיענען זיך אין זייער פּראָפּאַגאַנדאַ מיט דער אידישער שפּראַך. (העברעאיש — דאַרפט איהר וויסען זיין — האָט ניט אין זיך קיין אַסימילאַציאָנס־בעקעמפּפענדע קראַפט, ווייל דאָס ווערט ניט גערעדט פון דער אידישער בעפעלקערונג).

„דאָס אידישע פאָלק", דער צענטראַל־אָרגאַן פון די ציוניסטען אין

אידיש, מעג ווי שטורעמען אנטקעגען אונזער „זשאַרגאָן“, אָבער מיט יעדער נומער זיינער, מיט יעדען ווארעמען אויפרוף זיינעם צו דעם אידישען געפיהל, וואָס ער לאָזט ארויס אין אידיש, וועקט ער אויף אַ קראפט, — דאָס אידישע וואָרט, — וואָס געהט להיפך צו דער אַמעריקאַנישער אַסימילאַציע.

סטיכיש נאַציאָנאַל ווירקט דאָס אידישע טהעאַטער און דאָס אידישע ליעד, וואָס ווערט געזונגען אין דעם „מיוזיק־האָל“ און אויף אַלע עקען פון די אידישע שטראָסען; ווירקט די אידישע פרעסע, וועגען וואָס זי זאָל ניט רעדען; ווירקט דאָס אידישע פעראיינסלעבען; ווירקען לאָדזשען, חברות, „רינגען“, פערבאנדען, אָרדענס; ווירקט ביז צו אַ געוויסען גראַד דער פאַמיליען־פערקעהר מיט די אַלטע, „גרינע“ און מיט דער אַלטער, אייביג־גרינער היים אויף יענער זייט ים.

צוריק ווירקען אומבעוואוסט אַסימילאַטאָריש אַלע ווינדען פון דעם אַמעריקאַנער דרויסען, וואָס רייסען זיך אריין מיט אַזאַ אונגעהויערען, אומברחמנות׳דיגען, שאַרפען, קאַלטען און רויהען אימפעט אין אַלע ניט בעשיצטע שפּאַלטען און לעכער פון דעם אידישען לעבען: די גאַס און דאָס גאַסען־ליעד, די טאַנץ־שול, דער ביליגער ענגלישער טהעאַטער און דער „מיוזיק־האָל“, די ענגלישע גאַסען־פרעסע, דער פערקעהר מיט די אַמעריקאַנער בעהערדען.

אויך האָב איך געהאַט די געלעגענהייט אויפצואווייזען, ווי אַזוי די פּיער טענדענצען שטויסען זיך צונויף און ברענגען ארויס משונה׳דיגע פּראָדוקטען; ווי אַזוי צ. ב. אַזאַ זשורנאַל ווי „דהי מאַקאַביען“ איז לויט זיין בעוואוסטער טענדענץ שאַרף נאַציאָנאַליסטיש און דורך זיין שפּראַך אָבער — אומבעוואוסט אַסימילאַטאָריש; ווי אַזוי דער „פּאָרווערטס“, אָדער דער „מאָרגען־זשורנאַל“, וואָס זענען לויט זייער קלאָרער, בעוואוסטער טענדענץ דורכאויס אַסימילאַטאָריש, בויען אַ סטיכיש־נאַציאָנאַלע דערהאַלטונגסקראפט, אַ דאַנק דער אידישער שפּראַך, וואָס זיי גיסען טאָג־טעגליך אריין אין די מוחות פון די אידישע מאַסען; ווי אַזוי דאָס „טאַגעבלאַט“ און די „ווארהייט“ ווירקען סיי דורך זייער בעוואוסטער טענדענץ, סיי דורך דער סטיכישער מאַכט פון דער שפּראַך אין אַ ריין נאַציאָנאַל־אידישען זין.

מען קאן זאגען, אז ביי יעדען פאלק אין אמעריקע, וואס האט געהאט אן אייגענע שפראך און אן אייגענע קולטור אין דער היים, שפיעלט זיך אב דער זעלביגער „קאדריל־טאנץ" פון די פיער גרונד־טענדענצען. אבער יעדעס פאלק טאנצט איהם אויס אויף א פער־שיידענעם אופן און ברענגט ארויס אלע ווילע גאנץ אנדערע „פיגורען".

וואלטען מיר געהאט אזא'ן אינסטרומענט אויף אויסצומעס־טען און קלאר צו בעשטימען די ווירקונג פון דער אמעריקאנער אסימיליאציאן אויף יעדען פאלק אין דער לענג, אין דער ברייט, אין דער טיעף און אין דער פארם פון איהר ארויסטרעט אין לעבען, וואלטען מיר פאר יעדען פאלק בעקומען א גאנץ אנדער בילד, און אפשר אויך מיט גאנץ אנדערע עקספאנענטען פאר יעדען וויכטיגען פונקט.

און ניט נאר פון פאלק צו פאלק וואלט זיך געביטען דאס בילד. אויך ביי איין־און־דעם זעלביגען פאלק, וואלטען מיר ארויסגעפונען גאנץ אנדערע „פיגורען", עס ווענדט זיך אן דעם, אין וואס פאר א געגענד מיר אונטערזוכען איהם. די שוועדען פון ניו־יארק־סטייט וואלטען, אין דעם ליכט פון דער אמעריקאניזאציע, אפשר געהאט א גאנץ אנדער פנים, איידער די שוועדען פון מיננעסאטא, און די דייטשען פון פענסילווייניא אדער אהייא — גאנץ בעשטימט אן אנדער אויסזעהן, איידער די דייטשען פון ניו־יארק סטייט.

און דאס בילד פון דעם „מעלטינג־פאט" איז ניט נאר פער־שיידען פון פאלק צו פאלק און פון געגענד צו געגענד, עס מוז זיך אויך בייטען לויט יענער סאציאלער שיכט פון דעם פאלק, וועלכע מיר אינטערזוכען.

נעהמען מיר, צ. ב., די באלעבאטיש־אידישע וועלט פון ניו־יארק און די אידישע ארבייטער־וועלט פון ניו יארק און שעצען זיי אב אויף דעם גראד און דער טיעף פון דער אסימיליאציאן, וואלטען מיר געהאט פאר אונז צוויי גאנץ פערשיידענע בילדער. דאס רוב פון דער באלעבאטיש־אידישער וועלט איז גאנץ בעשטימט בע־וואוסט־נאציאנאל, אין דער רעליגיעזער אדער דער מאדערן־ציוניס־טישער פארם ; דערפאר איז זי אין איהר אויסערען לעבען דורכ־געדרונגען מיט א היבשער פארציע פון אמעריקאניזם. צוריק איז

די אידישע אַרבייטער־וועלט זעהר וועניג נאַציאָנאַל, כמעט אמעריקאַניש אין איהרע שטרעבונגען און אידעאַלען, אָבער דערפאַר איז אין דעם לעבען פון דעם אידישען אַרבייטער, אין יעדען ריהר און קעהר זיינעם, אין זיין שפּראַך און אין זיינע זיטען, אין זיין הויזפיהר און אין זיינע פערוויילונגען, דאָס „אידישע“ אַ סך ריינער דערהאַלטען געוואָרען, איידער אין דער באַלעבאַטישער וועלט.

און אַפילו ווען מיר זאָלען פערגלייכען די אַסימילירטעסטע גרופּען פון יעדען פאָלק, די אַמעריקאַניזירטע קינדער פונ׳ם דריטען ביז׳ן פינפטען דור, וועלען מיר אויך דאָ, צו אונזער גרעסטער פערוואונדערונג, געפינען, אַז דער אַמעריקאַניזירטער דייטש איז פערשיידען פון דעם אַמעריקאַניזירטען פראַנצויז און זיי ביידע שיידען זיך אָב פון דעם אַמעריקאַניזירטען אידען. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז פּסיכאָ־פיזיאָלאָגיש און עטנאָ־לאָגיש האָבען מיר נאָך גאָר קיין רעכט ניט אַפילו זיי, אַפילו די גאַנץ אַסימילירטע, צו בעטראַכטען, ווי קינדער פון איין און דערזעלביגער עטנישער גרופּע. זיי זענען קינדער פון איין היים, פון איין לאַנד, פון איין פּאָליטישער נאַציע, אָבער בשום אופן ניט פון איין פאָלק אין דעם עטנאָלאָגישען זין פון דעם וואָרט.

וואָלטען מיר געקאָנט מאַכען אַזאַ׳ן עקספּערימענט: אַוועקשטעלען אַן עכטען אַמעריקאַנער, ד. ה. אַן אור־אור־אייניקעל פון יענעם ענגלענדער, וואָס האָט אַרויפגעלעגט זיין שטעמפּעל אויף די אַמעריקאַנישע קולטור און האָט בעשאַפען דעם אַמעריקאַנישען טיפּ, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט — אַן עכטען פאָרשטעהער פון אַ וועלכען עס איז פאָלק, וואָס וואוינט אין אַמעריקע, — אַ איד, אַ פּויל, אַ דייטש, — און אין מיטען — דאָס אַסימילירטע, אַמעריקאַניזירטע קינד פון יענעם פאָלק, — לאָז זיין אין פינפטען דור, — וואָלט אַ געלערנטער עטנאָלאָג און פּסיכאָלאָג אין דער גרעסטער צאָהל פון פעלען אויסגעפונען, אַז דער אַמעריקאַניזירטער איד, פּויל אָדער דייטש איז דורך זיין פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישער אָרגאַניזאַציע פאָרט אַ סך עהנליכער צו דעם אמת׳ען איד, פּויל אָדער דייטש, איידער צו דעם אמת׳ען אַמעריקאַנער.

סיידען ער שטאַמט אָב פון אַ געמישטער חתונה, וואו איינער פון זיינע עלטערן איז געווען אַ „ריעל עמעריקען“. אָבער ווער־

האט זיך דאס צו רעכענען מיט אזא'ן אבשטאמונג. וואס פאר א ראליע, מ'שטיינס געזאגט, שפּיעלען די געמישטע חתונות אין דעם לעבען פון די פעלקער, אפילו אין אזא לאנד ווי אמעריקע! פערגעסט ניט, אז כדי חתונה צו האבען מיט איינעם דארף מען זיך פריהער מיט איהם בעגעגענען אין דער ג ע ז ע ל ש א פ ט, פיהרען מיט איהם א געמיינזאמען לעבען און ממילא קודם כל האבען די געלעגענהייט צו אזא געמיינשאפטליכען לעבען. האבען דאס אבער די פעלקער פון אמעריקע? איך דארף אייך דאך ניט דערצעהלען, — דאס וויים יעדערער, — אז די פעלקער אין אמעריקע לעבען יעדעס אין א בעזונדער קווארטאל, פיהרען יעדעס — אין דער גרעסטער צאהל פון פעלען — אן אייגענעם געזעלשאפטליכען לעבען און ממילא מוז „על פי חכמת הסטאטיסטיקע“ אויסקומען, אז די יונגע לייט פון איין־און דעם זעלביגען פאלק האבען מעהר שאנסען צו בעגעגענען זיך צווישען זיך, איידער זיך צונויפגעהן מיט די יונגע לייט פון אן אנדער פאלק, און ממילא מוז, על פי דער זעלביגער חכמה, זיין קלאר, אז די חתונות צווישען די קינדער פון איין פאלק, זיינען דער כלל, בעת די געמישטע חתונות — ניט מעהר ווי אן אויסנאהם. דער אויסנאהם קומט גאנץ אפט פאר אין די העכערע קרייזען פון דער רייכער בורזשואזיע אדער אין די גאר קליינינקע קרייזען פון דער ראדיקאלער אינטעליגענץ, וואו מיטגליעדער פון פערשיידענע נאציאנאליטעטען האבען די געלעגענהייט זיך צונויפצוקומען געזעלשאפטליך. און אזוי ווי מיר, די „געבילדעטע“, און דער עיקר די ראדיקאלע, שטאמען פון די דאזיגע קרייזען, דוכט זיך אונז, אז די געמישטע חתונות קומען איבערהויפט זעהר אפט פאר אין אמעריקע. אין דער אמת'ען אבער האבען די גרויסע מאסען דורכאויס זעלטען די געלעגענהייט צו א צווישענפעלקערליכער אויסמישונג אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען, — סיידען נאר אויף זייערע פעריפעריען, וואו זיי ליגען הארט איינער לעבען דעם אנדערן. דער פועל יוצא דערפון איז — די לפי ערך גרויסע זעלטענקייט פון געמישטע חתונות און ממילא. אויך דער פאקט, אז אפילו ביי דעם אסימילירטעסטען פון די אסימילירטע מוזען נאך שטעקען אין בלוט אלע ראסען־אייגענטימליכקייטען פון יענעם פאלק, צו וועלכען ער געהערט.

נעהמט מען צונויף אין איינעם אַט די אַלע ערפאַהרונגען: אַז די פעלקער פון אַמעריקע וואוינען דאָס רוב אין בעזונדערע קוואַרטאַלען, אין „גהעטאָס", — ווען אַפילו די גהעטאָס בייטען זיך אַלע ווײַלע, — אַז אַ געוויסער טייל פון יעדען פאָלק בלייבט דרויסען פון דער אַסימיליאַציע, אַז די אַסימיליאַציע גופא ווירקט אויף די פעלקער ניט אין דעם זעלביגען גראַד און בעקומט ביי יעדען איינעם אַ גאַנץ פערשיידענעם פנים; אַז אַפילו די אַסימילירטע און די אַמעריקאַניזירטע האָבען ניט פערלאָרען זייערע ראַסען־אייגענשאַפטען און, — וואָס איז נאָך וויכטיגער, — זייער בעוואוסטזיין, — אַן אנגענעהמען אָדער ניט קיין אַנגענעהמען, — אַז ער איז ניט פשוט אַן אַמעריקאַנער, נאָר אַ דייטש־אַמעריקאַנער, אַ שווייצער־אַמעריקאַנער, אַן אירלענדער־אַמעריקאַנער, און אַז די געמישטע חתונות מוזען על פי הכרך בלייבען אַ ווינציגע אויסנאַהם, — יעמאָלט מוזען מיר קומען צו דעם רעזולטאַט, אַז פון אַן אמת׳ען „מעלטינג־פאָט" אין אַמעריקע קאָן נאָך דערווײַלע בשום אופן קיין רייד ניט זיין. און אויב מיר מוזען די אַסימיליאַציאָנס־ערשיינונגען פון די אַמעריקאַנער פעלקער, וואָס קומען איצטער בלי ספק פאָר אין אַ גראַנדיעזען גראַד, דורכאויס פאָרשטעלען אין אַ וועלכען עס איז בילד, וואָלט איך פאָרגעשלאָגען אַן אַנדער פערגלייך, וואָס פאַסט, ווי מיר דוכט, בעסער צו דעם ענין.

די פעראייניגטע שטאַאטען בילדען איצטער אין בעסטען פאַל אַ גאָרטען, וואו נאָר איין בוים וואַקסט נאָרמאַל אין דער הויך, — דער בוים פון יענע ערשטע אריבערגעקומענע ענגלענדער, וואָס האָבען בעשאַפען די ניי־ענגלישע (אַמעריקאַנישע) קולטור. די איבעריגע פעלקער זענען אויך בעזונדערע פלאַנצען, וואָס האָבען אָבער פערלאָרען זייער זעלבסטשטענדיגקייט, און פון שטאַרקע ביימער, וואָס וואַקסען אין דער הויך, זענען זיי פערוואַנדעלט געוואָרען אין קריעך־פלאַנצען, ווייכע, בויגיגע, גליטשיגע קריעך־פלאַנצען, וואָס שלענגלען זיך אַרום פּאַראַזיטיש אַרום דעם איינציגען שטאַלצען אַמעריקאַנער בוים, אָדער קריכען זיך צונויף אויף דעם באָדען פון דעם גאָרטען און פלאָנטערן זיך צונויף אין איין איינציגען קנויל, אין איין־איינציגען, קוים פאַנאַנדערצופלעכטענדען קאָלטען. ניט קיין „מעלטינג־פאָט", וואו אַלע אייגענשאַפטען פון

די פעלקער ווערען צונויפגעשמאָלצען אין איינעם און ברענגען ארויס אַ נ י י ע ם, נאָך ערגעץ ניט געוועזענעם, עטנאָלאָגישען מענשען־טיפ, איז דאָס איצטיגע אַמעריקע, נאָר אַ פעלקער־קאָלטען, וואו נאָר איין־איינציגער הערשענדער בוים, די ענגליש־אַמעריקאַנישע גייסטיגע וועלט, האָט די מעגליכקייט זיך פריי צו ענטוויקלען, בעת אַלע אַנדערע פעלקער פערליערען זייער קראַפט צו אַ זעלבסט־שטענדיגען גייסטיגען לעבען; זיי ד ע ג ע נ ע ר י ר ע ן צו קריך־פלאַנצען, זיי פערפלאָנטערן זיך צו קנוילען און קאָלטונעס, וואָס מאַכען דעם איינדרוק פון איין־איינציגער, גראָהער, ווייכער און גליטשיגער פלאַנצען־מאַסע, אין וועלכער זיי זענען אַלע גלייך נאָר לויט זייער גראָהקייט, ווייכקייט און גליטשיגקייט, ד. ה. לויט די סמנים פון זייער דעגענעראַציע, בעת זייערע פערשיידענקייטען, דאָס וואָס מאַכט יעדעם פאָלק צו אַ בעזונדער פלאַנץ, איז ניט פער־שוואונדען, נאָר אונטערדריקט, פערהויקערט, אָבגעשטעלט אין דער נאָרמאַלער ווייטערדיגער ענטוויקלונג.

אָבער אויך דער „אידעאַל" פון קריכענדע, גליטשיגע פעלקער־קאָלטענעס, וואָס זאָלען אַלע ציהען זייער אָרעמליכע גייסטיגע חיונה פון דעם רייכען אַמעריקאַנער בוים, איז נאָך לאַנג ניט דער־גרייכט געוואָרען אין דעם אַמעריקאַנער לעבען. איך האָב פריהער געזאָגט, אַז אין דעם אַמעריקאַנער גאָרטען איז נאָר דאָ איין בוים, וואָס וואַקסט שטאָלץ און נאָרמאַל אין דער הויך, — דער נײ־ענגלי־שער, אָדער דער אַמעריקאַנער, בעת אַלע אַנדערע פעלקער זענען געוואָרען קריכענדע פלאַנצען. דאָס איז אָבער אמת נאָר אין „בעסטען" פאַל, ד. ה. ווען מען בעטראַכט דעם טייל פון די פעל־קער, וואָס זענען שוין אין גאַנצען אַמעריקאַניזירט. אָבער די אַסימילאַציע איז, ווי איך האָב שוין אויך פריהער בעמערקט, נאָך ווייט ניט דורכגעדרונגען אומעטום און ניט אומעטום אין דעם־זעלבינגען גראַד. אין דער רעהם פון אונזער פערגלייך וועט דאָס הייסען, אַז ניט אַלע פעלקער זענען שוין אין גאַנצען דערנעהנטערט געוואָרען צו קריך־פלאַנצען. נאָר איינצעלנע צווייגען פון זיי האָ־בען דורכגעמאַכט אַזאַ „באָטאַנישע" מעטאַמאָרפאָזע, בעת אַנדערע צווייגען וואַקסען, — אמת, גענוג פערהויקערטערהייד, — נאָך דעם פריהערדיגען טיפ פון יענעם בוים, צו וועלכען זיי געהערען, און

עס זענען אויך דאָ אין אַמעריקע אַזעלכע יונגע בוימדלעך, מיט אַזוי פיעל פרישע יוגענד־קראַפט, מיט אַזאַ שטאַרקען לעבענס־זאַפט אין זיך, אַז קיין איינציגער צווייג זייערער איז ניט בעפאַלען געוואָרען פון דער „קריכיגער" חלאת און זיי אַלע האָבען בעוויזען דעם נס, צו ענטוויקלען זיך אויף דעם פרייען אַמעריקאַנישען באָדען אין נאָך אַ שטאַרקערען טעמפּאָ, איידער זיי וואָלטען דאָס געקאָנט טהאָן אין זייער אַלטער אייראָפּעאישער היים.

איז אייך, צום ביישפּיעל, בעקאַנט דער פאַקט, אַז די ליטהוענ יער, איינס פון די עלטעסטע פעלקער אין דער וועלט, וועמעס לשון איז נאָך עד היום אַזוי נאָהענט צו דעם אַלטען סאַנסקריט, פון וועלכען אָדער פון וועמעס עלטערען עס זענען, ווי מען נעהמט אָן, אויסגעוואַקסען אַלע אינדאָ־גערמאַנישע לשונות, — לאַטיין און גריכיש און סלאַוויש און גערמאַניש און ממילא אויך אַלע אייראָפּעאישע לשונות פון היינטיגען טאָג, — אַז אָט דאָס מערקווירדיג פעלקעלע, זאָג איך, האָט נאָר אין אַמעריקע געקאָנט קומען צו זיך, וואו דער גייסטיגער דרוק פון דעם רוס, דעם פויל און דעם דייטש האָט אויפגעהערט צו לאַסטען אויף איהם, וואו ער האָט געקאָנט אָנהויבען עטהעמען מיט דער פולער ברוסט? ווייסט איהר, אַז די נאַציאָנאַלע ווידערגעבורט פון די ליטהועניער, — ד. ה. די ווידערגעבורט פון אַ ליטעראַטור און אַ קולטור אין דער ליטהוענישער שפּראַך, — איז שוין אַ פאַקט, מיט וועלכען דאָס פוילישע פאָלק האָט זיך שוין לאַנג גענומען רעבענען און די דייטשע און רוסישע רעגיערונגען מוזען זיך שוין רעבענען היינטיגען טאָג? ווייסט איהר, אַז די דאָזיגע ווידערגעבורט איז בעשאַפען געוואָרען אין אַמעריקע, אין דעם רעכטען קאָפּ פון דעם „מעלטינג־פּאָט" ?

און צו דעם זעלביגען קלאַס פון ווידערגעבורטס־ערשיינונגען אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען מוז מען בלי ספק צורעכענען אויך אַזעלכע פאַקטען, ווי דאָס אויפבליהען פון דעם אידישען טהעאַטער און דער אידישער פּרעסע צו אַזאַ הויך, וואָס די אייראָפּעאישע אידען קאָנען קוים אָניאָגען. איהר ווייסט אפשר, איך בין ניט קיין גרויסער פריינד, ניט פון דעם איצטיגען אידישען טהעאַטער, ניט פון דער איצטיגער אידישער פּרעסע, מחמת זייער ביידענס אויבערפלעכליכקייט און גייסטיגער אָרעמקייט. זיי זענען, ווי דאָס רוב

פריה־דרייפע אַמעריקאַנער פּרוכטען, וואָס ווערען אונטערגעשמיסען אין זייער ענטוויקלונג, כדי זיי זאָלען קאָנען וואָס גיכער ארויסלויפען אויפ'ן מאַרק: גרויס און שעהן אינ'ם אויסזעהן, אָבער אינווענינג וואַסערדיג, מיט גאָר אַ קליינינקען סמן פון אייגענעם טעם און ריח. אָבער פון דעסטוועגען קאָן מען בשום אופן ניט אָבלייקענען די בעדייטונג פון דעם אַמעריקאַנער אידישען טהעאַטער און דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע פאַר די נאַציאָנאַלע ווידערבעלעבונג פון דעם אידישען פאָלק. און דאָס האָט אונז, אידען, געגעבען די אַמעריקאַנער פרייהייט.

וואָלטען מיר אָנגעשטעלט אונזער בליק נאָר אויף אַזעלכע ערשיינונגען פון פעלקער־בליהונג, וואָס קומט פאָר אויף דעם אַמעריקאַנער באָדען, וואָלט גאָר אויפ'ן זין ניט געקאָנט ארויפגעהן דער געדאַנק פון אַ „מעלטינג פּאָט“, אַפילו ניט דער געדאַנק פון אַ פעלקער־קאָלטען. אַמעריקע וואָלט יעמאָלט אויסגעוויזען, ווי אַ גרויסע געוויכטע אַראַנזשעריע מיט אַ מאַסע לופט און זון, וואו עס בליהען זיך פאַנאַנדער און וואַקסען זיך פאַנאַנדער יענע פעלקער, וואָס האָבען אין דער היים געהאַט צו ווענינג לופט און זונען־שיין פאַר זייער וואַקסען און בליהען.

ליידער זענען די דאָזיגע ערשיינונגען פון פעלקער־בליהונג זעלטענע אויסנאַהמען. די הערשענדע טענדענץ, — דאָס מוזען מיר צוגעבען, — איז די אַסימיליאַציאָנס־טענדענץ, דאָס שטרעבען צו פערוואַנדלען אַלע פעלקער אין איין פעלקער־קאָלטען און שפּעטער אפשר ברענגען דערצו, אַז זיי זאָלען זיך אין דעם קאָלטען צונויפוואַקסען און ארויסברענגען אַ נייע, נאָך ערגעץ ניט געוועזענע פלאַנץ.

אָבער אַ זעלטענע אויסנאַהם איז שוין אַן אויסנאַהם, וואָס גיט אונז דאָס רעכט אַוועקצושטעלען די שאלה: פון וועלכע קרעפטען ווערט זי אַרויסגעבראַכט אין לעבען? זענען אפשר די קרעפטען, וואָס שפּייזען זי, נאָר איצטער אַזוי שוואַך, אַז זיי קאָנען ניט צוברעכען די הערשענדע טענדענץ? אפשר ליעגט אין זייער טבע אַזוינס, וואָס גיט אונז די מעגליכקייט צו גלויבען, אַז ביי בעסערע אומשטענדען, וואָס קאָנען גרייליך אַריינטרעטען אין לעבען, וועלען זיי גובר זיין די הערשענדע טענדענץ, — און די בערג, וואָס

האָבען געהאַלטען ביים פאַנאַנדערפאַלען, וועלען ווידער ארומגעגומען ווערען, ווי מיט אייזערנע רייפען, וואָס וועלען זיי גאַראַנטירען אַ ווייטערדיגע זיכערע עקזיסטענץ?

כדי צו פערענטפערן די שאלה, וועל איך פריהער פרובירען קלאָר מאַכען אַן אַנדער שאלה: די אורזאַכען און די קרעפטען, וואָס ברענגען ארויס די הערשענדע אסימיליאַציאָנס־טענדענץ, ווייל אין אונזער פאַל איז דער אמת'ער וואונדער, וואָס נויטיגט זיך אין אַ דערקלעהרונג, ניט דער יוצא מן הכלל, נאָר דער כלל אליין.

דער יוצא מן הכלל, — דער פאַקט, וואָס איינציגע פעלקער אָדער טיילען פון פעלקער קעמפפען אפילו אין אַמעריקע פאַר די ענטוויקעלונג פון זייער שפראַך און קולטור, איז אַ צו אייפנאַכע, אַ צו נאַטירליכע ערשיינונג, מיר זאָלען דאַרפען לאַנג זוכען איהר דערקלעהרונג. „פון נאַטור־אויס“ ליעבט דער מענש זיין שפראַך און זיין פאָלק מעהר ווי אַלע אַנדערע שפראַכען און אַלע אַנדערע פעלקער. יע, „פון נאַטור־אויס“, ווייל אין יענעם בינטעל ערשיינונגען, וועלכע מיר נעהמען אַרום מיט דעם וואָרט „פאַטריאָטיזם“, — דער ליעבע צו דעם אייגענעם פאָלק, דער אייגענער שפראַך און דעם אייגענעם לאַנד, — אָדער ריכטיגער צו די מיליאָנען קלייניגקייטען־ערשיינונגען, וואָס זענען פערבונדען מיט די דריי גרויסע מאָמענטען: פאָלק, שפראַך און לאַנד, — ווייל אין זיי, אין אַלעמען, זאָג איך, שפיעלט זעהר אַ גרויסע ראָליע דער נאַטירליכער פערערבונגס־פּראָצעס, וואָס גיט איבער די ליעבע פון דור צו דור.

די מענשהייט ליעבט צוטהיילט אין איינצעלנע פעלקער. און יעדער מענש וויים, אַז ער געהערט צו אַ בעשטימטען פאָלק, זיין פאָלק, רעדט אַ בעשטימטע שפראַך, זיין שפראַך, און וואָהנט אין אַ בעשטימטען לאַנד, זיין לאַנד. אָט דער געדאַנק ווערט אַלעווײלע בעגייט, מיט יעדען אָטהעם, וואָס איינער אָטהעמט, מיט יעדען וואָרט, וואָס איינער רעדט ארויס, ווען אפילו דער געדאַנק שטעהט ניט אַלע מאָל קלאָר פאַר די גייסטיגע אויגען. ער ווערט אַן אונבעוואוסטער אקקאָמפּאַנימענט צו אַלץ, וואָס איינער טראַכט אין פיהלט. אַזאַ אונגעהויער אָפטע, טיעפע און שטאַרקע אידעען־פערבינדונג, וואָס טרעט אויף אָהן אַ שום ענדערונג פון דור צו דור,

מוז סוף־כל־סוף איבערלאָזען איהרע שפּורען אין דעם נערווען־און־מאַרך אַפּאַראַט פון יעדען איינעם, — שפּורען, וואָס טרעטען אַרויס ניט ביי אַלעמען אין דעם זעלבינען גראַד פון קלאָרקייט און שטאַרקקייט, אָבער פון וועלכע קיינער קאָן ניט זיין פריי. דאָס איז די פּסיכאָ־פיזיאָלאָגישע גרונדלאַגע פון דעם נאַטירליכען נאַציאָנאַל־געפיהל.

איך וויל דאָ, אגב אורחא, בעמערקען, אַז די דאָזיגע נאַטירליכע גרונדלאַגע פון דעם נאַציאָנאַלען געפיהל איז נאָך ניט קיין בעווייז, אַז אַזאַ געפיהל איז אַ גוטע זאַך. די אייגענע מענשליכע נאַטור דאַרף זיך נאָך אויך פערענטפערן פאַר אַ העכערען מענשליכען פאָרום: פאַר דעם פאָרום פון זיין שכל, זיין יושר און זיין אידעאַל פון שעהנקייט. אָבער אין דער אמת'ען קאָן דער נאַציאָנאַל־געפיהל אויסהאַלטען די שאַרפסטע קריטיק פון יענע דריי שטרענגע ריכטער, ווי איך האָב דאָס בעוויזען אין מיין אַרבייט: „דער סאָציאַליזם און די נאַציאָנאַליטעטען־פראַגע“. איך מאַך די בעמערקונג פארבייגעהענדיג, ווייל דאָ האָבען מיר נאָך ניט צו טהאָן מיט דעם, וואָס עס זאָל זיין, אָדער וואָס עס זאָל ניט זיין. מיר שטודירען לעת־עתה די ערשיינונגען פון דעם פעלקער־לעבען מיט דערזעלביגער אָביעקטיוויטעט, מיט וועלכער מיר וואָלטען געפאָרשט אויף דעם געביעט פון געאָלאָגיע אָדער באָטאַניק.

עס ליעגט, זאָג איך, אין דער טבע פון יעדען מענשען צו ליעבען זיין פאָלק, זיין שפּראַך און זיין לאַנד. און דאָרטען, וואו מיר טרעפען אָן די דאָזיגע טבע, דאַרף זי אין אונז ניט אַרויסרופען קיין פערוואונדערונג. אַ חדוש איז, וואָס מיר געפינען אַזוי פיעל ע נ ט א ר ט ו נ ג ע ן אין דעם פּרט, אַזוי פיעל אויסנאַהמען, וואו די טבע ווערט אין גאַנצען אָבגעשוואַכט, פער'חלש'ט, אָדער אין גאַנצען אָבגעשטאָרבען, אָדער, — וואָס פּאַסירט אויך ניט זעלטען, — וואו זי ווערט פערוואַנדעלט אין איהר אייגענעם היפּך: אין אַ האַס אָדער אַ פעראַכטונג צו דעם אייגענעם פאָלק, דער אייגענער שפּראַך, דעם אייגענעם לאַנד. אָט די ערשיינונגען רופען אַרויס אונזער גרעסטע פערוואונדערונג, און זיי דאַרף מען זעהן קודם כל צו פערשטעהן.

די אַפּאָלאָגעטען פון דער אַמעריקאַנער אַסימיליאַציע דער־

קלערהען די ערשיינונג דורך א „געזעץ", אז וואו עס שטויסען זיך צונויף צוויי קולטורען, דארטען מוז די העכערע קולטור תמיד גובר זיין די ניעדעריגערע. און אזוי ווי די אמעריקאנער קולטור שטעהט העכער פאר דער פון די אייראפעאישע פעלקער, איז ממילא קלאר, אז זי מוז שטענדיג געווינען די אויבערהאנד איבער זיי.

איך וויל זיך דא ניט אבשטעלען אויף דעם דאזיגען בלומרשט־דיגען געזעץ און דערקלערהען זיין ווירקליכע בעדייטונג און זיינע ווירקליכע גרעניצען, אין וועלכע ער האט זיך אבגעשפיעלט אין דער געשיכטע פון דער מענשהייט און שפיעלט זיך נאך עד היום אב אין דעם לעבען פון די פעלקער. איך וויל דא נאר אייך קלאר מאכען, אז די אמעריקאנער אסימיליאציע ווערט בשום אופן ניט דערקלערהט אין גאנצען דורך דעם דאזיגען „געזעץ".

ווי זאלען מיר אייגענטליך זיך פארשטעלען די זאך?

עס קומט צו פאהרען א פויער פון טיעף־ראסיי און געפינט ארבייט ערגעץ וואו אין פענסילווייניע אין א קויהלען־גרוב. פאר־נאכט, ווען ער קומט פון דער ארבייט, זעצט ער זיך אוועק אין דער פינסטער ביי זיך אין קעמערל און טראכט א שווערען געדאנק: וועלכע קולטור איז א העכערע, — די רוסישע, מיט וועלכער עס איז פול זיין נשמה, אדער די אמעריקאנער, וואס דרינגט אריין אין זיין איצטיגען לעבען? ער לאזט פארבייציהען פאר זיין גייסטיגען אויג פון איין זייט די שעהנקייט און רייכקייט פון דער רוסישער שפראך; פון דער אנדער זייט — די שעהנקייט און רייכקייט פון דער ענגלישער; פון איין זייט זיין דאסטאיעווסקי און מאקסים גארקי, פון דער אנדערער — די קאנגעניאלע אמעריקאנער: פאו און דזשעק לאנדאן, און פיהלט, אז די שאל פון זיין אלטער קולטור וועגט אריבער די נייע. ער לעגט אויף זיין שאל ארויף זיינע מוזי־קער גלינקא, רימסקי־קארסאקאוו, מוסארגסקי, און ער קאן אפילו קיין איין אמעריקאנער נאמען ניט געפינען, ועמען ארויפצולעגען אויף דער אמעריקאנער שאל. ער פערגלייכט זיינע דענקער: די טשערנישעווסקי, דאבראליובאוו, הערצען, לאווראוו, מיכאילאווסקי מיט די אמעריקאנער: עמערסאן, דזשעימס, דיואי און ראיס, און שאקעלט אין גרויסע ספיקות מיט זיין קודלאטען קאפ, ווייל ער ווייס ניט, וועמען איבערצוגעבען די בכורה. און אזוי טהוט ער

מאג אוים, טאג איין מיט יעדען צווייג פון דער קולטור, מיט יעדען גרויסען נאמען, וואס די רוסען אדער די אמעריקאנער האבען ארויסגעבראכט. ער פערגלייכט די גרויסע מעלות פון דער אמעריקאנער דעמאקראטיע און פרייהייט פון איין זייט מיט די טיעפע חסרונות פון דעם רוסישען דעספאטיזם פון דער אנדערער. ער רעכענט אוים, וויפיעל כאבאר צאהלט איינער דורכשניטליך אין רוסלאנד און וויפיעל אין אמעריקא. מיט א בעזונדערער גענויקייט און פינקטליכקייט וועגט ער אב די מעלות און די חסרונות פון דער רוסישער „וואדקא“ לגבי דעם אמעריקאנער „וההיסקי“. און ערשט ווען אט דער גרויסער און פערוויקעלטער פערגלייכונגס־פראצעס איז אבגעשלאסען, ווען ער האט גענוי אבגעוואויגען די מעלות און חסרונות פוןביידע קולטורען, טהוט ער א העפטיגען פאטש מיט דעם לעפעל פון זיין האנד איבער דער שטאל־הארטער קניע: א סוף! ער וויים איצטער אייף זיכער, אז די אמעריקאנער קולטור איז העכער. מהיום והלאה וועט ער מעהר נים בענקען נאך דער היימישער „וואדקא“; מיט'ן גאנצען הארצען וועט ער זיך איבערגעבען צו דעם אמעריקאנער „וההיסקי“!

קיין מענשען וועט מען נים קאנען איינשמועסען, אז אזא אדער אן עהנליכער פראצעס קומט פאר ביי די קינדער פון די אמעריקאנער פעלקער, בעת זיי ווארפען אוועק זייער אייגענע קולטור און שטעהען צו צו דער אמעריקאנער. עס איז איבערהויפט ניטא קיין אביעקטיווער מאסשטאב, וואס זאל ארויסברענגען אויף קלאר, וועלכע פון די איצט הערשענדע קולטורען פון דעם אייראפעאיש־אמעריקאנישען קולטור־סיסטעם איז א העכערע און וועלכע איז א ניעדעריגערע. אפילו ווען מען פערגלייכט די אמעריקאנער קולטור מיט דער רוסישער, מוז נים אלע מאל קומען די בכורה דער ערשטער. וועך רעדט שוין, אז מען זאל זי וועלען ערנסט א פערגלייך־טהאן מיט דעם קלאס פון די איצטיגע קולטורען, — מיט דער דייטשער, וואס האט אויף יעדען געביעט פון דעם מענשליכען שאפען ארויסגעבראכט ערשט־קלאסישע זשעניען, וועלכע האבען דערגרייכט די גאר העכסטע שפיצען פון דעם איצטיגען מענשליכען קאנען! און פון דעסטוועגען האבען מיר געזעהן, אז גראד די דייטשען ווערען

מבולבל פון דער אַמעריקאַנער קולטור, פערליערען דאָ זייער קרעפטיגען שטאַם און אַרטען דאָ אויס אין אַ קריך־פלאַנץ.

איך וועל געוויס צוגעבען, אַז די מאַסען־קולטור פון אַמעריקע איז אין אַלגעמיין אַ סך אַ העכערע, איידער די מאַסען־קולטור פון יעדען אַנדער פאָלק אין יעדער אַנדער לאַנד. אָבער ווער וועט דען זאָגען, אַז אויך זי איז העכער *אין אַלע פרטים*, און אַז די פעלקער נעהמען איבער נאָר דאָס בעסטע פון איהר און לאָזען אָן אַ זייט איהרע חסרונות?

עס קאָן זיין, אַז אין אייניגע פעלען קומט אַזאַ פּראָצעס באמת פאָר. עס קאָן זיין, אַז אין דער צוקונפט וועט דער דאָזיגער פּראָצעס פון בערייכערן די אייגענע קולטור מיט אַלץ, וואָס איז קלוג, גערעכט און שעהן אין דער אַמעריקאַנער קולטור, אָננעהמען נאָך שטאַרקערע מאָסען. אָבער אויב דער דאָזיגער זיעג פון העכערע קולטור־ווערטהען איבער ניעדעריגערע וואָלט שוין איצטער געהערשט אין דעם אַמעריקאַנער אַסימילאַציאָנס־פּראָצעס, וואָלטען מיר בשום אופן ניט געהאַט ניט קיין מעלטינג־פּאַט און אויך ניט קיין פעלקער־קאָלטען.

איך וויל, איהר זאָלט זיך אַ ביסעל מעהר אויפמערקזאַם אָבשטעלען אויף דעם פונקט. טראַכט איהר זיך אריין אַ ביסעל טיעפער אין דעם ענין, מוז אייך ווערען קלאָר, אַז אויב די פעלקער וואָלטען באמת געוואָלט אריבערנעהמען אין זייער לעבען נאָר דאָס גוטע און גערעכטע און שעהנע פון דער אַמעריקאַנער קולטור, וואָלט יעמאָלט יעדעס פאָלק בעדאַרפט מאַכען זיין אייגענעם אויסבייט, זיין אייגענעם איבערבוי פון דער קולטור. עס וואָלט פון זיין אייגענער קולטור אַרויסגעוואָרפען נאָר דאָס שוואַכע, שעדליכע, אָבגעלעבטע. דערפאַר וואָלט ער אָבער געמוזט לאָזען אין איהר דאָס געזונדע און שעהנע, דאָס, וואָס קאָן אויסהאַלטען אַ פערגלייך מיט דער אַמעריקאַנישער און וואָס קאָן זיך פערענטפערן פאַר דעם פאָרום פון מענשליכען שכל, יושר און שעהנקייט, ד. ה., איבערלאָזען כמעט ווי אומבעריהרט אַ גאַנץ היבשען טייל פון דער אייגענער קולטורעלער וועלט. אין אַזאַ פאַל וואָלט דער רוס, צום ביישפּיעל, גאַנץ געוויס געמוזט אויסוואָרצלען פון האַרצען, לאָמיר זאָגען, די לאָיאַליטעט צו דעם צאַריזם און די טויזענטער אָבער־

גלויבענס פון זיין רעליגיע, אָבער בשום אופן ניט אוועקוואַרפען
זיין שעהנע און רייכע שפּראַך, אָבער בשום אופן ניט פערגעסען
זיינע פּושקין'ס און לערמאָנטאָוו'ס, דאָסטאָיעווסקי'ס און לאוו־
ראָוו'ס. סוף־כל־סוף וואָלטען מיר, אין דעם פּראָצעס פון בעריי־
כערן די אייגענע קולטור מיט די בעסטע עלעמענטען פון דער אַמע־
ריקאַנער, בעקומען אַ גרויסע צאָהל פון נייע זעלבסטשטענדיגע
אַמעריקאַנער קולטורען, — דייטש־אַמעריקאַנישע, פראַנצויז־אַמע־
ריקאַנישע, אידיש־אַמעריקאַנישע, — וואָס וואָלטען יעדע איינע,
ווי אַ זעלבסט־שטענדיגער בוים, געוואַקסען אין הימעל אַריין און
וואָלטען זיך בשום אופן ניט געקאָנט צונויפפּלאָנטערן אין קאָל־
יזיענעם פון קריך־פּלאַנצען.

ניין! ניט די העכערע קולטור טריאומפירט אין דער אַסימי־
ליאַציאָן פון פעלקער, נאָר די ה ע ר ש ע נ ד ע. איך וויל אייך
דערצעהלען אַ קליינינקע מעשה'לע פון דער אידישער אַסימיליאַ־
ציאָן אין גאַליציען, וואָס איליוסטרירט אויסגעצייכענט דעם דאָ־
זיגען „געזעץ". אין גאַליציען איז אַמאָל די רעגירונג געווען אין
דייטשע הענד און די געבילדעטע געזעלשאַפט איז געווען דורכגע־
זאַפּט מיט דער דייטשער קולטור. די אידישע פּראָגרעסיווע אינטע־
ליגענץ, — אגב, די אַסימיליאַציאָנס־פעהיגסטע שיכט פון אַלע
בעפעלקערונגען פון דער גאַנצער וועלט, — איז, פערשטעהט זיך,
צוגעשטאַנען צו דער דייטשער קולטור מיט האַרץ און זעעל. די גע־
בילדעטע אידען האָבען אויפגעהערט צו זיין אידען און זענען גע־
וואָרען דייטשען. איהר קאָנט זאָגען, דאָס איז דער שעהנסטער
בעוויז, אַז די העכערע, די דייטשע קולטור האָט געמוזט אַרויס־
שטופּען די „ניעדריגערע", די אידישע. אָבער — ציהט־אויף אַ
ווייל ע! דורך אַ פּאָליטישען דרעה איז די רעגירונג אין גאַליציען
איבערגעגאַנגען פון די דייטשען צו די פּוילען. און — וואָס פּאַ־
סירט? די „דייטשען פון דער מאָזאַאישער קאָנפעסיאָן" זענען
איבער אַ נאַכט געוואָרען פּוילען. דעם נ ע ק ס ט ע ן שבת נאָך
דעם איבערקעהר האָט דער ראַבינער, וואָס האָט אין דער „דייי־
טשער" שוהל ביז אהער געפּרעדיגט אין דייטש, שוין גענומען פּרע־
דיגען אין פּויליש. צו יענעם גאָטעס־דיענסט איז אין דעם טעמ־
פּעל געקומען אויך דער נייער פּוילישער שטאַטהאַלטער פון גאַלי־

ציען און האָט נאָך דער פּרעדיגט זעהר שעהן געדאַנקט דעם ראַ־בינער פאַר דער הנאה, וואָס ער האָט איהם פערשאַפט. „אמת, האָט ער געזאָגט, איך האָב פון דער פּרעדיגט גאָר נישט פער־שטאַנען, אָבער מיר האָט זיך קיינמאָל ניט נעגלויבט, אַז ה ע ב־ר ע א י ש זאָל קלינגען אַזוי שעהן!“ — אַזאַ פּויליש איז דאָס געווען...

די מעשה׳לע האָט מען מיר דערצעהלט אין לעמבערג, און עס קאָן זיין, אַז זי שטימט ניט אין גאַנצען מיט דעם היסטאָרישען אמת, אָבער — סי נאָן ע וועראָ ע בען טראָוואַטאָ. אַ כאַראַקטע־ריסטישערען אַנעקדאָט קאָן מען כלעבען ניט אויסטראַכטען. ביי די געבילדעטע אידען פון גאַליציען איז די דייטשע קולטור איבער־אַ־נאַכט איינגעשלונגען געוואָרען פון דער פּוילישער, — און, ווער וועט האָבען די העזה צו זאָגען, אַז די פּוילישע קולטור שטעהט העכער פאַר דער דייטשער?

נאָך אַ מאָל! דער סוד פון דער אַסימילאַציע ליעגט ניט אין דער גבורה פון דער העכערער קולטור, נאָר אין דעם נצחון פון דער ה ע ר ש ע נ ד ע ר. און די הערשענדע קולטור טריאומפירט דער־פאַר, ווייל זי האָט די מאַכט אין די הענד אונטערצוקויפען אַ שוואַ־כע נשמה און איינצושפּאַנען זי אין איהר טריאומף־וואָגען. אַ סך, אַ סך אומשטענדען העלפען איהר דאָס צו טהאָן דאָ אין אַמעריקע.

קודם כל פאָהרט אַהערצו דאָס רוב אַ מאַסען־מענש. די סטאַ־טיסטיק בעווייזט, אַז דער פּראָצענט פון אינטעליגענטען איז זעהר קליין אין דער אַמעריקאַנער אימיגראַציע. דער מאַסען־מענש האָט אָבער קיין כחות ניט צו פערטיידיגען זיין שפּראַך און זיין קולטור, ווי שטאַרק עס זאָל ביי איהם ניט זיין די נאַטירליכע ליעבע צו זיי. שפּראַך און קולטור זענען צאַרטע פּלאַנצען, וואָס פערלאַנגען אַ שטענדיגען אומגאַנג, אַ בעוואוסטען, ליעבע־פולען גידול, ביז זיי קרעפטיגען איין זייערע וואָרצלען אין באָדען, ביז זייער שטאַם גלייכט זיך אויס און קאָן וואַקסען אַליין אין דער הויך. פעלקער אָהן אַן אייגענער אינטעליגענץ האָבען דעריבער זעהר קליינע שאַנ־סען אָבצוהיטען און אויסצוצייטיגען זייער אייגענע קולטור, אויב זי ווערט פערוואָרפען ווי אַ קליינינקער אינזעל אין אַ פרעמדען ים.

אַ חוץ דעם איז ביי דעם מאַסען־מענש די אייגענע שפּראַך און

קולטור פון זעהר אַן אָרעמען אינהאַלט. עס איז צום ביישפּיעל בעוויעזען געוואָרען, אַז אַ סך דייטשע פויערים וויסען פון זייער אייגענער שפּראַך ניט מעהר, ווי אַ דריי ביז פינף הונדערט ווערטער. און וואָס קאָן ער וויסען פון זיינע לעסינגס און שילערס און געטהעס און קאַנטס און העלמהאָלץ'ס און וואַגנערס, — פון יענע גרויסע בערג־קעיטען, מיט די צאָהלרייכע, אייביג גלענצענדע באַרג־שפּיצען, וואָס רופט זיך אָן די דייטשע קולטור! דער קולטורעלער האָריזאָנט פון יעדען מאַסען־מענשען איז איינגעוויקעלט אין אַ געדיכטען נעפּעל, וואָס לאָזט איהם זעהן נאָר אַן אום־קרייז פון אַ פּוס דריי אַרום זיך. און אין יענעם נעפּעל בלייבען פאַר איהם אויף אייביג פערבאָרגען זיינע אייגענע גלענצענדע באַרג־שפּיצען. דער שפּאַסהאַפטער איינפאַל, אַז אַ רוסישער פויער זאָל קאָנען פערגלייכען זיינע דאָסטאָיעווסקי'ס מיט די אַמעריקאַנער פּאָ'ס, איז דעריבער שפּאַסהאַפט, ווייל בפועל קאָן גאָר דעם רוסישען מוזשיק ניט אַרויף אויפ'ן זין אַזאַ פערגלייך: די דאָסטאָיעווסקי'ס ווי די פּאָ'ס ליעגען אַ סך העכער, איידער זיין גייסטיגער האָריזאָנט. דער איינציגער מאַטעריאַל צום פערגלייך בעשטעהט אפשר פאַר איהם נאָר באמת אין דער רוסישער „וואָדקאַ" און דעם אַמעריקאַנער „וויהיסקי" און עס איז אפשר געגוג, אַז די „וויהיסקי" זאָל גובר זיין די „וואָדקאַ", כדי די אַמעריקאַנער קולטור זאָל ביי איהם גובר זיין די רוסישע.

און דערצו ווייס נאָך גאָר ניט דער מאַסען־מענש, וואָס פאַר אַ רייכען שאַץ פון מענשליכען גליק, וואָס פאַר אַ שעהנעם, גייסטיגען, מענשליכען לעבען יעדעס פאָלק בעזיצט אין זיין אייגענער קולטור, און איהם קומט גאָר ניט אַרויף אויפ'ן זין צו שטרעבען נאָך יענעם שאַץ, ווייל... נו — איך דאַרף אייך ניט דערקלעהרען, פאַר וואָס. איהר ווייסט אַלע, אַזוי גוט ווי איך, אַז פאַר דער גרעסטער מאַיאָריטעט פון דער איצטיגער מענשהייט קאָן, אַ דאַנק די איצטיגע עקאָנאָמישע אומשטענדען, נאָך גאָר ניט שטעהן פאַר די אויגען די פראַגע וועגען אַ שעהנעם גייסטיגען מענשליכען לעבען. אַלע נערוועןפון דער נשמה זיינען אָנגעוועהטיגט אויף איין איינציגען פּונקט: אויף דער דאגה וועגען דעם לעבען איבערהויפּט. און אויב ס'איז נויטיג, כדי מעהר אָדער ווייניגער גליקליך צו פער־

ענטפערן דעם גרויסען הארטען לעבענס־פּראָבלעם פון דאגת חיונה; אויב ס'איז אין דעם טאָג־טעגליכען קאַמפּף פאר א שטיקעל טרוקען ברויט נויטיג אין גאנצען אויסצושפּייען די אייגענע נשמה, קאָנט איהר ניט פערלאנגען פון דעם מענשען, דעם אָרעמען בעשעף, ער זאָל זיך מוסר נפש זיין פאר אידעאלען, וואָס פון זייער ווערטה האָט ער נאָך ניט קיין ברעקעל השגה: ער וועט זיין אייגענע נשמה גאנץ בעשטימט אויסשפּייען. און אויב אַנשטאָט א שטיקעל טרו־קען ברויט, גיט מען נאָך איהם ברויט מיט פּוטער און אויב צו דעם ברויט מיט פּוטער גיסט מען נאָך אריין אין איהם, אין דער לעדיגער כלי, א פּאָר קוואָרט אמעריקאנער גאסען־קולטור, — איז שוין גאָר קיין חדוש ניט, וואָס פון דער נאַטירליכער ליעבע צו דער אייגענער שפּראך און דער אייגענער קולטור, פון דעם נאַטירליכען זעלבסט־ערהאלטונגס־טריעב, וואָס וואוינט אין יעדען פאָלק, ווי אין יעדען לעבעדיגען מין אויף דער וועלט, בלייבט ביי איהם ניט איבער קיין שפּור, אָדער וואָס זי ווערט אַבגערוקט אזוי וויט אין א ווינקעל, אז זי ליעגט אפשר ערגעץ וואו א צונויפגעדרעהטע אין דרייען אין דער פאָרם פון אַן אָהנמעכטיגער האלב־בעוואוסטער בענקשאַפט נאָך עפּעס א שעהנעם, וואָס איז א מאָל געוועזן, אַבער וואָס קאָן שוין מעהר ווידער ניט זיין אין זיין לעבען. וואָס ערעמער אין אייגע־נער קולטור די אריינגעפאָהרענע מאסען זיינען, אלץ לייכטער מוז זיין צו „אמעריקאניזירען“ זיי. מען דארף זיי פּשוט אונטער־שטעלען אונטער דעם קראנט פון „אמעריקאניזאציע“, אַבדרעהען דעם קראנט און לאָזען זי פליסען ווי אין א לעדיגען צעבער.

די אַבשוואַכונג פון דער קראפט און דעם ווילען צו אַן אייגע־נעם נאַציאָנאלען לעבען איז צונויפגעבונדען ביי די אריינגעפאָה־רענע מאסען נאָך מיט אַן אנדער זעהר וויכטיגען מאָמענט. די טיילען פון א פאָלק, וואָס קומען צו פאָהרען אהער אין אמעריקע, קומען ניט ווי טיילען פון א פאָלק, וואָס זוכען א פרייען פּלאץ, וואו צו לעבען, ווי א פאָלק; זיי קומען ווי איינ־צעלנע אינדיווידוען, וואָס האָבען קודם כל אין זינען זייער אייגענע אינדיווידועלע עקזיסטענץ.

א ביישפּיעל וועט אונז קלאָר מאַכען, וואָס פאר א בעדייטונג דאָס האָט פאר אונזער ענין.

שטעלט אייך פאר, אז א וועלכע עס איז מערערעסטרישע קאטאסטראפע וואלט פערניכטעט — זאל גאט אויסהיטען! — דעם גרעסטען טייל פון דעם דייטשען לאנד און דעם דייטשען פאלק, — עס נעהמט דורך א שוידער, ווען מען דענקט, וואס פאר אן אומגליק דאס וואלט געווען פאר דער מענשהייט! — און דער קליינער איבערבלייב פון דעם דייטשען שטאם, ניט צאהלרייכער איידער די דייטשען אין אמעריקא, וואלטען געדארפט פערלאזען דאס לאנד און זוכען זיך אן אנדער היים, ווייל די אלטע היים שטעהט אין סכנות אין גאנצען צו פערשווינדען. גלויבט איהר ניט, אז די דעפוטאטען זייערע, וואס וואלטען געקומען צו אונז פיהרען מיט אונזער רעגיערונג פערהאנדלונגען וועגען אבטרעטען זיי א שטיקעל פרייע ערד פון אונזער גרויסען לאנד, וואלטען געזעהן צו פערוואַרענען זיך אזוי, אז זייער דייטשע קולטור, וועמען א גרויזאמער שיקזאל האט ארויסגעשלעפט דעם באדען פון אונטער די פיס, זאל קאנען פריי און מעכטיג ווייטער בליהען אונטער דעם אמעריקאנער הימעל? גלויבט איהר ניט, אז דאס גאנצע אמעריקאנער פאלק וואלט מיט אפענע ארעמס אויפגענומען דעם איבערבלייב פון דער גרויסער דייטשער נאציע, וואלט זיי אנגעוויזען דאס בעסטע פון דעם ניטבעזעצטען לאנד, מיט דעם איינציגען תנאי, פערשטעהט זיך, אז זיי זאלען פאליטיש ווערען א טייל פון דער אמעריקאנער נאציע, אז זיי זאלען, ווי אלע אמעריקאנער בירגער, זיין מיט'ן גאנצען הארצען איבערגעבען צו די אמעריקאנער פרייהייטס־אינסטיטוציאנען? גאנץ געוויס, וואלטען די דייטשען געזוכט אזעלכע לעבענס־בעדינגונגען, וואס זאלען ניט שטעלען אין סכנה דעם וואקסטום פון זייער קולטור, און גאנץ געוויס וואלטען די פעראייניגטע שטאאטען גאר נישט ניט געהאט אנטקעגען דעם, אז דאס דייטשע פאלק זאל בלייבען א פאלק, א טייל פון דער אמעריקאנער פאליטישער נאציע, און ווייטער בערייכערן די מענשהייט מיט די וואונדערפולע פראדוקטען פון זיין דייטשען זשעניע.

דער זעלבסט־ערהאלטונגס־טריעב פון דעם דייטשען פאלק און דער רעספעקט פון דעם אמעריקאנער צו דעם דאזיגען זעלבסט־ערהאלטונגס־טריעב וואלטען ארויסגעבראכט יענעם גרויסהערציגען, מענשליכען אבמאך. אבער דער נאציאנאלער זעלבסט־ערהאל־

טונגס־טריעב שלאָפט ביי יעדען אינדיווידיאום יעמאָלט, ווען די עקזיסטענץ פון זיין פאָלק שטעהט ניט אין סכנה. דער דייטשער אינדיווידואום, וואָס פערלאָזט איצטער זיין לאַנד, וויים גאַנץ גוט, אז זיין פאָלק בלייבט אין גאַנצען, אז זיין קולטור וועט בליהען אויך אָהן איהם; אז נאָר איהם, דעם אינדיווידואום, האָט געטראָפען דער א ו מ ג ל י ק, וואָס ער מוז פערלאָזען זיין אייגענע היים, זיינע ליעבע בערג און טהאָלען, וועלדער און פעלדער און זיך לאָזען וואַנדערן אין דער פרעמד. ער נעהמט דאָס אויף, ווי א ביטערען גורל און — לאָזט זיך טרייסטען מיט וואָס ער קאָן. ער וויים, אז ער געהט אין די פרעמד; ער וויים, אז אין דער פרעמד איז ניט ער, נאָר דער פרעמדער דער ב א ל ע ב א ס, אז „אין א פרעמדען מאָנאַסטיר טרעט מען ניט אריין מיט אַן אייגענעם שולחן־ערוך", ווי דער רוס זאָגט, אָדער אז „וועמעס ברויט איך עס, יענעמס ליעד איך זינג", ווי דאָס איז מסביר דער טייטש.

עס קאָן זיין, אז די שוואַכע איבערגעבענקייט צו דער אייגע־נער קולטור, וואָס מיר געפינען דאָ ביי די דייטשען, איז א פועל־יוצא פון זייער שטאַרקער נאַציאָנאַלער זיכערהייט, פון זייער בע־וואוסטזיין, אז קיין שד און קיין קאַטאַסטראָפע אין דער וועלט קאָן ניט אויסראָטען זייער מעכטיגען, בליהענדען שטאַם אין דער היים און אז דאָס דייטשטום קאָן א ברעקעל ניט פערליערען, ווען אפילו א פאָר מיליאָן דייטש־אַמעריקאַנער זאָלען פערטרונקען ווערען אין דעם אַמעריקאַנער ים; עס קאָן זיין, אז גראָד דערפאַר זענען דאָ די פוילען, און די פינלענדער, און די וועלשען, און די ליטהוועניער, לפי ערך, אזוי איבערגעבען צו זייער אייגענער קולטור, ווייל זיי פ י ה ל ע ן, אז אין דער היים איז זי אויך ניט אין גאַנצען זיכער מיט איהר עקזיסטענץ. דער נאַציאָנאַלער זעלבסט־ערהאַלטונגס־טריעב איז ביי זיי א סך אויפגערודערטער, איידער ביי דעם דייט־שען, ווייל זיי פיהלען, אז מיט יעדעם נייעם אינזעלע, וואָס זיי בעשאַפען פאַר זייער קולטור, פערשטאַרקען זיי איהר לעבענס־קראַפט, איהר זיין אויף דער ליכטיגער וועלט.

אָבער — ווי געזאָגט, דאָס שפּיעל פון דעם זעלבסט־ערהאַל־טונגס־טריעב ביי די פעלקער אַמעריקאַ׳ס איז נאָך דערווייל אַן אויסנאַהם. דערווייל קומט אהער נאָר דער אינדיווידואום, ווי אַן

אינדיווידואום, וואס זוכט חיונה און וואס ווייס, אז ער וועט דארפען אויסבייטען זיין נשמה אויף די נשמה פון דעם הערשענדען באלאבאס, ווייל „וועמעס ברויט איך עס, יענעמס ליעד איך זינג“.

און ווען ער קומט אהער, גיט איהם דער הערשענדער באלאבאס גאנץ קלאר צו פערשטעהן, אז ער האט ניט געמאכט קיין טעות אין זיין חשבון. דער הערשענדער גייסט פון דעם איצטיגען אמעריקאנער לעבען פערלאנגט, אז דער איינגעוואנדערטער זאל זיך אבזאגען פון זיין אייגענעם פאלק און זיך אין גאנצען צונויפגיסען מיט דעם אמעריקאנישען. און אויב ער קאן דאס ניט דורכפיהרען אין גאנצען אין זיין אייגענעם לעבען, אויב ער האט ניט אין זיך די קראפט און די צופאסונגס־פעהיגקייט, זיך אין גאנצען „אויסצוגרינען“, אין גאנצען אויסשפייען זיין אייגענע נשמה, איז לאז ער לכל הפחות ניט שטערען זיינע קינדער אין זייער „נאטירליכער“ אמעריקאניזאציע.

דאס גאנצע סיסטעם פון דער אפיציעלער פאלקס־ערציהונג, וועלכע אמעריקא האט אויפגעבויט, האט נאר איין ציעל אין זין, וואס גיכער צו אמעריקאניזירען דעם גרינעם יונגען דור. די נאטירליכע אויפגאבע פון יעדער געזונטער פעדאגאגיק — אויסצובילדען פרייע, שטאלצע זעלבסט־שטענדיגע אינדיווידוען, פאנאנדערצואוויקלען אין זיי אלע כחות פון דעם גוף און דער נשמה און געבען זיי די מעגליכקייט אליין אויסצוקלייבען יענעם לעבענס־אידעאל, וואס וועט זיי געפעלען בעסער פאר אלע, — אט די נאטירליכע אויפגאבע ווערט אין גאנצען אבגערוקט אן א זייט און אנשטאט איהר ווערט ארויסגערוקט אן אנדער ציעל — די אויסבילדונג פון אמעריקאנער בירגער, פון הייסע פאטריאטען, וואס זאלען גלויבען, אז העכער, איידער אמעריקע, אדער אמעריקאנישע קולטור קאן גאר אויף דער וועלט ניט זיין; אז פון אלע לענדער איז דאס בעסטע לאנד — די פעראייניגטע שטאאטען; פון אלע שפראכען איז די שעהנסטע שפראך — ענגליש, — א שאד נאר, וואס זי רופט זיך ענגליש און ניט „יונייטעד־סטייטס“; פון אלע פאליטישע און סאציאלע אינסטיטוציאנען זענען די גערעכטעסטע די אמעריקאנישע; פון אלע מענשליכע העלדען פערדיענען די גרעסטע בעוואונדערונג נאר די העלדען פון דער אמעריקאנער גע־

שיכטע, — דאָס איז איינענטליך דער גרונד־געדאַנק, וואָס ווערט אריינגעפּומפּט אין די יונגע מוחות פון דעם גרינעם דור. און דאָס ווערט געטהאָן אויף א ריין מעכאַנישען אופן, פאַר אלע קינדער פון אלע פעלקער אויף דעמזעלביגען שטייגער.

די אַמעריקאַנער פאָלקס־שול פּראָדוצירט פון אלע פעלקער איין איינציגע אַרט „דעזיירעבל עמעריקענס" (געווינשטע אַמעריקאַנער), ווי די פליישׁ־פאַבריקען פּראָדוצירען „דעזיירעבל" פראַנקפורטער וואורשטלעך. מען נעהמט פלייש פון כל המינים, צומאָלט עס אין דער מאַשין צו א גלייכאַרטיגער, ווייכער, גליטשיגער מאַסע און מען שטאָפּט עס נאָך דעם אריין אין לעדיגע הייטלעך. פון איין זייט מאַשין דרעהט מען און פון דער אַנדערער שיטען זיך וואורשטלעך אָהן א צאָהל, אלע פון דערזעלביגער גרויס, דערזעלביגער פאַרב און דעמזעלביגען טעם און ריח.

און האַנד אין האַנד מיט אָט דעם קלאָר אויסגעשפּראָכענעם אַמעריקאַנער שאָוויניזם געהט אריין אין די יונגע מוחות און הערצער א ביטערער האַס און א טיעפע פעראַכטונג צו אלץ, וואָס איז ניט אַמעריקאַניש, צו אלץ, וואָס די עלטערן — די גרינהאָרנס — האָבען מיטגעבראַכט פון דער פרעמד: צו זייער שפּראַך, זייערע זיטען און מנהגים, זייער בליק אויף די ציעלען און די אידעאַלען פון דעם מענשליכען זיין.

דאָס אָבזאָגען זיך פון דער אייגענער קולטור, פון דער אייגענער פאָלקס־געשיכטע מיט איהרע העלדען און איהרע מענשליךגרויסע טהאַטען ווערט אין אַמעריקאַ פערלייכטערט אויך דורך יענער לעבענס־אַנשויאונג, וואָס האָט אין די לעצטע פאַר דורות כמעט אין גאַנצען דורכגעדרונגען דאָס אַמעריקאַנער לעבען. פון פיעלע ווערט זי אָנגערופען „מאַטעריאַליזם" און „דאָלאַריזם". זי דאַרף אָבער ריכטיגער הייסען: „אינדוסטריאַליזם" און „סוקסעסיזם".

ס'איז ליידער אוממעגליך פאַר מיר איצטער אריינצולאָזען זיך באריכות אין א דערקלעהרונג, ווי אזוי די דאָזיגע לעבענס־אַנשויאונג איז דאָ אויסגעוואַקסען אין די לעצטע פאַר דורות און אין וואָס בעשטעהט זיין ריכטיגער מהות. לאָזט מיך נאָר בקיצור זאָגען,

אז איך גלויב איבערהויפט ניט אין „מאטעריע“, ניט ווי אין א פרינציפ פון נאטור־וויסענשאפטליכע דערקלעהרונג, ניט ווי א פרינציפ, וואס זאל דערקלעהרען געזעלשאפטליכע ערשיינונגען.

ווי דער פילאסאפישער מאטעריאליזם אין דער נאטור־וויסענשאפט, אזוי איז אויך דער פראקטישער מאטעריאליזם פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען, אין תוך אריין, אן אידעאליזם, וואס האט פערלארען דעם קאפ, פערבלאנדזשעט פון וועג און פערקראכען „קיין בויבעריק“. עס איז דעריבער א גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אז די נשמה פון דעם „דאלאריסטישען“ אידעאל בעשטעהט נאר אין דעם יאגען זיך נאך דעם דאלאר און נאך יענע מאטעריעלע הנאות פון דעם לעבען, וועלכע מען קאן פאר דעם דאלאר קויפען.

נעהמט צ. ב. אזא מענשען ווי דער פערשטארבענער מיליאנער ראדזשערס פון דער „סטענדערד איל קאמפאני“, וואס האט איבערגעלאזען נאך זיך א ירושה פון איבער זעכציג מיליאן דאלאר. ער האט געפונען א פריה־צייטיגען טויט דערפאר, ווייל ער האט ניט געפאלגט די דאקטוירים, וואס האבען געפאדערט, ער זאל וועניגסטענס אויף א פאר וואכען אוועקגעהן פון זיינע געשעפטען און אויסהיילען דעם צוריעטען מצב פון זיין געזונד. טריי צו זיין מיסיע „מאכען־געלד“ איז ער געשטארבען א כמעט־העלדישען טויט, ווי א סאלדאט אויף דעם שלאכט־פעלד, האבענדיג נאר איינס אין זינען, ווי אזוי צו פערגרעסערען זיין אזוי שוין קאלאסאלען פערמעגען. טראכט זיך אריין א ביסעל טיעפער אין דעם זין פון א ראדזשערס׳ לעבען און שאפען און איהר וועט צו דער עהרע פון דער מענשליכער נאטור געפינען, אז אפילו אין אזא „מאנעי־מעקינג מעשין“, ווי דער פערשטארבענער ראדזשערס איז געוועזען, האט ערגעץ וואו געגליהט א פונק פון יענער משוגעת, פון יענער, לאזט מיך זאגען, הייליגער משוגעת, וואס כאראקטעריזירט יעדען אמת׳ען אידעאליזם.

אנזאמלען גרויסע רייכטימער איז פאר דאס רוב אמעריקאנער אן א י ד ע א ל, א מין רעליגיע, וואס פערלאנגט קרבנות פון דעם, וואס דיענט איהר. און דער, וואס איז בעקאנט מיט דער געשיכטע פון די מענשליכע אידעאלען אין דעם סוף אכטצעהנטען און דעם אנהויב ניינצעהנטען יאהרהונדערט, וועט זיך ניט וואונ־

דערן, וואָס אַזאַ אידעאַל האָט גראָד געמוזט אויסוואַקסען אין אַמע־ריקע.

אין איינעם מיט דעם אויפבליהען פון דער װעלטליכער קולטור אין איהר קאַמפף אַנטקעגען דער רעליגיעזער מאַכט, וואָס האָט געזעהן דאָס העכסטע לעבענס־ציעל אין די דאגות וועגען אַ יענער־וועלט מיט אַ לעבען נאָכ׳ן טויט אין גן־עדן אָדער גיהנים, האָט געמוזט אויך אויפבליהען אַ ריין וועלטליכער לעבענס־אידעאַל, וואָס זאָל דאָס העכסטע ציעל פון דעם מענשענ׳ס לעבען זעהן אין דער בעהערשונג פון די נאַטור־קרעפטען און אין דער פּראָדוקציאָן פון מאַטעריעלע גיטער. „אינדוסטריאַליזם" קאָן מען אַ נאָמען געבען אָט די נייע ריכטונג פון דעם מענשענ׳ס שאַפען און שטרעבען.

אָבער אין אייראָפּאַ האָט דער אינדוסטריאַליסטישער לעבענס־בליק קיין מאָל ניט געקאָנט ווערען אין גאַנצען דער הערשענדער, אפילו ווען ביי דער מיטעל־אַלטערליכער, ריין רעליגיעזער לעבענס־אַנשויאונג איז איבערגעבראָכען געוואָרען דער חוט השדרה. אַ חוץ דעם רעליגיעזען אידעאַל האָט אין איהר געהערשט דער מילי־טערישער אידעאַל פון רוים און דער גריעכישער אידעאַל פון „קאַ־לאָקאַגאַטיא", דעם האַרמאָנישען אויסבילדען פון דער מענשליכער נשמה, וואָס זוכט איהר גליק אין דעם פרייען שפּיעל פון די אייגענע העכערע מענשליכע קרעפטען.

דער „מיליטאַריזם" און דער „הומאַניזם", — ווי דער ווידער־בעלעבטער גריעכישער אידעאַל האָט זיך גערופען, — האָט געהאַל־טען אין געוויסע גרעניצען דעם ניי־אויפגעקומענעם אינדוסטריא־ליסטישען אידעאַל, צו וועלכען עס איז צוגעשטאַנען קודם כל דאָס בירגערטום.

עס קאָן זיין, אַז דער אינדוסטריאַליזם האָט דאָרטען ניט גע־קאָנט אין גאַנצען נובר זיין זיינע קאָנקורענטען, ווייל דאָס בירגער־טום האָט ניט געקאָנט אין גאַנצען אויסראָטען פון לעבען די מאַכט פון דער מיליטעריש־פעאָדאַלער אַריסטאָקראַטיע.

ווי די מעשה איז, אין אַמעריקע איז דאָס געוואָרען אַנדערש.

אמעריקע איז דאס איינציגע לאנד, וואס איז פריי פון א מיליטערישער און א פעאדאלער אריסטאקראטיע. זי איז בירגערליך דורך און דורך. זי, און נאר זי, האט — אפשר דער־פאר גופא — געקענט אריינגנעהמען אין זיך אדער ארויסברענגען פון זיך דעם ריין־בירגערליכען געדאנק, אז די גרויס פון א פאלק ווערט בעשטימט ניט דורך זיינע נצחונות אויף דעם שלאכטפעלד איבער די איבעריגע פעלקער, אפילו ניט אין די עראבערונגען, וואס א פאלק מאכט אויף די פעלדער פון דער אינטעלעקטועלער און עסטהעטישער קולטור, נאר אין דעם גראד פון פאלקס־רייכטום, וועלכען א פאלק דערגרייכט אויף דעם פעלד פון זיין אינדוסטריע און האנדעל. די עקאנאמישע אוצרות קאנען אנגעזאמעלט ווערען, — אזוי לערנט דערזעלביגער בירגערליכער שטאנדפונקט, — נאר דורך דעם עקאנאמישען קאמפף פון די אינדיווידוען צווישען זיך, און מוזען בלייבען אונטער דער קאנטראלע פון יענע אינדיווידוען, וואס האבען זיי דורך זייער קאמפף געוואונען.

ווי איהר זעהט, איז אפילו דער ריינער „דאלאריזם" אויף א רעזולטאט פון א געוויסער גרויסער אידעע, וואס האט צו א גע־וויסער צייט געמוזט אויסוואקסען ביי דער מענשהייט און וואס האט געקאנט פערווירקליכט ווערען אין לעבען אין איהר לאגישער ריינקייט נאר ביי דעם אמעריקאנער פאלק.

בעטראכט מען דעם דאלאריזם אין דער פילאסאפישער בע־לייכטונג, אין וועלכער קארל מארקס האט אוועקגעשטעלט דעם פראגרעס פון דעם געזעלשאפטליכען לעבען, קאן מען לייכט בע־ווייזען, אז דער גרויסער וועלט־בעוועגענדער אידעאל פון דעם ביר־גערטום — די שטייגערונג פון דעם פאלקס־רייכטום דורך דעם עקאנאמישען קאמפף פון די אינדיווידוען צווישען זיך און די אינ־דיווידועלע קאנטראלע איבער די מיטלען און די געצייג פון דער געזעלשאפטליכער פראדוקציאן, — אז אט די גראנדיעזע אידעע איז פון איהר זייט אויך ניט מעהר ווי א נויטווענדיגער פועל־יוצא פון נאך א סך א גראנדיעזערען פראצעס אין דער גאנצער געשיכטע פון דער מענשהייט — דער ענטוויקלונג פון די פראדוקטיוו־קרעפטען און דעם בעהערשונגס־קאמפף, וואס דער מענש פיהרט אנטקעגען דער נאטור. פון דעם שטאנדפונקט איז קלאר ווי דער

טאָג, אַז דער „דאָלאַריזם" איז אין תוך אַריין עפּעס מעהר און עפּעס אַ וויכטיגערע זאַך, איידער דעם אינדיווידואום'ס יאָגען זיך נאָך די קויפליכע הנאות פון דעם איצטיגען לעבען.

ער איז דער אויסדרוק פון דעם אינדוסטריאַליזם, יענעם שטריך אין דעם מענשליכען פּראָגרעסיווען געדאַנק, וואָס האָט אָבגעקעהרט דעם מענשענ'ס זין פון די עולם־הבאָ'ס און יענע־וועלטיגע דאגות, פון די גיהנים'ס און גן־עדן'ס נאָכ'ן טויט, און צוגעווענדט זיין טראַכטען און זאָרגען צו די מאַטעריעלע גי־טער פון דער ערד, צו דעם גרויסען פּראָבלעם, ווי אַזוי צו בעהער־שען די כחות פון דער נאַטור און מיט זייער הילף אַרויסברענגען וואָס מעהר גשמיות'דיגע, מיט די הענד אָנצוטאַפּענדיגע חפצים, וואָס זענען נויטיג פאַר דעם לעבען פון דער מענשהייט.

ערגעץ איז דער אידעאַל פון אינדוסטריאַליזם ניט אַרויסגעקריסטאַליזירט געוואָרען אַזוי קלאָר און ריין, ווי אין דעם אַמעריקאַנער לעבענס־אידעאַל און אין דער אַמעריקאַנער טאָג־טעגליכער פּראַקטיק.

מען דאַרף אָבער נישט פערגעסען, אַז אויך דאָ האָט זיך דעם מענשענ'ס נאַטור ניט געלאָזט אין גאַנצען איינשפּאַנען אין דעם דיענסט פון דער מאַטעריעלער פּראָדוקציאָן. ווי הויך דער אַמע־ריקאַנער זאָל ניט שעצען איינעם'ס נצחונות אויף דעם פעלד פון אינדוסטריע און האַנדעל, — נצחונות, וואָס דריקען זיך אויס אין דער סומע „דאָלאַרס", וואָס איינער קאָן אַרויסשלאָגען פון זיין אונטערנעהמונגס־גייסט, — גיט דאָך דער אַמעריקאַנער צו, אַז מען קאָן זיין „סוקסעספול" אויך אויף געביעטען, וואָס זענען ניט דירעקט פערבונדען מיט מאַטעריעלע עשירות. אַ „סוקסעס", ד. ה. אַן ערפאָלג, איז אויך דער, וואָס געווינט מאַכט איבער זיינע מיט־מענשען און קאָן אויף זיי בעווייזען די קראַפט פון זיין ווי־לען; און „געקרוינט מיט סוקסעס" איז אויך יענעם'ס ארבייט, וואָס פערשאַפט איהם אַ קלינגענדען נאָמען.

געלד, מאַכט, אַ קלינגענדער נאָמען,—דאָס זענען די דריי פונ־דאַמענטאַלע ציעלען, וועלכע דער אַמעריקאַנער לעבענס־אידעאַל,

בעהערשט פון דעם ריינעם אינדוסטריאליזם, שטעלט אוועק פאר זיערע איינצעלנעם.

עס ליעגט אין דער נאטור פון אזא אידעאל, אז אין זיין ליכט־שיין מוזען אין גאנצען פערטונקעלט ווערען די אזוי אנגערופענע „העכערע" קולטורעלע ווערטהען פון א פאלק, בעשאפען אויף די אזוי אנגערופענע אידעאליסטישע צווייגען פון דעם מענשליכען ווירקען: די פערטיעפונג אין די מיסטעריען פון דער נאטור און אין די נאך פערבארגענערע סודות פון דער מענשליכער נשמה צוליעב קיין אנדער זאך, ווי נאר צוליעב די בעפריעדיגונג פון דעם מענשען'ם וויסענס־דראנג; דאס זיך ארייגלעבען און ארייגוועבען אין די געדאנקען פון די מענשליכע דענקער, אין די שעהנהייטס־אידעאלען און אין דער געפיהלס־סימפאניע פון דער מענשהייט'ס דיכטער, אין די עטישע פאדערונגען פון איהרע רעפארמאטארען און נביאים. פון דעם שטאנדפונקט פון „סוקסעסיזם" קאנען די אלע זאכען ניט האבען קיין אייגענעם אינוועניגסטען ווערטה, אויב זיי זיינען ניט ביכולת איינעם צו פערשאפען געלד אדער מאכט אדער א קלינגענדען נאמען. און אויב דורך אנדערע זאכען, — דורך פראדוקציאן פון פרויען־היט, שפיעל־קארטען אדער וויסקי, — דורך דעמאגאגישע פראזען אויף די וואהל־פערזאמלונגען, — דורך די געשיקטקייט און קראפט איינעם צו צובלוטיגען אין א פרייז־פייט, — קאן מען גיבער דערגרייכען דעם „סוקסעס" אין געלד, מאכט און בעריהמטקייט, איז געוויס ניטא קיין גרונד, פאר וואס מען זאל מאכען אזא וועזען פון די העכערע קולטורעלע ווערטהען אין וויסענשאפט, פילאזאפיע, פאעזיע, קונסט און אין דעם שטרעבען צו מאראלישער פאלקאמענהייט אין דעם אינדיווידועלען און דעם סאציאלען לעבען.

די אידעאלען פון „אינדוסטריאליזם" און „סוקסעסיזם" בעוועגען זיך אויף אזעלכע געביעטען, וואו די בעשאפונגס־קראפט פון דער מענשהייט דריקט זיך אויס כמעט ביי אלע פעלקער אויף איין און דערזעלביגער ארט; וואו דער שכל, ריכטיג אנגעווענדט, מוז ביי אלעמען ארויסברענגען די זעלביגע רעזולטאטען, ווי אין דער מאטעמאטיק און אין דער נאטור־וויסענשאפט, און וואו די ליידענשאפטען, וואס ווערען אויפגעפלאקערט אין דער מענשליכער

ברוסט, — האַב־זוכט, הערשער־זוכט, רוהם־זוכט, — זענען צו עלעמענטאר, אין זיי זאָל קאָנען ארויסטרעטען א וועלכע עס איז וויכטיגע אינדיווידועלע און ממילא אויך נאַציאָנאלע פערשיידענ־קייט. אין דער ממשלה פון דעם „סוקסעסיזם" איז, ווי אין זיין פאָלקאָמענעם היפך, דעם הימעלס־רייך, ניטאָ קיין נפקא מיניה צווישען דעם „העלענער" און דעם "יודעער". אלע מענשען ווערען בעטראכט ווי גלייכע עקזעמפּליארען פון איין־און דעם־זעלבינען מין מענש, — דעם מין, וואָס שטרעבט נאָך רייכטום, מאכט און בע־ריהמטקייט.

אין א גייסטיגער אטמאָספערע, וואָס איז דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון „אינדוסטריאַליזם" און „סוקסעסיזם", איז ניטאָ קיין פלאַץ פאר א העכערער ווערטשעצונג פון נאציאָנאלע אייגענטימ־ליכקייטען.

אויף אזא'ן אופן געפינען מיר, אז די ערשיינונג פון דעם „מעלטינג פאָט" אָדער, ריכטיגער, פון די פעלקער־קאָלטעגעס, איז אין דעם אמעריקאנער לעבען ארויסגעבראכט געוואָרען פון עטליכע אורזאכען: איינמאָל איז דאָס די ניעדעריגע קולטור פון די מאסען, וואָס קומען אהער, זייער לעדיגקייט פון א וועלכער עס איז קולטור־רעלער אטמאָספערע, וואָס זאָל זיצען טיעף אין זייער נשמה און וואָס זאָל שטרעבען צו א פרייער ענטוויקעלונג. דערנאָך איז דאָס דער פאקט, וואָס די קינדער פון א פאָלק קומען אהער ווי אינדי־ווידועז, ניט ווי טיילען פון א פאָלק. דערנאָך קומט דער אינדוסט־ריאַליסטישער לעבענס־אידעאַל פון דעם אמעריקאנער מיט זיין אָב־גאָט, דעם „סוקסעס", וואָס פערטויבט אין זיין געפּילדער אלע שטימען פון דער נשמה און ווירקט אויף יעדען איינעם מיט דער קראפט פון א היפנאָז, און צום סוף איז דאָס די הערשענדע מאכט, דער אמעריקאנער שאָוויניזם, וואָס קאָן זיך ניט פאָרשטעלען קיין העכערע און בעסערע קולטור־ארט, איידער זיין אייגענע, און וואָס בויט אויס אלע זיינע שטאאטליכע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטו־ציאָנען אזוי, אז דעם „סוקסעס" זאָל קאָנען דערגרייכען נאָר דער, וואָס האָט זיך דורך־און־דורך אמעריקאניזירט.

עס פרעגט זיך איצטער: מוזען די אלע אורזאכען אלע מאָל בלייבען ווי זיי זענען איצטער? איז אפשר מעגליך, אז די טענ־

דענצען, וואס ליעגען אויף זייער גרונט, זאלען זיך אין גאנצען איבערבייטען און ממילא ארויסרופען אין דער אמעריקאנער געזעל־שאפט א גאנץ אנדער שטעלונג צו דעם מעלטינג־פאט? קאנען מיר אפשר אין דעם לעבען גופא שוין איצטער בעמערקען א צייל פון קרעפטען, וואס ארבייטען אויף יענעם איבערבייט?

צוויי פארלעזונגען וועגען די צוקונפט פון די פעלקער אין אמעריקא

צווייטע פארלעזונג

די פעראייניגטע פעלקער פון די פעראייניגטע שטאאטען.

אין מיין פאריגער פארלעזונג זענען מיר בעקאנט געווארען מיט יענע גרונד־טענדענצען, וואס רופען ארויס די אסימיליאציע ביי די פעלקער פון אמעריקע.

מיר האבען געפונען, אז מען האט נאך קיין רעכט ניט צו רעדען פון אווירקליכער צונויפשמעלצונג פון אלע פעלקער צו איין פאלק; דערווייל איז אמעריקע א נאציאן, וואס בעשטעהט, ווי צ. ב. די שווייצערישע און די רוסישע, פון א סך פערשיידענע איינצעל־פעלקער. נאך מעהר, עס איז אפשר נאך צו פריה צו רעדען פון א צונויפשמעלץ־פראצעס, אין וועלכען עס ווערען צוגויפגעגאסען אין איינעם די וויכטיגערע טיילען פון די וויכטיגסטע פעלקער. דאס, וואס מען רופט אן „מעלטינג פאט“, איז, ווען מען בעטראכט עס א ביסעל גרינדליכער און טיעפער, ניט אן אמאלגאמירונג פון איינצעלנע פאלקס־טיילען צו איין עטנאלאגישען ארגאניזם, ווי דאס איז צ. ב. געווען דער פאל מיט יענע נארמאנישע און אנגלא־סאקסישע פעלקער־טיילען, וואס האבען ארויסגעבראכט די ענגלישע ראסע.

דא, אין אמעריקע, שפיעלט זיך איצטער אב א גאנץ אנדער פראצעס, וואס זיין רעזולטאט איז ניט קיין נייע איינהייטליכע ראסע אין פעלקער־פסיכאלאגישען זין, נאר עפעס אזוינס, וואס קאן בעסער אנגערופען ווערען: „א קאלטען פון קריעכפלאנצען“. די איינצעל־פעלקער פערליערען מיט זייער אינוועניגסטען עטנישען און פסיכא־פיזיאלאגישען עצם, נאר זיי ווערען אבגעשוואכט

אין זייער קראַפט צו וואַקסען ווי זעלבסט־שטענדיגע בוימער אין דער הויף. זיי דעגענערירען צו „קריעך־פלאַנצען". איין טייל ווינדט זיך אַרום, ווי אַ פּאַראַזיטען־פלאַנץ — אין דעם קולטור־היסטאָרישען זין פון דעם וואָרט — אַרום דעם איינציגען, שטאַרק און מעכטיג אין דער הויף וואַקסענדען בוים, אַרום דער אַמעריקאַנער קולטור. אַנדערע טיילען ווידער ווינדען זיך איינס אַרום דעם אַנדערן און פלעכטען זיך צונויף אויף דער ערד אין איין גרויסען קנויל, וואָס לעבט קולטורעל נאָר פון יענעם ביסעל זאַפט, וועלכען זיינע פּאַראַזיטישע טיילען פיהרען איהם צו. ווידער אַנדערע בלייבען דרויסען פון דער אַמעריקאַנער קולטור־אַטמאָספערע, ווענדען אָן זייערע אָבגעשוואַכטע כחות צו וואַקסען זעלבסט־שטענדיג אין דער הויף און קעמפּפען אַ ביטערען גייסטיגען קאַמפּף פאר אַ ביסעל לופט און זונען־שיין.

מיר זענען אויך בעקאַנט געוואָרען מיט יענע גרונד־קרעפטען, וואָס רופען אַרויס אין לעבען די „קריעך־פלאַנץ"־טענדענץ.

דאָס איז אין ערשטער ליניע דער קלאָר אויסגעשפּראָכענער ווילען פון דעם באַלאַבאָס פון לאַנד, אַז אַלע קינדער פון דעם לאַנד זאָלען בעקומען איין פּנים און אַז דער פּנים זאָל דוקא זיין זיינער: זיי אַלע דאַרפען פערליערען זייער אייגענע אָריגינאַליטעט און אויסזעהן ווי ער, אין שפּראַך און קולטור, אין זיטען און מנהגים, אין דעם לעבענס־פיהר און דעם לעבענס־ציעל. דער ווילען פון דעם לאַנד־באַלאַבאָס ווערט ביי איהם פערשטאַרקט דורך זיין איצטיגען לעבענס־אידעאַל, דעם אינדוסטריאַליזם, אָדער „סוקסעסיזם", אָדער גאָר פּראָזאַאיש: דאָלאַריזם, וואָס קאָן זיך ניט פאָרשטעלען, מענשען זאָלען זיין אינטערעסירט אין אַזעלכע „נאַרישקייטען", ווי די ליעבע צו דער אייגענער פּאָעזיע, צו דער אייגענער שפּראַך אָדער צו אַ בעשטימטען אַרט לעבען. האָבען ערפאָלג און מאַכען אַ דאָלאַר קאָן מען לייכטער און שנעלער פאַר אַלץ, ווען מען פּאַסט זיך אַריין אין דער דרויסענדיגער אַמעריקאַנער סביבה און דעריי־בער — אַוועק מיט די אַלטע גרינע זאַבאַבאָנעס פון יענער זייט ים! עס זאָל לעבען דער אַמעריקאַניזם! דער אַמעריקאַניזם ווערט אויף אַן „אינדוסטריעלען", „מאַשינאָוועז" אופן דורכגעפיהרט „פער דאַמפּף" אין די פּאָלקס־שולען און אין די ערציהונגס־אַנשטאַלטען,

וואו מען זוכט, דורך א קונציג־אויסגעארבייטעט שאבלאן, צו אונ־טערדריקען די גייסטיגע אינדיווידואליטעט פון א וועלכען עס איז פאלק.

די פעלקער וויעדער, וואס וואנדערן אריין אין דאס לאנד, קומער אהער דאס רוב ווי איינצעל־אינדיווידוען, מיט איין דאגה אין קאפ, ווי אזוי צו מאכען א לעבען. אויב זיי האבען אן אינ־סטינקטיווע ליעבע צו זייער אייגענער קולטור און שפראך, רוהט זי ערגעץ־וואו אומבעוואוסט אין דער נשמה, רופט ארויס אן אונ־קלארע בענקשאפט נאך א טונקעל־געפיהלטען אידעאל, וואס האט ניט די קראפט ארויסצוטרעטען אין קאמפף פאר זיין פערווירקלי־כונג אין לעבען. אגב האבען די איינגעוואנדערטע פעלקער זעהר ווייניג פון זייער אייגענער היימישער קולטור אין זיך. די נשמה איז ניט דורכאויס אנגעפילט מיט איהם. דאס רוב איז זי כמעט אין גאנצען לעדיג פון יעדער קולטור און דעריבער איז ניט שווער אונטערצושטעלען זי אונטער דעם קראנט פון אמעריקאניזאציע, אבדרעהען איהם אין לאזען זי אויסגיסען זיך אהין, ווי אין א לעדיגען צעבער.

וואקסט איצטער אויס די שאלה: זענען אט די אלע טענ־דענצען אייביג? מוזען זיי אנהאלטען אזוי לאנג, ביז פון די פעל־קער וועט באמת ניט בלייבען קיין זכר? מוז דער „מעלטינג־פאט" זיין זייער צוקונפט אין אמעריקע און קיין אנדער אויסוועג איז פאר זיי ניטא? אדער אפשר הויבען זיך אן צו בעמערקען אין דעם לעבען אנדערע טענדענצען, וואס געהען להיפך צו די פריהערדיגע, וואס קאנען אבשטעלען זייער ווירקונג, א דרעה־טהאן די אמעריקאנער ענטוויקעלונג אין אן אנדער ריכטונג און ארויסברענגען גאר אן אנדער זאך, איידער דער „מעלטינג פאט"? אפשר איז גאר די פעראייניגטע שטאאטען בעשערט צו בעווייזען דער וועלט די וואונדערבארע ערשיינונג פון פעראייניגטע פעלקער אין איין נאציאן, וואס העלפען ברידערליך איינע די אנדערע אין זייער בליהען און וואקסען, וואס היטען אב מיט געמיינזאמע כחות, ווי א שווארץ־אפעל פון אויג, די גרויס און די פרייהייט פון זייער אלעמענס לאנד, ווייל זיין גרויס און זיין פריי־

הייט איז דער ערשטער בעדינג פאַר זייער יעדענס גרויס, פאַר זייער יעדענס פרייע ענטוויקעלונג?

וואוהין קאָן טראָגען דער שטראָם פון דעם אַמעריקאַנער לעבען: צו אַן אַלגעמיינעם צימעס פון דעם „מעלטינג פאָט", וואו יעדער אינדיווידועלער שטריך פון דעם פאָלק ווערט אויסגעלאָשען, אָדער — צו דער פעלקער־פערבריידערונג, וואו יעדער פאָלקס־אינדיווידואַליטעט ווארפט זיך פאַנאַנדער און ברענגט אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין אַלע רייכטימער, מיט וועלכע איהר נשמה איז גע־בענשט פון דער נאַטור?

דאָס מוזען מיר איצטער בעטראַכטען.

לאָמיר אָנהויבען מיט דעם באַלאַבאָס פון דעם לאַנד און יע־נעם לעבענס־בליק, וואָס הערשט איצטער ביי איהם.

מען דאַרף ניט זיין קיין צו טיעפער בעאָבאַכטער פון דעם אַמעריקאַנער לעבען, כדי צו בעמערקען, אַז די איינזייטיגע הער־שאַפט פון דעם אינדוסטריאַליזם, פון דעם סוקסעס־גאָט הויבט אָן צו פערשווינדען. נייע ווינדען וועהען איצטער אין אַמעריקאַ, פריהלינג־ווינדען. קלאָר ווערט ארויסגערעדט דער געדאַנק, אַז דער שטאַאַט דאַרף האָבען אין אויג ניט דעם שוץ פון דער אינ־דוסטריע, נאָר דעם שוץ פון דעם מענשען. איך וויל דאָ מיך ניט אַריינלאָזען אין אַ חקירה וועגען די אורזאַכען, וואָס האָבען אַרויס־גערופען אַזאַ ראַדיקאַלען איבערבייט אין די אַנשויאונגען פון אַ סך, אַ סך אַמעריקאַנישע טהוערס; אויך וויל איך ניט אונטער־זוכען, אויף וויפיעל ערנסט און טיעף די פיהרער פון דער נייער בעוועגונג פערשטעהען זייערע אייגענע לאָזונגען. פאַר אונז איז גענוג דער פאַקט, אַז אַזאַ בעוועגונג האָט זיך אַריינגעריסען אין דעם אַמעריקאַנער לעבען.

פריהער האָט מסתמא דער נייער אידעאַל אַ לאַנגע צייט גע־גליהט אונטער דער אַש פון דעם אַלטען און נאָר וועניגע האָבען געשפּירט, אַז אַ נייער קוואַל פון וואַרעמקייט און ליכט זאַמעלט זיך אָן ביסלעכווייז אין דער אַמעריקאַנער נשמה. אָבער, הפּנים, אַז זיינע פלאַמען האָבען שוין גענומען שלאָגען גאַנץ הויך און שטאַרק, אויב קלוגע פּאָליטיקער געפינען דעם מוטה צו פערבינדען זייער פּערזענליכען ערפאָלג מיט דעם גורל פון דעם נייעם אידעאַל. דאָס

בעוויזט זייער גלויבען, אז דער נייער לעבענס־בליק האט אלע שאנסען צו געפינען אן אבקלאנג אין די הערצער פון דער גרויסער מאיאריטעט.

און איהר דארפט וויסען, אז פאר אונזער ענין האט דער אידעאליסטישער גלויבען פון א פראקטישען אמעריקאנער פאליטיקער א סך א גרעסערע וואג, איידער דאס וואלט געהאט דער גלויבען פון א פשוט׳ען אידעאליסט. ביי דעם אידעאליסט איז ער קיין וואונדער ניט און ער קאן זיין א רעזולטאט פון יענע צויבער־חלומות, וועלכע זיין נשמה שפינט איהם אוים אין איהר בענקשאפט נאך א רייכערען מענשליכען לעבען. דער פראקטישער אמעריקאנער פאליטיקער איז אבער, — וועניגסטענס, ביז איצט, — געווען פריי פון צויבער־חלומות, און אויב אויך זיין נשמה הויבט אן זעהן זעהונגען אויפ׳ן וואהר, איז דאס גאנץ געוויס א קלארער סמן, אז ער פיהלט, ווי אין לעבען איז אויסגעוואקסען א מאכט, מיט וועלכער עס לוינט זיך צו פערבינדען.

איהר שטויסט אייך מסתמא אן, ווענמען איך האב דא אין זין. איך רעד דא וועגען יענע פאליטיקער, וואס האבען בעשאפען די נייע גרויסע פארטיי אין דעם אמעריקאנער פאליטישען לעבען, די אזוי אנגערופענע „נאציאנאל־פראגרעסיווע“, און געוויס דארף איך אייך ניט דערקלעהרען, אז איך בין בשום אופן ניט קיין אנ־הענגער פון אט דער נייער פארטיי. עס איז פאר קיינעם קיין סוד ניט, אז דאס בעסטע פון איהרע סאציאל־פאליטישע פאדע־רונגען האט זי אריבערגענומען פון אונזער סאציאליסטישען פראָ־גראם, און אונז וואונדערט א ברעקעל ניט איהר איידעלקייט און בעשיידענקייט, מיט וועלכע זי האט פאר אונז דארטען פארט אי־בערגעלאזען דאס בעסטע. איך נעהם די „נאציאנאל־פראגרע־סיווע“ פארטיי, ווי א סימפטאם פון יענעם אינוועניגסטען אי־בערבייט, וואס קומט איצטער פאר אין דעם עפענטליכען געוויסען פון די אמעריקאנער. לאז זיין, אז ביי א סך פון איהרע אפיציעלע פיהרער קלינגט די נייע אידעאליסטישע שטים ניט גאנץ ריין, נאר צונויפגעמישט מיט ניט גאר קיין אנגענעהמע „אויבער־טענער“. מען טאר אבער פארט ניט פערגעסען, אז צו איהר זענען צוגע־שטאנען א סך באמת עהרליכע און אידעאליסטישע נאטורען, וואס

האָבען זיך ביז אָהער געשטיקט אין דער אַטמאָספערע פון דעם הערשענדען „דאָלאַריזם". און וויפיעל פון זיי זענען פּאָליטיש געבליעבען דרויסען פון איהר! אויך ביי די „אַלטע" פּאַרטייען גיהט איצטער אַן אַ העפטיגער געהרונגס־פּראָצעס, אויך דאָרטען פאָרמירט זיך אין שטילען אַן אַרמעע, וואָס האָט אָנגעשריעבען אויף איהר פאָהן דעמזעלביגען קריעגס־לאָזונג: „הומאַניזם קאָנטראַ דאָלאַריזם"! „די אידעאַלען פון דעם מענשען אַנטקעגען די אינטערעסען פון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן".

עס קאָן ניט זיין איצטער מיין אויפגאַבע, אַריינצולאָזען זיך אין אַן אָבשעצונג פון דעם, וואָס אַזוינס די נייע פּראָגרעסיווע שטרעמונג קאָן אויפטהאָן פאַר דאָס פאָלק אין די גרענוֹצען פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. פאַר די, וואָס האָבען אַריינגעבליקט אַ ביסעל טיעפער אין די סאָציאַל־פּאָליטישע פּראָבלעמען פון אונזער צייט, איז ניט נויטיג צו דערקלעהרען, פאַרוואָס די אמת'ע פערווירקליכונג אין לעבען פון הומאַניזם, פון מענשליכע אידעאַלען, פון דעם פשוט'ען מענשליכען יושר קאָן מען ניט ערוואַרטען פון פּאַרטייען און שטרעמונגען, וואָס ציטערן אָנצוגרייפען די וואָרצעל פון די וויכטיגסטע סאָציאַלע צרות, דעם קאַפּיטאַליזם אַליין. אָבער אויב די ניי־אויסגעוואַקסענע פּראָגרעסיווע עלעמענטען פון דעם לאַנד וועלען זיין לפחות אַזוי ראַדיקאַל אין זייערע אַנשויאונגען, אַזוי ערנסט אין זייערע שטרעבונגען, ווי די בעסטע בירגערליך־ראַדיקאַלע פּאַרטייען פון אייראָפּאַ, האָבען זיי פאַר זיך אַ גרויס פעלד פון טהעטיגקייט, וואָס דאַרף על פּי יושר בעאַרבייט ווערען דער עיקר פון זיי: דעם אויסבוי פון דער פּאָליטישער פרייהייט.

יע, אויך די פעראייניגטע שטאַאַטען, די בעריהמטע דעמאָקראַטישע רעפּובליק, איז נאָך גאַנץ ווייט פון אמת'ער דעמאָקראַטישער פרייהייט, ניט קוקענדיג אויף אַלע איהרע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיען. אַזוי ווייט, אַז אין איינינע פּונקטען שטעהט זי אַ סך הינטער דער ענגלישער מאָנאַרכיע, שוין ניט צו פערגלייכען מיט דער שווייצערישער רעפּובליק. דאָס קומט ניט דערפון, וואָס די פּאָליטישע גרונד־געזעצען פון'ם לאַנד זענען ווענינ פּראָגרעסיוו. אדרבא, אויפ'ן פּאַפּיער האָבען מיר איינע פון די

פריוואטע קאנסטיטוציאנען. עס איז אן אנדער צרה מיט איהר. אויף דעם ארגאניזם פון דער אמעריקאנער פרייהייט זיצט שוין פון לאנג אן א ספרוט, וואס האט זיך איינגעזויגען אין איהר לייב, זויגט פון איהר אויס איהרע לעבענס־כחות און ווערט פעט פון איהר בלוט. דאס איז די פאליטישע קאררופציאן, די פאלשטענ־דיגע צולאזענקייט פון די הערשענדע פארטייען, וואס שפאנען איין דאס פרייע פאלק אין דעם טריאומף־וואגען פון זייערע פריוואטע אינטערעסען. גראד אין די וויכטיגסטע, פייערליכסטע מאמענטען פון דעם לעבען, ווען דער אמעריקאנער בירגער ווערט גערופען אוועקצוזעצען זיך אויף זיין כסא־המלכות און צו נעהמען דעם סצעפטער פון זיין סואווערענער מאכט אין די הענד, — גראד אין די צייטען פון די וואהלען קומט פאר יענע וואונדערליכע פאסירונג, וואס שטעלט מיט זיך פאר דאס גרעסטע רעטענים אין דעם פאליטישען לעבען פון אונזער לאנד: דאס פאלק, ווי א גוט איינגעדרעסירט פערדעלע, לויפט מיט דעם ערשטען קלונג פון דעם סיגנאל־גלאק, גלייך אין די אלאבליעס פון דער פאליטישער פאר־טיי־מאשין, שטופט אריין זיין קאפ אין דעם יאך און כאפט פריידיג די אייזערנע צוים אין מויל אריין. איך רעד דא ניט פון יענעם טרויעריגען פאקט, וואס קומט פאר אומעדום אין אלע פארלא־מענטארישע לענדער, וואו דאס פאלק קלייבט אויס זיינע אייגענע בעדריקער פאר באלאבאטים אויף זיך, און וואו ער טהוט דאס אין עהרליכער אונוויסענהייט, אין דעם עהרליכען תמימות'דיגען גלויבען, אז זיינע בעדריקער זיינען זיינע בעפרייער. איך האב דא אין זינען די ספעציעל אמעריקאנישע קרענק, וואס א דאנק איהר איז אויך א גרויסער טייל פון דעם פאלק פאליטיש צופוילט, און וואס ער פערקויפט פאר א ביסעל לינזען זיין מאכט צו מענשען, אין וועמעס עהרליכקייט ער גלויבט אליין ניט. פ ע ר ק ו י פ ט, אדער נאך ערגער, שענקט זי אין גאנצען אוועק אומזיסט צו דעם „פאליטישען".

דער „פ א ל י ט י ש ע ן!" דאס ווארט אליין, אין זיין ווירקליכען אויסטייטש, כאראקטעריזירט בעסער איידער אלץ די געזונקענע מדרגה פון דער פאליטישער קולטור אין אמעריקע. „פא־ליטישען" איז אייגענטליך דער טייטש: „א פאליטישער טהוער".

אין יעדען לאַנד ווערט דער נאָמען בעטראַכט, ווי אַן עהרענהאַפּ־טער טיטעל, און די פּאָליטישע טהועריי — ווי די בכבוד'סטע, חשוב'סטע בעשעפטיגונג. איך רעד שוין ניט וועגען אַזעלכע לענדער, ווי רוסלאַנד, וואו די פּאָליטישע אַרבייט איז אָפט פער־בונדען מיט העלדישקייט און מסירת נפש, וואו דער פרייהייטס־קאַמפּף ציהט צו ווי אַ מאַגנעט צו זיך די איידעלסטע און בעסטע זיהן פון דעם לאַנד. אפילו אין לענדער, וואו דער פּאָליטישער קאַמפּף פון די פּאַרטייען שפּיעלט זיך אָב אין רוהיגערע און פריעד־ליבערע פאָרמען, אויך דאָרטען איז די פּאָליטיק איינע פון די העכסטע, אויב ניט די גאָר העכסטע, אַרט פון עפענטליכער טהעטיגקייט. יעדע פּאַרטיי, אָנגעהויבען פון די גאָר קאָנסערוואַטיווע אָדער אויסגעשפּראָכען רעאַקציאָנערע ביז צו די רעוואָליוציאָנערסטע סאָציאַליסטען, — קאָן אָנווייזען אויף אַ צייל פּאָליטישע טהוערס, — „פּאָליטישענס“, — וואָס רופען אַרויס די גרעסטע אַכטונג ביי דעם גאַנצען פאָלק פאַר זייער עהרליכער איבערגעבענ־הייט צו זייערע פּאָליטישע איבערצייגונגען און אָפטמאָל פאַר זייער וויכטיגער קולטורעלער אַרבייט, גראָד אויף אַנדערע ניט־פּאָליטישע פעלדער. קיינעם וועט ניט אַרויף אויפ'ן זין צו בע־שולדיגען דעם קאַטוילישען רעאַקציאָנער ווינדהאָרסט, אָדער דעם ליבעראַלען פּראָפעסאָר ווירכאָוו, אָדער דעם סאָציאַליסט פּאָול זינ־גער, אַז פּאָליטיק איז פאַר זיי געווען אַ „ביזנעס“, אַ געלד־גע־שעפט, ווי יעדער אַנדערער מסחר, וואָס דאַרף אַריינבּרענגען צו זיך דעם קונה. און זיי זענען ניט געווען קיין אויסנאַהם אין דעם פאַל. דער כלל איז, אַז דער פּאָליטישער טהוער אין אייראָפּאַ, פון די פיהרענדע שטעלען ביז אַראָב צו דעם לאָקאַלען אָרגאַניזאַטאָר און פּראָפּאַגאַנדיסט, איז פערזענליך אַן עהרליכער מענש, וואָס גלויבט תמימות'דיג אין דעם פּראָגראַם פון זיין פּאַרטיי, ווען אפילו זיין פּראָגראַם זאָל זיין אויפגעבויט אויף די ערגסטע עולות פון אונזער שטאַנדפּונקט און זאָל פערטיידיגען די שעדליכסטע פּריווילעגיעס פון די הערשענדע קלאַסען.

דער „קאַריעריסט“, וואָס בעטראַכט די פּאָליטישע אַרבייט, ווי אַ בעשטימטע פּראָפעסיע, איז אַן אויסנאַהם אין אייראָפּאַ. ער קומט פאָר אין די ניעדעריגע און מיטלערע שטעלען פון דער אָר־

גאניזאציע, און אויך דא מוז ער טיעף ביי זיך אין הארצען פער־בארגען זיין גלייכגילטיגקייט צו די פאליטישע פרינציפען, וועלכע ער פערטיידיגט. ווייל טאמער ווערט קלאר פאר דער עפענט־ליכער מיינונג פון זיין פארטיי, אז ער דיענט איהר נאר צוליעב אייגענע עגאאיסטישע אינטערעסען, אז איהר גלויבען איז איהם אין עצם גאנץ פרעמד, אזוי וועלען איהם ניט העלפען די שעהנסטע טאלאנטען און די גלענצענדסטע פעהיגקייטען: ער וועט מוזען ארויסגעשטויסען ווערען פון איהר. און אפילו אין די ערגסטע פעלען, — ווי צ. ב. אין דעם פאל בריאן אין פראנקרייך, — וואו א רעוואליוציאנערער סאציאליסט האט פערראטען זיין פריי־הערדיגע פארטיי און האט זיך אריינגעווארפען אין די ברייט־אפענע ארעמס פון דער בורזשואזיע, האט ער וועגען זיין „איבער־בייט אין די אנשויאונגען" געמוזט זיך עפענטליך פערענטפערן. און דער פאל „בריאן" איז דאך באמת אן אויסנאהם־פאל און אלע אקטען וועגען איהם זענען דאך נאך ניט אבגעשלאסען. וויפיעל זענען נאך פארהאן עד היום מענשען, וואס גלויבען, אז זיינע נייע, מעהר אדער ווייניגער רעאקציאנערע אנשויאונגען, זענען געווארען ביי איהם אן ערנסטער גלויבען; אז אויב עגאאיסטישע מאטיווען האבען געשפיעלט א ראליע אין זיין נייער פאליטישער טהעטיג־קייט, האבען זיי ניט אין גאנצען פערנומען זיין הארץ; און אז אויך אין אט די מאטיווען האט העכער פאר אלץ געקלונגען פאר איהם די דארשט נאך מאכט און רוהם, כדי ער, בריאן, זאל פערטיידיגען די עקזיסטענץ פון דער רעפובליק אנטקעגען איהרע רעאקציאנערע פייגד און פערזיכערן איהר די פרייע אינ־ווענדיגסטע ענטוויקעלונג.

גאנץ אנדערש איז אמעריקא. דא איז דאס ווארט: „פאלי־טישען", — א טיטעל, מיט וועלכען מען האט אומעטום א רעכט שטאלץ צו זיין, — כמעט ווי א בעליידיגונג, כמעט ווי א זידעל־ווארט. מיט פאליטיק בעשעפטיגט מען זיך „פראפעסיאנעל", צוליעב פרנסה. די גרויסע פאליטישע פארטייען האבען ניט קיין פרינציפען, אדער זייערע פרינציפען האבען קיין ברעקעל שייכות ניט צו זייער טהעטיגקייט און צו זייער אינווענייגסטען גלויבען. א מוירפי און א ברייען קאנעןביידע געהערען צו דער דעמאקרא־

טישער פּאַרטיי. אַ באַרגעם און אַ לאָפּאַלעט צו די רעפּובליקאַנער. וואָס די פּאַרטיי וויל, איז נאָר צו געווינען די שטימען פון פאָלק, אריינצובאַפּען אין איהרע הענד די פעססטע און וויכטיגסטע שטעלען אין דער מאַשינעריע פון דעם שטאַאַט, און אויסנוצען זי צוליעב די אינטערעסען, גאָר פּשוט, פון גאַנץ בעשטימטע פּערזאָנען און גרופּען, — אַפּילו ניט אין די אינטערעסען פון אַ בעשטימטען קלאַס. און אַזוי ווי אין דער דעמאָקראַטישער פּאָליטיק אין אַמעריקע הענגט אין לעצטער ליניע אַלץ אָב פון דעם וואַהל־רעזולטאַט ביי דעם שטים־קאַסטען, איז די אויפגאַבע פון דעם „פּאָליטישען", — פון דעם העכסטען ביז צו דעם קלענסטען, — זעהן ארויסברענגען דעם געווינשטען וואַהל־רעזולטאַט אין קאָמונע, שטאַאַט און לאַנד. אַלע מיטלען זענען דערצו דערלויבט, ביז צו אונטערקויפען שטימען אָדער ארויס׳גנב׳ענען זיי פון דעם שטים־קאַסטען.

ביז צו דער לעצטער צייט איז זעלטען אין לאַנד פאַרגעקומען אַ וואַהל, ביי וועלכער די הערשענדע פּאַרטיי אָדער פּאַרטייען זאָלען ניט האָבען בעגאַנגען קרימינעלע פערברעכען אין דעם וואַהל־פּראָצעס, ניט קוקענדיג, וואָס די דאָזיגע פערברעכענס ווערען „על פּי געזעץ" זעהר שווער בעשטראָפט. דער „פּאָליטישען" איז דער, וואָס מאַכט די דאָזיגע פערברעכענס, אָדער אָרדערט זיי צו מאַכען, אָדער וויים, אַז זיי וועלען צוליעב די אינטערעסען פון זיין פּאַרטיי געמאַכט ווערען.

ס׳איז פאַרהאַן אַ גרויסע שטאָדט אין די שטאַאַטען, וועמעס נאָמען איך וועל אייך ניט אויסזאָגען, אַז זי הייסט ניו יאָרק. איז דאָרטען דאָ אַ פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון אַ געוויסען דיסטריקט, וואָס מאַכט אַלע יאָהר אַ יום־טוב מיט אַ מאַרש איבער די גאַסען און אַן ארויספאָהר ערגעץ־וואו אין פּאַרק. די גאַס אין דער שכנות, וואו דער פיהרער פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע וואָהנט, ווערט בעציערט מיט פאָהנען און לאָמפּיאָנען. אַלע פּאָליטישע מהוערם פון דער דאָזיגער אָרגאַניזאַציע זאַמלען זיך צונויף, שטעלען זיך אויס אין צייל און מאַרשירען ארויס צו דעם פּאַרק אונטער די קלאַנגען פון דער מוזיק. זאָגט יעמאַלט דער עולם, מיט אַ גוטמוטהיגען שמייכעל, אַז פון דעם מאָמענט, וואָס די „פּאָליטישע

טהוערס" האבען פערלאזען דעם דיסטריקט, קאן מען אין איהם זיכער זיין פון גנבות און רציחות... ביז זיי וועלען קומען צוריק...

איז דען א חדוש, אז דער טיטעל „פאליטישען" שטעהט אין דער עפענטליכער מיינונג ניט א סך העכער, איידער דער טיטעל: „פערד־גנב" אדער „וויסע־שקלאפען־הענדלער"? דער חדוש איז, וואס דאס פאלק, וואס קוקט אויף דעם פאליטישען מיט אזעלכע אויגען, וואס וויס, אז ער וועט טאטען־מאמען פערקויפען פאר א דאלאר, און אז אויב ער קומט אריין אין א שטוב, איז, ווי גרויס זיין ראנג זאל ניט זיין, פארט גלייכער צו בעהאלטען די זילבערנע לעפעל, — דער גרויסער וואונדער איז, זאג איך, וואס דאס פאלק, ניט קוקענדיג אויף דעם, גיט פארט אוועק אין די צייטען פון וואהל זיין צוטרויען און פאליטישע קראפט דעם פאליטישען.

אין דעם פאקט אליין ליעגט דער בעסטער בעווייז, אז ווי הויך די קולטור פון אמעריקא זאל ניט זיין, שטעהט איהר פ א ל י ט י ש ע קולטור אויף א סך א ניעדעריגערער מדרגה, איידער ביי יעדען אנדערן ציוויליזירטען און פרייען פאלק, און אז קיינע רעפארמען, ווי ערנסט זיי זאלען ניט זיין געמיינט, ווי איבערגעבען די נייע אידעאליסטען זאלען ניט קעמפפען פאר זיי, וועלען ניט קאנען אריינברענגען קיין איין וויכטיגע ענדערונג אין דעם פאליטישען לעבען פונ'ם לאנד, כל זמן דאס פאלק וועט געבען דעם „פאליטישען" די מאכט אויסצולאכען זיך פון די רעכטען פון פאלק, ד. ה.: כל זמן די פאליטישע קולטור פון די מאסען וועט ניט אויפגעהויבען ווערען אויף א העכערע מדרגה.

די גרויסע פאליטישע אויפגאבע, וואס ליעגט אויף די אקסלען פון די אידעאליסטען אין אלע פארטייען, — די ווידערגעבורט פון דער דעמאקראטיע און די אויסרייניגונג איהרע פון דעם „פאליטישען", — דאס קאן ניט דורכגעפיהרט ווערען אהן א פאליטישער און א סאציאל־עטישער ערציהונג פון די מאסען, וואס מוז געפיהרט ווערען אויף א זעהר ברייטען און זעהר טיעפען שטייגער.

אבער דאס פראבלעם פון פאליטישער און סאציאל־עטישער מאסען־ערציהונג פיהרט אונז גלייך צו דעם פראבלעם פון „מעל־

טינג־פּאָט" און נאַציאָנאַלע קולטור און דערפאַר האָבּען מיר זיך אַזוי לאַנג אָבּגעשטעלט אויף דעם ענין.

די ערציהונג פון די מאַסען איז ניט די פאָלקס־שול בילדונג, וואוהין דאָס קינד קומט בלומרשט ווי אַ ווייס בלאַט פּאַפּיער, אויף וועלכען דער פּעדאַגאָג קאָן בלומרשט שרייבּען אַלץ, וואָס ער וויל, און די פעדאַגאָגישע רעזולטאַטען קאָנען זיך פּאָליטיש אַרויס־צייגען ערשט אין אַ יאָהר 15—20 אַרום. די מאַסען, וואָס דאַרפען פּאָליטיש ערצויגען ווערען, זענען דערוואַקסענע, מיט אַ פּאַרטיגען כאַראַקטער און מיט אַ געוויסען, שוין אויסגעבילדעטען קולטור־צושטאַנד. אָט דער קולטור־צושטאַנד דאַרף פערבעסערט ווערען שוין, אויב מען וויל, אַז דאָס זאָל האָבּען אַ ווירקונג אויף דעם פּאָליטישען מעמד פון דעם לאַנד.

קיינער וועט געוויס ניט לייקענען, אַז צווישען די וועהלענדע בירגער געפינט זיך אַ גרויסער פּראָצענט ניט לאַנג אַריבּערגע־קומענע פון דער פרעמד. די וואַהל־סטאַטיסטיקע בעשעפטיגט זיך, אויף וויפיעל מיר איז בעקאַנט, זעהר ווייניג מיט דער ראָליע, וואָס די „גרינע", די איינגעוואַנדערטע פעלקער, שפּיעלען אין איהר. אָבּער אַז די שטימען, וועלכע קומען פון דעם אימיגראַנט, זענען אַ וויכטיגער פאַקטאָר אין דעם פּאָליטישען לעבען, דאָס, דוכט מיר, שטעהט אויסער יעדען ספק. און אויך דאָס רעכען איך וועט מען ניט וועלען ערנסט אָבּפרעגען, אַז גאָר אַ היבשער טייל פון פּאָליטישער קאָררופּציע קומט אויס אויף דעם חלק פון די איינגעוואַנדערטע מאַסען. ממילא מוז די פּאָליטישע ערציהונג פון דעם דערוואַקסענעם עמיגראַנט — זיין איינס פון די פּראָ־בּלעמען פון דער פּראָגרעסיווער פּאָליטיק אין אַמעריקאַ.

קוים וועט מען דאָס איינזעהן, אַזוי וועט אויך מוזען ווערען קלאָר, אַז די אַרט, ווי די פּאָליטישע ערציהונג ווערט איצטער גע־פיהרט, קאָן בשום אופן ניט געבּען די געווינשטע רעזולטאַטען. די בעקאַנטשאַפט מיט דער געשריעבּענער קאָנסטיטוציאָן פון דעם לאַנד, אפילו ווען מען גיט זי די איינגעוואַנדערטע אין דער בעסטער בעלייכטונג פון דעם שעהנסטען דעמאָקראַטישען פירוש אויף איהר אין דער ענגלישער שפּראַך, איז דורכאויס ניט קיין שמירה אַנט־קעגען דער פּאָליטישער צולאָזענקייט און צוקראָכענקייט, וואָס

הערט שוין ביי א גרויסען טייל פון זיי. נאך איידער ער האט זיך אויסגעלערנט צו פערשטעהן גוט ענגליש און אבצושעצען דעם טעקסט פון דער קאנסטיטוציע און דעם דעמאקראטישען פירוש אויף איהר, איז ער שוין פריהער בעקאנט געווארען מיט איהר ווירקליכער „אויטאריזירטער“ איבערזעצונג אין דער טאג־טעגליכער פראקטיקע פון דעם „פאליטישען“.

די פראגרעסיווע פאליטישע אידעען און אנשויאונגען נויטיגען זיך אין א טיעפער אויפקלעהרונג, און אן אינטענסיווער פראפאגאנדא און אגיטאציע צווישען די מאסען. און קודם כל מוז דאס געמאכט ווערען אין זייער אייגענער שפראך, דורך ווארט און שריפט, אויב מען וויל באמת, אז זיי זאלען קאנען אריינדריגגען אין דעם מוח און דאס הארץ. און וואס גרעסער און רייכער די פאליטישע אויפקלעהרונג אין דעם פרעמדענ׳ס שפראך, איז אלץ בעסער פאר דעם פאליטישען פראגרעס פון דעם לאנד.

דאס אליין געהט שוין גאנץ געווים להיפך צו דער „מעלטינג־פאט“ טענדענץ, וואס מוז זעהן, אז די „פרעמדע“ שפראכען זאלען וואס וועניגער געברויכט ווערען, וואס איז פעראינטערעסירט אין זייער פאלקאמענעם פערשווינדען.

אבער ניט אין דעם אליין ליעגט די געפאהר פאר דעם „מעלטינג פאט“. סוף כל סוף איז א געוויסע צאהל ביכער און פאמפלעטען, א גאנצע צייל פון פארלעזונגען, קורסען און קלוב־דעבאטען וועגען די וויכטיגסטע פאליטישע ענינים, — אפילו א גאנצע פאליטישע ביבליאטהעק אין דער פרעמדער שפראך, — נאך ניט אזא מאכט, וואס זאל קאנען אבשטעלען די רייסענדע ווירקונג פון דער אסימיליאציע. אבער דאס איז שוין דער פינגער, וועלכען דאס לעבען מוז געבען דעם „שד“ פון נאציאנאליזם, וואס וועט שוין אריינשלעפען צו זיך די גאנצע האנט.

ס׳איז א גרויסער טעות, ווען מען מיינט, אז מען קאן לאזען פאנאנדערוואקסען זיך איין צווייג פון דער קולטור, בעת די איבעריגע צווייגען איהרע וועלען בלייבען ווי פריהער פער׳חלש׳ט אדער אין גאנצען פערדארט. די קולטור פון א פאלק איז אן איינהייטליכער בוים, און זיין פאליטישער צווייג קאן זיך ניט פאנאנדער־

וואקסען דאָרטען, וואו די וואָרצלען פון דעם בוים שטעקען און פוילען אין דעם זומפּ. כדי צו האָבען אַ געזונטע פּאָליטישע אויפקלעהרונג, מוז אויסגעפּאָרשט ווערען, וואָס האַלט אויף בכלל דעם ניעדעריגען קולטור־מעמד פון דעם פּאָלק. יענע אורזאַכען מוזען אָבגעשוואַכט ווערען און אַלע מיטלען מוזען אָנגעווענדט ווערען, כדי דער גאַנצער בוים זאָל בעקומען די נויטיגע שפּייז און פאַנאַנדערפיהרען זי צו א ל ע זיינע צווייגען און ממילא אויך צו דעם פּאָליטישען צווייג.

קאָן דאָס געשעהן, ווען מען מאַכט שוין אפריהער ביי זיך אָב, אַז דער „מעלטינג פּאָט“־אידעאַל טאָר חלילה ניט אָנגעריהרט ווערען? האָט דער „מעלטינג־פּאָט“, האָבען די אַסימיליאַציאָנס־בעשטרעבונגען אַ וועלכען עס איז חלק אין דעם ניעדעריגען קולטורעלען מעמד פון דעם איינגעוואַנדערטען פּאָלק?

אַ ביסעלע מעהר זיך אריינגעטראַכט אין דעם ענין, מוז יעדער איינער באַלד אויסגעפינען, אַז ניט נאָר האָט די אַסימיליאַציע אַ היבשען חלק אין דעם פערזומפּטען מעמד פון דער פּאָלקס־קולטור, נאָר אַז איהר חלק איז דער גרעסטער און דער וויכטיגסטער און איז דירעקט צונויפגעבונדען מיט דער מ אָ ר אַ ל י ש ע ר דעגענעראַציע פון די מאַסען בכלל און ממילא אויך מיט דער פּאָליטישער צוקראַכענקייט בפרט.

איך וויים, אַז איך ריהר דאָ אָן זעהר אַן אָנגעווערהטיגטען פונקט און אַז מען דאַרף איהם בעהאַנדלען מיט דער גרעסטער פּאָרזיכט. איך וויים, אַז ווען אין דער פּרעסע אָדער אין די עפענטליכע אויסערונגען פון אָנגעזעהענע, חשוב'ע טהוערס ווערען געמאַכט אפילו האַלב פערשטעקטע אָנצוהערעניסען וועגען דעם ניט בעפריעדיגענדען מאָראַלישען צושטאַנד פון די איינגעוואַנדערטע מאַסען, אַזוי געהט דורך אַן אומרוהה ביי אַלע זייערע פריינד און פערטיידיגער אין דעם עפענטליכען לעבען; עס מהוט זיך אַ גאַנץ אַ מבול פון אַרגומענטען, פאַקטען און סטאַטיסטישע ציפערן, אין וועלכע יענע אָנצוהערענים ווערט אין גאַנצען פערטרונקען, ביז זי, די איבערליאַרעמטע, שפּרינגט ווידער ארויס אין אַן אונבעוואַכטען מאָמענט.

איך געהער אויך גאַנץ געוויס צו די פריינד און פערטיידיגער

פון די איינגעוואַנדערטע פעלקער און בין פּרינציפּיעל פאַר דער פרייעסטער און אָפענסטער אימיגראַציע. אָבער ווייל איך בין דאָס, בין איך אפשר נאָך מעהר, איידער אַ סך אַנדערע, פעראינ־טערעסירט אין דעם, אַז מיר זאָלען קוקען דעם אמת גלייך אויג אין אויג, אַז ער זאָל אין גאַנצען זיך געפינען אויף אונזער זייט, אַז קיין איין ברעקעלע פון איהם זאָל ניט בלייבען ביי דעם געגנער, ווי גרויס עס זאָל ניט זיין אונזער קונץ אין מאַכען איהם שטום און אונשעדליך.

און קוקען מיר דעם אמת אומדערשראָקען אויג אין אויג, מוזען מיר זיך אַוועקשטעלען די פראַגע : איז דאָס מענשען־מעגליך, אַז אַ טייל פון אַ פאָלק, וואָס קומט אַהער, ווי צוואָרפענע איינ־צעלנע אינדיווידוען, וואָס ווערט תיכף אריינגעוואָרפען אין דעם קאָכעדיגען קעסעל פון דער אַסימילאַציע, וואו איין טייל נאָך דעם אַנדערן פון זיין קולטור ווערט צופאַלען און צוגאַנגען אין דעם זודיגען קאָך, — איז דאָס אַ מעגליכקייט, פרעג איך, אַז דערביי זאָל גראָד דער מאָראַלישער טייל פון זיין קולטור בלייבען אומבע־ריהרט, זיך אויפהאַלטען אויף דערזעלביגער הויך ?

די מאָראַלישע קולטור איז — איך געדענק שוין ניט, ווער דאָס האָט געזאָגט — געגליכען צו אַ צאַרטער פלאַנץ, אַרום וועלכער מען מוז טאָג־טעגליך אַרומגעהן, אין וועמעס וואַקסען מען מוז זיין שטענדיג פעראינטערעסירט. נאָך וויכטיגער איז דערביי צו גע־דענקען, אַז זי איז אינווענינג צונויפגעוואַקסען מיט דער גאַנצער קולטור, מיט דער גאַנצער וועלט־און לעבענס־אַנשויאונג, מיט דעם גאַנצען בליק פון דעם מענשען אויף דאָס, וואָס איז „גוט“ און וואָס איז „שלעכט“, ניט נאָר אין דעם רייך־עטישען זין.

עס איז אַ פאַקט, וואָס די קולטור־היסטאָריקער האָבען שוין לאַנג בעמערקט, אַז דאָרטען, וואו עס פאַלט פאַנאַנדער אַ געוויסע אָרט פון מענשליכער ציוויליזאַציאָן, ליידט קודם כל דערפון די מאָראַל. איהרע אידעען זענען אַסאָציאירט מיט אַלע אַנדערע אידעען פון דעם לעבען ; איהרע ווערטען — צונויפגעשטימט און צונויפגעשמידט מיט אַלע אַנדערע ווערטען פון אַ פאָלקס־קולטור. אין יוען אַ מענש זעהט און פיהלט, ווי זיין גאַנצער גייסטיגער באַגאַזש פערליערט פלוצלונג זיין גאַנצע חשיבות, זיין גאַנצען

ווערט אין דער אָבשעצונג פון דער אַרומיגער וועלט, איז יעמאָלט קאָן ער ניט מאַכען קיין ערקענטניס־טעאָרעטישען און פילאָסאָ־פישען אַנאַליז און אויסגעפינען די נפקא מיניה צווישען ריין עטישע און ניט־עטישע ווערטען. פריהער האָט ער גאַנץ גוט געוואוסט, וואָס עס איז שעהן און חשוב. אַגב איז פאַר די מאַסען „דאָס שעהנע" און „חשוב'ע" די כאַראַקטעריסטיק פון דעם מאָראַלישע „גוטען" (און אפשר זענען זיי אויך טעאָרעטיש גאָר ניט ווייט אַראָב פון וועג). „שעהן" און „חשוב" איז אַלץ, וואָס אין זיין קולטורעלער אַטמאָספערע ווערט גערעכענט פאַר „חשוב" און „שעהן". און מיט אַ מאָל בעמערקט ער, אַז „דאָ איז אַן אַנדער וועלט", אַז „סע איז אַמעריקע", אָדער „אַמעריטשקע גנב", ווי אידען רופען זי, אַז דאָס, וואָס איז פריהער געווען „שעהן", — די אייגענע שפּראַך, די אייגענע מנהגים, געוויסע אידעען און אַנ־שויאונגען וועגען דעם לעבען, — זענען גאָר דאָ מאוס; אַז די אייגענע לאַנדס־לייט זעהען מיט אַלע כחות צו בעפרייען זיך פון זיי, אַנצושפּייען אין פּנים דעם גאַנצען פריהערדיגען לעבען; אַז דאָס, וואָס מען האָט פריהער ניט „געטאָרט", איז דאָ דוקא אַ זאַך, וואָס „אײ־אײ, ווי מען מעג", — ווי ווילט איהר דאָ, אַז אין דער גרויסער שריפה, וואָס צינדט אָן זיין גייסטיגע וועלט פון אַלע עקען און ענדען, זאָלען בלייבען ניט בעריהרט דוקא די עטישע, דוקא די צאַרטעסטע עלעמענטען פון דער מענשליכער קולטור?

בעזונדערס גרויס מוז זיין דער עטישער חורבן פון אַ צונויפ־געפאַלענער וועלט ביי דער יוגענד, וואָס קומט אַריבער אַהער, אָדער וואָס ווערט געבאָרען אין לאַנד ביי ניט אַסימילירטע עלטערן. איינער פון די וויכטיגסטע פאַקטאָרען אין דער מאָראַלישער ענט־וויקעלונג פון אַ יונגער נשמה איז אַ געזונטער לעבען אין דער פאַמיליע, וואָס איז אומבעוואוסט אָנגעזאַפט מיט אַ געוויסער מאָראַלישער אַטמאָספערע, מיט אַ געוויסען אידעאַל פון „שעהן" און „חשוב", וועלכער ווערט כמעט אומבעמערקט אַריבערגעטראָגען פון די עלטערן אויף די קינדער. אָבער די אַסימילאַציע גראָבט אויס אַ תהום צווישען דעם עלטערן און דעם אינגערען דור. זיי קאָנען איינע די אַנדערע ניט פערשטעהן, ווייל זיי רעדען פער־שיידענע שפּראַכען. און די עלטערן האָבען פערלאָרען זייער גאַנצע

מאראלישע מאכט איבער די קינדער, ווייל די אמעריקאנער שול און די אמעריקאנער גאס האט אריינגעטראגען אין דער יונגער נשמה פון דעם קינד די גאל פון פעראכטונג צו זיינע אייגענע עלטערן, צו זייער גאנצען לעבען און צו אלע זייערע אנשויאונגען. און מעהר ווי די גאס און די פאבליק־סקוהל האט ניט דאס זיך אמעריקאניזירענדע קינד, פון וואנען עס זאל אריינזויגען אין זיך דעם מאראלישען האלט. די אמעריקאנער גאס! וואס איז אבער די אמעריקאנער גאס, אין וועלכער עס ציהט זיך אויף דאס זיך אמעריקאניזירענדע קינד פון די ניט אסימילירטע עלטערן? די גאס, — דאס זענען אקוראט אזעלכע חברה־לייט, ווי ער אליין, דאס רוב קינדער פון דעם זעלביגען פאלק, מיט דעמזעלביגען קולטור־חורבן, דערזעלביגער קולטור־וויסטעניש אין דעם הארצען, מיט דעם זעלביגען האס צו דער קולטור־וועלט פון זיינע „גרינע" עלטערן.

וועגען דעם קולטור־מעמד פון די אסימילירטע וועלען מיר נאך רעדען שפעטער. איצטער איז וויכטיג צו בעמערקען, אז סוף־כל־סוף ווערט דאס אמעריקאניזירטע, פון יעדער מאראל אויסגע־לעדיגטע קינד א לעבענס־אידעאל פאר דאס רוב עלטערן, ביי וועמען די אלטע וועלט הויבט אן פאנאנדערצוגעהן אין שטיקער. די אמעריקאניזירטע „באי'ס" אדער „גוירלס" ווערען די נייע מאראלישע אויטאריטעטען פאר דאס, וואס איז „שעהן" און „חשוב" — און עס שפרייט זיך פאנאנדער א מאראלישער זומפ, אין וועלכען עס ווידמען זיך די „גיב דהי בלאאד'ס" און די „דאגא פרענקס", — די העלדען פון דער „שווארצער האנד" און די העלדען פון די פערד־סם'ער, אונטערצינדערס און נאך ערגערע בריה'שקייטען.

געוויס, זענען די „גיב דהי בלאאד'ס" און די „דאגא פרענקס" — די עקסטרעמען. אבער ווי יעדער עקסטרעם, ווייזען זיי אן אויף דעם ווייטעסטען פונקט, ביז צו וועלכען די טענדענץ ווערט געטראגען, און דורך דעם גופא העלפען זיי אונז צו מאכען זיך א בעגריף וועגען דער שטארקייט פון איהר אימפעט. געוויס מוזען מיר אויף דאס צוגעבען, אז מאראלישע צופוילטקייט, וואס שטאמט פון דער אסימיליאציאן, פון דעם באנקראט, וואס די אלטע קולטור מאכט דורך, קאן נאר זיין דארטען, וואו אויף איהר פלאץ טרעט ניט אריין א נייע גייסטיגע קולטור, מיט שטארקע, ציוויליזירענדע

לעבענס־אידעאַלען. מיט אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז ביי דער א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ קאָן דער איבערגאַנגס־פּעריאָד פון איין קולטור צו דער אַנדערער זיין אַזוי קורץ און די מאַכט פון דער נייער קולטור אַזוי שטאַרק, אַז אַ נייער מאָראַלישער גלייכגעוויכט זאָל זיך שנעל אויסבילדען אין דער נשמה, און זי זאָל גאָר ניט בעמערקען, אין וואָס פאַר אַ געפאַהר זי איז געשטאַנען.

אָבער דאָס איז דאָך נאָר ביי דער א י נ ט ע ל י ג ע נ ץ. די גרויסע מאַסען פון די איינגעוואַנדערטע האָבען איהרע אייגענע ענטוויקעלונגס־געזעצען. זיי געפינען זיך אין אַן ערגערער לאַגע. שוין פּשוט דערפאַר, ווייל די אינטעליגענץ קאָן אויף זייער אינוועניגסטען צושטאַנד קיין ברעקעל ווירקונג ניט האָבען, אויך אַ דאַנק דער זעלביגער אַסימיליאַציע. אין דער אמת'ען! אַ גרויסער טייל פון דער ציוויליזירענדער און עטיזירענדער מאַכט, וואָס ליעגט אין אַ פאָלקס־קולטור, בעשטעהט אין דעם, וואָס די בעסטע אַנשוי־אונגען און אידעאַלען פון די בעסטע קינדער פונ'ם פאָלק, אויס־געוועהטיגט אין דעם ליידען־פולען פּראָצעס פון דעם פאָלקס־ענט־וויקעלונג, זאַמלען זיך אָן אין זיין גייסטיגער אַטמאָספערע און רינען דורך די פערשיידענע שיכטען, ביז צו די וויטעסטע און טונקעלסטע טיילען פון דעם פאָלק. דאָס קאָן אָבער געמאָלט זיין נאָר יעמאָלט, ווען צווישען אינטעליגענץ און פאָלק איז ניטאָ קיין תהום; ווען אינטעליגענץ און פאָלק לעבען אין איין און דער זעלביגער קולטורעלער אַטמאָספערע, זענען צונויפגעבונדען דורך דיזעלביגע פּסיכישע פעדים פון סאָלידאַריטעט, פון דעם בעוואוסט־זיין, אַז זיי געהערען ביידע צו איין פאָלק. די אַסימיליאַציע גראָבט אָבער אויס אַזאַ תהום און צורייסט די דאָזיגע פעדים. זי קומט לכתחילה צו דער אינטעליגענץ מיט דער פאָדערונג, אַז זי זאָל זיך אָבזאָגען פּרינציפּיעל פון דעם אייגענעם פאָלק און זיך ניט קימערן מעהר וועגען זיין מעמד. און אין דער מאָס, אין וועלכען זי אַסימילירט זיך באמת, פערליערט זי אין דער ווירקליכקייט יעדען צונויפבונד מיט די מאַסען און יעדע ווירקונג אויף איהר. אויב זי אינטערעסירט זיך נאָך מיט איהרע ברידער און פיהרט אַ קול־טורעלע ארבייט צווישען זיי, בעשטעהט די ארבייט אין דעם, וואָס זי פּושט אַהויס יאָהר־יעהרליך פון זיי אַלץ אַ גרעסערען פּראָצענט

פון יונגע פעהיגע מענשען און מאכט זיי פאר אקוראט אזעלכע אסימילירטע, ווי זיי אליין.

וואס מוז זיין דער רעזולטאט דערפון פאר די איבערגעבליעבענע מאסען? — דערפון מוז ארויסקומען א זעהר טרויעריגע ערשיינונג. שטעלט אייך פאר, איהר נעהמט א וועלכע עס איז מדינה און איהר פיהרט דורך, אז אלע בעסערע עלעמענטען איהרע זאלען טאג־טעגליך אוועקפאהרען אין דער פרעמד. אלץ, וואס איז געזונד און קלוג און איידעל און שטארק, און האט דאס שטרעבען צו העכערע פארמען פון לעבען, מוז טאג־טעגליך פערלאזען די היים און ווי נאר עס וואקסט אונטער א נייער בעסערער עלעמענט, דארף ער אויך אבטרייסלען פון זיינע פיס דעם שטויב פון זיין פאטערלאנד. אין וואס פאר א צושטאנד מוז סוף כל סוף זיך געפינען יענע מדינה? קאן זי מאכען א וועלכען עס איז פארטשריט אויף א וועלכען עס איז פעלד פון קולטור? בשום אופן נים! א דאנק דעם דאזיגען אויסער־נאטירליכען און געגען־נאטירליכען אבקלייב, מוזען אין דער היים בלייבען די אונפעהיגסטע און די שוואכסטע אין יעדער הינזיכט. עס פעהלט דער פארווערטס־טרייבענדער עלעמענט פון דער פערזענליכער איניציאטיווע, ווייל ווי נאר איין אינדיווידואום דערשפירט אין זיך אן אנוואקסונג פון קראפט און קולטורעלען שאפען, מוז ער שוין פערלאזען זיין היים. דער שטראם פון דער קולטור מוז זיך אבשטעלען, און ווי נאר ער שטעלט זיך אב, אזוי פערוואנדעלט ער זיך אין א שטעהענדען טייך, וואס ווערט בעוואקסען מיט געדיכטען גראז, און עס ווערט פון איהם באלד א זומפ.

פונקט אין דער זעלביגער לאגע, ווי א פאלק, פון וועמען די בעסטע קינדער מוזען עמיגרירען, געפינט זיך א פאלק, פון וועמען די בעסטע קינדער ווערען אוועקגעשלעפט דורך דעם שטראם פון דער פרעמדער קולטור. אין דער היים בלייבען די ערגסטע מיטעלמעסיגקייטען, וואס האבען נים געהאט דעם שכל און די פעהיגקייטען, אריינצושווימען אין דעם נייעם שטראם. אויב עס בלייבען נאך וועלכע עס איז קולטור־נויטען ביי דעם פאלק און עס זוכט צו בעפרידיגען זי אין זיין אלטער שפראך דורך אייגענע קרעפטע, מוז ער זיך בעגנוגען מיט יענע כחות, וואס די אסימילאציע האט

איהם נאָך געלאָזען. דאָס רוב אונוויסענדע, עם־האָרצישע, אָדער האַלב־און פערטעל־געבילדעטע מוזען נעהמען אויף זיך די ראָליע פון זיינע גייסטיגע שפּייזער און פיהרער, פון זיינע גייסטליכע, פון זיינע לעהרער און שרייבער, פון זיינע רעדנער און פּרעדיגער. וואָס פאַר אַן ארט קולטור עס קאָן געשאַפען ווערען פון דעם סאָרט קולטור־טרעגער, איז לייכט צו פערשטעהן. אַ פערווילדערונג מוז אריינטרעטען אין אַלע פעלדער פון דעם פאָלקס־לעבען און מיט איהר — די ערגסטע פערווילדערונג, די מ אָ ר אַ ל י ש ע.

איך האָב אייך אַזוי לאַנג אויפגעהאַלטען מיט דער מאָראַלישער דעגענעראַציע פון די איינגעוואַנדערטע מאַסען, ווייל דאָס איז ווירקליך אַן אַנגעוועהטיגטער פונקט פון דעם אַמעריקאַנער לעבען; ווייל איך גיב צו, אַז אין די בעשולדיגונגען, וואָס רייסען זיך ווען ניט ווען אַרויס אין דער עפענטליכקייט אנטקעגען דעם „פאַריינער", ליעגט אַ שטיקעל אמת, און מיר מוזען האָבען דעם קוראַזש ניט אָבצולייקענען איהם, און ווייל גראַד ווען מיר קוקען איהם ט י ע ף אריין אין די אויגען, געפינען מיר דעם אמת'ען שולדיגען. ניט דער איינגעוואַנדערטער איז שולדיג אין זיין מאָראַלישען צושטאַנד, נאָר יענע קולטורעלע אומשטענדען, אין וועלכע ער ווערט אריינגעשליידערט, אַ דאַנק דעם פּרינציפּ פון דעם „מעלטינג־פּאָט". פאַר די גרויסע מאַסען ברענגט די אַסימיליאַציע מיט זיך אַ לאַנג אַנהאַלטענדען מאָראַלישען און קולטורעלען נאַכט־צושטאַנד, וואָס דויערט פון דעם מאָמענט, ווען די זון פון דער אַלטער קולטור פערגעהט, ביז צו דעם מאָמענט, ווען די נייע זון געהט אויף, — אַ נאַכט, אין וועלכער עס פּרוכפּערן זיך און מעהרען זיך אַלע „ניט־גוטע" און טרייבען זייערע טייוועלשע שטיק.

און אויך דערפאַר האָב איך מיך אָבגעשטעלט לענגער אויף דעם מאָראַלישען פּראָבלעם, ווייל ער איז ענג צונויפגעבונדען מיט דעם שפּעציעלען ענין, וואָס בעשעפטיגט אונז היינט, — מיט דער מעגליכקייט פון אַ נייער „אַנטי־מעלטינג־פּאָט"־טענדענץ אין דעם אַמעריקאַנער לעבען, וואָס קאָן אַרויסוואַקסען פון דעם נייעם אידעאַליסטישען שטראָם.

דער שטראָם, האָב איך געזאָגט, פיהרט מיט זיך די קלאָרע נויטווענדיגקייט אויפצוהויבען דעם פּאָליטישען קולטור־צושטאַנד

פון די איינגעוואַנדערטע מאַסען. מען דאַרף באמת ניט זיין קיין גרויסער הקרן אין סאָציאַלע ענינים, כדי אויפ'ן שטעל איינצוזעהן, אַז די פּראָפּאַגאַנדאַ פון אַ וועלכען עס איז פּאָליטישען אָדער סאָציאַלען אידעאַל קאָן ניט געפיהרט ווערען, ווי אַ מוסר־„פּריידיגט“ וועגען די עשרת הדברות אָדער וועגען די אַבסטראַקטע פּרינציפּען פון דער ריין מענשליכער מאָראַל. דער פּראָפּאַגאַנדיסט, וואָס וויל ווערען פון אַ „פּאָליטישען“ אַ פּאָליטישער טהוער, דאַרף זיך ווענדען צו דער גאַנצער ל ע ב ע נ ס ־ ערפאַהרונג פון דעם פּאָלק, מוז קאָנען איליוסטרירען זיינע געדאַנקען מיט ביישפּיעלען פון דעם פּאָלק'ס געשיכטע און זיינע איבערלעבונגען אין דער היים און אין דעם נייעם לאַנד. ער מוז שטעהן אויף דער הויך פון זיין פּאָליטישען אידעאַל, און אין דערזעלביגער צייט זיין אויסגעבונדען מיט אַלע פעדים פון דער פּאָלקס־קולטור, כדי ער זאָל קאָנען זיי אַלע אויסנוצען פאַר דער בעלייכטונג פון זיין אידעאַל. ער מוז זיך גוט אַריינטראַכטען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם פּאָלק, זיין גוט בהבין מיט זיינע נויטען אין דעם נייעם לאַנד, כדי יעדעס וואָרט זיינס זאָל זיין אָנגעזאַפּט מיט דעם פּולסירענדען לעבען און זאָל קאָנען דירעקט אַריינדרינגען אינ'ם האַרץ פון זיין אודיטאָריום. אַזאַ'ן אויפגאַבע קאָנען נעהמען אויף זיך נאָר טהוערס פון אַ היימישען גייסטיגען און עטישען קאַליבער, און נאָר קינדער פון יענעם פּאָלק, צו וועלכען זיי ווילען געהן מיט זייער פּראָפּאַגאַנדאַ, גראָד אָט די פעהיגסטע און איידעלסטע קינדער זיינע, וואָס האָבען עס פריהער פערלאָזען.

עס איז דעריבער פאַר מיר גאָר קיין ספק ניט, אַז אויב די נויט אין ערנסטע פּאָליטישע אויפקלעהרונג פון די איינגעוואַנדערטע מאַסען וועט ווירקליך ווערען גרויס אין דעם לאַנד, וועלען אַ סך פון די „אַנטלאָפענע“ בעסטע קינדער פון דעם פּאָלק, זיך אַ זאָג טהאָן: „מיר מוזען אויף אַ ווייליכע זיך צוריקקעהרען צו אונזער פּאָלק און שפּראַך, — אָט ביז מיר וועלען נאָר פאַרטיג ווערען מיט דער פּאָליטישער אויפקלעהרונג צווישען אונזערע מאַסען. ס'איז אונז שווער ווידער אַריינצודרינגען אין דער קולטור־אַטמאָספערע, פון וועלכער מיר זענען אַנטלאָפען, אָבער מיר מוזען

דעם קרבן ברענגען אין די פּאָליטישע אינטערעסען פון אונזער לאַנד".

ווייסט איהר אָבער, וואָס פון אָט דער „ווייליגקע" קאָן ווערען ?

מיר האָבען שוין אין איירָאָפּא איבערגעלעבט אזא מין פּראָצעס, און מיר ווייסען, מיט וואָס ער האָט זיך אויסגעלאָזען. במעט אומעדום, וואו אין די איירָאָפּעאישע לענדער וואָהנען עטליכע פעלקער אין איינעם אונטער דעם גייסטיגען איינפלוס פון א הערשענדען פאָלק, האָבען מיר געהאַט דיזעלביגע ערשיינונג פון „אסימיליאַציע", פון א יאָגעניש צו דער הערשענדער קולטור, וואָס האָט בעפאָלען די בעסערע, די פּראָגרעסיווערע עלעמענטען פון די אונטערדריקטע פעלקער. און עס זענען דאָרטען געווען אויך גענוג ביישפּיעלען פון א קולטור-פערווילדערונג, וואָס האָט זיך געמוזט איינשטעלען אין די פערלאָזענע היימען. דאָס האָט געצוואונגען די פּראָגרעסיווע, שוין אין גאַנצען אסימילירטע עלעמענטען זיך בּיסלעכווייז אומצוקעהרען צו זייערע פעלקער. זיי האָבען דאָס געטהאָן דורכאויס ניט מיט דעם מיין צו פערבלייבען אייביג ביים פאָלק אָדער ווייטער צו שאַפען אין איינעם מיט איהם אין דער אייגענער פאָלקס-קולטור. די נויטען פון דער פּראָגרעסיווער ענטוויקלונג פון דעם גאַנצען לאַנד האָבען זיי געטריעבען, „אויף א ווייליגקע" צו אַרבייטען פאַר זייערע פּראָגרעסיווע אידעאַלען ביי זיך אין דער היים. זיי האָבען דאָס געמוזט טהאָן, וויל זייער פאָלק, אין גאַנצען פעראָרעמט אין אינטעליגענץ, איז געוואָרען א רויב פון די אייגענע רעאַקציאָנערע עלעמענטען, וואָס האָבען געוואונען זיין גאַנצען צוטרוי, בעת די אינטעליגענץ האָט זיך געבאָדען אין דעם זון-שיין פון דער פּראָגרעסיווער הערשענדער קולטור.

נו — און דער פּועל-יוצא פון דעם צוריק-קעהר אהיים „אויף א ווייליגקע" ? א סך פון אייך מוזען בעקאַנט זיין מיט איהם. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז זיי... זיינען געבליעבען אין דער היים, אַז א דאַנק זייער אַרבייט האָט זיך גענומען פאַנאַנדערבליהען זייער פאָלקס-קולטור; אַז זיי האָבען גענומען פאָדערן ניט דאָס פּאָליטישע און בירגערליכע גלייכבערעכטיגונג מיט דעם הערשענ־

דען פאלק, נאר אויך די אויסגלייכונג פון דער נאציאנאלער און קולטורעלער לאגע פאר אלע שפראכען און קולטורען פון זייער לאנד.

ווי אזוי איז דאס געשעהן?

עס איז צו לאנג צו דערצעהלען יענע אונגעהויער אינטערעסאנטע געשיכטע. און דערצו: ווי איך זאל זי ניט דערצעהלען, וועט זי בלייבען אומפערשטאנען פאר דעם, וואס קוקט אויף אלץ מיט די ניכטערע אויגען פון דעם ראציאנאליסט. עס האט זיך דא אריינגעמישט א קראפט, וועלכע איך קאן אנדערש ניט אנרופען, ווי דער „מיסטיציזם פון דער קולטור־שאפונג". קוים האט די אינטעליגענץ אריינגעגאסען איהר שעפערישען זשעני אין די אדערן פון דער פאלקס־קולטור, אזוי האט זי מיט א מאל גענומען אויפלעבען מיט אלע איהרע אברים. די פראגרעסיווע סאציאלע און פאליטישע פראפאגאנדא האט זיך ניט געקאנט בענוגענען מיט טרוקענע טהעאריען, מיט אוטיליטארישע ארגומענטען און קלוגע פירושים אויף דעם פראגראם פון דער אדער יענער פראגרעסיווער פארטיי. צו איהר הילף האט געמוזט קומען דער דיכטער מיט זיין פאעזיע, דער קינסטלער מיט זיינע דערצעהלונגען און ראמאנען פון דעם פאלקס־לעבען, דער היסטאריקער מיט זיין לעהררייכער ערפאהרונג פון די פערגאנגענע צייטען, דער פילאזאף מיט זיין ברייטען קוק אויף וועלט און מענשען, דער מאלער, דער סקולפטאר, דער פעדאגאג. זיי אלע, נאך אליין ניט וויסענדיג דעם טיעפערען זין פון דער ארבייט, וואס זיי טהוען, האבען געוועקט אלע איינגעשלאפענע סטרונעס פון דער פאלקס־נשמה. און די סטרונעס האבען גענומען געבען אן אבקלאנג אויף דער ארבייט פון דער אינטעליגענץ אויף זייער אייגענער ארט. די נייע נאר־וואס געבארענע ארט פון דעם אריגינעלען אבקלאנג האט אנגעפילט מיט א נייעם צויבער די נשמות פון דער אינטעליגענץ, און א שטאלץ איז דערוועקט געווארען אין זיי און א שברות מיט די נייע קולטור־פארמען און ווערטהען, וואס האבען גענומען שפרודלען פון פערבארגענע קוואלען. עס האט גענומען אויסדוכטען, אז די נייגעבארענע אדער וויעדער אבגעזונדערישטע קולטור איז ניט א רעזולטאט פון דער נייער שאפענדער אינטעליגענץ, נאר פערקעהרט. אז

זי, די קולטור, איז אַ מיסטישע מאַכט, וואָס נוצט אויס די גייע־ שאַפּענדע גייסטער פֿון פֿאָלק, ווי אינסטרומענטען, דורך וועלכע און אין וועלכע זי ברענגט זיך אַליין ארויס אין לעבען און פֿער־ ווירקליכט איהר אייגענעם תּוך. און ווער ווייס: אפשר איז די קולטור־שאַפֿונג פֿון אַ פֿאָלק באמת אַ מיסטישע קראַפֿט? אפשר איז דאָס אַ פּראָצעס פֿון אַ גייסט, אָדער גייסטער, וואָס שטעהען איבער דעם מענשען און בעהערשען זיין שאַפֿען און טהאָן?

אָבער — לאָם איך ניט שרעקען צו דער נאַכט מיט גייסטער, געשפּענסטער און מיסטישע קרעפֿט. נעהמט דאָס, אויב איהר ווילט, עמפּיריש־פּסיכאָלאָגיש: די שאַפֿענדע אינטעליגענ־ טען האָבען בעמערקט אין די פּראָדוקטען פֿון זייער שאַפֿען, אַז דער פּראָגרעסיווער, אַלגעמיין־מענשליכער אינהאַלט, וועלכען זיי האָ־ בען פֿערטיידיגט, האָט פּלוצלונג בעקומען אַן אייגענאַרטיגע אינ־ דיווידועלע פֿאָרם, וואָס נאָר זייער פֿאָלק האָט געקאָנט ארויס־ ברענגען. און די פֿאָרם איז זיי געוואָרען טהייער, — געהט, פֿרעגט פֿאַרוואָס און ווי אַזוי! — און דער טרעגער פֿון דער פֿאָרם, זייער אייגען פֿאָלק, איז געוואָרען איינגעבאַקען אין הארצען, און פּלוצ־ לונג איז זיי אריין אין מוח דער פֿעלזען־פֿעסטער גלויבען, אַז פֿעל־ קער קאָנען און טאָרען ניט שטאַרבען, און אַז דער גרעסטער מאָרד אין דער וועלט איז, ווען מען דערשטיקט אַ קולטור, און אַז דער גרעסטער פֿערברעכען אין דער וועלט איז, ווען אַ קולטור בעגעהט זעלבסטמאָרד. די נעכטיגע אַסימיליאַטאָרען האָבען אויף אַזאַ'ן אופֿן זיך פֿערוואַנדעלט אין נאַציאָנאַליסטען, — אין פּראָגרעסיווע פֿאָלקס־נאַציאָנאַליסטען, וואָס קעמפּפֿען אַנטקעגען די אייגענע רעאַקציאָנערע שאָוויניסטען פֿון די הערשענדע קלאַסען...

זענען די אַסימילירטע קינדער פֿון די פֿעלקער אין אַמעריקא אויף אייביג פֿערזיכערט, אַז מיט זיי קאָן ניט טרעפֿען אַזאַ מין פּאַסאַזש? וועט זיי אפשר דער געשיכטליכער ביישפּיעל פֿון דעם מאָדערנעם פֿאָלקס־נאַציאָנאַליזם אין אייראָפּא אָבשרעקען, זיי זאָלען ניט מאַכען אפילו דעם ערשטען שריט, ניט געבען דעם שד דעם מינדעסטען פֿינגער אין האַנד?

די געשיכטע לערנט אונז, אַז קיין מענש קאָן גאָר נישט ניט לערנען פֿון דער געשיכטע, ווען ער מוז טהאָן, וואָס ער מוז. אויב

דער נייער פאליטישער וויעדערבעלעבונגס־גייסט וועט באמת דורכדרינגען אין טיעפערע קרייזען, וועלען די אסימילירטע אינטעליגענטען פון די אמעריקאנער פעלקער זיך מוזען „אויף א ווייליקע" אומקעהרען אהיים, ווייל אין זיי וועט דערוועקט ווערען דער געפיהל פון אחריות פאר דעם קולטור־צושטאנד, דער מאראל און דער פראגרעסיווער ענטוויקעלונג פון זייער פאלקס־גרופע אין אמעריקא. ווער זאל דען זארגען פאר דעם קולטור־צושטאנד פון א פאלק, אויב ניט זיינע אייגענע קינדער? זאלען די יענקים געהן ציוויליזירען די אידען, אדער די איטאליענער, אדער די סירער, אדער די פוילען, — זיי, וואס האבען ניט און קאנען ניט האבען קיין ברעקעל אהנונג ניט פון דער שפראך, ניט פון דעם לעבען, ניט פון די נויטען און ניט פון די פסיכאלאגישע אייגענטימליכקייטען פון יענע פעלקער?

דער געפיהל פון אחריות פאר דעם פראגרעס פון דעם אייגענעם פאלק וועט ערוואכט ווערען ביי א גרויסען טייל פון זיינע אנטלאפענע קינדער. ער וועט מוזען ערוואכט ווערען ביי זיי, אויב זיי ווילען ניטווארטען ביז אנדערע וועלען איהם מיט „קאפוליער אנצוהערעניסען" נעהמען אויפטרייסלען פון שלאף.

אבער קוים וועט די אינטעליגענץ „אויף א ווייליקע" קומען אהיים, אזוי וועט זיך מיט איהר מוזען אבשפיעלען דערזעלביגער פראצעס, וואס איך האב אט־ערשט אייך דערצעהלט וועגען איהם. „מיסטיש", אדער „ראציאנאליסטיש", — דער סוף וועט זיין איינער: זיי וועלען א י י נ ז ע ה ן, אז די קולטור פון א פאלק קאן זיך נארמאל ענטוויקלען נאר אין דער פארם פון אן אייגענער שפראך, וואס זאל ארומנעהמען אינטעליגענץ און פאלק אין איין גייסטיגע אטמאספערע. און אזוי ווי דאס פאלק וויל ניט אדער קאן ניט אזוי גיך אננעהמען די ענגלישע שפראך און די אמעריקאנער קולטור, וועט אנשטאט צו ווארטען, ביז דער בארג וועט קומען צו מאהאמעדען, מאהאמעד זיך מוזען מטריח זיין צו דעם בארג.

די איינציגע מניעה, וואס וואלט געקאנט אבהאלטען די אמעריקאניזירטע אינטעליגענץ אומצוקעהרען זיך קולטורעל צוריק צו זייערע פעלקער, וואלט געקאנט זיין די מורא, טאמער וועט די

אמעריקאנער פראגרעסיווע וועלט שטארק פאראיבעל האבען אויף זיי, וואס זיי געהען אוועק פון איהר.

אבער מיר דוכט, זיי וועלען באלד איינזעהן, אז די אמעריקאנער פראגרעסיווע וועלט וועט ניט שטארק זיפצען נאך זיי. אדרבה, אפשר פערקעהרט: זי וועט פערשטעהן, אז אט דער אוועקגעהן איז א נויטווענדיגער ענטוויקעלונגס־פראצעס, א פארטיילהאפטער פאר אלע צדדים, וואס זענען פעראינטערעסירט אין דעם אמת'ען פראגרעס פון דעם לאנד, זי וועט דעריבער מיט פריידען בעגריסען דעם נייעם לאזונג: „צוריק צו אונזערע פעלקער!“

א פאר בעטראכטונגען וועלען אונז העלפען פערשטעהן דעם טעם דערפון.

אין דעם פראצעס פון אסימיליאציע הערשט א געזעץ, וואס איך וואלט אנגערופען: „דאס געזעץ פון גלייכען בייט“. מען בייט אויס די אייגענע קולטור אויף דער פרעמדער און מען נעהמט פון דער פרעמדער נאר דאס, וואס האט דעם ווערטה אדער כמעט דעמזעלבינגען ווערטה ביי דער אייגענער. דאס קומט פאר גאר פשוט דערפאר, ווייל העכערע ווערטהען קאנען פאר איינעם ניט עקזיסטירען, אויב ער איז ניט דערוואקסען געווארען צו זיי אין דער היים. דעריבער האט די אמעריקאנער געזעלשאפט, אויב זי איז באמת איינגעגלויבט, אז סוף כל סוף וועלען אלע איינגעוואנדערטע פעלקער מוזען אננעהמען איהר שפראך און קולטור, ניט אזוי וואס צו איילען זיך מיט דער אסימיליאציע. עס קאן איהר דערביי לוינען אבצולעגען זי ביז צו יענער צייט, ווען די אייגענע קולטור פון די פעלקער וועט זיך, א דאנק דעם צוריקקעהר פון דער אינטעליגענץ, אויפהויבען אויף א העכערער מדרגה. א רוסישער פויער, וועמעס גאנצע קולטור וואלט בעשטאנען נאר אין זיין „וואדקא“, וואלט פון דער אמעריקאנער קולטור געקאנט איבערנעהמען ניט מעהר ווי די „וויסקי“. דער אבער, וועמעס נשמה איז שוין פול מיט פושקין און לערמאנטאוו, וועט קאנען אריינדרינגען אין די העכערע רעגיאנען פון דער ענגלישער ליטעראטור.

ווי טהייער דעם אמעריקאנער זאל ניט זיין די ספעציפישע נאציאנאלע פארם פון זיין קולטור, ווי שטארק איהם זאל זיך ניט וועלען, אז אלע פעלקער זאלען צושטעהן צו איהר, מוז דאך איהם

זיין נאך טהייערער די מ ע נ ש ל י כ ע ענטוויקעלונג פון די פעלקער, אין וואס פאר א נאציאנאלער פארם זי זאל ניט געשעהן, און אייב אין דעם פראצעס פון דעם „מעלטינג פאט“, ווי ער געהט איצטער אן, מוז די מענשליכע ענטוויקעלונג פון די פעלקער ניט נאר פערלאנגזאמט, נאר אפטמאל אין גאנצען פערהויקערט ווערען, וועט דער אמעריקאנער גאנץ געוויס מרוצה זיין, אז דער אסימי־ליאציאנס־פראצעס זאל זיך אנהויבען ערשט יעמאלט, ווען די חוט־השדרה'ס פון די איינגעוואנדערטע קולטורען וועלען ווערען שטארק און אויסגעגלייכט, און די פעלקער וועלען פרייוויליג אריבער־נעהמען די העכסטע שטופען פון דער אמעריקאנער בילדונג, אין דעם פולען בעוואוסטזיין פון איהר העכערען ווערטה.

און אפילו, ווען דער פראגרעסיווער אמעריקאנער זאל איינ־זעהן, אז וואס העכער עס ענטוויקעלט זיך די קולטור פון די פעל־קער, אלץ וועניגער ווערען די שאנסען, זיי זאלען ווען עס איז וועלען פערבייטען זי אויף די אמעריקאנער קולטור, גלויבט זיך מיר אויך ניט, אז דאס זאל ווי עס איז שטערען זיין פרייד, וואס די אינטע־ליגענטען פון די איינגעוואנדערטע פעלקער קעהרען זיך אום אהיים, כדי צו נעהמען אויף זייערע אקסלען די גאנצע אחריות פאר דער מענשליכער ענטוויקעלונג פון זייערע ברידער אין דער אייגענער פאלקס־שפראך און אין דער אייגענער קולטור־פארם.

יעדער אמעריקאנער איז געוויס פעראינטערעסירט אין דעם טריאומף פון דעם „אמעריקאניזם“. אבער מען דארף ניט פער־געסען, אז אמעריקאניזם צו אמעריקאניזם איז ניט גלייך. ס'איז דא אן אמעריקאניזם, וואס בענוגענט זיך נאר מיט דער ריין אוי־סערליכער צופאסונג צו דעם אמעריקאנער „שניט“ און שפראך, געוואוינהייטען און אויסערליכע מאניערען. ס'איז פארהאן אבער אן א י נ ע ר ל י כ ע ר אמעריקאניזם, דער איינציגער, וואס קאן און זאל זיין טהייער יעדען פראגרעסיווען מענשען. דאס איז די ליעבע צו דעם לאנד, די ליעבע צו דער פרייהייט און צו יענע אינסטיטוציאנען, וואס זאלען זי בעשיצען און ווייטער אויסבויען, די פעהיגקייט צו בעהערשען די נאטור און צו ענטוויקלען דעם מענשליכען פראגרעס אויף אלע פעלדער פון זיין שאפען, און די איבערגעבענקייט צו דעם טובת הכלל. דאס איז ניט קיין אנדער

זאָך איז דער אמת'ער אַמעריקאַניזם. נאָר — וואָס פאַר אַ שייכות האָט ער מיט שפּראַך און נאַציאָנאַלע קולטור־פאָרמען? קאָן מען ליעבען דאָס לאַנד נאָר אין איין בעשטימטער שפּראַך? פערשטעהען די בערג און די טהאָלען און די ברייטע סטעפּעס און די מעכטיגע וואַסערן פון אונזער לאַנד קיין אַנדער לשון ניט, אַ חוץ ענגליש? איך קאָן אייך פערזיכערן פון מיין אייגענער ערפאַהרונג, אַז די מעשה איז ניט אַזוי.

איך בין שוין אַ ביסעל אַרומגערייזט איבער'ן לאַנד און האָב מיך גאַנץ גוט צונויפגערעדט מיט דער אַמעריקאַנער נאַטור אין מיין אייגענעם אידישען לשון. נאָך גאָר ניט לאַנג, פאַר אַ יאָהרען זומער האָב איך די קעטסקיל־בערג פאָרגעלעזען אייניגע לירישע שירים פון אונזער יהואש, וואו זיי ווערען בעזונגען אַזוי שעהן, און איך שווער אייך, אַז די שירים האָבען ביי זיי שטאַרק אויסגענומען. דאָס איינציגע, וואָס זיי האָט גע'חדוש'ט, איז, וואָס איך האָב אָנגערופען די שפּראַך „אידיש". „אידיש", האָט מיר איין בארג אין האַנטער געזאָגט, „האָבען מיר אָפּט די געלעגענהייט צו הערען, ווייל דאָס קלינגט צו אונז אַרויף פון דעם טהאָל און וועקט אונז אָפּטערס אויף פון דעם נאַכט־דרימעל. דאָס קלינגט גאַנץ עהנליך צו ענגליש און האָט זעהר אַן אָרעמען ווערטער־בוך. מיר דוכט, אַז מען קאָן אין איהם אויסדריקען נאָר אַזעלכע ענינים, וואָס האָבען אַ שייכות צו קאָרטען־שפּיעל, מאכלים און קליידער". איך האָב איהם געמוזט דערקלעהרען, אַז די אידען, וואָס די בערג זענען געוואוינט צו זעהן און צו הערען, רעכענען זיך שוין ניט פאַר קיין אידען; זיי מיינען, אַז זיי זענען „ריעל אַמעריקענס"; אַז די שפּראַך, וואָס זיי רעדען, איז בשום אופן ניט אידיש, אפשר אויך ניט ענגליש, אָבער זיי מיינען, אַז דאָס איז ענגליש, און אַז דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, וואָס רעדט און שרייבט אידיש, אינטערעסירט זיך מיט עפּעס מעהר, איידער מיט קאָרטען, מאכלים און קליידער. איך האָב איהם ציטירט, וואָס איך האָב געוואוסט אויף זויטווייניג פון ווינטשעווסקי און איינהאָרן, און די בערג האָבען איינגעזעהן זייער טעות. „ווינטשעווסקי", האָבען זיי געזאָגט, "איז גרויר נאָך אונזער אַמעריקאַנער גייסט. דאָס איז דער גייסט פון פרייהייט און גלייכהייט. אונזער אמת'ער לשון איז די שפּראַך פון פריי־

הייט און גלייכהייט, — אַלץ איינס, אין וואָס פאַר אַ קלאַנגען זי זאָל זיך ניט קליידען, און מיט יעדען, וואָס פערשטעהט די דאָזיגע שפּראַך, קאָנען מיר זיך ברידערליך צונויפרעדען".

און דאָס אייגענע איז, פערשטעהט זיך, אויך מיט די פרייהייטס־אינסטיטוציאָנען, אויף וועלכע דער אַמעריקאַנער איז אַזוי שטאָלץ. פאַר זיי מוז די פאָרם פון דער קולטור און דעם לשון זיין אוודאי אַ גלייכגילטיגע זאַך. ווייל פרייהייט איז דער טייטש דאָס רעכט צו לעבען, ווי איך וויל, בתנאי איך זאָל ניט שטערען דעם אַנדערן צו לעבען, ווי ער וויל, און גלייכהייט שליעסט איין אין זיך, אַז קיין גרופּע מענשען זאָל ניט האָבען קיין ברעקעל איבערוואָג איבער אַן אַנדער גרופּע. אַלע מענשען זענען גלייך פאַר דעם אַמעריקאַנער געזעץ און ממילא דאַרפען פאַר איהם גלייך זיין אַלע פעלקער, אַלע שפּראַכען און אַלע קולטורען. אַלע פעלקער זענען אָדער זאָלען זיין פערטרעטען אין דעם מענשליכען פּראָגרעס און אין דעם גליק פון דעם לאַנד און זאָלען העלפען איינע די אַנדערע אין דער דערגרייכונג פון די ביידע ציעלען. צוליעב דעם בילדען זיי און מאַכען שטאַרק די איינהייטליכע פּאָליטישע נאַציע פון די פעראייניגטע שטאַאַטען. אָבער די קולטורעלע פאָרם פונ'ם פּראָגרעס און דעם אינהאַלט פונ'ם גליק, — דאָס מוז מען איבערלאָזען צו די פעלקער גופא, צו יעדען איינעם פון זיי, ער זאָל דאָס בעשטימען פאַר זיך אויף זיין אופן.

איך ווייס, אַז דער געדאַנק איז נאָך זעהר פרעמד פאַר אַ סך, אפשר דאָס רוב פּראָגרעסיווע אַמעריקאַנער. ביי זיי איז דער אַמעריקאַניזם נאָך ענג צונויפגעבונדען מיט דער ענגלישער שפּראַך און דער ספּעציפישער אַמעריקאַנער קולטור. זיי פעהלט נאָך די טאָלעראַנץ צו אַנדערס רעדענדע און אַנדערס לעבענדע. אָבער גראָד פון דער אַמעריקאַנער געבילדעטער געזעלשאַפט האָט מען אַ רעכט צו ערוואַרטען, אַז זי וועט אָהן מיה קאָנען איבערגעהן צו אַ טאָלעראַנטען בליק אויף דעם ענין.

איהר ווייסט אַלע, אַז עס איז געוועזען אין דער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט אַ צייט, ווען מען האָט קיין ברעקעל אהנונג ניט געהאַט פון רעליגיעזע טאָלעראַנץ, און אין איינינע לענדער איז די צייט נאָך ניט אַריבער עד היום. „ווען עם לאַנד, יענעם'ס

ר ע ל י ג י ע", — איז געווען דער הערשענדער כלל. און אפילו דער פּראָטעסטאַנטיזם האָט ניט געבראַכט קיין ענדערונג אין דעם פּונקט. „קויאוס רעגיאָ, עיוס רעליגיאָ", — „וועמעס רעגיערונג, יענעמ'ס רעליגיאָן", איז אַ פּאָליטישער כלל, וואָס איז גראָד אַרויסגעבראַכט געוואָרען פון דער רעפאָרמאַציע. אַמעריקאַ געהערט צו יענע פּראָגרעסיווע לענדער, וואָס האָבען זיך שוין לאַנג אָבגעזאָגט פון אַ וועלכען עס איז הערשענדען גלויבען, אָבער אַ סך פון די דאָזיגע לענדער, און אויך די שטאַאַטען צווישען זיי, בלייבען נאָך שטעהן אין זייער טאָלעראַנץ ביי אַן אַנדער פּונקט, — דעם פּונקט פון קולטור און שפּראַך. „קויאוס רעגיאָ, עיוס קולטוראַ" — הייסט עס איצטער כמעט אומעטום. אָבער כמעט אומעטום פאָדערט די טאָלעראַנץ, אַז אויך אָט די גרעניץ זאָל אַריבערגעשפּרייזט ווערען אין דעם פּאָליטישען לעבען, — און עס איז זעהר שווער צו גלויבען, אַז גראָד אַמעריקאַ וועט בלייבען הינטערשטעליג אין דעם פּראָגרעס פון טאָלעראַנץ.

כל זמן דאָס לעבען איז געווען דורכגעדרונגען מיט די ריין־מאַטעריאַליסטישע אידעאַלען פון „דאָלאַריזם" און „סוקסעסיזם", האָט מען ווייניג געטראַכט וועגען דעם. ס'אַ נפקא מיניה די שפּראַך! וועמען אַרט דאָס די — וויים איך דאַרטען! — פּאָעזיע און ליטעראַטור. וואָס ווייניגער די פעלקער וועלען אויסגעבען גייסטיגע ענערגיע אויף זייער דערהאַלטונג און ענטוויקעלונג, אַלץ מעהר וועט בלייבען פאַר „מאַכען דעם דאָלאַר" און פאַר „מאַכען אַ סוקסעס" אין יענע פאָרמען, וואָס זענען שוין פאַרטיג אויסגעאַרבייט פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק. אָבער וואָס מעהר דער ערנסטער פּראָגרעסיווער גייסט, דער גייסט פון אידעאַליזם, וועט אַריינדרינגען אין בעוואוסטזיין און לעבען, אַלץ מעהר וועט מען זיך נעהמען אינטערעסירען מיט די „וויים־איך־דאַרטען"־קולטור־זאַכען און אַלץ העכער וועלען שטייגען אין חשיבות יענע אונזערע געפיהלען, וואָס זענען פערבונדען מיט אונזער העכערען קולטור־לעבען. די ליעבע צו אַ געוויסער שפּראַך, צו אַ געוויסער נאַציאָנאַלער אַ ר ט קונסט און ליטעראַטור, — אין זאָל די אַרט אַפילו זיין ניט מעהר פערשיידען פון דער אַמעריקאַנער, אויף וויפיעל גאָגאָל איז פערשיידען פון דיק־

קענס'ען, — די אלע געפיהלען, וואס ווערען ביי איינעם ארויסגע־רופען דורך די בעשאפונגען פון זיין פאלק אויף אלע פעלדער פון דער קולטור, זענען אינטימע געפיהלען, צארטע הארץ־אנגעלעגענ־הייטען, מיט וועלכע מען דארף זיך בעגעהן אקוראט אזוי צניעות'דיג און מיט פונקט אזא דרך־ארץ, ווי מיר בעגעהען זיך מיט דעם אנ־דערען'ס רעליגיעזען גלויבען.

יע, אויך די שפראך איז פאר דעם, וועמעס מוח און הארץ איז נים אין גאנצען פערנומען מיט געלד־מאכען, אסטראנאמיע אדער אבסטראקטען יושר אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען — א האר ציג־זאך. ניט אומזיסט רופען אן די דאלמאטינער אין איסטריע זייער אייגענעם לשון — „לינגווא דאל קוארע", די הארץ־שפראך, בעת דער הערשענדער לשון פון לאנד ווערט ביי זיי גערופען: „לינגווא דאל פאנע", דער ברויט־לשון. אבער אויך דער הערשענ־דער לשון קאן ווערען א „לינגווא דאל קוארע", ווען מען וועט איינ־זעהן, אז די מענשען, וועמעס מוטער־שפראך ער איז, זוכען ניט ארויסצושטופען און אין גאנצען צו אונטערדריקען דעם לשון פון דעם איינגעוואנדערטען.

לאזט מיך ביי דער געלעגענהייט בעמערקען, אז עס קומט מיר אפילו ניט אין זין צו פערלאנגען, אז די פעלקער פון אמעריקא זאלען אויפהערען צו לערנען זיך ענגליש. ניט נאר מוז מען דא האבען א געמיינזאמע שפראך פאר אלע פעלקער, זיי זאלען זיך קאנען צו־גויפרעדען, — ענגליש איז „אין גוטען מוטה" א לשון, וואס יעדער געבילדעטער דארף פאלקאם בעהערשען, אלץ איינס וואו ער וואוינט: אין פעטערבורג, פאריז אדער ניו יארק. ס'איז גאר קיין פראגע ניט, צי די פעלקער וועלען זיין „טאלעראנט" צו ענגליש. די פראגע איז וועגען דער טאלעראנץ צו אלע איבעריגע שפראכען אין אמע־ריקא, וואס דארפען אנערקענט ווערען, — פאר יעדען פאלק זיין לשון, — אויף א גלייכען פוס מיט ענגליש.

דאס אויפבליהען פון אן אידעאליסטישען בליק אויף דעם לע־בען, אדער ווייניגסטענס, דאס אבשוואכען פון דעם אלטען „דא־לאריזם" קאן נאך פון אן אנדער זייט אנהויבען געהן להיפך צו דער „מעלטינג פאט"־טענדענץ. דאס קאן פיהרען צו א גאנצען איבער־קעהר אין דעם סיסטעם, די ציעלען און די מעטהאדען פון דער

פאָלקס־בילדונג און פאָלקס־ערציהונג. די פאַבריצירונג פון „וואורשטלעך“ וועט מוזען אָבטרעטען איהר פּלאַץ צו אַ מעהר אינ־דיווידואַליסטישער פּעדאַגאָגיק, וואָס זאָל ענדליך אָוועקשטעלען זיך יענעם ציעל, צו וועלכען יעדע ראַציאָנעלע פּעדאַגאָגיק מוז שטרע־בען: די אויסבילדונג פון גאַנצע, האַרמאָנישע, אַלזייטיג־ענטוויי־קעלטע מענשען. דערביי וועט מען זיך מוזען רעכענען, — ווי דאָס פערלאַנגט די פּעדאַגאָגישע וויסענשאַפט, — מיט די אינדיווידועלע און נאַציאָנאַלע אייגענטימליכקייטען פון די תלמידים, ווייל די פּעדאַגאָגשע וויסענשאַפט האָט, — דורך איהרע בעסטע אויטאָ־ריטעטען, ווי פּעסטאַלאָצי, דיעסטערוועג, מישעל ברעאַל און טאָל־סטאָי, — שוין פון לאַנג אָן ארויסגעשטעלט די פאָדערונג, אַז מען זאָל, צוליעב ערציהערישע צוועקען, אויסנוצען די מוטער־שפּראַך פון דעם קינד און אַלע יענע פּראָגרעסיווע עלעמענטען, וואָס קאָנען זיך נאָר געפינען אין דער קולטור־וועלט פון זיינע עלטערן.

און אַ חוץ דעם וועט מען מוזען באַלד איינזעהן, אַז ס'איז וועניג צו רעכענען זיך מיט דעם נאַציאָנאַלען עלעמענט נאָר אין די צאַרטע יאָהרען און בעטראַכטען איהם בלויז, ווי אַ פּאָרלויפיגען מיטעל צום ציעל. די אויסבילדונג פון דעם מענשען איז די אויס־בילדונג פון אַ נאַציאָנאַל־בעשטימטען מענשען, וואָס איז ניט נאָר אַ סכום פון אַלגעמיין־מענשליכע אייגענשאַפטען, נאָר איז אַלע מאָל דער טרעגער און פערקערפּערער פון די דאָזיגע אייגענשאַפטען אין אַ גאַנץ בעשטימטער נאַציאָנאַלער פאָרם. אָט די נאַציאָנאַלע פאָרם קאָן אָבער ניט ארויפגעצוואונגען ווערען אויף איינעם פון דרויסען. אַ נאָרמאַלער, גאַנצער, שעהנער און האַרמאָנישער מענש קאָן זיין נאָר דער, וואָס לעבט אין אַ פאָלקאָמענער האַרמאָניע מיט זיין איי־גענער נאַציאָנאַלער קולטור. שטופּט מען איהם אריין אין אַ פרעמ־דע קולטור, צוברעכט מען דעם מענשען, מען צושטערט זיין אינ־וועניגסטע האַרמאָניע, אָדער מען מאַכט איהם אין בעסטען פאַל פאַר אַן איינזייטיגע, טרוקענע בעשעפענים.

איך וועל אייך שוין דערקלעהרען, וואָס איך מיין דערמיט.

אַ סך מענשען גלויבען באמונה שלימה, אַז מען קאָן ארויס־געהן פון איין קולטור־אַטמאָספערע און אריינגעהן אין אַן אַנדערע, ווי מען קאָן אויסטהאָן איין בגד און אָנטהאָן אַן אַנדערען. מען

מאכט דורך די פאלקס־שול, מען גענים די העכסטע בילדונג, וואס
די אוניווערסיטעטען פון דעם לאנד קאנען געבען, מען שטודירט
דורך די קלאסיקער, מען לייענט די טעגליכע פרעסע און די ליטע־
ראריש־וויסענשאפטליכע צייטשריפטען, מען כאפט דעם אויסער־
ליכען שניט פון לעבען און דענקען און מען מיינט, אז מען איז
אין גאנצען „אסימילירט“.

דאס איז אבער א גרויסער טעות. די קולטור פון א פאלק
איז אן איינהייטליכע גייסטיגע אטמאספערע, אן איינהייטליכער
גייסטיגער ארגאניזם און אריינדרינגען אין איהם איז ניט אזוי
לייכט, ווי דאס דוכט זיך אויס אויף דעם ערשטען בליק. ניט נאר
די שול און דאס געהערטע אדער געדרוקטע ווארט אליין האלטען
אויף און דריקען אויס דעם גייסט פון א וועלכער עס איז פאלקס־
קולטור. א חוץ דער קולטור שבכתב, אויב מען קאן אזוי זיך אויס־
דריקען, איז נאך דא א ק ו ל ט ו ר ש ב ע ל ־ פ ה, וועלכע
בעשטעהט פון טויזענטער און טויזענטער קליינינקע גייסטיגע עלע־
מענטען, וואס טראגען זיך ארום, אזוי צו זאגען, אין דער לופטען
און דרינגען דורך די גאנצע אטמאספערע, א חוץ אין דער שול, נאך
אויך אין דער קירך, אויף דער גאס, אינ'ם הויז, אין דער קינדער־
שטוב, אין דער ביבליאטהעק, אין דעם קלוב, אין דעם פערוויי־
לונגס־ארט, אין דעם גאסט־צימער און אין די טויזענטער אנדערע
ערטער, וואו עס שפיעלט זיך אב די קולטור שבכתב, די אפענע, וואס
יעדער קאן אריינגעהמען מיט זיינע חושים. יענע פערבארגענע
גייסטיגע עלעמענטען זענען זעלבסט־פערשטענדליך קלאר פאר יע־
דען, וואס ווערט אריינגעבארען אין א וועלכען עס איז קולטור־קרייז
און זאפט איין אין זיך טאג־טעגליך איהר לופט. זיי בלייבען אבער
אייביג פרעמד און אומצוגענגליך פאר דעם, וואס דרינגט אין איהר
אריין פון דרויסען.

שוין אין דעם ריין קערפערליכען לעבען פון א פאלק זענען דא
טויזענטער נאציאנאלע ניואנסען, וואס מען קאן בשום אופן ניט
אויסרעכענען און פינקטליך בעשרייבען. דער בעשטימטער טעמבר
פון דער שטים, די ארט פון זשעסטיקולירען, די ארט, ווי צו האל־
טען דעם קערפער אין די פערשיידענע פעלען פון דעם לעבען, ווי
צו טראגען דעם קאפ, ווי צו בעהאנדלען די קלאנגען פון דער איינע־

נער שפּראַך; דאָס שפּיעל פון די געזיכטס־מוסקעלן ביי אזא אָדער אַן אַנדער גייסטיגען צושטאַנד, די אַרט ווי אויפצוהויבען די ברעמען ביי דעם שטומען פרעג, ווי צונויפצופּרעסען די ליפּען ביי דעם מיסטרויאישען צוהערען, ווי דורכצודרינגען איינעם מיט׳ן בליק, — דאָס אַלץ ווערט ביי אַלע אינדיווידוען פון אַ בעשטימטען פאָלק ארויסגעבראַכט אויף איין־און־דעמזעלביגען אופן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש נאָר פאַר דאָס בעשטימטע פאָלק, ווען אַפילו אין די אַלע ערשיינונגען דריקען זיך אויך אויס סיי די אַלגעמיין־מענשליכע אייגענשאַפטען בכלל, סיי די פערשיידענקייטען פון אינדיווידיאום צו אינדיווידיאום.

און נאָך רייכער זענען די דאָזיגע טויזענטער קליינינקייטען אין דעם פּסיכישען לעבען פון דעם איינצעלנעם און אין דעם גייסטיג־סאָציאַלען לעבען פון דעם כלל.

זיי זענען ערגעץ ניט פאָרמולירט געוואָרען, ערגעץ ניט געזאַמעלט געוואָרען סיסטעמאַטיש און קאָנען ניט פאָרמולירט ווערען, קאָנען אין גאַנצען ניט אויסגעשעפּט ווערען אין אַ ווערכער עס איז וויסענשאַפטליכער אונטערזוכונג. דאָס איז אַ מאָל אַ ווערטעל, אַ וויץ, אַ מנהג, אַן אידיאָסינקראַזיע, אַ גלאַנץ פון דעם אויג, אַן אונבעוואוסטע סימפּאַטיע אָדער אַנטיפּאַטיע, אַ שטימונג, אַ בעזונדער צונויפקלאַנג פון אַלע גייסטיגע עלעמענטען, וואָס לאָזט זיך בשום אופן ניט אריינכאַפּען און אריינקוועטשען אין אַ ווערכען עס איז קלאָרען בעגריף. די פאָלק־לאָריסטישע וויסענשאַפט מיהט זיך געוויינג אָב צונויפצוזאַמלען וועניגסטענס דעם מאַטעריאַל פון דער „קולטור שבעל־פּה", וואָס קאָן אויפגענומען ווערען מיט די חושים: פאָלקס־ווערטלעך, פאָלקס־מעשה׳לעך און ליעדלעך, זיטען און מנהגים. אָבער אויך זי איז אָהנמעכטיג אריינצונעהמען אין גאַנצען דעם אונבעוואוסטען גייסט, וואָס שוועבט איבער דעם דאָזיגען מאַטעריאַל, דאָס, וואָס גיט איהם צו דעם בעשטימטען גערוך, דעם טעם, די פאַרב פון דעם אייגענטימליכען פולסירענדען אמת׳ען נאַציאָנאַלען לעבען.

אַ פריינד מיינער האָט מיר אין אַ פּריוואַט־געשפּרעך פאָרגעשלאָגען, איך זאָל דאָס, וואָס איך רוף אָן „קולטור שבעל־פּה", בעסער אַ נאָמען געבען די „עטהערישע" עלעמענטען פון דער פאָלקס־קול־

טור, ווייל זיי האבען, ווי דער וועלט־עטהער, קיין וואג ניט, דרינגען אומעטום אריין און קאנען ניט געזעהן ווערען מיט'ן אויג. עס איז באמת א גאנץ גוטער פערגלייך, ווייל ער שטימט איך אין דעם פונקט, וואס די עטהערישע עלעמענטען פון דער קולטור זענען, ווי די קאסמישע עטהער־וועלען (אויב עס זענען דא אזעלכע עטהער־וועלען), די אייגענטליכע טרעגער פון ליכט און ווארעמקייט אין דעם פעלקער־לעבען.

דער „אסימילירטער" קאן אבער די דאזיגע אינטימע, אונבעוואוסטע עלעמענטען פון דער קולטור ניט שפירען און ניט אויפגעהמען אין זיך, שוין דערפאר אליין, וואס ער קאן ניט אריינדרינגען אין דאס אינטימע לעבען פון דעם אמעריקאנער הויז, דער אמעריקאנער גאס און אלע יענע פלעצער, וואו עס שפיעלט זיך אב דאס טאג־טעגליכע לעבען פון דעם אמעריקאנער. דאס רוב מוזען איהם בלייבען פרעמד די קרייזענדע מאגנעטישע שטראמען פון דער אינטימער קולטור־אטמאספערע, ווייל זיי ווערען צום גרעסטען טייל ארויסגערופען און גערעגעלט פון די אונבעוואוסטע סימפאטיען אין דעם אמעריקאנער כאראקטער, וואס שטעקען אין דעם בלוט, וואס געהען איבער פון דור צו דור, וואס זאמלען זיך אן ערשט אין א משך פון צייטען, ווי דער פערפיום פון אן אלטען ווייז אדער פון א לאנג און גוט געלאגערטער סיגאר.

דער ניט־אמעריקאנער קאן נאר אריבערנעהמען די אפענע מעהר אדער ווייניגער מגושם'דיגע עלעמענטען פון דער אמעריקאנער קולטור, וואס ליעגען קלאר פאר אלעמען, — יענע עלעמענטען, וואס ווערען דורכגעדעסטילירט דורך דעם בעוואוסטזיין. זיין אמעריקאניזם האט דעריבער דעם טעם פון ריינע דעסטילירטע וואסער, און מען מערקט אויפ'ן שטעל, אז עס איז ניט דאס עכטע קוואלוואסער מיט זיין בעשטימטען געשמאק, נאר אז דאס איז א קינסטליכער פראדוקט, געוואונען אויף א ריין מעכאנישען וועג. ביי אזא „אמעריקאניזם", אפילו פון דער בעסטער און שעהנסטער געשטאלט, ווערט דער ארגאנישער כאראקטער פון דער פאלקס־קולטור אין גאנצען פערלארען. דאס איז עפעס ריין מעכאנישעס, שטייפעס, אבגעצירקעלטעס, ווייל איהם פעהלען די טויזענטער ניואנסען פון די טויזענטער „זשע־נע־סע־קוא'ס", וואס פילען אן די אמת'ע

קולטורעלע אַטמאָספערע פון דעם אַמעריקאַנער. ער זעהט דעריבער אויס ווי אַ טויט, געשליפען גלעזעל אין פערגלייך מיט דעם עכטען בריליאַנט, וואָס לעבט און פינקעלט אין זיין רייכען פאַרבען־שפּיעל.

איינער, מיינער אַ בעקאַנטער אַמעריקאַנער האָט געמאַכט די כאַראַקטעריסטישע בעמערקונג, אַז דאָס רוב „אַסימילירטע" פון די געבילדעטע קלאַסען קאָן מען דערקענען דורך דעם, וואָס זיי רעדען אַ „צו גוטען ענגליש". מען פיהלט אין זייער שפּראַך דעם צירקעל און די ריים־פעדער, דאָס טעאָרעטיש אָבגעמאָסטענע און אָבגע־וואויגענע, ניט דעם אונמיטעלבאַרען גייסט פון דער לעבעדיגער שפּראַך, וואָס שפּרייזט אין יעדען מאָמענט אַריבער די גרעניצען פון דעם אויסגערעגולירטען שאַבלאָן.

עס זענען געוויס דאָ זעהר פיעל אַסימילירטע, דערהויפּט צווישען אידען, וואָס זוכען אינסטינקטיוו ווי אַ גוטער אַקטיאָר נאָכצומאַכען די טויזענדער „איך־וויים־ניט־וואָס'ען" פון דעם אַמע־ריקאַנער כאַראַקטער, לכל הפּחות אין דער אויסערליכער ערשיי־נונג: אין דעם שפּיעל פון די געזיכטס־מוסקעלן, אין דעם טעמבר פון דער שטים, אין דעם אַרט רעדען און לאַכען, אין דער האַלטונג פון דעם קערפּער און אין דער זשעסטיקוליאַציע. אָבער דאָס רוב כאַפּען זיי אַריבער אין די אַלע זאַכען אַ ביסעלע די מאָס, אָדער „דערשפּיעלען" ניט גאַנץ, אָדער מישען עס צונויף מיט זייערע אייגענע ניואַנסען. עס איז אָבער גענוג נאָר אַ ברעקעל איבער־כאַפּען די מאָס אָדער אַ האָרעלע ניט דערשפּיעלען, אָדער נאָר ווי־פיעל עס איז צונויפמישען עס מיט פרעמדס, אַז פון דעם איינ־הייטליכען אַמעריקאַנער כאַראַקטער זאָל אַרויסקומען אַ קאַריקאַטור. דער גאָר־גאָר אַסימילירטער מוז דעריבער ווירקען „קאָמיש" און ניט ווילענדיג אַרויסרופען אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

די דאָזיגע אונפעהיגקייט אין גאַנצען איבערצונעהמען די טוי־זענטער ניואַנסען פון דעם פרעמדען כאַראַקטער, און די קאַריקאַ־טור, וואָס מוז דערביי אַרויסקומען, דערקלעהר איך מיר אָט אויף וואָס פאַר אַן אופן.

דאָס אומבעוואוסטע נאָכקאָפּירען פון דעם פרעמדען אָריגינאַל ווערט אַרויסגערופען נאָר פון די שטריכען, וואָס דרינגען פון זיך אַליין אַריין אין דאָס אויג אָדער דעם אויער, — ד. ה. נאָר די מעהר

אדער ווייניגער קלאר אויסגעשפראכענע. די צארטערע און פיי־נערע בלייבען אומבעמערקט און דעריבער ניט נאכקאפירט. זיי זענען אבער אלע צונויפגעבונדען אין איין סיסטעם פון גלייכגע־וויכט, — א סיסטעם, וואס מוז פעהלען ביי דעם אסימילירטען.

בעת זיין גאנצע אומבעוואוסטע פסיכיק וויל נאכמאכען די בעוועגונג פון א געוויסען מוסקעל, מאכט זי איהם ווירקליך זעהר גוט נאך ביז צו יענער גרעניץ, וואס ליעגט אין דעם אינווענינסטען תוך פון דער בעוועגונג. ביי דעם אמת'ען אמעריקאנער ווערט אבער די גרעניץ קיינמאל ניט דערגרייכט, ווייל די בעוועגונג ווערט בא־לאנסירט דורך דאס שפיעל פון אנדערע מוסקעלן, וועלכע די אומ־בעוואוסטע נאכמאכונג קאן גאר ניט בעמערקען.

אט פאר וואס עס איז צ. ב. זעהר שווער ארויסצורעדען איי־ניגע ענגלישע ווערטער אקוראט אזוי, ווי דער אמעריקאנער רעדט זיי ארויס. מען וועט אדער אריבערכאפען אדער ניט דערכאפען די מאס.

און דאס, וואס איז אמת בנוגע צו דער שפראך און דעם גע־זיכטס־אויסדרוק, איז אין נאך א גרעסערן גראד אמת פאר דאס גאנצע אויסזעהן פון דער נשמה. דארטען איז נאך שווערער אומ־בעוואוסט אריינצודרינגען אין דעם הארמאנישען גלייכגעוויכטס־סיסטעם פון דעם אמעריקאנער כאראקטער.

דער אסימילירטער מוז ווירקען קאמיש, ווייל קאמיש איז אלץ, וואס וויל נאכמאכען און — קאן ניט.

וויל מען דעריבער האבען גאנצע מענשען, פולע מענשען, שעהנע מענשען — דארף מען זיי לאזען זיך נאטירליך אויסקריסטאליזירען אין זייער אייגענער נאציאנאל־קולטורעלער אטמאספערע, וואו זיי זאלען קאנען אריינגעהמען אין זיך זייערע אייגענע אינטימע קול־טור־עלעמענטען, די טויזענטער ניואנסען און שטימונגען פון זייער פאלקס־נשמה, וואס בעשטימען די נאציאנאלע פארב און אייגענ־טימליכקייט פון דער אלגעמיין מענשליכער קולטור.

און נאך א סך ערנסטע מאמענטען קאנען פיהרען דערצו, אז דער הערשענדער גייסט אין אמעריקא זאל זיך אבזאגען פון דער „מעלטינג־פאט"־מאניע, וואס הערשט נאך איצטער כמעט אומעטום. מיר האבען אין דער ערשטער פארלעזונג געזעהן, אז א גרויסער

טייל פון דער „מעלטינג־פּאָט־טענדענץ“ שטאַמט פון דעם פאַקט, וואָס די איינגעוואַנדערטע מאַסען, וועלכע קומען אַהער, שטעהען אויף זעהר אַ ניעדעריגער מדרגה אין זייער אייגענער נאַציאָנאַלער קולטור. ווי אין אַ לעדיגען צעבער, אַזוי לאָזט זיך אויך אין זייער נשמה לייכט אַריינגיסען די אויסערליכע אַמעריקאַניזאַציע. אָבער — מוז דען אָט דער קולטורעלער מעמד פון דער אימיגראַציע אויף איביג בלייבען אויף אַזאַ ניעדעריגער מדרגה? ניט נאָר ער מוז ניט, נאָר ער הויבט שוין איצטער אָן זיך אין גאַנצען צו בייטען.

דער פּראָצענט פון מעהר אָדער ווייניגער אינטעליגענטע אימיגראַנטען, דערהויפּט פון די ציוויליזירטע לענדער, שטייגט בדרך כלל פון יאָהר צו יאָהר. און דאָס איז קיין חדוש ניט. אין די לעצטע יאָהרען האָבען די געבילדעטערע פעלקער זעהר פיעל אויפגעטהאָן פאַר דער פאָלקס־ערציהונג אין זייערע היימען. אויך די אַזוי אָנגערופענע „ניעדעריגסטע“ שיכטען פון דער בעפעלקערונג זענען שוין ניט קיין לעדיגע געפעסען. זייער נשמה האָט בעקומען אָן אינהאַלט. די קולטור־ווערטהען פון זייער פאָלק, וואָס זענען אַ לאַנגע צייט געווען אָנגעזאַמעלט ביי די פערמעגליכערע קלאַסען, הויבען אָן, אַ דאַנק דער פאָלקס־שול, דער פאָלקס־פּרעסע, די פאָלקס־ביבליאָטהעקען און עפענטליכע פאָרלעזונגען, אַריינצודרינגען אין די מוחות פון כמעט אַלע איינוואוינער פון דעם לאַנד. דעם דייטשען פויער און דעם אַרבייטער איז שוין ניט מעהר פרעמד זיין שילער און געטהע; דעם פּוילישען — זיין מיצקעוויטש און קראַסינסקי; אפילו דער רוסישער פויער איז, אַ דאַנק דער רעוואָליוציאָנערער אויפרעגונג פון די לעצטע יאָהרען, אַ ביסעל אויפגעוואַכט געוואָרען פון זיין קולטורעלען שלאָף, און אויך אויף איהם טאָר מען שוין ניט קוקען, ווי אויף אָן אַבסאָלוט לעדיגען צעבער, אין וועלכען מען קאָן גיסען, וואָס מען וויל. וואָס העכער אָבער אַ פאָלק שטעהט אין זיין אייגענער קולטור, אַלץ שטאַרקער איז ביי איהם זיין ליעבע און איבערגעבענהייט צו איהר. די נייע פאַרשטעלונגס־וועלט, מיט וועלכער זיין נשמה איז שוין אָנגעפילט, די נאַציאָנאַלע בילדער און שטימונגען, וואָס לעבען אין איהר, ווערען אין דער ערשטער צייט נאָך אונטערדריקט און פערטויבט דורך דעם ליאַרעם פון דעם אַמעריקאַנער לעבען. אָבער אין זיי ליעגט שוין פערבאָרגען אַ געהיימע

טענדענץ זיך ארויסצורייסען און פריי זיך אויסצולעבען, און ביי א פאסענדער געלעגענהייט קאנען זיי זיך באמת ארויסרייסען אין דער פריי און אנהויבען קעמפפען פאר א זעלבסטשטענדיגע ענטוויקעלונג.

האנד אין האנד מיט דעם אויפגעהויבענעם קולטור־מעמד פון דער אימיגראציע געהט אויך אן אנוואקסען פון דער צאהל שוין גאר געבילדעטע און פראפעסיאנעלע, וואס זי פיהרט מיט זיך. דאס איז זעהר א וויכטיגער מאמענט. דער פראפעסיאנעל־געבילדעטער האט ביז אהער געזוכט אויסצומיידען די פרייוויליגע עמיגראציע קיין אמעריקא ניט נאר דערפאר, ווייל ער האט געהאט מעהר שאנסען, איידער די ברייטע מאסע, איינצואָרדנען זיך אין דער היים, נאר אויך דערפאר, וואס ער האט ניט געקאנט האפען אויף אן אייגענער קליענטעל אין אמעריקא. די פערגרעסערטע צאהל פון געבילדעטע און פראפעסיאנעלע אין דעם איינוואנדערונגס־שטראם דערוויזט, אז עס איז שוין דא בעשאפען געווארען א מארק פאר זייער אינטעליגענטער ארבייט אין דער שפראך און אין דער קולטור־פארם פון זייער אייגענעם פאלק, ביי די איינגעוואנדערטע קינדער פון זייער אייגענעם לאנד. מיט יעדען צוגאס פון נייע אינטעלעקטועלע כחות מוז אבער דער פאלקס־קולטור צו־קומען נייע קראפט אין איהר אומבעוואוסטען קאמפף פאר עקזיסטענץ און ענטוויקעלונג אין אמעריקא.

און א חוץ דעם וואנדערן איצטער אריין אזעלכע עלעמענטען, סיי פון „פאלק", סיי פון די געבילדעטע, וואס ברענגען מיט זיך שוין א בעוואוסטען בעשלוס צו ארבייטען פאר דעם אויפבליהען פון דעם אייגענעם קולטורעלען לעבען אין דער פרייער מדינה. דאס זענען די עמיגראנטען פון יענע פעלקער, וואס מוזען, — ווי די פוילען אין רוסלאנד און פרייסען, ווי די פינלענדער אין רוסלאנד, ווי די וועלשען אין ענגלאנד, — אויך אין דער היים פיהרען א הארטען פאליטישען אדער געזעלשאפטליכען קאמפף פאר דער אויפהאלטונג פון זייער נאציאנאלען „איך". דעם זעלביגען קאמפף, — דאס רוב א שטילען, ריין געזעלשאפטליכען, — נעהמען זיי אויף אויך אין די פעראייניגטע שטאאטען. עס קאן זיי ניט אבהאלטען דער אומשטאנד, וואס זיי וואוינען ניט אין זייער לאנד און זענען

אזוי ווייט פערוואָרפען אין דער פרעמד. אין דער איצטיגער צייט פון דאמפף און עלעקטריציטעט איז דער מהלך פון לאנד צו לאנד כמעט ווי אין גאנצען „פערדאמפט“ געוואָרען. עס נעהמט איצטער א סך ווענינער צייט צו פאָהרען פון ווילנא קיין ניו־יאָרק, איידער עס האָט גענומען מיט יאָהרען און יאָהרען צוריק צו שלעפען זיך מיט'ן בעל־עגלה פון אַדעס קיין ווילנא. עס איז דריבער אין דעם פונקט פון מהלך א סך לייכטער צו בעשאפען א בעוואוסטע קולטורעלע פעראייניגונג צווישען די קינדער פון א פאָלק, וואָס זענען צוזעעט איבער פערשיידענע לענדער, איידער דאָס וואָלט מיט א הונדערט יאָהר צוריק מעגליך געווען אין די גרעניצען פון דער איינענער היים. דער פויל פון ווארשא און דער פויל פון שיקאגאָ, וואָס פיהרען איצטער ביידע זייער קאמפף פאר דער פאָלקס־שפראך אין דער עפענטליכער ערציהונג, — און דער שיקאגאָ'ער פויל, לאָזט מיך אייך זאָגען, מיט ניט קיין קלענערען ערפאָלג, איידער דער ווארשאווער, — שטעהען אויך איצטער א סך נעהנטער איינער צו דעם אנדערען, סיי גייסטיג, סיי טעררימאָריעל, איידער דער פויל פון ווארשא און זיין שטאם־ברודער פון וולאדיוואָסטאָק.

לאָז נאָר די משוגעת פון דעם „מעלטינג־פאָט“ א ביסעל אָבגעשוואכט ווערען אין דעם עפענטליכען בעוואוסטזיין, און די איינצעלנע פעלקער, וואָס פיהרען איצטער אין אמעריקא זייער קאמפף פאר פרייע ענטוויקעלונג אָבגעזונדערט איינער פון דעם אנדערן, וועלען זיך פעראייניגען אין איינעם און ארויסרוקען פאר דער געבילדעטער געזעלשאפט דעם נ י י ע ם אידעאל פון דער אמעריקאנער דעמאָקראטיע, דעם אידעאל פון „פעראייניגטע פ ע ל ק ע ר אין די פעראייניגטע שטאאטען“.

און ניט נאָר קיין קליינעם טייל אין דעם קאמפף פאר דעם דאָזיגען אידעאל און פאר זיין פערשפרייטונג וועט מוזען שפיעלען די סאָציאליסטישע בעוועגונג, וואָס הויבט ערשט איצטער אָן אריינצונעהן אין איהרע עכטע פעדערן.

דער סאָציאליזם איז קיין מאָל ניט געווען קאָסמאָפאָליטיש, נאָר אינטער־נאציאָנאל. דער אינטערנאציאָנאליזם, וואָס איז דער טייטשט „צ ו ו י ש ע ן ־ פ ע ל ק ע ר ל י כ ק י י ט“, פעלקער־פערברידערונג, מיט גלייכע נאציאָנאלע, סאָציאלע און קולטורעלע

רעכט פאר אלע נאציאנען, וועלכע געהען אריין אין דעם פעלקער־בונד, איז אלע מאל געווען די אינוועניגסטע נשמה פון דער סאציאליסטישער בעוועגונג. איך האב ניט איין מאל געהאט די געלעגענהייט דאס צו בעווייזען אין מיינע שריפטען און פארלעזונגען, *) סיי דורך דעם אנאליז פון איהר אינוועניגסטען תוך, סיי מיט היסטארישע דאקומענטען אין דער האנד. דער ריכטיגער אויסטייטש פון אינטערנאציאנאליזם, וואס קעמפפט סיי אנטקעגען דעם רעאקציאנערען נאציאנאלען עגאאיזם, סיי אנטקעגען דעם זייסטען, איבערפלעכליכען קאסמאפאליטיזם, ווערט אבער צו געוויסע צייטען און ביי געוויסע סאציאליסטישע פארטייען אין גאנצען פערטונקעלט. אין א לאנד, וואס בעשטעהט נאר פון איין בעוואוסטזיניגען פאלק, ווי צ. ב. אין פראנקרייך, קעמפפט די סאציאליסטישע פארטיי נאר אנטקעגען דעם שאוויניזם און די מיליטאריסטישע תאוות פון די הערשענדע קלאסען, און דער סאציאליזם האט דארטען געקלונגען (א מאל, ניט איצטער!), ווי ריינער קאסמאפאליטיזם. ביי די גאר אונטערדריקטע און דערשלאגענע פעלקער ווידער, וואס האבען ניט געהאט די העזה א טראכט צו טהאן וועגען אן אייגענעם קולטורעלען לעבען, האט דער נאציאנאלער מאמענט פון דעם אינטערנאציאנאליזם אויך א מאל געמוזט זיין (א מאל, ניט איצטער!) אין גאנצען פער'חלש'ט. אבער דאס זענען געוועזען איינצעלנע אויסנאהמען, וואס זענען אין איראפא, צ. ב., שוין אומעטום אין גאנצען פערשוואונדען. קלאר און דייטליך זאגט איצטער דער סאציאליזם ביי יעדער געלעגענהייט ארויס, אז זיין אידעאל איז ניט די פערשווינדונג פון פעלקער, נאר זייער פערברידערונג, זייער סאלידאריטעט און גענענזייטיגע הילף אין אלעמענס פרייער און זעלבסטשטענדיגער ענטוויקלונג.

אין אמעריקא איז אבער דער סאציאליזם א לאנגע צייט געווען ריין קאסמאפאליטיש מחמת גאר אן אנדער טעם. ער איז א לאנגע

*) פערגלייך צ. ב. מיין ארבייט: „די נאציאנאליטעטען־פראגע און דער סאציאליזם" פון דעם יאהר 1896 און מיין בעריכט וועגען דעם שטוטגארטער אינטערנאציאנאלען צוזאמענפאהר אין דעם צווייטען באנד „סערפ" פון דעם יאהר 1908.

ציַיט נאָר ניט געווען קיין אַמעריקאַנער. אַסימילירטע און האַלב־אַסימילירטע דייטשען און אידען, ביי וועמען דער אייגענער נאַציאָנאַלער בעוואוסטזיין איז געווען פערהויקערט און אפשר אין גאַנצען פערדאַרט, האָבען גערעדט אין דעם נאָמען פון דעם אַמעריקאַנער סאָציאַליזם. ווי וואָלטען זיי, די אַסימילירטע, געקאָנט נעהמען אויף זיך די העזה צו רעדען אין דעם נאָמען פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק, אויב זיי וואָלטען ניט געלעבט אין דער לאָגיש־אוּנמעגליכער איללוזיע, אז פעלקער זיינען לענדער, און אז זיי, די קינדער פון דעם אַמעריקאַנער לאַנד, זיינען דורך דעם גופא רעפרע־זענטאַנטען פון דעם אַמעריקאַנער פאָלק! צו קיינעמ'ס פּסיכישער לאַגע האָט אזוי ניט געפּאַסט די אידעאָלאָגיע פון דעם „מעלטינג־פּאָט", ווי צו דער לאַגע פון די אַסימילירטע סאָציאַליסטען, און זיי זענען געוואָרען איהרע הייסעסטע חסידים און פאַנאַטישסטע אַנהענגער ביז אויף דעם היינטיגען טאָג. זיי פּרעדיגען נאָך עד היום די אַסימיליאַציע, וואָס איז אַ פלאַמענדיגער פּאַטש אין פּנים צו אַלע גרונד־פּרינציפּען און געשיכטליכע אַרויסטרעטונגען פון דעם סאָציאַליזם.

אָבער די סאָציאַליסטישע בעוועגונג אין אַמעריקאַ בעפרייט זיך איצטער, מיט יעדען טאָג אַלץ מעהר, פון דעם אַמאָליגען פרעמ־דען איינפלוס. ער הויבט אָן ק ו מ ע ן צ ו ז י ך, און מיט דעם גופא אויך צו זיין אינווענינגסטען תוך. שוין איצטער הויבט ער אָן, אין זיין פּראַקטיק און אין זיין אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרם, אויב ניט אין דער קלאָר אויסגעשפּראָכענער טעאָריע, ווערען אינטער־נאַציאָנאַל, ד. ה. אַנטי־קאָסמאָפּאָליטיש. צו זיין אָרגאַניזאַציע ווערען שוין צוגעלאָזען איינצעלנע פעלקער, ו ו י פ ע ל ק ע ר, מיט אַ געוויסען גראַד אויטאָנאָמיע אין זייער אינווענינגסטער פער־וואַלטונג. זיי פיהרען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדאַ און אַגי־טאַציע אין זייער אייגענער שפּראַך און פערבינדען דעם צוקונפטס־אידעאַל מיט די לעבענס־נויטען פון זייער היינט און מיט זייער גאַנצער היסטאָרישער פערגאַנגענהייט. און אויף אזאַ'ן אופן ווערט שוין איצטער ביי דעם וועב־שטוהל פון דער סאָציאַליסטישער בע־וועגונג געוועבט אַ בילד פון אונגעהויערער פּראַכט, ווי פערשיידענע פעלקער אַרבייטען סאָלדאַריש צוליעב איין־איינציגען אַלגעמיין־

מענשליכען אידעאל, אבער יעדעם פאלק אויף **זיין שטייגער**, לויט זיין אייגענעם כאראקטער און לויט דער אייגענער פאלקס־נשמה. און וואס מעהר דער אמעריקאנער סאציאליזם וועט ארייג־דרינגען אין די מאסען פון די אמעריקאנער פעלקער, אלץ קלארער וועט ארויסטרעטען יענער בילד, אלץ פעסטער וועלען ווערען די באנדען פון אינטערנאציאנאלער סאלידאריטעט צווישען די פעל־קער און אלץ שטארקער און רייכער די אייגענטימליכע, אריגינעלע ענטוויקעלונג פון יעדען פאלק.

עס איז נאך שווער צו זעהן פאראויס, ווען די סאציאליסטישע בעוועגונג וועט אנהויבען שפיעלען א וויכטיגע ראליע אין דעם פא־ליטישען לעבען פון דעם לאנד, ווען וועט זי קאנען ארויפצווינגען שוין אויף דער איצטיגער געזעלשאפט יענע רעפארמען, וואס לאזען זיך דורכפיהרען אין די גרעניצען פון דעם סאציאלען היינט. אבער די אינטערנאציאנאליזירענדע מאכט פון דעם סאציאליזם, וואס בעהט להיפך צו דעם שאוויניסטישען אדער קאסמאפאליטישען „מעלטינג־פאט", קאן אנהויבען צו ווירקען אויף דעם עפענטליכען בעוואוסטזיין, נאך איידער די פארטיי וועט ווערען א רעאלע פא־ליטישע מאכט.

שוין איצטער לאזען די בירגערליך־פראגרעסיווע עלעמענטען פון לאנד ניט אראב זייער אויג פון דעם אמעריקאנער סאציאליזם, און זעהען אריבערצונעהמען פון דארטען אלץ אין זייער פראגראם, וואס קאן זיך פעראייניגען מיט די הערשענדע גרונדלאגען פון דער אמעריקאנער דעמאקראטיע. די קאנקורענץ מיט דעם סאציאליזם וועט זיי צווינגען אריבערצונעהמען פון איהם אויך יענעם פרינציפ פון פעלקערליכער זעלבסטשטענדיגקייט, פרייהייט, גלייכהייט און ברידערליכקייט, וועלכען דער אינטערנאציאנאליזם פיהרט דורך אין די גרעניצען פון דעם אייגענעם לאנד אין די אינטערעסען פון דער איינהייטליכער פאליטישער נאציע. די אינוועניגסטע ארגא־ניזאציאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי וועט יעמאלט ווערען א מוסטער פאר יענער ארגאניזאציאן פון א נייער זעלבסט־פער־וואלטונג פון פעראייניגטע פעלקער, וואס זאל אויפהויבען אויף א נייער, העכערער שטופע די זעלבסט־פערוואלטונג פון די פער־אייניגטע שטאאטען.

איך וואָלט געקאָנט אָנפיהרען נאָך א סך אַנדערע מאָטיווען, וועלכע קאָנען אונז מאַכען גלויבען, אז דער פאַנאַטישער ברען, מיט וועלכען א גרויסער טייל פון די אמעריקאַנער וויל דוקא אויסקאָכען א נייעם עטנאָלאָגישען צימעס פון אַלע פעלקער, וואָס געפינען זיך אין לאַנד, איז אפשר ניט מעהר ווי א קורץ־וויילינער געשיכטליכער עפּיזאָד. דער עפּיזאָד קאָן אָבטרעטען זיין פלאַץ צו א נייעם פּעריאָד אין דער ענטוויקעלונג פון דער אמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, ווען איהר לאָזונג וועט זיין ניט דער „מעלטינג פּאָט", ניט יענער געפעהרליכער און צווייפעלהאַפטער עקספּערימענט, וואָס פיהרט אין דער ווירקליכקייט נאָר צו א קאָלטען פון קריעך־פלאַנצען פאַר אַלע פעלקער, צו א פאַבריק פון „וואָורשטלעך" אין דער ערציהונג, צו שטייפע, אָבגעצירקעלטע, אָהן טעם־און אָהן־דריה'דיגע „אמעריקאַנער" פון די „אַסימילירטע", אָדער — וואָס עס איז נאָך עקעלהאַפטער — צו די האַלב־קאָמישע עקזיסטענצען פון די בלומרשט שוין אין גאַנצען „אמעריקאַניזירטע". אָנשטאָט דעם „מעלטינג־פּאָט"־אידעאַל קאָן אויפגעהן די זון פון א נייעם געזעלשאַפטליכען ציעל: די ברידערליכע פעראייניגונג פון אַלע פעלקער.

איך גלויב אָבער, אז שוין דאָס, וואָס איך האָב אָנגעפיהרט אין מיין היינטיגער פאָרלעזונג, איז גענוג אויף איינצוזעהן, אז אַזעלכע בעוואוסטע נייע טענדענצען אין דעם אמעריקאַנער לעבען ליעגען ניט אין דער ממשלה פון דער אונמעגליכקייט. ניט נאָר קאָנען זיי אַרויסטרעטען אין לעבען, נאָר איך האָב גענוג טעמים צו גלויבען, אז ביי א וויכטיגען טייל, ווען אפילו נאָך ניט גרויסען, פון דער „אמת־אמעריקאַנישער" אינטעליגענץ איז שוין איצטער אָנגעוואַקסען א בעוואוסטער פּראָטעסט אנטקעגען דעם „מעלטינג־פּאָט" און א קלאָרער ענטשלוס צו בעקעמפפען איהם אין לעבען. פון מיינע פערזענליכע ערפאַהרונגען אין דעם ענין וויל איך אייך נאָר מיטטיילען, אז ניט קיין קלענערע פּערזאָן, ווי מיסס עללאַ יאַנג, — די נאָבעלע אַלטע פרוי, וואָס שטעהט איצטער אויף דער שפּיץ פון דער פאָלקס־ערציהונג אין דער מיליאָנען־שטאָדט שיקאַגאָ, וואָס איהר פערוואַלטונג האָבען מיר צו פערדאַנקען דעם אונטערדיכט פון דער פוילישער שפּראַך אין די פאָלקס־שולען, וואו עס לערנען זיך פוילישע קינדער, — אז אַזאַ פעראַנטוואָרטליכע פּערזאָן,

ווי זי, איז אין אַן אינטערוויו מיט מיר גלייך פון אָנהויב אָן אַרויסגעטראָטען מיט דער פּאָזיטיווער, קלאָרער און שאַרפער דערקלערונג: „אַי עם אָפּפּאָזד טו דהי מעלטינג־פּאָט". „איך בין געגען דעם שמעלץ־טאָפּ. און אַזוי זעהען מיר, אַז די „מעלטינג־פּאָט"־טענדענץ איז שוין איצטער ניט די איינציגע אין דעם לאַנד און אַז אַנטקעגען איהר קאָן אַרויסטרעטען אַ קראַפט, וואָס זאָל זי וועלען אין גאַנצען פערשלינגען.

וועלכע פון די צוויי טענדענצען וועט סוף־כל־סוף זיגען? די פון דעם מעלטינג־פּאָט אָדער די פון די „פעראייניגטע פעלקער"?

דאָס ווייס איך ניט; דאָס קאָן קיין מענש ניט וויסען. דערפאַר ווייס איך אָבער איינס אויף זיכער און אַזוי קלאָר, ווי דער ליכטיגער טאָג. איך ווייס, וועלכע טענדענץ זאָל זיגען, ווער פון זיי זאָל צוציהען אונזער גאַנצע סימפּאַטיע און די גאַנצע הילף, וואָס מיר קאָנען איהר ברענגען. שוין אין דעם אַנאַליז פון דער ווירקליכקייט, וואָס איך האָב פאָרגעפיהרט פאַר אייך, וועלכען איך האָב מיך געמיהט צו מאַכען אַזוי אָביעקטיוו, ווי נאַר מעגליך, האָב איך, זינדיגער מענש, ניט געקאָנט פערבאָרגען מיינע סוביעקטיווע סימפּאַטיען און אַנטיפּאַטיען און פון דעם גאַנצען טאָן פון מיינע פאָרלעזונגען האָט גאַנץ קלאָר אַרויסגעקלונגען מיין אייביגער ביטערער האַס צו דעם פעלקער־קאַניבאַליזם, וואו איין פאָלק וויל איינשלינגען, „אַסימילירען" אַן אַנדער פאָלק, ווי אַ וואָלף שלינגט איין און „אַסימילירט" אַ שעפּס.

איך וואָלט אייך געקאָנט פאַנאַנדערוויקלען אַ גאַנצע צייל פון מאָטיווען, פאַר וואָס דער דאָזיגער פעלקער־קאַניבאַליזם דאַרף אונז זיין אַזוי פערהאַסט, אָבער דאָס וואָלט מיך שוין אַרויסגעפיהרט פון די ענגערע גרעניצען פון מיין היינטיגען טהעמאַ. לאָזט מיך נאַר זאָגען, אַז איך האַס איהם ניט נאַר דערפאַר, וואָס די אינטערעסען פון מיין אייגענעם פאָלק שטעהען דאָ אין קאָן. מיין שנאה צו איהם שטאַמט צו אַ גרויסען טייל פון מיין טיעף־טיעפסטער איבערגעבענקייט צו יענעם אידישען אידעאַל פון פעלקער־פערברידערונג צו איין סאָלידאַרישער מענשהייט, דעם אידעאַל פון דעם אייביגען פעלקער־פריעדען, וואָס האָט זיך צום ערשטען מאָל אַרויסגעריסען פון דער ברוסט פון אונזערע נביאים

און האָט זיך פאַנאַנדערגעטראָגען איבער דער גאַנצער וועלט, צו־ציהענדיג צו זיך אומעטום די הערצער פון די אײדעלסטע און בעס־טע. „וגר זאב עם כבש", אַ וואָלף וועט לעבען אין פריעדען מיט אַ שעפּס: עס וועט אָבגעשאַפט ווערען דער קאַניבאַליזם פון פעל־קער־פרעסעריי. „ולא ילמדו עוד מלחמה!" און ניט מעהר וועט אַ פאָלק לערנען זיך, ווי צו פיהרען מלחמה אַנטקעגען אַן אַנדער פאָלק!

אַט פאַר דעם פעלקער־פריעדען אויף דער גאַנצער וועלט וואָלט די פערווירקליכונג פון דעם פ ע ל ק ע ר ־ פערבאַנד אין די פער־אייניגטע שטאַאַטען געווען פון אונגעהויערער וויכטיגקייט.

אויב אין אַמעריקאַ, אין דעם לאַנד פון „אונבעגרעניצטע מעג־ליכקייטען", — וואָס ווילען איצטער לײדער אזוי זעלטען זיך פער־וואַנדלען אין „ווירקליכקייטען", — וואָלט לכל הפּחות מקוים געוואָרען דער אידעאַל פון די פעראייניגטע פעלקער, וואָלט דאָס לאַנד געוואָרען אַ „נס לגוים", אַ צייכען פאַר אַלע פעלקער, ווי אזוי זיי זאָלען לעבען צווישען זיך.

די געשיכטע האָט געמאַכט פון די פעראייניגטע שטאַאַטען אַ מיקראָקאָזם פון אַ מענשהייט. שוין איצטער וואוינען אין איהר די פערטרעטער פון אַלע ציוויליזירטע און האַלב־ציוויליזירטע פעל־קער פון דער ערד. אַלע שפּראַכען און קולטורען האָבען זיך צונויפ־געקליעבען אין איהר, ווי עקסטראַ צוליעב דעם, כדי צו בעווייזען, ווי עס קאָן אונטער די שטראַהלען פון פרייהייט, גלייכהייט און צווישען־פעלקערליכע סאָלידאַריטעט זיך פאַנאַנדערבליהען דער גאָרטען פון דער מענשליכער ציוויליזאַציאָן, וואו יעדער בוים וועט האָבען גענוג לופט און זונען־שיין פאַר זיך, גענוג רוים פאַנאַנדער־צוואַוואָרפען זיך און ארויסצוברענגען זיין אייגענע פרוכט.

אַזאַ פ ר י ע ד ל י כ ע פעראייניגונג פון אַלע קולטורען פון דער וועלט מוז אַרויסרופען אַ שטאַרקע געגענזייטיגע ווירקונג פון איינער אויף דער אַנדערער, מוז פיהרען דערצו, אַז איינע זאָל בערייכערן די אַנדערע און פערדאָפּלען זייער אַלעמענס קראַפט. די געגענזייטיגע ווירקונג און בערייכערונג קאָן אָבער ניט בלייבען אָבגעשלאָסען אין די גרעניצען פון אַמעריקאַ. די איינצעלנע פאָלקס־קולטורען וועלען זיין ווי גייסטיגע קאַנאַלען, מיט וועלכער

די שטאאטען ווערען צונויפגעבונדען מיט דער גאנצער מענשהייט. דאס, וואס א פאלקס־קולטור ברענגט ארויס ביי זיך אין דער־היים, גיסט זיך אריין דורך דעם דאזיגען קאנאל אין דאס גייסטיגע לעבען פון די שטאאטען, און דאס, וואס עס ווערט בעשאפען דורך דאס גייסטיגע צונויפווירקען פון די אמעריקאנער פעלקער, וועט אריינדרינגען דורך דיזעלביגע קאנאלען אין דאס לעבען פון די איינצעלנע פעלקער דרויסען.

די ווערטפאלסטע מתנה אבער, וואס אמעריקא וועט צו דער גאנצער מענשהייט שיקען דורך איהרע קאנאלען וועט זיין — דער גלויבען אין דעם פעלקער־פריעדען, ווייל ער וועט ווערען דא אין דעם לאנד א לעבעדיגער פאקט, א מאדעל, וואס וועט לייכטען אין אלעמענס אויגען, — א מאדעל פריהער פאר די פעראייניגטע שטאאטען פון אייראפא און דערנאך פאר די פעראייניגטע לענדער און פעלקער פון דער גאנצער וועלט!

אין דער צייט, וואס איך מאך איצטער פארטיג מיינע פארלעזונגען צום דרוק, זענען די צייטונגען פול מיט שוידערליכע סצענען פון דעם קריעג אין דעם נאהענטען מזרח. אבער פון אלע סצענען האט קיינע ניט געמאכט אויף מיר אזא בעקלעהמענדען איינדרוק, ווי די קליינע נאטיץ, אז צוויי מחנות פון פאסאזשירען, — א טערקישע און א סערבישע, — וואס זענען געפאהרען צו זייערע היימען, זיך מקריב זיין פאר זייערע פעלקער, — האבען געמוזט אויפ'ן שיף איזאלירט ווערען איינע פון די אנדערע, כדי זיי זאלען זיך ניט א ווארף טהאן איינע אויף דער אנדערע אין גרימימיגען האס...

און דאס זענען אמעריקאנער בירגער, מענשען, געלעבט אונטער דער זון פון דער אמעריקאנער פרייהייט! נישיים האבען זיי פון אונזער פרייהייטס־לופט ניט אריינגעזאפט אין זיך, לאז זיין, אזוי פיעל מ ע נ ש ל י כ ע אכטונג צו דעם מענשען, אז ווען אויף זיי ביידען איז אויסגעפאלען דער ביטער־שווערער שיקזאל, אויסצונלייכען די היסטארישע השבונות פון זייערע פעלקער מיט דעם כלי־זין אין די הענד, זאלען זיי לפחות קאנען ווי מ ע נ ש ע ן און ניט ווי ווילדע חיות בענעהן זיך צווישען זיך, איידער דער־

ביטערער גורל וועט זיי אָוועקשטעלען איינעם אַנטקעגען דעם אַנדערן!

זיי האָבען דאָס ניט געקאָנט איינזאַפּען פון דער אַמעריקאַנער לופט, ווייל דער „מעלטינג־פּאָט“, וואָס הערשט איצטער דאָ, איז אַליין נאָך דער אויסדרוק פון קאַניבאַלישע פעלקער־פרעסערישע אַפּעטיטען; ווייל די אַמעריקאַנער פרייהייט לערנט ניט מעהר ווי דעם פריעדען צווישען דעם יחיד און דעם יחיד פון איין פאָלק; זי לערנט אָבער נאָך ניט דעם העכערען פריעדען צווישען פאָלק און פאָלק אין איין פּאָליטישער נאַציע, און דעם נאָך העכערען — צווישען נאַציע און נאַציע אין איין סאָלידארישער מענשהייט.

די פעראייניגטע פעלקער פון די פעראייניגטע שטאַאַטען, אויב דער אידעאַל זאָל מקוים ווערען, וועט זיין ניט נאָר די בעסטע פערענטפערונג פון דעם „פרעמדען־פּראָבלעם“, אויף וועלכען עס ברעכען איצטער די מוחות די אַמעריקאַנער פּאָליטיקער. זי וועט בערופען זיין דורכצופיהרען אַ גרויסע, וועלט־היסטאָרישע מיסיאָן: צו ווערען די פּראַקטישע שול פאַר דעם פעלקער־פריעדען אין דער גאַנצער וועלט.